STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03326

YORN FUN FAYER UN BLUT

Abraham Warsha

Permanent preservation of this book was made possible
by Noah Z. Halpern
in memory of his great-grandparents
Samuel and Minnie Regensberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געצייכנט פון זיין טאכטער דבורה



YORN FUN FAYER UN BLUT

"YEARS OF FIRE AND BLOOD"

גשוידמעט מיין טרייער לעבנס־
באַגלייטערין

חנה

אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן
ברידער און שוועסטער וואָס זיינען
אומגעקומען על קידוש השם.

Copyright by Abraham Warshaw
Copyright by
ABRAHAM WARSHAW
1950

Printed in U. S. A.

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
3138-40 West Roosevelt Road
Chicago 12, Illinois

אַ פאָרוואָרט בתורת הקדמה

ס'איז מיר שווער, מיט אַ וואַקלדיקער האַנט, צו שרייבן דעם פאָר־וואָרט צו מיין בוך דערציילונגען „יאָרן פון פייער און בלוט".

דער התנצלות־געפיל, וואָס שניידט טיף, איז געוויס אַ פועל־יוצא פון אויפטרייסלונג און צערודערונג וואָס דער צייט־גורל האָט גורם געווען. און, ס'וואָלט אפשר געווען בעסער אין גאַנצן שווייגן. זאָלן די דער־ציילונגען אַליין דערציילן.

איך פיל, אָבער, ווען איך וועל ניט זאָגן עטלעכע ווערטער אַלס אַריינ־פיר צום בוך, וועט ביי מיר בלייבן אַ שולד־געפיל, וואָס וועט זיכער שווער זיין צו טראָגן אין די באַשערטע טעג פון מיין זיין דאָ.

די דערציילונגען וואָס קומען אַריין אין בוך זיינען געשריבן גע־וואָרן במשך צוואַנציק יאָר. די בילדער און טיפן זיינען געקומען אָן פּרעטענזיעס. ס'איז פאַר מיר געווען אַ מאָמענטאַלע גוטזאונג, און פאַר־זענלעכע אויסלעבונג, וואָס האָט מיר גלייך קאָמפּענסירט. און איך האָב קיינמאָל ניט גע'חלום'ט פון אַ בוך־זאַמלונג. און די שרייבערשע דער־נער־קרוין האָט מיר קיינמאָל ניט גערייצט און געלאָקט צום קעניגרייך פון יידישן וואָרט אין אַמעריקע.

צוויי מאָמענטן האָט צייט געשאַפן וואָס מאָנען אַ תיקון און רופן ביי מיר אַרויס אַ שטאַרקע התחייבות: אויסצופאָלגן דעם וואונטש פון פריינט און דעם רוף פון די אויף אַש פאַרברענטע הייליקע תמימות־ליכטיקע טיפן, וועלכע איך האָב אין משך פון יאָרן געמאָלן.

דער ערשטער מאָמענט וואָס קען באַצייכנט ווערן, ווי אַ פאָזיטיווער, איז די צאָל פריינט וואָס האָבן רייף געמאַכט דעם געדאַנק פאַר אַ בוך, און האָבן מיט אינטענסיווער איבערגעגעבנקייט געלייגט דעם יסוד פאַרן פּראָיעקט. זיי האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פונעם בוך; אָן זיי וואָלט די זאַך קיינמאָל ניט רעאַליזירט געוואָרן.

אַנערקענדיק דעם פאַקט, וויל איך דאַנקען די איניציאַטאָרן, אַרכי־

טעקטאָרן און מיטבויער, וועמען איך נעם אריין אין גלייכער שותפות צו אַלעס וואָס דאָס בוך וועט ברענגען.

צולעצט וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק צו די חברים פון דוד פינסקי צווייג א.נ.א.פ., אַנטיפּאַליער לאַנדסלייט און פּערזענליכע פריינט פאַר זייער קאָאָפּעראַציע אין אַרויסגעבן דאָס בוך. אויך די פריינט פון ניו־יאָרק פאַר זייער וואַרימען אָפּרוף.

איך דאַנק אויך די צאָל קאָלעגן, וועלכע האָבן מיר דערמוטיקט, באַזונדערס א. רייזין און דר. א. מוקדוני; דעם טייערן ליבן שריפט־שטעלער נ. קראַוויץ, אַרויסגעבער פון „אידישן וועג", וואָס האָט מיר דערמונטערט מיט וואָרט, טאַט און ראַט. ווי אויך אַלע ביישטייערער, וואָס האָבן געלייגט דעם פינאַנציעלן פונדאַמענט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

א. וואַרשאַ.

שיקאַגאָ, יולי, 1950.

טויבן

מ—ר——ו—ו מרואו! האָב איך דערהערט אין דער פריער שעה פון אַ ליכטיקן פרימאָרגן, דעם אַלט־באַקאַנטן ניגון פון אַ פאַרליבטע פאָר טויבן.

דער קלאַנג און דער ליבער פרילינג זון־אויפגאַנג האָבן מיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צוריק צו מיין פריער יוגנט, וואו אַ פאָר ברוין גאָלדענע טויבן האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד און — צרות; מיר — מיט מיין גאַנצער משפחה; טאַטע־מאַמע, און די צוויי עלטערע שוועסטער, פון וועל־כע איינע האָט געשפּילט די הויפּט ראָליע. זי יהודית איז געווען זייער באַ־זאָרגט וועגן מיר און געוואָלט — מיט אַלע מעגלעכע מיטלען מיך מאַכן פאַר אַ מענטשן . . .

געווען בין איך דאַן אַרום 12 יאָר אַלט. די גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעטונקט אין קאָלירייכע בונטעס טויבן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פליענדיקע הימלישע בלומען. אונדזער הינטער־געסל איז נישט אָפּגעשטאַ־נען פון אַקאָרד, אויף שכנישע דעכער האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט לעבן, מיט געזאַנג, מיט ליבעס, מיט פלווירט — צווישן פרעמדע פאָרן. איך פלעג שטיין פאַרגאַפט פון ווייטנס, און מקנא זיין די קינדער וועמענס טאַטעס ניט נאָר שטערן זיי ניט צו האָבן אַזויפיל עולם־הזה — נאָר זיי אַליין זיינען זיך אויך מתעסק מיט טייבעלאַך...

ס׳קען זייער זיין, אַז איך וואָלט אַזוי אין בענקעניש און קנאה דורכ־געשטופּט מיינע קינדער יאָרן, ווען ניט דער שטילער יתום, יאַנקעל, וועל־כער האָט זיך געלערנט ביי זיין פעטער פאַר אַ קאַמאַשן שטעפּער; געגעסן ביי אונז אַ טאָג, און מיר דערקלערט און איינגערעדט — אַז איך קען ווערן מיט „לייטן גלייך״, מיט אייגענע טויבן, מיט אַן אייגענעם טויבן־שלאַק,

טאַקע אויפן בוידעם פון אונדזער גרויסן שייער. ווער נאָך קען האָבן אַזאַ רחבות ווי איך?!

געווען איז עס צווישן פורים און פסח. יאַנקעל האָט געוואוסט וויפל געלט איך האָב פאַרדינט פון שלח מנות טראָגן. וויפל איך קען פאַרלייקע־נען אין הויז מיינע פאַרדינסטן; — כדי צו האָבן געלט פאַר די ערשטע פאַר טויבן, דערנאָך וועלן זיי זיך פלאַדיען און פלאַדיען, און אַריינבאַרן, און כאַפּן פרעמדע — ביז — איך וועל האָבן אַזויפיל טויבן — ווי וואַ־לאַדיאַ דעם שרייבערס . . . .

ווער קעןביישטיין אַזאַ נסיון — ווען דער יצר־הרע שלעפּט דיך פאַרן האַנט, און דו אַליין ווילסט אויך?

מיין חבר, פריינט, און בעל יועץ, האָט מיר איינגעהאַנדלט אַ מציאה, אַ פּאָר טויבן, אמת'ע צאַצקעס, און נישט גלאַט פּראָסטע טויבן, נאָר טשו־באַטע, און ווערפלעס דערצו. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען אונדז שטאַרק אָפּגענאַרט, ניט זיי זיינען געווען ווערפליעס, און ניט קיין „פּאָר" נאָר צוויי „ערן" . . .

איצט אַז איך האָב שוין גע'פּטר'ט מיין פאַרמעג, און איך האָב שוין מיין אוצר, וואו טוט מען עס אַהין? וואָס וועל איך טאָן אַז מיין טאַטע וועט זיך דערוויסן?

מיין באמת איבערגעגעבענער חבר האָט אַלעס פאַר מיר אויסגעפּלאַ־נירט. די ערשטע זאָך האָט ער אָפּגעשניטן די גרויסע פעדערן פון די פליגלען, אַז זיי זאָלן ניט קענען אָוועקפליען. און צווייטנס, האָט ער גע־מאַכט אַ קעסטעלע מיט גראַטעלאַך, און עס אויפגעהאַנגען אין סאַמע שפּיץ פון שייער־בוידעם, און געבעטן גאָט זיי זאָלן ניט מרוקן ווען דער טאַטע וועט קומען אויף שבת אַהיים.

עס איז נישט נויטיק צו האָבן אַ געוואַלדיקן כח הדמיון — פאַרצו־שטעלן זיך מיט וואָס פאַר אַ התמדה איך בין געזעסן אין חדר, און מורא געהאַט פאַר אַ „בייז" אויג אויף מיינע טייבעלעך — דאָרט אין שייער אין סאַמע שפּיץ בוידעם . . .

עס איז אַריבער אַ וואָך, און צוויי, אין טומלדיקן ערב יום טוב. דער טאַטע איז אין דער היים ניט געווען. די מאַמע פאַר וועמען איך האָב זיך קנאַפּ־וואָס געשראָקן, איז געווען פאַרנומען מיטן אַריינברענגען דעם היי־ליקן יום טוב, און די שוועסטער, די נייטאַרינס, זיינען געווען פאַרנומען מיט אַרבעט איבערן קאָפּ, גאַנצע נעכט געזעסן, און ניט געזען די ליכטיקע וועלט וואָס ווערט ווידער געבוירן אין נאַטורס דערוואַכונג.

דערווייל האָט מען פריי געלאָזן די חדרים, אַ גאַנצע וואָך פאַר פסח. איך בין געווען ביי זיך זיכער און פול מיט גרויסע דערוואַרטונגען פון דעם

גוואַלדיקן דערפאָלג, און געוואַרט צו דערלעבן אַ דור פון דער שיינער פּאָר. מיין חבר האָט מיר פאַרזיכערט אַז דאָס זענען אַן „ער און אַ זי".

אָבער די פרייד און ביסל נחת האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, די ערשטע צו ענדעקן די גע׳גנב׳עטע סחורה, איז געווען — מיין שוועסטער יהודית, „די וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַכטונג צו געבן, אַז אַלעס זאָל גיין מיטן דרך הישר". איבערהויפּט איך זאָל זיין אַ מענטש . . .

געווען איז דער ערשטער טאָג פּסח. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פריש געוואַשענע זון, געוואַרעמט יום־טוב׳דיק און געבענטשט דעם גאַנצן יו־ניווערז. איך בין געגאַנגען מיטן טאַטן פון שול, ווי אַ עכטער סטאַטיק. איך האָב בגנבה געכאַפּט אַ קוק אויף לייטישע „האַלובניקעס", מיט וואָס פּאָר אינטעסיוויטעט מען קלאַפּט מיט די פליגלען, מען ווייזט אַקראָבאַ־טישע קונצן, מען שלעפּט שטרוי פאַר נייע נעסטן. איך הער יונג־געבאָרענע טייבעלאַך פּישטשען ווייך בעטענדיק, און מיינע?

אַריינקומענדיק אין דער יום־טוב׳דיק אויסגעפּוצטער שטוב, האָב איך גלייך דערזען נאָך יהודית׳עס קוקלע — אַז איך בין אַ געכאַפּטער...

— קום נאָר אַהער, האָט זי מיר אָפּגערופן אָן אַ זייט, וואו האָסטו גענומען די טייבעלעך?! — זאָל איך דערציילן דעם טאַטען? פאַרוואָס ענטפערסטו ניט? — גיט זי מיר אַ טרייסל ביי די אַקסלען!

אַ תרוץ אויפן אָרט — האָט מיר אַלע מאָל געפעלט, און עס פעלט מיר עד היום אויס. ערשט שפּעטער, שוין נאָך אַלעמען — ווער איך אַ גאַנצער חכם. און איך האָב פּעק מיט ענטפערס. צוליב די הכנות פון גיין צום טיש, און ניט צעשטערן די יום־טוב שטימונג, בין איך ציטווייליק ניצול גע־וואָרן . . .און ווי איך פאַרשטיי איצט האָבן די טרויעריקע שלעכטע מינוטן פאַר מיר, ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף מיין אַפּעטיט, ווייל קיינער אין שטוב האָט ניט באַמערקט אין מיר קיין צעטראָגנקייט . . .

דעם ערשטן טאָג חול המועד, איז דער טאַטע געקומען פון שול מיט מיין נייעם רבין, מיך צוגערופן צום טיש, און מיר געפרעגט: ווילסטו גיין צו ר׳ בנימין אין חדר, אָדער — דו ווילסט שוין אַליין ווערן אַ מלמד?

— תלמידים זע איך האָסטו שוין, — די טייבעלעך אין שייער.

וואָס נאָך ער האָט גערעדט צו מיר, און וואָס מיין צוקונפטיקער רבי האָט מיר געפרעגט — געדענק איך ניט, נאָר אַז אויף מאָרגן האָט מען גע־רופן צו מיר יאַנקעל דעם רופא—דאָס געדענק איך גוט. בסך הכל בין איך קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטינע.

***

איך ליג אין בעט, און הער טויבן ברומען, זינגען, קרעכצן, איז

דאָס זעאונגעַן פון הויכן פיבער, אָדער חלומות? מיר דוכט די טויבן זיינען אין שטוב, דרייען זיך אונטערן טיש, קלייבן קערנער, שלאָגן זיך מיט די הינער.

מיין חבר קומט מיר מבקר חולה זיין און גיט מיר אָפּ אַ טייערן ראַ־פּאָרט.

— דו ווייסט? דיין טאַטע האָט מיר גערופן און געהייסן צונעמען די טויבן. דו האָסט אים געזאָגט אַז דאָס זיינען מיינע טויבן, ווי האָב איך גע־קענט אָפּנאַרן דיין טאַטן? איך האָב אים דערציילט דעם אמת, און איך זאָג דיר: עס איז בעסער איין אמת ווי טויזנט ליגנס.

ער האָט מיר דערציילט, און דערציילט, אַזש טרערן זיינען אים גע־שטאַנען אין די אויגן. און מיר איז געווען אַזוי גוט, אַזוי ליב האָב איך באַקומען מיין טאַטן, און זיך דערפילט מיט יעדער רגע שטאַרקער, קרעפּ־טיקער. איך האָב געפילט ווי פון בעט אַרויסצושפּרינגען און גיין אַ טענצל. איצט, זאָגט ער, שטייען די טויבן אויף דער שאַפּע אין פאַרהויז, די פליג־לען וועלן ביי זיי וואַקסן, און זיי וועלן זיין שטוב טויבן — אַזוי ווי פּאַטש־טאַווע . . .

דער גרויסער מאַגנעטישער כח פון די טויבן אין פאַרהויז, האָט מיך געשלעפּט פון בעט אַרויס. די געשיכטע פון יאַנקלען, אַז מיין טאַטע האָט אים געהייסן אַראָפּנעמען די טויבן, אויפמאַכן דעם שטייגל, געבן די פויגל פרייהייט, כדי איך זאָל זיי קענען זען! — איז פאַר מיר געווען אונגלויבליך. און אפילו — ווען איך בין שוין געווען געזונט, און טאַקע געטראָפן די טויבן שפּאַצירנדיק, פליענדיק איבערן שטוב, און אַלע אין הויז האָבן קיין וואָרט ניט גערעדט, פונקט ווי די טויבן וואָלטן געווען אַ טייל פון דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט, און אפילו די עלטערע שוועסטער יהודית האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק—ווער איז צו מיר דאַן געווען גלייך ? וועמען איז נאָך אויף דער וועלט געווען אַזוי גוט ווי מיר? . . . און דאָך — האָט זיך מיר ניט געלאָזט גלויבן, אַז דער טאַטע האָט עס אַזוי געהייסן טאָן.

דערווייל איז אַ גליקלעכע, פריילעכע וועלט געלאָפן מיט מיר, מיט נאַטורס פרילינג, מיט אַלע בוימער און גראָזן, אפילו דער אַלטער רבי מיט זיין גרייז־גראָע באָרד האָט אויך אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ נאַר וואָס צעבליטע ווייסע ליליע, און דאָס לערנען פון די שווערע גמרות, מיט די קאָמפּליצירטע פּלוגתא׳ס — איז ווי אַ קרישטאָל־קלאָר וואַסערל לייכט פאַרבייגעשטראָמט דער ליכטיקער שיינער וועלט . . .

אָבער ווי גוט מיר איז געווען, האָט דאָך אַ טונקעלער וואָלקנדל פאַר־פלעקט מיינע לויטערע הימלען. און דאָס איז געווען — דער צווייפל אין מיין געדאַנק, צו װאָל דער טאַטע, מיין טאַטע וואָס האָט אַזוי שטרענג גע־

האַלטן זיינע אַלע קינדער, אונטער אַ שטאַרקער דיסציפּלין, און האָט אונז עפנטלעך קיין צאַרטקייט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, האָבן עפּעס מיט־אַמאָל נאָכגעבן אַ גמרא בחור — טייבעלעך. וואָלט ער מיר דורך דער צייט מיט עפּעס אָנגעמערקט — אַז דאָס איז געווען זיין פאַרזאָג וואָלט איך דאָך שוין געגאַנגען אויף אַן אייזערנער בריק. איז אָבער פון דעם קיין סימן ניט געווען. געקומען אויף שבת אַהיים, געדאַוונט, געזאָגט, געלערנט, און קיין וואָרט ניט וועגן די טויבן וואָס דרייען זיך אין שטוב.

*****

געווען איז עס אַ שבת פאַרטאָג, שוין נאָך שבועות. די פרוכט בוימער אין אונדזער סאַד האָבן זיך צעבליט און ווי מיט ווייס־ראָזע „קאָנפעטי" אָנגעטאָן אַלע וועגן און שטעגן, לכבוד אַ גרויסן גאַסט וואָס וועט קומען ער־געץ פון הימל. אַ האַרמאָנישער געזאַנג, פון אַלע קריכנדיקע און פליענדי־קע באַשעפענישן האָט אויפגענומען די אויפגייענדיקע זון מיט געטלעכער שירה, וועלכע ווערט געזונגען — נאָר ביים „כסא הכבוד" . . . אין דעם פאַרטאָג האָט דער טאַטע ברייט צעעפנט די פענסטער, און ביי אַ ספר, שטיל אונטערגעברומט אַ ניגונדל, און האַרציק זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט חז״ל . . .

איך האָב יענעם פרימאָרגן נישט געקענט שלאָפן. אפשר האָבן מיך מלאכים געוועקט, אָדער אַנדערע עלעמענטן האָבן געאַרבעט כדי איך זאָל קענען זען מיט מיינע אויגן דעם פענאָמענאָן?

דער טאַטע זיצט פאַרטיפט ביים ספר און באַהעפט זיך מיט דער נשמה יתירה, פּלוצלונג גיבן מיינע טויבן אַ פּאַטש אַריין מיט די פליגלען דורכן אָפענעם פענסטער אין שטוב אַריין. און קלייבן ברעקלעך אונטערן טיש. „טרואו! טרואו!" — פירן זיי אַ וויכוח צווישן זיך.

איך ליג פאַרטייעט, עס הייסט אַז איך שלאָף, דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס. איך קען אַזש דעם אָטעם ניט כאַפּן. איך פיל מיין גאַנצער גוף ציטערט פון אָנשטרענגונג. איך באַמערק ווי דער טאַטע נעמט אַרונ־טער די ברילן, לאָזט אָפּ דעם ספר, גיט אַ בייזן קוק אויף די אומגעבעטענע געסט אַזוי פרי. איינע, פון דער פּאָר, וועלכע איך און יאַנקעל האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ „זי" האָט אויסגעדרייט דאָס טשובאַטע קעפּעלע; און אַריינגעקוקט דעם טאַטען גלייך אין די אויגן. הכנעה׳דיק פּונקט ווי שרה די בעטערין. — מ׳שטיינס געזאָגט אַ פּאָר ברעקלעך אונטערן טיש פאַרגינט מען מיר אויך ניט.

נאָך אַ פּאָר מינוטן פון אויגן־רייד אויסטויש — האָט דער טאַטע זיך אויפגעהויבן פון טיש, זיך געלאָזט אין קיך.

איך האָב פאַרקלעמט מיינע ליפּן, צוגעשלאָסן שטאַרקער מיינע אויגן, איך הער — ער גיסט וואַסער אין אַ טעלער, שיט אַרבעס אין אַ צווייטן טעלער, און קומט מיט שטילע טריט. און איז מכבד די שטומע ברואים'לעך מיט אַ מאָלצייט... די פּאָר פייגל האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט אַ געזונטן אַפּע־טיט, זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און אָן אַ דאַנק — אַוועק פון וואַנען זיי זענען געקומען. דער טאַטע האָט זיך ווידער גענומען צום ספר. מיר האָט שוין קיין שלאָף ניט גענומען, פאַר מיר האָט זיך יענעם פרימאָרגן געעפנט אַ נייע וועלט מיט ברייט־ליכטיקע פּערספּעקטיוון.

***

איך און מיין גוטער פריינט יאַנקל האָבן גענומען פּלאַנירן, ווי אַזוי מיר קענען איצט פראַנק און פריי בויען אַ טויבן שלאַק, און וויפיל טויבן דער טויבן שלאַק וועט קענען אַריינגעמען, וויפיל געלט איך וועל קענען אַקומולירן, און נאָך און נאָך אַזעלכע צעשפּילטע וויזיעס.

פון וואָס בויט מען? וואו נעמט מען ברעטער, טשוועקעס, זאַוויעסעס? אָבער קיין זאַך שטייט ניט אין וועג פון ווילן. דער בחור יאַנקל האָט גע־האַט אויף זיך אַ פעאיקן קאָפּ און אַלץ איז אויסגעאַרבעט געוואָרן צום פּינטל. איך האָב דערלעבט צו האָבן אַן אייגענעם טויבן שלאַק, מיט לאָ־דנדלעך, מיט אַ טיר, און אַ שלאָס, און דעם שליסל — האַלט איך אליין.

טעג זענען געפלויגן ווי רגע'ס, וואָכן ווי מינוטן, איך קום פון חדר, לויף איך גלייך אויפן בוידעם, באַטראַכט מיין פאַרמעג, מערער ווערט ניט, קיין אייעלעך זע איך ניט, דאַנק איך שוין גאָט — וואָס עס איז ניט געוואָרן וויניקער . . .

דורך דער צייט, ווען אַלץ האָט זיך שוין נאָרמאַליזירט, און איך בין געוואָרן אויס יחסן... האָט די שוועסטער יהודית זיך צוריקגענומען צו אירע מאַמעשע פליכטן, זי האָט איינגעזען אַז אַרומלויפנדיק מיט די טייבעלעך, וועל איך קיין מענטש ניט ווערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון נאָכשפּיאָנירן מיר — צי איך דאַוון, צי איך וואַש זיך צום עסן? צי איך גיי אין גאַנצן אין חדר? און ווען מען זוכט — געפינט מען. דאָ האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די אַלטע צו־זאַמענשטויסן. אַז קלעפּ האָב איך נאָר געקראָגן. צייטנווייז, פלעגט זי מיר נעמען מוסר'ן, טענה'ן צו מיר ווי אַ קלוג־דערוואַקסענער מענטש, זי האָט דאָך שוין געלייענט ביכער פון דער געהיימער ביבליאָטעק, זי האָט גערעדט צו מיר מיט הארץ, מיט נשמה. און זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויף מיין מערכה — וואָס מען דאַרף מיך אַזוי שלאָגן. זי פלעגט בשעת מעשה

מיך טוליען צו זיך און זיך בעטן ווי ביי אַ גזלן: — פאַרקויף די טויבן, הער זיך אויף חבר'ן מיט יאַנקלען, ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער, אָבער דו?!

נאָך אַזאַ לעקציע, פלעגט מיר ווערן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. און איך בין שוין געווען גרייט צו ווערן אַ בעל־תשובה. בין איך אָבער אָפּגעטראָטן פון איר — זיינען די אַלע רייד געוואָרן אויסגעוועפּט. און דער יצר הרע פלעגט מיך פאַרפירן, אונטערהעצן — קעגן דער שוועסטערס טענות. — וואָס דאַרף זי אַזוי איינלייגן וועלטן? האָט דער יצר־הרע מיר אויפגעקלערט; אַז דעם טאַטען אַרט ניט, און די מאַמע איז צופרידן. — פאָלג ניט, פאָלג ניט, לאָז זיך ניט איינריידן.!...

כ'געדענק ניט איך זאָל זיך מיט עפּעס האָבן פאַרזינדיקט קעגן יהודיתן אויף אַזויפיל, אַז איך זאָל האָבן דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז זי וועט אויף אַזאַ אופן איינמאָל און פאַר אַלעמאָל מאַכן פון מיר אַ מענטש...

איך לויף פון חדר אַהיים אויף וואַרמעס, דער הימל איז בלוי, די בוימער גרין, די הייזער, דער מאַרק, דער קלויסטער אַלע שימערירן דורך בלויליכן אויר ווי זיי וואָלטן געשוואומען אין דער לופטן. און איך מיט זיי אינאיינעם.

עפּעס האָט מיר אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ, צוקומענדיק נאָענט פון אונדזער שטוב, נאָר ווער האָט עס צייט געהאַט זיך אָפּגעבן אַ חשבון? מיט איין שפּרונג בין איך געווען אויפן בוידעם. און ווי פינסטער מיר איז געוואָרן מיין וועלט! — אַ פּאַגראָם, אַן אמת'ער פּאַגראָם. פעדערן צעשאָטענע. מיין „האָלובניק" — צובראָכן, אָפּגעווישט, די טויבן צושראָקן און פאַרטריבן.

פון בוידעם בין איך שוין ניט אַרונטער מיטן לייטער נאָר אַראָפּגע־שפּרונגען. אין שטוב בין איך אַריינגעלאָפן ווי אַ וואַנזיניקער, ווי אַ צע־רייצטע חיה.

ווער האָט עס געטאָן — האָב איך געשריען מיט באַנומענע קולות. וו—ע—ע—ר?

— ווער, וואָס? האָט די מאַמע אַ צעשראָקענע גענומען שפּרייטן אירע הענט — ווי אַ באַריער קעגן דעם אָנקומענדיקן שטורעם . . .

— איך האָב עס געטאָן, שטעלט זיך מיר אַנטקעגן די העלדישע יהו־

דית, איך! איך! — ניטאָ מער קיין טייבעלעך! אַ סוף צו די טייבעלעך, פאַר אַלעמאָל.

וואָלט אין הויז געווען שיס געווער, ווי עס פּירט זיך ביי די אומות העולם, וואָלט איך אין יענעם פאַרצווייפלטן מאָמענט, זי זיכער — דער־שאָסן. איך האָב מיט האַסט אויף איר אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ טיגער, גע־וואָלט איר צערייסן, אומברענגען. איז זי אָבער געווען שטאַרקער פון מיר. איך האָב זיך געפילט איינגעקלאָמערט אין אירע הענט — האָט כהרף־עין אויפגעבליצט אַ געדאַנק פון נקמה, זי זאָל עס אייביק געדענקען.

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע עקן פון דעם ווייסן לייוונט, פון וועלכן זי האָט געזאָלט אויפנייען די חתונה־גאַרדעראָב פאַר אַ רייכער כלה, און פאַשאָל איבער דער זאָמדיקער גאַס...

ווי אַ געשענדעטע ספר תורה — איז דער ווייסער לייוונט געלעגן איבערן גאַס, אַ פאַרשמוציקטע, אַ פאַרשעמטע...

אַ חורבן, אַ חורבן — האָבן אַלע אין הויז געבראַכן די הענט, די מאַמע איז געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד, און דאָס גאַנצע הויז־געזינט האָט אויסגעזען ווי דאָס אויסגעקאַטשעטע בלייך־ברודנע, פאַרשעמטע שטיק לייוונט . . .

יהודית איז געזעסן אין אַ ווינקל, אַ צעבראָכענע. זי האָט געוויינט אויף איר ביטער מזל — וואָס זי האָט אַ ברודער אַזאַ תכשיט . . .

אַ פאַרשטערטער יום טוב

מאיר דער בויער, אַ שטילער פלעגמאַטישער איד, אַ גרויסער ירא שמים און אַ פאַרבאַרגענער מכניס אורח, האָט זיך געהאַט זיין אייגנאַרטי־קע פירונג אין לעבן. ניט קוקנדיק אויף זיין גבר'ישן קערפער, די ברייטע פלייצעס, און די פוכקע פולע הענט וואָס פלעגן אַ נעם טאָן די שווערסטע קלאָץ ווי אַ פעדערנעם קישן, און אַרויפגיין אויף דער רישטאָוואַניע ווי גאָר נישט געטראָגען און ניט אים מיינט מען, איז ער אָבער אין לעבן געווען אַזוי שטיל און צוריקגעצויגן, אַז מען וואָלט געקענט מיינען, אַז מאיר איז אַ שוואַך בריאה'לע און האָט מורא פאַר מענטשן.

פון צו זיין אַ גביר איז מאיר געווען וויט, נאָר קעגן די אַנדערע אָרימע בויערס אין שטעטל, איז שוין מאיר געווען אַ מוסטער בעל־הבית.

זיין ווייב שרה האָט געהאַלטן אַ קרעמל ביי זיך אין שפייכלער, אויף דער מעסטשאַנסקער גאַס, וואו זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע שטוב.

פלעגן טאַקע אַלע בויער אים מקנא זיין! וואָס פעלט מאיר'ן? — פלעגן די בויער טענה'ן, זיצנדיק דעם גאַנצן ווינטער אין אַלטן בית־מדרש און רויכערן די ליולקעס מאַכאָרקע — ער קען זיין אַ גוטער, ווען די ווייב פאַרדינט אים. ער קען זיין אַ שיינער בעל הבית, ווען ער האָט מיט וואָס.

מאיר איז נישט געווען פון די פּראָסטע בויער, וואָס קענען ניט מער ווי אָפּטעשן אַ „פּאָלעווינע" און אויסשניידן דעם „שלאָס". מאיר איז געווען, ווי מ'זאָגט, אַ בוי־מייסטער. ער האָט געקענט אַביסל רעכענען, פאַרשרייבן און אויסמעסטן, מאַכן אַליין אַ שטיקל „פּלאַן", און ווען עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַרבעט, איז מאיר געווען דער הויפּט־טוער, כאָטש ווען ער זאָל געוואָלט וועלן, וואָלט ער געהאַט די גאַנצע בוי מלאכה פאַר זיך אַליין. נאָר מאיר איז זיך געגאַנגען מיט זיין שיטה: ער וויל ניט פאַרכאַפּן די וועלט, ער וויל ניט רייך ווערן, די אַנדערע אידן דאַרפן אויך מאַכן אַ לעבן. די אַרבעט איז געגאַנגען ווי אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַן געשריבענע קאָנסטיטוציעס, אָן געזעצן, און אָן אַ פּאַראַיין.

מאיר האָט געהאַט אַ שוואַכקייט, וואָס איז ביי אים געוואָרן אַ צווייטע נאַטור, און דאָס איז — אַן אורח צום טיש. עס האָט ניט אויסגעמאַכט שבת, יום טוב, אָדער אין אַ מיטנוואָך, אַבי אַן אורח צום טיש.

אויף שבת פלעגט אים שוין באַזאָרגן דער סופר, וועלכער שרייבט קוויטלעך פאַר די אָרימעלייט. ער, דער סופר, פלעגט שוין זען אים שיקן אַ שיינעם אידן ער זאָל אים באַשיינען זיין שבת׳דיקן טיש.

אין דער וואָכן פלעגט מאיר אַפוואַרטן אין בית־מדרש זען אויב עס איז ניט געבליבן אַ פרעמדער אָרעמאַן, וועמען אַ בעל־הבית האָט ניט גענומען אויף אָנבייסן. און אויב איינער אַזאַ איז יאָ געבליבן, פלעגט שוין מאיר צוגיין מיט זיינע שווערע טריט, און אַ שאָקל טאָן מיט זיין געדיכטער שוואַרצע באָרד: קומט, וועלן מיר האָבן אָנבייסן! טאָמער האָט זיך געמאַכט אַ פאַרשפעטיקטער אורח פרייטאָג פאַרנאַכט, און דער סופר האָט שוין ניט באַוויזן אים געבן אַ קוויטל, האָט עס שוין מאיר מיט זיין געניט אויג באַמערקט. דאַמאָלט איז שוין מאיר געקומען אַהיים מיט צוויי אורחים.

***

פסח צום סדר איז מאיר׳ן קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו האָבן אַן אורח. די אָרימעלייט וואָס פלעגן גיין פון שטאָט צו שטאָט, פלעגן זיך אויף פסח אַוועקלאָזן אַהיים צו ווייב און קינדער. דערפאַר פלעגט ער פּראַוון די סדרים אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, טאַקע ווי אַן אמת׳ער מלך. ער פלעגט זאָגן די הגדה מיטן זעלבן ניגון וואָס ער האָט גע׳ירש׳נט פון זיין טאַטען, און פאַרטייטשן וואָרט אין וואָרט פאַרן ווייב און קינדער. די שכינה האָט ממש גערוט ביי זיין טיש.

מאַכט זיך איינמאָל אַ מעשה, און אין סאַמע טומל פון ערב פסח באַווייזט זיך אַ איד מיט אַ געל בערדל און ברייגגט אַ צעטל פון סופר. די גאַנצע משפחה האָט זיך אָנגעקוקט מיט וואונדער, ווי זיי וואָלטן זאָגן: וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס?

נאָר מאיר האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צום ווייב: נו, שרה, זאָל זיין נאָך אַ מענטש ביים טיש.

אין אָוונט ביים דאַוונען, איז דער סופר צוגעקומען צו מאיר׳ן און אים איינגערוימט אַ סוד: איך האָב דיר געשיקט דעם גראָדנער מגיד אויף די ערשטע טעג פסח.

מאיר׳ן איז געוואָרן פרייליכער אויף דער נשמה, און ער האָט געענטפערט דעם סופר: זאָל מען דערלעבן איבער־אַ־יאָר!

מאיר איז געקומען מיטן אורח פון בית מדרש. דער טיש איז שוין געווען גרייט. אַלעס האָט אַזוי יום־טוב׳דיק געלויכטן, און געשמעקט מיט גוטע מאכלים. מאיר האָט זיך גענומען מכין זיין צום סדר: באַזאָרגט

אַ הסב־בעט פאַר׳ן גאַסט, געמאַכט קידוש, און זיך געזעצט אָפּריכטן דעם סדר. דער אינגסטער אינגל האָט געפרעגט די קשיות, און מאיר האָט זיך התלהבותדיק צולאָזן מיטן ענטפער און גענומען פאַרטייטשן וואָרט נאָך וואָרט מיטן אַלטן ניגון פון צער און האָפענונג, ליידן און טרייסט.

דער אורח, דער גראָדנער מגיד, איז געזעסן איבער דער הגדה און געזופט די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט נאָך די קניידלעך און ניט נאָך דער הגדה. מאיר האָט עס באַמערקט, און עס האָט געשטערט זיין ריטועלע התרוממות. אַז עס איז געקומען צו די פסוקים אויף וועלכע עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע פשטים, האָט ער זיך געווענדעט צום אורח: וואָס זאָגט איר אויף דעם אויסרייד?

— וואָס זאָל איך זאָגן? מיר ווייסן גאָר נישט, מיר דאַרפן זאָגן ווי עס שטייט, — האָט דער מגיד אונטער דער נאָז געענטפערט. מאיר׳ן האָט אַ ברען געטאָן אַ כעס, און עס האָט אים ווי אָפּגענומען דער לשון. דער־וויל האָבן די חברה קליינוואַרג זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אָן אַ פאַרוואָס, און איינשטילן זיי איז געווען אוממעגלעך. וואָס מער מען האָט זיי געוואָלט איינשטילן, אַלץ מער האָבן זיי געכיכיקעט. דערנאָך האָבן די גרעסערע זיך אויך גענומען שטיקן פון געלעכטער, און די גאַנצע הערלעכקייט פון דער ערנסטער צערעמאָניע איז צעשטערט געוואָרן.

מאיר איז איצט געווען אין כעס אויפן סופר וואָס האָט אים אָנגע־שיקט אַזאַ „שיינעם" אורח, וועלכער האָט אים צעשטערט זיין שיינעם יום־טוב, און אַליין גענומען אָפּכאַפּן די לעצטע קאַפּיטלעך כדי מען זאָל שוין אָפּעסן און ווערן פּאַרטיק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מאיר׳ס לעבן, אַז ביי זיינעם אַ סדר זאָל פאַרקומען אַזאַ צערודערונג.

נאָכדעם ווי מ׳האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט פרי מיטן סדר, איז מאיר געוואָרן אויפגערעגט און געשריען אויף אַלעמען: אוממענטשן וואָס איר זייט, מען דערזעט אַ פרעמדן מענטשן, כאַכעט מען. אין דער אמת׳ן האָט ער געוואוסט אַז דאָס הויזגעזינט איז ניט שולדיק, נאָר שולדיק איז דער חניפה׳דיקער סופר׳ל, וועלכער נעמט און שיקט אים אַריין אַ בורילאַ און פאַרשטערט אים זיין הייליקן יום טוב.

צומאָרגנס האָט מאיר ניט פאַרלאָרן קיין צייט, און נאָך פאַרן דאַווע־נען איז ער צו צום סופר און מיט בייזקייט אַ זאָג געטאָן: זוך פאַר דעם שיינעם אורח אַן אַנדער בעל הבית צום עסן.

דער סופר האָט זיך מיט מאיר׳ן ניט געדונגען. ער האָט פאַרשטאַ־נען אַז מאיר זאָגט, איז ער גערעכט, און ער האָט זיך זייער מצער געווען וואָס דורך זיין שליחות, איז מאיר׳ן פאַרשטערט געוואָרן דער סדר.

אין דער זעלבער מינוט אָבער וואָס מאיר איז אָפּגעגאַנגען פון

סופר, האָט ער חרטה געהאַט. כעס איז עבודה זרה — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. און די מחשבות האָבן מאירן מער ניט אָפּגעלאָזן. דער גאַנצער יום־טוב'דיקער דאַוונען מיטן הלל, זיינען שוין געווען אָן טעם און וואָכעדיק, און מאיר האָט זיך געפילט, גייענדיק פון בית־המדרש אָן דעם אורח, ווי אַ פאַרברעכער.

נאָכן עסן און נאָכן שלאָף, איז מאיר געגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, הערן עין יעקב אין נייעם בית־מדרש. נאָר אַנשטאָט צו גיין אין נייעם, האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן צום אַלטן בית מדרש, וואו דער גראָדנער מגיד האָט באַדאַרפט דרש'ענען. מאיר האָט געוואוסט אַז עס וועט ניט זיין וואָס צו הערן, — אויך מיר אַ בעל דרשן! אים האָט זיך געוואָלט רעכטפערטיקן זיין האַנדלונג, כדי ס'זאָל ריין ווערן זיין געוויסן.

אין בית מדרש איז געווען אַ קליינער עולם. אידן לומדים זיינען געזעסן פאַרטיפט אין גרויסע גמרות און אונטערגעברומט מיט אַ ניגון, יעדער איינער פאַר זיך.

דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער בימה, און דער איד מיט דעם געלן בערדל איז אַרויף אויפן בעלעמער, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַן אַלטן פאַרגעלטן טלית, און גענומען דרש'ענען.

מאיר איז געזעסן מיט אַן אָפּגעמאַכטן געדאַנק, אַז ס'וועט ניט זיין וואָס צו הערן. ער איז אָבער איבעראַשט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען די לומדים צומאַכן זייערע ספרים כדי צוצולייגן אַן אויער צום בעל דרשן. דער עולם איז געוואָרן געדיכטער, און אויף דעם מגיד'ס צורה האָט זיך צעשפּילט אַ ליכטיקער שיין פון צען זונען. פון זיינע אויגן האָבן זיך געשאָטן היילִיקע פייער־שטראַלן. דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט מיט אָפענע מיילער, און געשלונגען יעדן וואָרט. מאיר האָט געזען, אַז אַלע זיינען באַגייסטערט פון דער דרשה, ער אַליין האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט; ר'האָט זיך אין אָנפאַנג ניט צוגעהערט מיט קאָפּ . . .

נאָך דער דרשה, ווען עס איז געוואָרן אין בית מדרש טונקל און אין דרויסן האָט זיך שוין די פרילינגס זון באַהאַלטן הינטערן אַלטן בית־עולם, איז אין בית מדרש אויסגעבראָכן אַ שטורם פון באַגייסטערטן עולם. ווער מיר דאַוונען? וואָס מיר מנחה? אַלע האָבן געזשומעט ווי בינען: אוי־אָ! איז דאָס אַ זאָגער! אַזעלכן שוין לאַנג ניט געהערט!

מאיר האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט און געקרייוודעט. עפּעס איז ער געוואָרן ווי אויסגעליידיקט און פאַרשעמט. אין האַרצן האָט עפּעס געריסן ווי מיט צוואַנגען: מאיר, דו נאַרישער כעסן — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. וועט מען זיך דערוויסן אין שטאָט זיין האַנדלונג, ווי ער האָט

זיך באַנאַרישט, וועט אים פאַר חרפה אויסקומען אין גאַס ניט אַרויסצוגיין. מאיר איז גלייך צוגעלאָפן צום סופר, געבעטן מחילה, און כמעט מיט טרערן זיך געבעטן אים צוריקשיקן דעם אורח. אָבער דער סופר האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס איז שוין פאַרפאַלן, ער האָט שוין באַשטעלט דעם מגידביים שטאָט־גביר.

דער צווייטער סדר איז שוין אויך געווען ביי מאיר׳ן אַ פאַרשטעטער־טער, און ער האָט זיך געטראַכט ווי שלעכט עס איז אַז מען פאַרשטייט נישט . . .

דער מגיד האָט גערעדט יעדן טאָג, און דער עולם איז געוואַקסן, פשוט אין אַלטן בית מדרש ניט אַריינצושפּאַרן זיך. צו זיינע דרשות זיי־נען אַפילו געקומען די פריצע, די אויפגעקלערטע. עס האָבן זיך פאַר־שפּרייט לעגענדעס אין שטעטל, אַז דער מגיד מיט זיין אָרעמער קליידונג איז אַ נסתר און פון די לאַמעד־וואָווניקעס. פאַר אַ באַווייז האָט טאַקע געדינט זיין האַנדלונג. ער האָט זיך עפּעס אַזוי משונה׳דיק אויפגעפירט. קיין געלט פאַר די דרשות האָט ער ניט געוואָלט, שלאָפן דוקא אין הקדש. זיצן אין בית מדרש הינטערן אויוון, גלייך מיט די אָרעמעלייט און נישט אויבן־אָן. און די געשיכטע אַז ער קומט פון גראָדנע, איז אויך געווען אַן אָנשטעל. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער שטאַמט און וואוהין ער גייט.

האָט עמיצער ביי אים געפרעגט אַ טייטש, אַ פשט, פלעגט ער ענט־פערן: מיר ווייסן גאָר נישט. יעדערער זאָל לערנען ווי ער פאַרשטייט . . .

אַלע אין שטעטל זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל. יעדער האָט גע־פילט, אַז ער איז באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ מזג טוב וואָס וועט אויסהיטן דאָס שטעטל פון שלעק און פורעניות. נאָר איין מאיר איז אַרומגעגאַנגען פאַראומערט. ס׳איז אים געווען שווער צו דערקענען. ער איז גאָר קלענער געוואָרן. פאַר וועמען האָט דען מאיר געקענט אויסדערציילן זיין ביטער האַרץ, — אַז ער אַליין האָט פאַרזינדיקטביידע וועלטן? אַז די השגחה האָט געוואָלט אַז ער זאָל האָבן די זכיה און דעם כבוד און ער גופא האָט עס ממש מיט די הענט אַרויסגעשטופּט.

מאיר, מאיר — האָט ער גע׳טענה׳ט צו זיך אַליין — דו ביסט אַ גראָבער נפש! מען דאַרף דיר מקיים פסק זיין!

מאיר האָט זיך געלייגט אין דער ברייט און אין דער לענג צו קריגן דעם נסתר צו זיך אויף די צווייטע טעג גוט צו מאַכן זיין דורכפאַל. עס האָט זיך אָבער אים ניט איינגעגעבן. דער שטאָטישער גביר האָט שוין דעם וואונדערלעכן מאַן ניט אָפּגעלאָזט. מאיר האָט מיט בייזער קנאה גע־טראַכט: אַלץ גייט צום גביר, אַלעס פאַרן רייכן!



געצייכנט לויט דער אָנווייזונג פון מיין ברודער יהושע

וואסער צו תשליך

יעדע שטעטל האָט אירע אַטריבוטן, אירע לעגענדעס, אירע העלדן א.א.וו. אַרום יעדן ישוב וועבט זיך אַ צויבער־מעשה'לע פון אַלטן אַמאָל, און אויך פון קעגנוואַרטיקע פּאַסירונגען.

מיר, אידישע קינדער, האָבן אונטערגעהערט פון עלטערע די גרויס־קייט פון אונזער שטאָט, וועגן וועלכער זיי, די אַלטע פלעגן ריידן מיט ווירדע און ערפורכט. ס'איז עפּעס אַ קליינינקייט, צו האָבן אויף דעם בית־עלמין, די אהלים פון ר' משה צבי זצ"ל און פון ר' פּנחס־מיכאל'ן זכותו יגן עלינו? וועלכע שטאָט אין דעם גאַנצן אַרום האָט עס געהאַט אַזאַ זכיה? היינט די קאַלטע שול וועלכע האָט אַ שם אין גאַנצן געגנט פאַר דער עלטסטער און שענסטער געביידע? היינט ווידער דער צעטל פון רבנים וואָס די אַלטע ישיבה האָט אַרויסגעגעבן צו דער וועלט? איצט די צאָל למדנים וואָס געפינען זיך ביי היינטיקן טאָג אין דעם כרך. דאָס אַלעס האָט אָנגעפילט יעדן איינעם מיט שטאָלץ און פרייד.

האָט זיך אָבער געטראָפן אַז עמיצער איז געקומען פון אַ דער־בייאיקער שטעטל אָדער שטאָט און צונישט געמאַכט אונזער גרויסהאָל־טעריי, האָבן מיר, קינדער, זיך געפילט זייער דערשלאָגן. זיי פלעגן טענה'ן: —איר האָט אַ טייך? איר האָט אַ בריק? איר האָט אַ באַן? אַפילו גטן זיך ביי אייך אין שטאָט קען מען ניט. אַזוינע טענות פלעגן אָוועקלייגן די האָרעדעצער, די קאַברינער, און דערציילן די גרויסע פרייד פון באָדן זיך אין טייך, לייגן קלאָפּטער, שפּרינגען פון די באַליעס, זיך לאָדקעווען ביינאַכט אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל, און א. וו. די קאַברינער ווי־דער זיינען געגאַנגען ווייטער און אָפּגעחוזקט, אָפּגעשפּאָט פון אַזאַ בלאָ־טיק שטעטל, וואָס איז נישט ברוקירט, האָט נישט קיין טראָטואַרן און אויך קיין דראָזשקעס.

האָט מען אָבער אַזאַ קאַברינעם גענומען פאַר אַ שפּאַציר איינם

הויפישן סאַד, איז זיין יחוס צעפאַלן געוואָרן. דאָרט איז ער געוואָרן אַזוי פאַרגאַפּט, אַזוי באַצויבערט, אַז ער וואָלט אַפּגעגעבן צען בריקן מיט אַלע קאַזאַרמעס אַבי צו האָבן אַזאַ וואונדערבאַרן פאַרוויילונגס־פּלאַץ.

אין דער אמתן גערעדט, האָט דער סאַד נישט געהערט צו דער שטאָט, נאָר פאַרקערט, די שטאָט האָט אָנגעהערט צום הויף, ווען דאָס שטעטל האָט געצאָלט ציגזן. און אין סאַד אַריינגיין איז ניט אַנגעקומען אַזוי לייכט. דאָך פלעגן זיך די שטעטלדיקע איינוואוינער באַרימען—אונזער סאַד, אונזער הויף. און, אַריינעמענדיק דאָס ביסל אייגענע אַנטיקן פון רחבותדיקע עשירות פונם הויף מיט די גערטנער און וועלדער—איז מען אַלעמאָל געבליבן מיטן סופּעריאָריטעט־געפיל איבער די אַנדערע שטעטלאָך, ד. ה. איבער אונזערע ניי־בעקאַנטע פריינט און געסט.

דער הויף אַליין האָט געהאַט פאַר זיך אַ קאַפּיטל לעגענדעס וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט ליבעס, מיט מאָרד, מיט אינטריגעס. נאָר צום שטעטל האָט עס ניט געהערט, דאָס איז געווען זייערע. דעם צעטל פון פאַרפירטע דאַמען, געשאָסענע באַראָנען, האָט אונזער שטעטל ניט אַריינגענומען אינם רייסטער פון יחוס. בלויז אויף איין פונקט פון דעם שיינעם הויף האָט מען יאָ געמעגט זאָגן: דאָס באַלאַנגט צום אידישן שטעטל, און דאָס איז געווען די פּראַכטפולע סאַזשעלקע וואו די אידן זיינען גע־גאַנגען ראש השנה זאָגן תשליך.

די סאַזשעלקע איז געלעגן לינקס ביים אַריינגאַנג פון געפּאַרבטן טויער. זי איז געלעגן אַרומגעזוימט מיט בוימער און קוסטעס ווי א גע־שניצט ראַם פון גרויסן שפּיגל. זי איז געלעגן און מעדיטירט צום הימל אָן אייביקע תפילה וועלכע די שטאָטישע אידן האָבן אַראָפּגעלאָזט פון שווערע צובראָכענע געמיטער דעם ערשטן טאָג ראש־השנה. און ווען מען זאָל האָבן פאַרבייגעגאַנגען די פּראַכטפולע סאַזשעלקע זומער אָדער ווינטער, האָט זיך אַלעמאָל געהערט אָן אונטערטאָן, אַ מורמלעריי פון הייליקע ווערטער וואָס האָבן כּאָראַליש ערגעץ אַפּגעקלונגען: "רננו צדיקים, זמרו לו: שירו לו, לא ירעו ולא ישחיתו, כי מלאה הארץ דעה". וואָלט איינער געהאַט אַ גוט געהער, וואָלט ער געקענט הערן די שירה פון דער פּמליא. דאָך, איז פאַר דער עדה ניט געווען אַזוי לייכט צוצוקומען צו דעם שטילן וואַסער אין זייער הייליקסטן טאָג פון יאָר. דער טויער איז אַלעמאָל געווען פאַרשלאָסן, און יעדן יאָר האָט מען גע־מוזט שיקן אַ דעלעגאַציע צו בעטן ערלויבעניש ביי דער באַראָנעסע אַז די אידן זאָלן מעגן גיין גאָט בעטן ביי איר סאַזשעלקע.

און שתדלנים זיינען געווען צוויי וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט אין

פּאָקוי. איינער איז געווען חיים צדוקס, ד. ה. חיים גרינבערג, און דער צווייטער איז געווען שלמה דער מאַליער. און אַזוי ווי חיים פּלעגט זיך אונטערפּוילן צו גיין אין הויף, פּלעגט ער זיך שוין פאַרלאָזן אויף שלמהן. און מערקווירדיק, מען איז קיינמאָל ניט געווען זיכער צי די פּריצה וועט דאָס יאָר עפענען דעם טויער. ווייל נאָך יעדן ראש־השנה פּלעגן אַרומ־גיין קלאַנגען אַז די פּריצה איז זייער בייז געוואָרן אויף די אידישע מענטשן. מען איז אַריבער די בריק און געמאַכט אַ תל פון סאַד, פון די בלומען. קיין אויסגעטראַכטע זאַך איז דאָס ניט געווען...

דערפאַר ווען ס׳איז געקומען ערב ראש־השנה, האָבן אַלע עלטערע אידן פון שטעטל געדענקט וועגן דער סאַזשעלקע און געווען באַזאָרגט טאָמער, חלילה, לאָזט די פּריצה ניט עפענען דעם טויער, וואָלט עס געווען ווי אַ שווערע שטראָף פון הימל, און דער הייליקער יום־טוב וואָלט פאַרטונקלט געוואָרן. און בלויז דענקענדיק טאָמער, חלילה, איז מען שוין געווען אש־להבה אויף די אונטערגעוואָקסענע פאַרשייטע בחורים און מיידלאַך. די אָנגעצויגנקייט און אומרו זיינען געווען באַרעכטיקטע. עס וואָלט געפעלט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם פאַרכטיקן ריטואַל, וואו דער שטילער גוזאַנג גייט אויף פון דער טיפעניש און וויברירט דעם גאַנצן אַרום מיט אַ געטלעכן ברומען, און יעדע באַשעפעניש און פלאַנץ טוט מיטזינגען.

**
*

ס׳איז שוין נאָך מוסף, קיינער ווייסט ניט דעם גורל פון די "וואַסער צו תשליך". די פּריצה האָט אַזוי איינגעפּירט אַז קומען נאָך דער דערלויבעניש זאָל מען דוקא אום יום־טוב. צי דאָס איז געווען בלויז אַ קאַפּריז, אָדער אַנדערע מאָטיוון, מ׳האָט געמוזט גיין אין הויף דעם ערשטן טאָג ראש־השנה בעטן ווי ביי פּרעה׳ן: "לאָז גיין מיין פאָלק גאָט דינען". און שלמה אַנשטאָט גיין אין בית המדרש גלייך נאָכן עסן, האָט זיך געלאָזט צום הויף און געבעטן גאָט ער זאָל זיין דער מזלדיקער שליח־ציבור, און די פּריצה זאָל ניט צאַרענען און אים געבן דעם שליסל פון טויער.

דערפאַר, ווען שלמה האָט זיך באַוויזן אויפן שול־הויף אַן אויפגעלויכטענער, אַן אויפגעשיינטער, איז מען אים געקומען אַנטקעגן מיט ליכטיקע צורות און מען האָט בלויז געוואַרט שלמה׳ס מויל זאָל אָנזאָגן די גוטע בשורה:

—אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, אידן קענען גייך זאָגן תשליך.

די עטלעכע ווערטער האָבן ווי אַ ווירבל־ווינט דורכגעשטראָמט אַלע בתי־מדרשים און די גרויסע שול. און דאָ מוז געזאָגט ווערן אַז דאָס אַרויסגיין פון די געבעט־הייזער איז פאָרגעקומען ווי עס גייט אונטער אַ געניטער קאָמאַנדע. ס'איז ניט געווען קיין כאַאָטיש שטופּן אָדער לויפן. יעדער בית־מדרש איז געגאַנגען אונטער זיין דגל. וואונדערלעך האָט אויסגעזען די פּראָצעסיע פון די יום־טובדיקע מענטשן אין דער ליכ־טיקער אָקטאָבער־לופט וואָס האָט אַלעס איינגעוויקלט אין אַ שוועבנדיקן גאָלדענעם שלייער. ספּאָנטאַן האָט זיך פאָרמירט ריי נאָך ריי, און אי־בער די שווימענדיקע קעפּ האָבן זיך אין באַזונדערע פלעצער געשפּיגלט צילינדער־היט ווי זיי וואָלטן געווען די פירער.

דורכגייענדיק דעם שיין געפּאַרבטן טויער מיט זיינע געמויערטע קאָלאָנען, איז מען אַריין אין אַ סודות׳פולער וועלט. די בוימער פוןביידע זייטן אַלייען האָבן מיט זייערע גאָלדיק קופּערנע קעפּ זיך פאַרנייגט פאַר דער הייליקער עדה. די סאַזשעלקע ליגט בלוי־זילבערדיק, דעם הימל האָט זי אַריינגענומען אין זיך. צו די קוסטעסביים ברעג, און די אַלטע דעמבעס אַביסל העכער וואָס זאָגן תפילות צום שטילן וואַסער — קומען צו מענטשן װעלכע וויגן זיך ווי די שטילע כוואַליעס און שפּיגלען זיך אינם אָפּגרונט וואָס נעמט אַלץ אין זיך אַריין.

די שקיעה גייט ערגעץ אַוועק. די תפילות שווימען צום ים, ס'איז אַן אויפגאַנג פון אַ גרויסן שיר, דער שיר צום גאָט איבער אַלע געטער פון זיין אייביקן פאָלק ישראל.

פאַרלאָזנדיק די ברעגעס פון דעם הייליקן וואַסער, קערט מען זיך אום צוריק צום בית־מדרש מיט זיכערע טריט און מיט אַ גרינגער האַרץ. אַלע פילן און האָפן, זיי האָבן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.

דער טויער ווערט ווידער פאַרשלאָסן, די סאַזשעלקע מיט אירע בוימער־שכנים זינגען זייער אייביקן געזאַנג—ממעמקים קראתיך . . .

צו שפּעט

אויפן אַכטן יאָר פון זיין לעבן, איז בערעלע געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. ווען זיין טאַטע איז געשטאָרבן, איז נאָך בערעלע געווען אַ קינד, און איצט, ווען זיין מאַמע איז אים אָפּגעשטאָרבן, איז ער געבליבן איינער אַליין אין אַ גרויסער וועלט.

גוטע מענטשן האָבן אויפגעזוכט דעם אַלטן פעטער ברוך, וועלכער האָט מיט פופציק יאָר צוריק זיך אַרויסגעצויגן אין פּאַליעסער געגנט, און בערעלען געבראַכט צו אים—אַ נייעם בן־זקונים.

דער אומגעבעטענער אורח, אויף די עלטערע יאָרן, שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון קליינוואַרג, האָט דעם אַלטן פּאָר־פאָלק קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט. געווען צייטן ווען דער אַלטער האָט דעם קליינעם אויסגעדאַרטן אינגל ניט געקענט פאַרטראָגן. ווען ניט די אַלטע, וועלכע פלעגט אַלעמאָל אויסשפּרייטן אירע צאַרטע מאַמע־פליגלען איבער בערעלען, ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט געשען צום אומשולדיקן אינגל?

דער אַלטער קאַכעלניק וועלכער איז געקומען פון טיף־פּוילן נאָך אַלס יונגערמאַן און דאָ אויפגעשטעלט די קאַכעלניע, ווי מען האָט גערופן די קאַכל־פאַבריק, האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט זיבעציק יאָר פון זיין לעבן, און פופציק יאָר האָט ער געפּטרט דאָ אין דער קאַכעלניע הינטערן שטאָט. מיט די יאָרן זיינען געקומען קינדער, זיך אויסגעכאָוועט, אויסגעוואָקסן, און אַוועק אין דער גרויסער וועלט. ער איז געבליבן מיט דער אַלטער אין גרויסן האַלב־אַיינגעפאַלענעם שלאַש וואו ער האָט נאָך אַליץ געקנאָטן ליים און אויסגעפורעמט קאַכליעס פון פאַרשידענעם קאליר און סטיל. אויך כלים, וואַזעס, און אַנדערע אַנטיקן פאַר פּריצים. פון זיין געוועזענעם בלאָנד־ליימיק בערדל, זיינען געבליבן געציילטע ווייסע האָר, סימנים פון פילע וויאָרסטן־יאָרן וואָס דער אַלטער האָט דאָ אין פאַבריק איבערגעשפּאַנט. אין שטאָט האָט מען דעם אַלטן ר׳ ברוך׳ן געהאַלטן

פאַר אַ בייזן אידן, אָפּגעוואוינט אין שטאָט פופציק יאָר און דאָך געבליבן אַ פרעמדער.

וואו איז געלעגן די מחיצה וועלכע האָט אָפּגעטיילט אים פון דער שטאָט און די שטאָט פון אים?

גענומען האָט זיך עס פון אַ קאַפּריז וואָס קיינער פון די שטאָט־מענטשן האָט נישט באַגריפן, זייענדיק, ווי מען זאָגט, גאָט די נשמה שולדיק. אַז ריידן האָט ער ניט גערעדט, נאָר זיך געבייזערט. גיי ווייס וואָס דעם מענטשן דריקט? אָבער דער קאַכעלניק אַליין האָט יאָ געוואוסט ווארום ער איז אויף די מענטשן אָנגעזאָליעט. און גענומען האָט זיך עס פון די מאַרק־טעג, ווען ער פלעגט ברענגען זיין אויסגעאַרבעטע סחורה צום פאַרקויפן. ער פלעגט אויסשטעלן זיינע טעפּ, טעלער, וואַזעס, אויס־געמאָלן אויף די כלים פאַרשידענע אוזאָרן וואָס בלויז געציילטע פריצים פלעגן באוואונדערן און קויפן. פויערים פלעגן זיך אויך פּאַסמאַקעווען פון דער שיינער אַרבעט און דעם אַלטן קאָמפּלימענטירט, כאָטש קויפן האָבן זיי ניט געקויפט. די אידן, ווידער, וואָס האָבן געדאַוונט מיט ר׳ ברוכ׳ן אין איין בית־מדרש, פלעגן פאַרבייגיין, אָבגעבן אַ גאָט־העלף, און די וואונדער־כלים אַפילו ניט באַמערקט. ווער רעדט שוין פון אַרויס־ווייזן התפעלות? דאָס איז געווען די ביטערע פיל וואָס האָט פאַרזויערט דעם קאַכעלניקס פּנים. אָבער זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, עמיצן דער־ציילן, דאָס ניט.

איצט, אויף דער עלטער, ווען ער האָט כמעט פון שטאָט זיך אינ־גאַנצן אָפּגעשיידט, חוץ גיין שבת דאַוונען אויפן שולהויף, האָט ער גע־מוזט נעמען בערעלען און פירן אין תלמוד־תורה, און ווידער קומען אין קאָנטאַקט מיט די מענטשן וועמען ער האָט פיינט געהאַט. ווען דער אַל־טער האָט זיך באַוויזן מיטן קליינעם בערעלע אויפן שולהויף, האָבן ווייסע חברה׳ניקעס, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, געגעבן די פּאָר אַזאַ ברוך־הבא, אַז דער אַלטער מיטן אינגל האָבן ניט געפונען קיין אָרט וואו צו אַנטרינען.

זינט יענעם פרימאָרגן, ווען די זון האָט אַזוי וואָרעם און ליכטיק געשיינט, האָט זיך פאַר בערעלען אין דער נייער היים, אין דער נייער שטאָט, אָנגעהויבן אַ גיהנם וואָס אַפילו אַ שמשון הגיבור וואָלט אויך נישט געקענט אויסהאַלטן.

אין חדר, ביים לערנען, האָבן אַלע נאָכגעקרימט זיין פּוילישן דיאַ־לעקט און אים גערופן פאַרשידענע נעמען, און נאָכן חדר פלעגן אים די חברה סאַדיסטיש פּייניקן. ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל פאַר אים אַ וואָרט אַרויסזאָגן. ער האָט ניט געהאַט קיין גואל, קיין פריינט, און ווען

ער פלעגט קומען צום פעטער אהיים אַ פאַרווייִנטער, אַ צעגראַבעלטער, פלעגט דער אַלטער זיך צעשרייען אויפן ווייב, אויף בערעלען.

—ברוך—פלעגט די אַלטע טענהן צום נערוועזן אַלטן—וואָס קאַכט אין דיר? וואָס ווילסטו פון קינד? ס׳איז דאָך דיין בלוט און פלייש, ס׳איז דאָך דיין שוועסטער׳ס קדיש.

דער אַלטער פלעגט נאָך אַזאַ קאָנטער־אַטאַקע מבולבל ווערן. ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער און ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. פון אויפרעגונג פלעגט ער פאַרגעסן וואו ער איז געווען פריער און וואָס ער האָט געטאָן. דאָן פלעגט ער זיך נעמען דרייען איבערן לאַנגן שאַלאַש, זוכן זיין פלאַץ וואו ער האָט נאָר וואָס געאַרבעט. ווען ער איז שוין געווען אויף זיין פריערדיקן פלאַץ, האָט ער מאָמענטאַל די אַרבעט ניט פאַרגעסן, נאָר ער פלעגט נעמען אַ שטיקל ליים צווישן די פינ־גער און סתם דרייען עפעס אין דער וועלט אַריין.

— וואָס האָב איך צום קינד, דו אַלטער שוטה? וואָס איז ער שולדיק? וואָרום כעס איך זיך אַזוי? כעס איז דאָך עבודה זרה. אָבער ס׳ווייזט אויס, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט צו ווערן אַ טאַטע...

ווען די מחשבות האָבן פאַרטריבן דעם אומזיסטן כעס׳ן זיך, פלעגט דער אַלטער נעמען טראַכטן גאָר אַנדערע געדאַנקען. ס׳זיינען אים גע־קומען אויפן זינען זיינע קינדער וועלכע זיינען אין דער ווייטער וועלט אַוועק. ביי וועמען וועט בלייבן די נחלה איבער הונדערט און צוואַנציק? אפשר גאָר נעמען בערעלען אין פאַבריק, אים אויסלערנען די מלאכה? זאָל דאָס אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט נישט פאַרפרעמדט ווערן!

ווען די מחשבות פלעגן זיך אויסקריסטאַליזירן און זיין צונג האָט דאָס געקענט אַרויסריידן, פלעגט ער אַריין אין שטוב, זיך זעצן לעם דער אַלטער און איר דאָס אַלעס פאַרלייגן. די אַלטע פלעגט צושאָקלען מיטן קאָפּ און אַרויסלאָזן אַ שווערן זיפץ.

—זאָג מיר נאָר, ברוך־לעבן, ווי קען מען אַזאַ יונג קינד אייַנשפּאַנען אין יאָך? דו האָסט אַליין אָנגעקוואָלן ווען דער רבי האָט דיר געזאָגט אַז בערעלע האָט אַ שאַרף קעפּל, ס׳קען אויסוואַקסן פון אים אַ לייט. אפשר וואָלסטו גערעדט צו די אינגלאַך, צום רבין, אפשר?

—נאַרעשע אידענע וואָס דו ביסט! כ׳האָב מורא זיך צו ווייזן פאַר די ווילדע ברואים, זיי קענען מיר אויך לעכערן דעם קאָפּ. די פאַרשייטע אינגלאַך וואָס פילן אָן די תלמוד־תורה׳ס האָבן ניט קיין דרך־ארץ פאַר קיינעם. זיי קומען פון פּראָסטן עולם, מען קען אפילו צו זייערע טאַטעס ניט ריידן—עם־הארצים!

די אַלטע האָט ניט געוואוסט די טייטש פון "עם־הארצים". זי האָט דאָך געקאָנט אַ סך אינגלאַך וועלכע לערנען אין תלמוד־תורה. זיי זיינען פון אָרעמען שטאַנד, זיי פעלט אויך פילע זאַכן אין לעבן, וואָרום זאָלן זיי ניט זיין פריינדלעך צו בערעלען?

***

נאָך אַזעלכע איבערריידן מיטן ווייב וועגן בערעלען, האָט דער אַל־טער אָנגעהויבן מקרב־צו־זיין דעם קליינעם אָפּגעצערטן אינגל. ער האָט מיט אים געגומען לערנען שטאָט און אים צוגעזאָגט אַז נאָך דעם ווינטער אין חדר, וועט ער שוין איה"ש אויפן זומער אים צונעמען אין פאַבריק. בערעלע האָט אַלעס אויסגעהערט און פאַרחלומטערהייט געשוויגן.

ס'איז אָנגעקומען פסח, דער יום־טוב פון פרילינג, דער יום־טוב פון באַפרייאונג. בערעלע איז טאַקע פריי געוואָרן פון חדר, אָבער אַ נייע געפאַנגענשאַפט האָט אים אַרומגעקלעמט און צוגעשמידט צו זיינע צען יאָר. דאָ האָט ער געהאַט געגוג אויסצושטיין פון פעטער וועלכער האָט געמיינט אַלעס לטובת בערעלען—מאַכן אים פאַר אַ מענטשן!

גלייך אין דערפרי, האָט ער אים געגומען מושטירן: — גיס אַריין וואַסער אין דער „קיאד". טראָג אַרויף אַ „נאָסילקע" געזיגענעם ליים אויפן וואַרשטאַט. טוסט ניט גוט, מען דאַרף דיר אונטערהאַקן די הענט. דו וועסט קיין מייסטער ניט זיין!

בערעלע פלעגט אָנשטעלן אויפן אָנקל אַ פּאָר שטומע אויגן מיט אַזאַ געבעט, אַזש אַ גזלנ'ס האַרץ וואָלט זיך אַ קנייטש געגעבן. און דער אַלטער פלעגט אים אָפּלאָזן. דאַן פלעגט בערעלע אַרויסגיין אין דרויסן, זיך זעצן אויף די ספּעציעל־געבויטע קאַסטנס פאַרן ליים־קנעטן און דאָרטן אַ פאַרבענקטער, אַ פאַרטראַכטער, אַרויסקוקן צו די גרינע לאַנקעס וועל־כע זיינען געפאַלן באַרג אַרונטער און דערגרויכט די זוימען פון וואַלד. ער וואָלט דאָ אַזוי, אין שטילקייט, אָפּגעזעסן שעהן און זיך פאַרגעסן אין זיין מערכה און וואו ער געפינט זיך. דאָס קוואַקן פון די זשאַבעס, די סוויסטשעריי פון פויגל, פלעגן בערעלען פאַרוויגן אין פאַנטאַסטישע וועלטן. פיל מאָל האָט זיך אים געדאַכט אַז ער שוועבט אויך אין לויטערן הימל. ער באַהעפט זיך מיט אַלע באַשעפענישן אין וואַלד. ער און דער סאָלאָוויי זיינען צווייי: ביידע קלאָגן אויס דעם טרויער פון בערעלעס דאַליע.

—תמעוואַטער!!—ווי לאַנג וועסטו היניען דאָרטן! וואָס טראַכסטו דאָרט, וואָס?

אַ שטיק האַרץ פלעגט זיך ביים אינגל אָפּרייסן ווען ער האָט פאַר־לאָזן דעם דרויסן. און ווען ער איז שוין געווען אין קאַכעלניע, פלעגט דער פעטער האַלטן פאַר אים אַ דרשה:

—וואָס וועט זיין פון דיר? לערנען קענסטו ניט, קיין בעל־מלאכה ווילסטו ניט זיין, וואָס טויג מיר מיין בלויזן זיך פאַר דיר? מיר זיינען עפּעס יונגעלייטלאַך? מיר קענען אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר דיר?

בערעלע האָט אַלץ אַרונטערגעשלונגען און געשוויגן. אָבער דאָס שווייגן האָט אויסגעבויערט אַ טיפע וואונד אין זיין יונג האַרץ, און פאַר וועמען איבערגעבן זיינע ליידן, אויסצוריידן זיך דאָס האַרץ, האָט ער ניט געהאַט. אַ נס וואָס די אַלטע, די מומע, איז צו אים געווען צערטלאַך ווי אַ נאָענטער פריינט. זי פלעגט אים טרייסטן און אים פאַרזאָגן גאָלדענע בערג. —אַבי געזונט, בערעלע, ערגער דיך ניט פון פעטער׳ס טענות, ער מיינט ניט קיין שלעכטס.

בערעלע האָט איר אויך ניט געענטפערט. ער האָט באַלד שוין פאַר־געסן צו נוצן דאָס מויל פאַר שפּראַך.

שבת וואָלט פאַר בערעלען געווען מער ווי שבת. ער וואָלט געקענט דעם גאַנצן טאָג זיצן אויף די ליימיקע קאַסטנס און אויספאַנטאַזירן וואונ־דערלעכע וועלטן ווען ניט די שטיפער וועלכע פלעגן אים באַפאַלן פון אַ באַהעלטעניש און מאַכן אַן אַטאַקע, אים באַהאַגלען מיט שטיינער, ציגל, צעבראָכענע קאַכליעס. ניט איינמאָל האָט ער זיך קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעכאַפּט אין פאַבריק.—כאַ־כאַ־כאַ—פלעגט זיך הערן אַ זיגערישער געלעכטער. איינגענומען פלעוונאַ!

**
*

בערעלע איז שוין אַ צוועלף יאָריקער בחור. דער פעטער האָט אים געקויפט אַ פּאָר תפילין און ער איז שוין אַ בר־מצוה, אַ פאָלנער מענטש. דאָס דאַוונען איז ביי בערלען נישט אַזוי אַי־אַי. דערפאַר, אָבער, ווייזט ער שוין אַרויס געשיקטקייט אין דער אַרבעט. דער פעטער און ער שטייען שוין ביי איין וואַרשטאַט און פילן זיך צייטנווייז ווי צוויי גלייכע. ביים אַלטן אַליין לויפן גאָר די הענט פלינקער, ווען ער זעט ווי לייכט עס פאַלן אַרויס פון צווישן בערל׳ס פינגער פיינע קאַרניזן און "קעפ" פאַר קאַ־מינעס. דער אַלטער שטייט אַן אויפגעלויכטענער, ער שעפּט פולע צע־בערס נחת זעענדיק ווי בערל קנייטשט און קלעפּט דעם ליים. דאָס איז דאָך בפועל ממש "כחומר ביד היוצר". ער האָט אים איצט אמת האָלט. ער פילט די בלוט־קרובהשאַפט פון זיי ביידן, און בחוש דערפילט ער אַז ער שטאַרבט ניט אָפּ, זיין שעפערישער גייסט וועט פאַרגעזעצט ווערן, און דאָ אין פאַבריק וועלן די פאַליצעס ניט בלייבן ליידיק . . .

פאַר דעם געדאַנק האָט זיך דער אַלטער ר׳ ברוך אַלעמאָל געשראָקן. אַי, וואָס אַרט אים וואָס "נאָכאַלעמען" וועט זיין? ער האָט דאָך שוין לאַנג

שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז מיט אים האָט זיך געענדיקט די גזע קאַכלמאַכער. נאָר איצט אַז ער קריגט אַ ממלא־מקומו, זיין שוועסטער'ס אַ קינד, וועלכער וועט פּילייכט אים, ברוכן, איבערשטייגן, פילט ער זייער אויפגעלייגט. איינמאָל, נאָך אַ טאָג אַרבעט, ווען ברוך איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט דער אַלטער אָנגעזאָגט צו באַשטעלן אַ גאַרניטור ביים שניידער פאַר בערלען און זי זאָל אויסקלייבן גוטע וואַרע. זאָל ער גיין אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, אונזער בערל.

די גוטע מינוטן פון חבר'שאַפט צווישן אַלטן און זיין פּלימעניק, האָבן נאָר אָנגעהאַלטן ווען זיי ביידע זיינען געשטאַנען ביים וואַרשטאַט. ווי מען איז נאָר אַרויס פון פאַבריק, האָט זיך די שכינה אָפּגעטאָן און, ווידער, פון דאָס ניי זיינען אויסגעזוכט געוואָרן אַלע חסרונות אויף בערלען. איצט, זינט בערל טוט זיך אָן אין נייעם קאָסטיום וואָס מרדכי־לייב דער שניידער האָט אים געמאַכט, איז דער פעטער באַשטאַנען אַז בערעלע זאָל מיט אים גיין שבת אין דער גרויסער שול. און בערעלע האָט זיך ווי אַן אייזל איינגעשפּאַרט דווקא נישט צו גיין. ער האָט געהאַט זיין רעכענונג וואו צו פאַרברענגען דעם פרייען טאָג, און פאַרן שולהויף האָט ער מורא געהאַט. איז דער תירוץ געווען: ״כ'וועל קיין צדיק סיי ווי ניט זיין״.

— צו וואָס טויג אַ איד וואָס קען ניט דאַוונען?—פלעגט דער אַלטער טענה'ן. דו ווילסט אויסוואַקסן אַ גוי? אַ כאַמולע? דו ביסט דאָך שוין בר־מצוה! דאַרפסט דאָך קענען מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה.

בערל פלעגט בלייבן איינגעעקשנט און זיך ניט רירן פון אָרט. דאַן פלעגט דער פעטער מיט ירגזון פאַרשטייפן זיין שבתדיקן גאַרטל, און מיטן אויבעראָק אויף די אַקסלען זיך לאָזן אין שטאָט.

ווי נאָר דער אַלטער איז אַוועק, איז שוין בערעל געווען אין דרויסן. ער האָט באַטראַכט דעם גאַנצן געגנט. פון איין זייט כוואַליען זיך די קאָרןפעלדער און וויגן זיך ווי אַ שטילער גרינער ים, פון דער אַנדער זייט — די היי־לאָנקעס צופוסנס פון וואַלד וואו פאַסטוכער מיט הינט האָבן ניט קיין שליטה, עס געהערט צום הויף, צום פּריץ. אָ, ווי וואונדערלאָך די וועלט זעט אויס אין זיינע אויגן. אַפילו דער האַלב־איינגעפאַלענער שאַלאַש קוקט אויס ווי אַ קינסטלעכער קאַרניז. ער פלעגט זיך אַוועקלאָזן פאַזע דעם טיפן גראָבן אין וואַלד אַריין. דאָרט האָט ער מיט אַלע באַשעפענישן געדאַוונט און געזונגען שירה. ער פלעגט אַוועקציען צו די טיפע גריבער וואו מען האָט דעם ליים פאַר זיין אַרבעט געגראָבן, דעם ליים וואָס איז גלאַט ווי סאַמעט און ווייך ווי פּוך. ביי די לויטערע קוואַלן פלעגט ער זיך זעצן, אַריינקוקן אין דער טיפעניש פון די אָפּגרונטן וואו בלויער הימל האָט זיך געשפּיגלט און גרויסע מעכטיקע בוימער זיינען געשטאַנען אַרי־

בערגעבויגן, פליסטערנדיק אַ שטילע תפילה ווי די עכטע צדיקים פאַרן כסא־הכבוד און ער, בערל, האָט דעם גרויסן זכות דאָס אַלעס צו זען.

יעדער מאָל, ווען בערעלע פלעגט דאָ זיצנדיק זיך אויפהויבן צו די הימלען, זיינען אים געקומען אויפן רעיון דעם פעטער'ס רייד ביים וואָר־שטאַט:

—זעסט בערעלע, דאָס ליים וואָס מיר קנעטן? ס'איז געשריבן אין אונזערע הייליקע ספרים: אַ מענטש איז געגליכן צו ליים. ער קומט פון ליים... און גייט צוריק צום ליים... מיר אויף דער וועלט זיינען דאָס ליים פון גאָט־בּרכו, פון באַשאַפער, וואָס ער וויל קען ער מאַכן פון אונז. פאַראַנען אַ שטיקל ליים וואָס קומט אַרויס אַ קונסטשטיק פון מייסטער און עס לעבט איבער גאַנצע דורות.

דאָ פלעגט בערעלע זיך פאַרפּלאָנטערן אין זיינע מחשבות. — אויב דער מענטש וואָס לעבט איז פון ליים, און ווען ער שטאַרבט ווערט ער טויט, ווי קען ליים וואָס איז אַלעמאָל טויט, איבערלעבן דורות? און אויב גאָט מאַכט דעם מענטשן פון ליים, וואָרום קנעט ער ניט אויס לויטער גוטע מענטשן? צוליב וועמען האָט ער מורא זיך ווייזן אין שטאָט? זיי־נען זיי ניט פונם זעלבן ליים געקנאָטן? און דערביי האָט בערל אין זינען געהאַט די אינגלאַך וועלכע רודפן אים און לאָזן אים דעם קאָפּ ניט אויפ־הייבן. ער פלעגט זיך אַ כאַפּטאָן מיט ציטער. אַ, ס'מוז שוין זיין שפּעט, דער פעטער וועט שוין באַלד פון שול קומען. ער האָט שוין איצט גע־שטעלט גיכע טריט און זיך אַליין אַ נדר געגעבן: ער וועט באַלד צוריק קומען. ער האָט זיך געאײַלט, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אין שטוב פריי־ער פון פעטער. דער מומע פלעגט ער אָפּגעבן אַ נשמה־יתירה'דיקן גוט־שבת, נאָר מיטן אָנקלס אויגן איז אים געווען שווער זיך צו באַגעגענען, ווייל ביי זיך האָט ער געוואוסט אַז ער איז אַ רשע, ער איז פאַרפירט פון אַ קליפּה. דאָס מאָל איז דער פעטער געקומען גאָר אַן אויפגעהייטערטער. איז עס געווען צוליב דער שיינקייט פון אָנהייב־זומער, אָדער צוליבן קי־דוש וואָס דער פעטער האָט געמאַכט ביי אַ סעודת־מצוה? היינט האָט דער אַלטער דעם פלימעניק אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט־שבת און אויף אַ ליצנישן שטייגער געפרעגט בערלען אין וועלכן בית־מדרש ער האָט געדאַוונט און וועלכן חזן ער האָט געהערט. די אַלטע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון שלום־בית . . .

***

אַ נייע וואָך, נייע טעג, נייע צייטן פאַר בערעלען. זינט דעם שפּאַ־סיקן אָבער גוטמוטיקן קיבוץ אין דעם ליכטיקן שבת, האָט זיך פאַר בע־רעלען אָנגעהויבן אַ נייער בראשית. יענעם שבת נאָך וואַרמעס האָט בע־

רעלע געפונען פריינט. ער האָט שפּאַצירנדיק צום וואַלד געטראָפן ישראלס קליינוואַרג. און מערקווירדיק: נישט געקוקט אויף דעם וואָס די אַלע קליינע חברה'ניקעס אין די טיפע גראָזן וואָס האָבן זיי נאָך קלע־נער געמאַכט, האָבן זיך איינער פאַרן צווייטן פאַרשעמט. דאָך איז די באַ־געגעניש געווען אַן ערדיש־נאַטירלעכע און בערעלע איז גלייך געוואָרן דער ריטער און זיי געפירט ווייזן די טיפע ליים־גריבער און זיי אויפגע־קלערט אַז אַזאַ ליים געפינט מען נאָר אין געוויסע ערטער און פון דעם ליים האָט גאָט באַשאַפן אדם מיט חוה'ן.

די קינדער זיינען געשטאַנען פונוויטנס און מיט שרעק געקוקט אין ליטערן וואַסער, זוכנדיק מיט זייערע אומשולדיקע אויגעלעך אַ שפּור פון אדם מיט חוהן.

ווען זיי זיינען צוריקגעגאַנגען, איז שוין דער וואַלד געווען אומע־טיק. טונקעלע שאָטנס האָבן געגומען זיך שפּרייטן איבער די ברייטע וואַ־סער־ראָוועס. זלאַטקע, די גרעסערע פון דער גרופּע, האָט מיט בערעלען גערעדט און אים דערקלערט אַז זי קען אים, זי גייט פאַרביי די קאַכעלניע יעדן טאָג, זי גייט אין שולע, און אַנווייזנדיק מיטן פינגער: אָט אָ דאָרטן וואוינען מיר . . .

—דאָרטן וואוינט איר? דאָרט באַרג אַרונטער אויפן זאַמד? און איך בין געווען זיכער אַז דאָרט וואוינען בלויז גוים. און ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, האָט בערעלע זיך דערמאָנט אַז צו יענער קופּע הייזער וואָס שטייען אַגעזונדערט ווי אַ פּילוואַראַק, האָט אים אַלעמאָל געצויגן. און איצט, נאָך אַזאַ הערליכן שבת טאָג, קען ער גאָר נישט איינשלאָפן. ער וואַרפט זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער און די אויגן שליסן זיך ניט. דער וואַלד, די גרינע גראָז, די קינדער אין שבתדיקע מלבושימלאַך, קו־מען דאָ אין פינצטערן קאַמער, שפּרינגען, לאַכן, און ער רעדט ווידער צו זלאַטקען.

יענעם זונטיק, האָט זיך דער פרימאַרגן אָנגעהויבן אויף דער רעכ־טער זייט. דאָס ערשטע האָט ער גלייך צופרידנגעשטעלט דעם פעטער מיט דעם וואָס ער, בערל, האָט גדאַוונט אויפן קול, מיט התמדה. דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אַריינפיר צו אַ גוטן רואיקן טאָג. און נאָכן אָנ־בייסן, ווען מען האָט זיך גענומען צו דער מלאכה, איז אַלעס געגאַנגען ווי מיט פוטער געשמירט. די האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט, אי פון די הענט, אי פון מח, האָטביידן דערהייבן צו אויסערגעוויינלעכער פּער־פעקציע. ביים אַלטן האָבן געשפּרודלט די שווערע פורעמס אין זיינע הענט ווי לייכטע שפּילצייג. ער האָט זיך געבריה'ט איבערצויאָגן בערלען, און יעדע רגע האַרציק אַ לאַך־טאָן מיט אַ געזונטער שטימע וואָס איז גע־

קומען פון אַ ביינערדיקן אָבער געזונטן ברוסט־קאַסטן:—כאַ־כאַ־כאַ, אָבי די מומע זאָגט אַלט און יונג קענען זיך ניט פאַרן.

בערל האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט דעם אָנקל און נחת׳דיק געשמייכלט.

— זאָגט מיר נאָר, פעטער־לעבן, זאָגט מיר וואָס האָט איר גע־מיינט ווען איר האָט מיר געזאָגט אַנומעלט: ״דער מענטש וואָס קנעט דאָס ליים קען אַפשטאַרבן? און דאָס ליים אַליין, אַט דאָס־אַ שטיקל ערד וואָס איך האַלט אין האַנט קען בלייבן לעבן לדור דורות?״

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען די קאַכליע פון פורעם, אין פאַר־לעגנהייט נישט געוואוסט אין דעם אייגנבליק וואָס צו טאָן און צוריק אַריינגעלייגט אין פורעם. ער האָט אָנגעקוקט בערלען שווייגנדיק. אָבער אין זיין שווייגן האָט מען געקענט זען אַז ער רעדט מיט זיך אַליין, ווי ער וואָלט אומגעפער זאָגן: באַלד איבער זיבעציק יאָר אָפּגעלעבט און קיינמאָל וועגן אַזאַ ענין נישט געטראַכט?

—זאָג מיר נאָר בחורעץ—ווער האָט דיר געפרעגט די שאלה און וואָס האָסטו געענטפערט דאַרויף?

בערל האָט איצט צום ערשטן מאָל גערעדט צום אָנקל ווי צו זיינס אַ גלייכן, און ער האָט אים דערציילט פון די געדאַנקען געכטן ביים זיצן אין וואַלד, טאַקע ביי די גריבער פון וואַנען דאָס ליים קומט.

דער אַלטער האָט אַ שלעפּגעטאָן דעם טאַבאַרעט צו זיך, זיך אַוועק־געזעצט, אונטערגעשפּאַרט די געמבע מיט ביידע הענט, און אַ שטאַרק פאַרחידושטער זיך צוגעהערט צו בערלס רייד. און ס׳ערשטע וואָס האָט אים געמאַניעט איז אַרומנעמען דעם שקאַץ און אים אויסקושן יעדן גליד. נישט אומזיסט האָט דער רבי דעם אַלטן געזאָגט אַז בערעלע האָט אַ שאַרף קעפּל. ערשט זעט ער ס׳איז נאָר צום שטוינען.

—דו הערסט בערעלע מיינס, ע־ע, האָט דער אַלטער אָביסל גע־שטאַמלט, כ׳מוז מודה זיין אַז ס׳איז פאַר מיר אַ צו שווערער ענין צו פאַרשטיין. מען דאַרף זיין אַ געלערנטער מענטש דאָס אויפצוקלערן, ווייל ס׳איז ניט דאָס ליים אַליין, נאָר דאָס איז פאַרבונדן מיט יצירה. לאָמיר ניט טראַכטן וועגן אַזוינע זאַכן, ווייל פון צופיל טראַכטן פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. אַ מענטש איז בלויז ליים און קערט זיך אום צוריק צו ליים. לאָמיר זיך נעמען צוריק צו דער מלאכה, דער פרימאָרגן איז שוין באַלד אַוועק.

דער אַלטער האָט געזען אַז דער ענטפער האָט בערלען ניט צו־פרידנגעשטעלט, און אים דעם אַלטן אַליין, אויך נישט.

ס׳איז אַריבער אַ טאָג און צוויי, און אין פאַבריק איז שטיל געווען פון רייד. די אַרבעט האָט באַלעבט אַלע טיילן פון גרויסן שאַלאַש. מען

האָט געטראָגן רויע זאַכן צום איווון, געסאָרטירט דאָס געבּרענטע און זיך געגרייט פאַר קונים. אויבן, אַרויף אין שטאָט, איז דאָס לעבן געפלאָסן ווי שטענדיק. די קאָלעקטיווע אָרעמקייט האָט גרוי־געמאַכט דאָס לעבן סיי פון קרעמער, סיי פון בעל־מלאכה. קרעמער האָבן געהאַנדלט, געוואַנדלט, זיך פּאַרדרייט, און ווידער געדרייט. די אַרבעטער האָבן געזוכט פּרנסה און זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות פאַר דאָס ביסל חיונה. הענדלערשע זין זיינען געוואָרן הענדלער און זיך צוגערעכנט צום אינטעליגענטן קלאַס. בעל־מלאכישע קינדער זיינען געוואָרן אַרבעטער, זיך גערופן אַר־בעטער קלאַס. אָט די אינגלאַך וואָס האָבן געלערנט מיט בערעלען אין תלמוד־תורה, האָבן זיך שוין איצט געהאַלטן פאַר „גרויסע". אייניקע פון זיי האָבן שוין געטראָגן לאַקירענע שטיוועלאַך מיט שטייפע טיזשור־קעס און פלעגן שוין שפּאַצירן נאָך דער אַרבעט אויפן שאָסיי. ווילן זיי אַ שבת זיך גוט אַמוזירן און צופרידנשטעלן זייערע רויע אינסטינקטן, לאָזט מען זיך צו דער קאַבעלניע כלומרשט ווי צו באַזוכן בערעלען, אים אַריינעמען אין זייער „קרוזשאָק". — זיי זיינען דאָך אַלע אַרבעטער — טענהט יאָסל די צעשפּאָלטענע ליפּ—זיי דאַרפן האַלטן איינער מיטן אַנ־דערן. און אַך און ווי איז געווען צו בערעלען אויב זיי האָבן אים דער־טאַפּט אין אַדער אַרום דער קאַבעלניע. ניט נאָר האָט מען בערעלען אָנ־געטאָן יסורים, נאָר אַפילו געמאַכט הזיקות אין פאַבריק גופא. דער אַל־טער פלעגט אַרויסלויפן מיט דער יאַרמאָלקע און די גאַטקעס און שרייען: געוואַלד! געוואַלד! דאַן האָבן זיי אָנגעזעטיקט זייער פּרימיטיוון אינסטינקט מיט אַזוי פיל הנאה, אַזש דער ווילדער געלעכטער האָט געקלונגען צום וואַלד אַרויס, און זיי האָבן געפילט אַז זיי האָבן דערגרייכט נאָך מער ווי זיי האָבן דערוואַרט.

נאָך אַזאַ מין פּאָגראָם, פלעגט דער אַלטער אַיינטענהן מיט בערלען: זעסט מיין קינד, פון וואַנען ס'נעמט זיך די גראָביאַנסטוואָ צו די מענטשן וועלכע דאַרפן זיין דיינע פריינט? ס'נעמט זיך ווייל זיי זיינען גראָבע יונגען בן גראָבע יונגען. אַן אײדל קינד, אַ געלערנטער, וועט עס ניט טאָן. ווי שטייט אין די הייליקע ספרים: „תורה בעלייכט די אויגן". דו ביסט אַנ־דערש פון זיי. קער זיך אום צום לערנען. איך וועל דיר העלפן.

דאַן פלעגט זיך צעפלאַקערן אַ ויכוח צווישן זיי ביידן, אַזש די אַלטע האָט געמיינט אַז מען קריגט זיך און זי איז געקומען שלום מאַכן.

—גיי דיר געזונטערהייט, מיר קריגן זיך ניט, חלילה. און דערביי אַ וואונק געטאָן צו בערלען, ווי איינער זאָגט—זי ווייסט אויך עפּעס אין די זאַכן?

נאָך אַזאַ האַרציקן שמועס פלעגט זיך ביי בערלען צעפלאַקערן אַ

געוואַלדיקער דורשט נאָך עפּעס. די רייד פון פעטער זיינען אים זייער צום האַרצן. אים ציט ערגעץ אין אַנדערע וועלטן, נאָר וואו הייבן זיך אָן אַנדערע וועלטן? וואו ליגט די טיר צום אַריינגיין, האָט ער נישט אָנגעהייבן צו וויסן. און ווען ער פּלעגט ווערן זייער אומרואיק, האָט ער די אַרבעט ניט פאַרטראָגן, און ווי אַ ווילדער פויגל זיך אַוועקגעלאָזן אין וואַלד.

איינמאָל אַזוי ציענדיק צום וואַלד, האָט ער גענומען אַ נייעם וועג. ער איז נישט געגאַנגען מיט זיין באַליבט שטעגעלע ביים גראָבן, נאָר באַרג אַרונטער מיטן זאַמד, פאַרביי זלאַטקעס הויז. דאָ האָט ער דערקענט זלאַטקעס פאָטער וואָס איז געשטאַנען און עפּעס אויסגעשניטן אַ געוויסן טייל פאַר זיין וואָגן. ישראל, אברהם יעקב׳ס, ווי מען האָט אים גערופן אין שטאָט "ישראל סטאָליעס", איז געווען אַן ערד־אַרבעטער און אויך בעל־העגלה. זיין וואָגן אויף צו פירן פעסער פאַר זויערע אוגערקעס, איז געווען ישראלס אייגענע דערפינדונג. און דעם לאַנגן וואָגן פון דרענגער, האָט בערעלע אַלעמאָל געזען פאַרבייפאָרן אָנגעפּיקעוועט מיט "אָנגעהאָנגענע" קינדער. ישראל פלעגט זיי, די קינדער, נישט טרייבן אָדער שמייסן מיט דער בייטש ווי אַנדערע בעל־העגלהס האָבן געטאָן. פאַרקערט, ער איז געווען אַן אויפגעלייכטענער און אָנגעקוואָלן.

דערזען ישראלן, איז בערעלע שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט ווי שיין ישראל שניידט עפּעס אויס פון פרישן יאַסינאָוון האָלץ.

—ווער ביסטו, אינגעלע און וואָס טוסטו דאָ?

—איך אַרבעט דאָ ביי מיין פעטער אין קאָכעלניע.

—דו אַרבעטסט?—האָט אים ישראל אָפּגעמאָסטן, און כאָטש בערל האָט שוין געציילט באַלד פערצן יאָר, דאָך האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ צען יאָריק קינד. ישראל האָט אָפּגעלאָזן דעם שנייד־מעסער, נאָך אַמאָל באַטראַכט דעם נפש און טאַקע געזען אַז זיינע מלבושים זיינען אויסגעשמירט פון ליים. ער האָט עפּעס ניט געוואוסט מיט וואָס אויפצונעמען דעם גאַסט.

—ווי רופט מען דיר?

—בערל רופט מען מיך.

—ווילסט אַ באַרנע?—גיי קלייב אויף אונטערן בוים, שעם זיך ניט. ביזט אפשר הונגעריק? קום אַריין אין שטוב וועט דיר מיין ווייב געבן עפּעס עסן.

—ניין, נישט הונגעריק. בערעלע איז געווען אַביסל צוטומלט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַגעגעניש? אויף זיין לעבן האָט ער אַזעלכעס ניט געהערט. דערווייל איז אָנגעקומען זלאַטקע פון שטאָט מיט אַ העפט פאַ־

פירן אונטערן האַנט. זי איז געווען ציכטיק אָנגעטאָן, מיט שיך און זאָקן. זי האָט אים אַ פרייליכע באַגעגנט: אָה, בערעלע, וואָס טוסטו דאָ? בע־רעלען האָבן זיך געמיניעט די קאָלירן פון זיין בלייך פנים און אין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ס'האָט אים אַ שוויס באַשלאָגן.

—כ'בין מיר דאָ צוגעגאַנגען—האָט ער קוים אַרויסגעמורמלט.

זלאַטקע איז אַריין אין שטוב. ישראל האָט גענומען ענדיקן די "לאשנע". בערל איז געשטאַנען, געקוקט אויף ישראלן און געטראַכט פון זלאַטקען. נישט אַזוי פון זלאַטקען, נאָר פון דעם העפט פּאַפּיר און וואָס זי גייט אין שולע. זי קען שוין שרייבן און לייענען, און ער איז בלינד און שטום.

שוין אַ לאַנגע צייט ווי בערל טוט געוויסע זאַכן אין פאַבריק דער פעטער זאָל ניט זען. ער האָט פונם ליים אויסגעקנאָטן פאַרשידענע גע־שטאַלטן פון חיה'לאך וואָס ער זעט אין וואַלד. ער האָט אַפילו מענטשע־לאַך אויך מאָדעלירט. און דאָס אַלעס באַהאַלטן פון פעטערס אויג. ביז איינמאָל האָט זיך דער פעטער אָנגעשטויסן אויף דעם באַהאַלטענעם אוצר, און ווי געפּלעפּט דער אַלטער איז געוואָרן זעענדיק די אַלע זאַכן.

—בערל!? האָט ער ווי מיט ניט זיין קול אַ רוף געטאָן.—בערעלע, קינד מיינס, ווארום האָסטו עס באַהאַלטן פון מיר. איך חלום דאָך פון אַזעלכע זאַכן מיין גאַנץ לעבן! ס'איז דאָך אַן עבירה אַזעלכעס צו לאָזן זיך וואַל־גערן. שקאָץ איינער, לאָמיר, איך וועל עס אַליין אויסברענען און גלאַזשירן. דו בעסער ראַם אָפּ אַ פּאַליצע וועלן מיר עס אָוועקשטעלן, זאָל מען עס קענען זען.

—וואָס דאַרף איך עס, און ווער וועט עס ביי מיר קויפן?

—דו פאָלג מיר, דו יונגאַטש וואָס דו ביסט. דער אַלטער ברוך ווייסט נאָך אויך עפּעס. איך זאָג דיר צו אַז דו דאַרפסט זיך ניט באַהאַלטן מיט דעם. ווען ס'פאַלט דיר איין אין מיטן טאָג עפּעס אַזאַ זאַך צו מאַכן, קאָנסטו עס גלייך מאַכן. דער אַלטער האָט זיך אַליין מתעסק געווען און איז געווען אין גרויס התפעלות פון דער פלאַי־פלאַימדיקער אַרבעט.

זינט דער געהיימער אַרסענאַל איז אַנטדעקט געוואָרן פון פעטער, האָט זיך בערעלע געפילט פריי אין פאַבריק צו טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט, און ער האָט זיך גענומען צייכענען מיט קויל אויף די ווענט פון שאַלאַש. דער אַלטער איז געווען אין זיבעטן הימל. די אַלטע פלעגט קוועטשן מיט די פּלייצעס און געבעטן גאָט אַז צו דער ליבע פון דער פּאָר זאָל קיין עין־הרע ניט צושטיין, און אָבזערווירנדיקביידנס אינטימיטעט, האָט זי ביי זיך געטראַכט: "סטאַריי יאַק מאַליי..." ווער וואָלט זיך עס ריכטן אַז פון אַזאַ שטיל לעבן וועט קומען אַזאַ עקספּלאָזיע?

**
*

ס'איז געווען אַזוי:

אין דרויסן האָט גערעגנט. דער אַלטער האָט זיך פאַרקליבן אין שאַלאַש דאַווגען. ער איז געשטאַנען מיטן פנים צום מזרח און האַרציק תפילה געטאָן פאַרן רבונו של עולם. האָט געגומען דער יונגאַטש און אים אין טלית און תפילין אַפּגעמאַלן אויף דער וואַנט. ווען דער אַלטער האָט דערזען: בערעלע האָט פון אים געמאַכט אַ געטש!—האָט ער אים גלייך געהייסן גיין פון זיין הויז. דיין געדעכעניש זאָל דאָ מער ניט זיין. דיין פוס זאָל דאָ ניט טרעטן. ער האָט זיך פשוט פאַרמאַסטן צו בערעלען מיט אַ מעטאַלענעם פורעם.—אַרויס פון דאַנעט!

בערעלע איז אַ פאַרציטערטער אַרויסגעלאָפן פון הויז און נישט געוואוסט וואו מען הייבט אָן גיין. אין דרויסן האָט געפּליאַזעוועט אַ רעגן. דער גאַנצער אַרום האָט געוויינט. וואוהין זאָל ער גיין, וואו זאָל ער זיך אהינטאָן? זיינע אויגן זיינען געפאַלן אויף יענער קופּע הייזער וואו ישראל האָט געוואוינט. ער איז פּאַמעלאַך צוגעקומען צו דער שטוב. אַלעס איז געווען פאַרמאַכט, אַלץ איז געווען טויט־שטיל, קיין סימן פון לעבן. פון ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער פון משה'ס ווינט־מיל וועלכע האָבן זיך געיאָגט משונהוויז פון שטאַרקן ווינט. ער האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שייער, פאַרוקט אין די היי און פאַרזונקען געוואָרן אין רעיונות.

אויפגעוועקט בערלען האָט דער סקריפּ פונם טויער וואָס ישראל האָט געעפנט נאָר וואָס קומענדיק פון באַן.

—וואָס טוסטו דאָ? האָט ישראל אָנגעקוקט דעם צעשראָקענעם אינגל פאַרוואונדערט. וואָס עפּעס אין מיטן טאָג דאָ אין שייער?

—דער פעטער האָט מיך אַרויסגעטריבן—האָט בערעלע אַרויסגע־רעדט מיט אַזוי פיל רחמים און אומשולד. ס'האָט זייער וויי־געטאָן ישראלן דאָס האַרץ פאַרן אָרימען יתום.

—קום מיט מיר צום פעטער, וועלן מיר הערן וואָס דאָ איז.

ישראל איז געגאַנגען פאַרויס מיט דער בייטש אין האַנט. בערל איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ פרעמדער. ישראל האָט זיך געריכט אויף אַ שווערער שטיקל אַרבעט. און אויב מען וועט דאַרפן אָנ־סטראַשן דעם אַלטן, וועט ער עס אויך טאָן. אָבער, ווי מען איז נאָר צו־געקומען צו דער טיר, איז געשטאַנען די אַלטע פאַר פאַלק און אויסגע־קוקט די אויגן אויף זייער בערעלען. ישראל האָט נאָר לפנים־וועגן אַ פרעג געטאָן: וואָס איז דאָ געווען?

דער אַלטער האָט געענטפערט מיט אַ מאַך פון דער האַנט, ווי ער

וואָלט זאָגן—ס׳איז ניטאָ פון וואָס צו ריידן. הם—האָט ער אַ בורטשע געטאָן—איך האָב פאַרלוירן דעם קאָפּ און אַ גאַנצן טאָג נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. ווער ווייסט וואָס אַזאַ איינעם קען איינפאַלן? די אַלטע האָט דערוויל בערעלען אַריינגענומען אין שטוב.

ישראל האָט זיך פאַרנומען צוריק אַהיים. נאָר דאָ האָט אים דער אַלטער אַ שושקע געטאָן אין אויער: איר ווילט זען וואָס אַן אַלטער נאַר איז? קומט אַריין אין פאַבריק.

—איר זעט?—האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אויף די ווענט—איר זעט די זאַכן אויף דער פּאַליצע? דאָס איז אַלץ זיין מלאכה. ישראל איז נשתומם געוואָרן. ער האָט אויפן מאָמענט זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן. ער האָט נישט געוואוסט צי קלאָגט ער אָן בערעלען אָדער ער לויבט אים. און וואָס זאָל ער זאָגן?—נו, וואָס זאָגט איר?

—וואָס איך קען זאָגן: כ׳בין אויף אַזעלכע זאַכן ניט קיין מבין, נאָר איך ווייס אַז ניט יעדער איינער קען אַזעלכעס מאַכן.

—יאָ, ר׳ ברוך, איר פאַרשטייט בעסער פון מיר אויף די זאַכן. זייט געזונט און האָט מיר אַ גוטן טאָג.

**
*

זינט יענעם אינצידענט, זיינען אַריבער טעג און וואָכן. ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער און איינגעקאַוועט די וועלט אין קלאַמען. בערעלע פלעגט זייער זעלטן קומען צו ישראלן, און דאָס איז געווען צוליב זלאַטקעס האַלטונג. זי האָט בערעלען קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. ער האָט זיך געפילט געקרענקט פון דעם, וויל טיף אין האַרצן האָט ער זלאַטקען ליב געהאַט סכנות־נפשות. ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג און פון בערעלעס ליבעס־טרוים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. וועלדער האָבן גענומען גרינען, פעלדער אַרום זיינען געוואָרן באַלעבט. ס׳האָט געבליט, געוואַקסן און רייף געוואָרן. ישראל איז געשטאַנען אויפן פעלד און געהאָלפן בינדן סנאָפּעס, צייטיקע קאָרן וואָס די שניטער האָבן אַרונטערגענומען פון די פעלדער. עפּעס אַ מאָדנעם פאַרשוין האָט ער באַמערקט ביים ראַנד פון זיינע פעלדער, אויפן בערגל וואָס קוקט אַריבער צום וואַלד.—וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין אויף זיין פעלד? איז עס אַ קאָמאָרניק? טאָ וואָס טוט ער אויף זיין פעלד? ער איז צוגעקומען נעענטער צום פאַרשוין און ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן דערזעענדיק וואָלאָדיאַ וולאַדאָווסקי מאָלן מיט פאַרבן דאָס פעלד און דעם וואַלד. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם, און ישראל האָט מיט אויסערגעוויינלעכן נייגער זיך פאַרקוקט אויפן לייוונט.

—וואָס האָט אײַך אַזוי פאַראינטערעסירט, פּאַניע ישׂראל? זעט איר עפּעס דאָ? ס'איז נאָך בלויז קאַנטורן.

—איך קוק מיך איין, ווייל דאָ אין קאָכעלניע איז פאַראַן אַ אינגל קען ער אויך אַזוי ריסעווען.

—וואו איז דער אינגל?—האָט וואָלאָדיאַ געפרעגט געלאַסן—וואָס טוט ער דער אינגל?

—וואָלט איר געוואָלט אים זען?

—אויב איר זאָגט אַז ער מאַכט אַזעלכע מאָלונגען ווי די, לוינט זיך אים צו זען.

—נו, לאָמיר צוגיין.

—היידאַ, איך בין גרייט.

ביידע זיינען אָנגעקומען צום אַריינגאַנג פון פאַבריק. ישׂראל האָט וואָלאָדיען פאַרגעשטעלט פאַר ביידן. דער אַלטער איז געווען מלא־שמחה וואָס מאיר וולאַדאָווסקיס זון, וועלכער לערנט זיך אין די גרויסע שטעט און גייט אָנגעטאָן מיט אַ קאָקאַרדע און קנעפּ, איז געקומען באַטראַכטן בערעלעס אַרבעט. בערל אַליין איז נעלם געוואָרן...

וואָלאָדיאַ איז געבליבן צוגעשמידט אויף איין פּלאַץ. ער האָט זיינע אויגן אַריינגעגראָבן אין אַ פּאָר צייכענונגען. ישׂראל און דער אַלטער האָבן געהיט וואָלאָדיאַס בליק. ס'האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט. ס'האָט זיך אויסגעדוכט ווי אַן עדה אידן שטייען אין טלית און קיטל און וואַרטן דער בעל תפלה זאָל אַרויסשאַלן—הנני!

—וואו איז ער? פרעגט וואָלאָדיאַ—רופט אים אַריין.

דער פאַרשוין האָט זיך באַוויזן. דאָס פּנים בלייך און בלאַטיק, דאָס העמדל צעשאָסן, פון די תחתונים קריכט דאָס לייב אַרויס.

—לאָמיר זיין בעקאַנט—שטעקט אים וואָלאָדיאַ די האַנט.

—ווי לאַנג אַז איר ריסעוועט? ווי לאַנג איז אַז איר מאָדעלירט סטאַ־טוען? דאָס וואָרט האָבן די אַלע דריי נישט געהערט. ביי בערעלען האָבן זיך געשאָקלט די ליפּן, אָבער קיין וואָרט איז נישט אַרויסגעקומען.

—קענען מיר קומען אַהער נאָך אַמאָל?—פרעגט וואָלאָדיאַ ביים אַלטן דערלויבניש.

—מאַכעטייסע, פאַר וואָס ניט? אַדרבא.

ישׂראל איז אַרויס צוזאַמען מיט וואָלאָדיען. ער האָט געוואָלט דערגיין פונם סטודענט וואָס אַזוינס איז דאָס וואָס ליגט אין בע־רעלעס הענט. איך האָב אַלעמאָל געדענקט אַז די זאַכן לערנט מען זיך אין שקאָלעס. און ווי ישׂראל האָט דאָן אַרויסגענומען פון וואָלאָדיעס

רייד, איז דער אינגל איינער פון טויזנטער. ס'איז אַ וואונדערליכע דער־שיינונג.

דעריבער, ווען ישראל איז געקומען אין שטוב, האָט ער די נייס אי־בערגערעדט עטלעכע מאָל, און געזאָגט האָט ער מיט אַ כיון כדי זלאַטקע זאָל עס הערן. אָבער דאָרטן אין דער טונקעלער קאָכעלניע, האָט גע־הערשט אַ מאָדנע שטילקייט.ביידע, אי דער אַלטער, אי דער יונגער, זיינען געשטאַנען ווי געליימטע. ביידע האָבן אויף עפּעס געוואָרט, ביידע האָבן ניט געוואוסט מיט וואָס אָנצעהויבן, ביז דער אַלטער האָט זיך אַ כאַפּגעטאָן — שוין צייט צו דאַוונען מנחה.

***

ווער האָט אַמאָל אין שטעטל געחלומט צו האָבן אַ קונסט מוזיי? ניט דער גרעסטער פאַנטאַזיאָר אָדער משוגענער וואָלט אַזאַ וואָרט געקענט אַרויסברייננגען.

זינט וואָלאָדיא האָט יענעם פאַרנאַכט געזען די אַרבעט פון בערעלען, פלעגט ער יעדן טאָג פון זיין וואַקאַציע קומען מיט פריינט אין קאָכעלניע פאַר באַזוך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין "עולה־רגל זיין". פריער זיינען געקומען די חברה וועלכע האָבן געהערט צו וואָלאָדיאַס קרייז, די איב־טעליגענציע. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום בערלען ווי בינען אַרום האָניק. יעדן פאַרנאַכט האָט מען מיטגענומען בערלען פאַר אַ שפּאַציר, מען איז געגאַנגען אויפן שאָסיי, אין הויפישן סאַד, אויף דער גרעבליע און אויך אין וואַלד.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ גערודער. אַ שטילער שטורם האָט אויס־געבראָכן צווישן דער אַרעמשאַפט, ד. ה. אין די אַרבעטער קרייזן. ס'האָט זיך צעפלאַקערט די אמתע רעוואָלוציע. סטייטש? — האָבן געטענהט די זעלבע חברה וועלכע האָבן באַטראַכט און געמאַכט בערעלן פאַר אַן אי־דיאָט. זיי האָבן געטענהט: — ער איז דאָך אַן אונזעריקער, אַן אַרבעטער! ווי קומט ער צו זיי? מיר דאַרפן קעמפן.

די עלטערע בעלי־מלאכות וועלכע האָבן אויפגענומען די נייס, האָבן געשמייכלט מיט אַ ציניש געלעכטערל. — איר חברה, האָט עס אַרויסגע־וואָרפן, די רייכע האָבן עס צוגעכאַפּט. און ווען די רייכע כאַפּן עפּעס אַריין, איז שוין שווער אַרויסצוקריגן. אויך ביי ישראלן אין שטוב איז געוואָרן אומעטיקער. די שיינע זלאַטקע האָט געזען מיט קנאה ווי פאַניע וולאַדאַווסקי, פאַניע שוב, אסתר שאגאַן, שפּאַצירן מיט בערעלען און שטיפן אַזוי גוטמוטיק מיט פרייען געלעכטער, אַזש דער וואַלד קלינגט.

דאָ אין קאָכעלניע, האָט דער אַלטער דערפילט פון דעם גאַנצן רעש

ווי עפּעס אַ נאָך יום־טוב. זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט אים עפּעס געוואָרנט: דער יונג איז ניט מער דיינער. די אַלע זאַכן וואָס דו האָסט אָפּגעשטויבט און געצערטלט וועלן פון דאַנען אַוועק. די קויל־צייכענונגען וועלן בלייבן שטומע עדות אַז דאָ איז געווען בערעלע. און יענע אַלטע מחשבות אַז די פאַבריק וועט בלייבן אַ פּוסטקע ווען ער וועט פאַרלאָזן די נאַרישע וועלט, האָבן דעם אַלטן זייער טרויעריק געמאַכט און דער שרעקגעפיל איז נישט געווען אומזיסט.

בערעלע האָט דערציילט דעם פעטער די פּלענער וואָס זיינע נייע פריינט מאַכן פאַר אים. דערווייל לערנט מען אים שרייבן און לייענען און דערנאָך וועט ער פאָרן אין אויסלאַנד. ער וועט דאָרט שטודירן ביי די גרויסע וועלט־מייסטער. זיי, די פריינט זיינע, האָבן שוין אַלעס אויסגעאַרבעט פאַר אים. זיי האָבן געלט און אויך אַ פּאַספּאָרט, און ווען ער וועט זיין צוגעגרייט, וועט ער אָפּפאָרן.

אַ דאָפּלטע רעאַקציע האָט באַהערשט דעם אַלטן. ער האָט זיך געפונען צווישן האַמער און קאַוואַדלע. אים האָט זיך געוואָלט אַז בערעלע זאָל ווערן אַ גרויסער מאַן, אַ געלערנטער. פון דער אַנדער זייט האָט ער געוואָלט זיין נאָענט צו בערעלען. האָט ער נישט קיין חלק אין בערעלען? נאָר געוואוסט האָט ער ביי זיך אַז זיין טראַכטן און דענקען וועט נישט העלפן. בערעלע וועט אַוועק, און ער דאַרף זיין באַרייט דאָס איבערצולעבן. און ווען דער שווערער מאָמענט איז געקומען, האָט אויף בערעלען אין דרויסן געוואַרט אַ בריטשקע מיט אַ פּאָר פייערדיקע סוסים, עטלעכע שאָטנס האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס און בערל אַליין, אַ פאַרלאָרענער ווי אין אַ טראַנס, האָט מיט אַ געבראָכענער שטימע געקושט און געזאָגט אַ זיי־געזונט צו דער אַלטער פּאָר—און פאַרשוואונדן. אַלץ אויף דער וועלט איז שטיל געוואָרן. די אַלטע האָבן יאָמערלעך געוויינט, אָבער זיך ניט געקענט זעצן שבעה.

אין שטעטל האָבן די אַרבעטער פון דער קאָנספּיראַציע נישט געוואוסט. זיי האָבן נאָך אַלץ געמאַכט פּלענער אַריבערצוציען בערעלען צו זיך. זיי האָבן שוין מעטאָדיש אָנגענומען אַ פּלאַן ווי אַזוי צו געווינען בערעלען צוריק. אַ קאָמיטעט איז דערוויילט געוואָרן אַלס אַ דעלעגאַציע צו ריידן מיט בערלען און אים איבערצייגן אַז ער געהערט ניט צו זיי, צו די קאַפּיטאַליסטן.

דאָס מאָל זיינען געגאַנגען אַ גרופּע אין אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט שבתדיק אָנגעטאָן צו דער קאָכעלניע—שוין ניט צו וואַרפן קיין שטיינער, נאָר מאָנען יושר. סטייטש? ווי קען דאָס אַזאַ זאַך מעגלעך זיין? יעדער

איינער האָט אַרויסגעזאָגט זיין געדאַנק ווי אַזוי מען זאָל קענען ווירקן אױף פּעטער װעלכער איז אַלעמאָל פאַרביטערט, אַ אויף בערלען. און געבליבן איז, ווי מען האָט באַשלאָסן ביי די זיצונגען — מיט גוטן, ריידן שיין. ווען מען איז שוין געשטאַנען ביים גאַנעק, איז זיי דער אַלטער ר׳ ברוך געקומען אַנטקעגן. אין זיינע אויגן איז געווען אַ ים מיט טרויער, און זיין צעקנייטשטער פּנים האָט אויסגעזען ווי איין שטיק פּיין.

—וואָס וועט איר זאָגן חברה?

—ר׳ ברוך, מיר ווילן ריידן מיט בערלען, מיר דאַרפן אים זייער נויטיק זען.

—צו וואָס דאַרפט איר אים אַזוי נויטיק זען?—האָט ער די ווער־טער אַרויסגערעדט מיט סאַרקאַזם.

יאָסל, דער פאַרשטייער פון דער דעלעגאַציע, האָט גענומען דער־ציילן דעם אַלטן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט פאַרן אַלטן געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן קלאַסן־צעטיילונג, און ווי דער רייכער קלאַס נעמט אַלעס צו ביים אָרעמען.

צום אַלטן האָבן זיך די ווערטער נישט צוגעקלעפּט. ער האָט בלויז מעכאַניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

—וואָס טויגן מיר אייערע איצטיקע רייד? אַז איר זייט געקומען צו שפּעט. וואָס טויגן מיר אייערע דרשות? רייכע, אָרימע, איר האָט דאָך אים פאַרשטויסן, פאַרטריבן, איר האָט דאָך אים נישט איינמאָל דעם קאָפּ צעשפּאָלטן, מיינע שויבן צעבראָכן. וועט איר דאָך האָבן אַ תירוץ—איר האָט ניט געוואוסט. טאַקע פון דעם ניט וויסן נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. מיר דאַרפן זיך אַלע שעמען, מיר האָבן נאָך תערומות אויף זיי, די וואָס פאַרשטייען און שאַצן אָפּ. וואָס וואָלט איר איצט געטאָן מיט בערלען ווען ער איז דאָ? דאָ האָט דער אַלטער געמאַכט אַ פּויזע און יעדן באַזונדער אַריינגעשטאָכן מיט זיינע אַלטע, אָבער שאַרפע אויגן.

—מיר איז ערגער פון אייך. בערלע איז ניט מער ביי מיר, ער איז שוין ווייט, ווייט פון דאַנען. יאָ, אָרימע ברידער מיינע, איר האָט זיך אַרומגעזען צו שפּעט. דאָס איז אונזער גרעסטע שטראָף—ווען מיר כאַפּן זיך, איז אַלעמאָל צו שפּעט . . .

אידיש בלוט

לעזנדיק די נייעס אַז מענדל ביילים איז טויט, איז מיר געקומען אויפן רעיון זייער אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער גאַנצער ביילים־אַפערע, ווי זי האָט געווירקט אויף אַ פּאָר מנינים אידישע בעלי־מלאכות וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ גוי׳אישן ים פון רויע כוואַליענדיקע אַנפאַלן אַן אויפהער.

אין דער אימעניע ז. וואָס האָט געהערט צו דער גראַפינע באַברינסקי זיינען אַלע מאָל געווען באַשעפטיקט אַ היבשע צאָל אידישע בעלי־מלאכות. די אימעניע (אָדער כ׳וועל דאָס בעסער רופן דער הויף, ווי די אידן האָבן עס גערופן זאַקאַזעליע) האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע הונ־דערט איינוואוינער. לויטער גוים, פאַראַבקעס, און אַנטרייבער, און אַ גרוי־סע צאָל אַרבעטער פון די זאַוואָדן, און ווייסע קאָלנערס אַן אַ שיעור, אין די קאַנטאָרן. און דערנאָך אַ צעטל פאַרוואַלטער „אופּראַווליאַיִשטשעס״ איי־נער איבערן אַנדערן, ביז צום העכסטן איבער אַלע — „פּאַן״ דענן.

די אַלע אַנגעשטעלטע פון העכסטן ביזן קלענסטן, האָבן אַלע געהאַט געוויסע וואוינונגען לויט נאָך זייער גראַד, נאָר די אידישע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געבויט און באַרייכערט דעם הויף, זיינען געווען ווי שטיף־קינ־דער, זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַץ. דאָ האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין „קאַרטאָפּליאַניק״, דאָס איז אַ טייל פון ברויז וואו מען לייגט אָפּ די קאַרטאָפּל אום ווינטער, ווען דער ברויז אַרבעט. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ זעמליאַנקע, אָדער גאָר אין אַ ליידיקן שטאַל.

עס איז זייער נאַטירלעך געווען אין דעם אידישן לעבן צווישן גוים — אַז באַליידיקט ווערן פון אַ גרויסן גוי, אָדער אַ שגצ׳ל איז געווען אַן אָפטע זאַך, פון וועלכע מען האָט קיין שום וועזן ניט געמאַכט. אָבער אַזוי גיך ווי די מעשה ביילים איז באַקאַנט געוואָרן, און מען האָט אויפגעהעצט דעם אומוויסנדיקן המון, איז די לאַגע געוואָרן אונערטרעגלעך, אויף יעדן שריט און טריט האָט מען יעדן אידן נאָכגעשריען ביילים! די אידן האָבן

זיך געפילט זייער דערשלאגן, א שווארצער וואלקן האט ארומגעכאפט די ביסל אידן וואס האבן צוליב פרנסה זיך געמוזט דרייען פאר די אויגן פון די צערייצטע וועלף.

די אידן, פשוט׳ע הארעפאשניקעס האבן זיך געטוליעט, געקלעפט איינער צום אנדערן, ווי אין א צייט פון א גרויסער געפאר. אבער קיינער פון זיי האט ניט באגריפן וואס עס קומט פאר, ווייל קיינער פון זיי האט די גאנצע זאך ניט געוואוסט ריכטיק. זיי פלעגן זיך שפייזן מיט די ידיעות וואס זיי פלעגן אויפנעמען אין שטאט קומענדיק אויף שבת אהיים.

דעם זומער איידער בייליסעס פראצעס האט זיך אנגעהויבן האט מען רעמאנטירט דעם אלטן פאלאץ. אלע בעלי־מלאכות זיינען זיך צעגאנגען איבער אנדערע טיילן פון הויף, און די איינציקע אין פאלאץ זיינען פאר בליבן די מאליארעס.

שלמה דער מאליער האט זיך עפעס ארויסגעשיילט אנדערש פון אלע. דורך דער צייט פון יארן וואס ער האט געארבעט אין הויף — איז ער נא־טירלעכערווייז געווארן א מין פארשטייער. ניט נאר פון די אידישע בעלי־מלאכות, נאר אפילו פון די דארפישע ישוב׳ניקעס ארום. ער האט מיט זיין פערזענלעכקייט און גרויסן בטחון דורכגעפירט גאר גרויסע זאכן. און שא שטיל קיינער האט פון דעם ניט געוואוסט, אויסער דער בעל דבר אליין.

איצט אז עס קאכט שוין די וועלט מיט בייליסעס פראצעס, איז די לופט געווארן ענגער, שווערער, די אידן וואלטן וועלן זיין נידריקער פון גראז, אונטערן גראז, איידער צו טרעפן זיך מיט די שפיציקע אויגן וואס שטעכן דורך. און דערפאר ווען ס׳פלעגט ווערן טונקל, און די בוימער האבן אראפגעלאזן זייערע שווארצע שאטנס, האבן זיך שטילערהייט, פון אלע עקן הויף צונויפגעקליבן אלע בעלי מלאכות צום פאלאץ, זיך אויסריידן, אפשר עפעס הערן נייעס. טראגי־קאמיש זענען געווען די צוזאמענקונפטן. זייער אומגעלומפערטע, נארישע פראגן פלעגן געשטעלט ווערן. איינעם האט מען אפגעזידלט, א צווייטן דערקלערט. נאר, נאך אלעמען, זיינען אלע אוועק מיט א תפילה אויף די ליפן אז דער שקר בלבול זאל אויפגעדעקט ווערן און דער איד זאל באפרייט ווערן.

שלמה דער מאליער שטייט ניט א גאנצן טאג און ארבעט אין אזא צייט. אין דער פרי, גאנץ פארטאג, לערנט ער משניות, דערנאך זאגט ער תהלים א גאנצן ים, און אין דער שמונה עשרה האט ער צוגעגעבן א ספע־ציעלע תפילה פאר בייליס׳עס באפרייאונג — און בייטאג גייט ער ארויס

אין הויף הערן נייעס. נאָכמיטאָג קומט צו אים אין פּאַלאַץ דער בוכ־האַלטער טשערניאַנקאָ, און זיי גייען אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער די אַלייעס. און אַז שלמה קומט צוריק, זאָגט ער גאָר ניט וועגן דעם וואָס ער האָט גערעדט מיט טשערניאַנקאָ׳ן, נאָר ער רעדט אַרויס אין פריי־לעכער שטימונג, אַז דאָס איז איינער פון די חסידי אומות העולם. טשער־ניאַנקאָ פלעגט אים איבערגעבן דעם גאַנג פון פּראָצעס. און פלעגט אים טרייסטן — ס׳איז אַ באַרבאַרישע אויסטראַכטעריי, וואָס וויל מען פון ערלעכע, פאַרפאָלגטע מענטשן? און נאָך אַזעלכע ווערטער.

די ווערטער פלעגט שלמה איבערגעבן די פאַרזאַמלטע זיצנדיק אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט, ביים ריזיקן גרויסן פּאַלאַץ. אויף אַלעמען פלעגט אויפהעלן אַ פונק פון פרייד, וואָס האָט געשטאַרקט זייער גלויבן אין אמת׳ן גאָט צו וועלכן זיי געהערן.

איינמאָל אין אַ פינסטערער בלאָטיקער׳נאַכט זיינען שוין די מאַליאַ־רעס אין פּאַלאַץ געלעגן אויף די שטרוי־זעק אויפן דיל און געשלאָפן. ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט, — האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין דער גרויסער שויב: שליאָמאָ! שליאָמאָ! אַז מען האָט זיך אויפ־געכאַפּט, האָט מען דערהערט די ווערטער „ביילים אַסוואָבאַאַדיען!״

פאַר דער שיין פון גלאָז האָט געלויכטן דער שוואַרץ־חנ׳עוודיקער געזיכט פון אָבער־בוכהאַלטער טשערניאַנקאָ.

נאָכדעם ווי די נייעס האָט אין דער פרי צו אַלעמען דערגרייכט, זיי־נען אידן געקומען צולויפן צושמייעטע, מיט אויפגעלויכטענע צורות. ווער האָט געדענקט פון מלאכה, וועגן אַרבעט? אַלע זענען געקומען ספּאָנטאַן צו דער פייערונג. די קאָטליאַרעס האָבן גלייך געבראַכט אַביסעלע „ביינציקער״ און אידן האָבן געטרונקען לחיים, גאָר בגילופנדיק. אָבער דער נאָמען טשערניאַנקאָ איז חלילה ניט פאַרגעסן געוואָרן. אַלע האָבן דעפילט אין אים אַן אייגענעם, אַ פריינד — אַ מלאך הגואל. וואו זיינען דאָס די היינטיקע ציטן אַזעלכע גוים? האָבן אים אַלע גערימט.

ביי טאָג איז טשערניאַנקאָ ווידער געקומען פאַרברייגען און זיך פרייען מיט שלמה׳ן. אויף דעם שפּאַציר אונטער די אַלייען, האָט ער שלמה׳ן אָנגע־נומען ביי דער האַנט, און ער איז נתגלה געוואָרן: — מיין מוטער איז גע־ווען אַ אידישע — און איך פיל אין זיך אידיש בלוט . . .

מצות פאר יורדים

ס׳איז ערב פרילינג אויף די פּאַליעסער לאַנדשאַפטן. קיין סימן פון שניי זעט מען שוין ניט. נידעריקע פלאַכע פעלדער שפּילן זיך אין מוראדיקע אַזערעס. די וועגן זיינען איבערגעריסן און פאַרטרונקען. בוימער שטייען געוואַשענע. די צווייגן נאַכגעלאָזט פייכט, ווי נאַסע פּאות נאָך טבילה—פאַר אַ גרויסן יום־טוב. אַלץ אַרום איז אין אַ צושטאַנד פון אַ נייעם בראשית, אַ גייסט פון דערוואַכונג שוועבט איבער דער פלאַך־זילבערנער וואַסער־אויסשפּרייטונג, און איז מבשר:—ס׳קומען ליכטיקע וואַרעמע טעג.

אין שטעטל איז די בילד גאָר אַנדערש. דער ערב פרילינג איז זייער אָנגעלייגט, אָבער דעם אויבן־אָן פאַרנעמט דער ערב יום־טוב. ס׳איז בלויז איין וואָך פאַרבליבן ביז פּסח, און אַ גרויסע צאָל פאַמיליעס האָבן נאָך נישט באַוויזן אַפילו מצה אָפּצובאַקן.

זינט נאָך פּורים, קאָכט און טומלט אַרום די ״שוואַלניעס״ וואו מען באַקט מצה פאַר די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים. דאָרטן וועלגערן, קנעטן, שיבן, די וואָס דאַרפן נאָך פריער אין די ״פּאָדריאַדן״ פאַרדינען אויף פּסח. און ווען גאָט העלפט מען קען שוין באַצאָלן פאַר די פּאַר פּוד מעל אויף מצות—מאַכט מען דאַן ״טאָלעקעס״, דאָס הייסט, איין פאַמיליע העלפט דער אַנדערער אויף אַ קאָמונאַלן שטייגער. איינע גיט די שטוב, אַ צווייטע גיט האָלץ, אַ דריטע גיט די מכשירים. ערשט דערנאָך קומען זיך צענויף מכל אשר בכל, און מיטן אויבערשטנס הילף ווערט שוין דאָס ביסל מצה אָפּגעבאַקן.

די ״טאָלעקע״ משפּחות גייען אַריין אין דער צווייטער קאַטעגאָריע ביי גאָט. זיי דאַרף דער פּראַכטפולער פרילינגס יום־טוב אָנקומען גאַנץ שווערלאַך. און אַנשטאָט אַלע סימבאָלישע מאכלים וועלכע דאַרפן פּרעזענטירן דעם גרויסן פעסטיוואַל פון דער ניסים׳דיקער באַפרייאונג, מוז מען זיך באַנוגענען מיט ערזאַץ. אַנשטאָט ווייַן—מעד, אַנשטאָט פיש —

זאַלץ־וואַסער, אָנשטאָט אַ געבראָטענעם לאָם—אַ „דרויבעסקע״. ווארום זאָלן זיי זיין ביי גאָט די צווייטע קאַטעגאָריע? דאָס איז טאַקע געווען די פינפטע שטילע קשיה וואָס מען האָט ביי געוויסע טישן געגומען פרעגן...

ס׳איז אָבער אויך געווען אַ דריטע קאַטעגאָריע, וועלכע האָט אויך באַדאַרפט אַריינברייגגען דעם פסח. דאָס זיינען געווען יורדים, די וועלכע זיינען צום מעות חיטים קאָמיטעט ניט געגאַנגען און דער קאָמיטעט האָט פון זיי נישט געוואוסט. פונדעסטוועגן זיינען די מענטשן באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלעם נויטיקן פאַרן יום־טוב, דורך אַזאַ מין געהיימער האַנט, אַזוי מאַגיש, דאָס אָפילו די מיטהעלפער אַליין האָבן אויך ניט געוואוסט וואוהין און פאַר וועמען די זאַכן וועלן גיין. פאַר דעם צוועק איז ספּאָנטאַן אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אַ קלוב פון „ניט פרעגערס״, און די מיסיע איז דורכגעפירט געוואָרן שטיל און אָנשטענדיק אַזוי, אַז אָפילו ביי די ניט־גלויביקע האָט עס אַרויסגערופן חידוש פון קעגנוואַרטיקע ניסים. ס׳איז דאַן אין שטעטל געמינצט געוואָרן אַ נייער סלאָגאַן: „פרעג ניט קיין קשיות און העלף מיט דער אַרבעט״. און חברה יונגוואַרג פלעגן קומען פון אַלע זייטן, און, פאַר־בייגייענדיק, טאָן וואָס מען האָט באַדאַרפט.

ווער זיינען דאָס פאַרט געווען די איניציאַטאָרן וועלכע האָבן אויפ־געשטעלט אַזאַ מתן־בסתר׳דיקן אַפּאַראַט — ניט נאָר הילף פאַר יום־טוב אָדער שבת, נאָר הילף בכל יום? ווער האָט עס אַזוי קאָאָרדינירט די אַר־בעט וואָס האָט געוואונען דעם צוטרוי פון יעדן באַטייליקטן? דאָס איז געבליבן אַ געשוואָרענער סוד. און ווער ס׳האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע, איז געוואָרן אַ גלייכער שותף מיט פולער אחריות, ווייל קיין טי־טולן ווי די קאָנווענציאָנעלע קלובן, מיט אַ פאָרזיצער, סעקרעטאַר און עקזעקוטיווע, זיינען ניט געווען.

אַ גאַנץ יאָר איז די אַרבעט געגאַנגען בשלימות, ס׳איז געווען שאַ־שטיל. איז, אָבער, געקומען צו פאַרזאָרגן די ביסל מצה, האָט מען שוין באַדאַרפט האָבן אַ הויז וואָס זאָל אָן פראַגעס געבן אַ פּאָר טעג, אָדער עט־לעכע אָוונטן, אָפּצובאַקן די פרייע מצות. און אַזאַ הויז, וועלכע האָט שוין געהאָט אַ טראַדיציע פון פאַרגאַנגענע עטלאכע יאָר, איז געווען. די הויז איז געווען פייגע רחלס, באַקאַנט אונטערן נאָמען — פייגע רחל שלומ׳ס. די שטוב איז געווען אָפן פאַר דער גרופּע. און דאָרטן פלעגט מען ביים סאַמע סוף פון ערב יום־טוב אויסבאַקן עטלעכע זעק מעל. און ווען מען זאָגט ביים סאַמע סוף, מיינט עס טאַקע בפועל ממש אי ביים סוף פון דער לעצטער וואָך, אי אין די שפּעטע שעהן פון די נעכט. ווייל בייטאָג איז די שטוב געווען פאַרנומען פון די טאַלעקע משפחות, און ערשט אין אָוונט פלעגט מען אויפסניי אָנהייבן דעם טאַראַראַם פאַר די אַנאָנימע פאַמיליעס.

דאָ פלעגן קומען די יונגע מענטשן ווען פסח איז שוין געווען פאַר־זאָרגט. די מיידלעך פלעגן זיך אויספוצן אין עסיק און אין האָניק, און די בחורים פלעגן זיין די העלפער, ד. ה. די שוואַרצע אַרבעטער. און אַזוי ווי ס׳פלעגט זיך אָנהייבן אַרום 8־9 אין אָוונט, האָבן שוין אויך אַרבעטער מיידלעך, די נייטערינס און שניידערקערס, זיך אויך אַריינגעכאַפט צו פאַרדינען אַ שטיקל מצוה. און ווען אַרבעטער מיידלעך זיינען דאָרט שוין געווען, פלעגן זיך שוין אויך אַריינכאַפן זייערע פאַרערער. און ס׳איז געווען פריילעך. אָבער, די פאַמיליע, פייגע רחל׳ס, האָט פון דער פריילעכקייט ניט געוואָסן. ס׳איז פאַר זיי געווען אַן אָפּקומעניש. ס׳איז ניט געווען וואו צו עסן און נאָך ערגער, וואו צו שלאָפן. די קינדער פלעגן זיך וואַלגערן אין קליין־אַלקערל ווי געשאָכטענע שעפּסעלאך, און דאָס אַלטע פּאָר פאָלק פלעגט זיצנדיק כאַפּן אַ דרימל. אָבער ווער איז געווען גלייך צו שלומן און פייגע רחלען, ווען מען האָט די הויז אויפגעראַמט און זיך געזעצט צום סדר? זיי האָבן געפילט: זיי האָבן ביידע וועלטן פאַרדינט.

נו, איז ווי די זאַך ווערט דערציילט, איז דאָך אַלעס געווען גוט און וואויל. ווען מען וועט עס איינפאַלן אַז ארום דאָס ביסל ״אָרעם־ברויט״ אָפּ־צובאַקן וועט אַרויסגערופן ווערן אַ גאַנצע סומאַטאָכע, און די גאָטס־סטראַפּטשעס וועלן די מעשה־נורא ברייגנען צום רב. ס׳איז עפּעס אַ קליי־ניקייט! בחורים מיט מיידן קומען זיך צונויף שפּעט ביינאַכט און הוליען, מיטן אויסרייד אַז זיי טוען אַ דבר־של־מצוה.

ווער זייגען געווען די יעניקע וואָס האָבן געבראַכט די אָנקלאַגע צום רב? מען איז זיך משער געווען: אַז געטאָן האָבן דאָס די עלטערע קהי־לה־פירער. נאָר דער רב, ר׳ הירש, איז נישט צוטומעלט געוואָרן פון די נייס. ער האָט ניט געזען קיין חטא אין אַזעלכע זאַכן. ער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט אַליין די זאַך אויספאָרשן. און איינמאָל, אַרום האַלב נאָך 11 אַזייגער, ביינאַכט, טאַקע ביי פייגע רחלען אין שטוב, וואו דאָס באַקן איז געווען אין סאַמע ברען, ווען דער עולם יונגוואַרג איז געווען גאָר אויפגע־הייטערט, דער גרויסער לאָמפּ האָט געלויכטן פייערלאך, און די פּנימער פון די וועלגערינס האָבן געפלאַמט, איינע האָט פאַרצויגן אַ פּאָפּולער לידל, און די הויז איז געגאַנגען כאָדאָראָם, דער גייסט פון חירות האָט אַרומגע־נומען אַלע ווינקעלאך פון הויז, פלוצלונג בעוויזט זיך אין טיר—ר׳ הירש׳ס פּאַטריאַרכאַלישע צורה. אַלע גיבן אַ ציטער. דאָס געזאַנג ווערט אָפּגע־האַקט. בחורים כאַפּן אָנצוטאָן די היטלען. עס ווערט עפּעס אַ שטילע פאַר־ווירונג.

ר׳ הירש האָט דורכגענומען דעם יום־טוב׳דיקן עולם און אַריינגע־קוקט ביים קנעטער. זיך געלאָזן צום קיך ביים אויוון.

—וואו איז דיין היטל ר׳ אַבראַמטשיק?

אַבראַמטשיק, דער ספּעץ־שיבער, האָט אַזאַ גאַסט אין דער שעה, אין אַזאַ טיפער בלאָטע, ניט דערוואַרט. ער איז פאַרצאַפּלט געוואָרן. און ווי מיט אַ פרעמדער שטימע האָט ער געענטפערט:—ס׳איז אַ נייער היטל, כ׳האָב מורא עס זאָל ניט צוברענען.

—און פאַר דיין קאָפּ האָסטו ניט קיין מורא? זאָג מיר וואָסי—דו אַרבעטסט גאָר ניט ערב יום־טוב?

— רבי, איך בין גראַד שטאַרק פאַרנומען, נאָר איך כאַפּ מיך אַרי־בער אַהער נאָך דער אַרבעט.

—נו?—האָט ער זיך אַליין ווי געשטעלט אַ פראַגע.

ער איז ווידער צוגעקומען צום קנעטער, באַקוקט וויפיל מעל ס׳איז נאָך פאַראַן אין זאַק, און געפרעגט: דאָס אַלץ וואָס איר וועט היינט אויס־באַקן?

—יאָ, רבי, האָט יאָסל וויסמאַן דערקלערט—דאָס איז אַלעס. היינט איז די לעצטע נאַכט. מיר האָבן שוין אַלעס דערליידיקט.

—אַ גוטע נאַכט און אַ גוטן יום־טוב. אויף זיין פנים האָט אויפגע־לויכטן אַ גוטמוטיקער שמייכל.

***

אין שטעטל האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דעם רב׳ס באַזוך אין דער טאַלעקע. יעדער איינער האָט דערציילט בשם־אומרו: „מען זאָגט, אַז דער רב האָט די מסיר׳ניקעס אַנגעזידלט:—וואָרום זוכט איר די שלעכטע זייט? פאַר וואָס זעט איר ניט די זאַך אין ריכטיקן ליכט? ווען יונגעלייט אָפּערן זיך נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט צו העלפן נויטבאַ־דערפטיקטע, איז עס גאָר אַ הויכע מדרגה. וואָס האָט איר געוואָלט, ווען יונגע מענטשן קומען זיך צונויף, זיי זאָלן טרויערן? אוואַדע דאַרפן זיי זינ־גען. און זינגען מעגן זיי—ווען זיי פירן דורך די שיינע מידה פון מתן־בסתר.

אייניקע ווידער האָבן די זאַך גאָר אַנדערש דערציילט—אַן אַנדער וואַריאַציע. דער פועל־יצא איז געווען: די יוגנט האָט געזיגט און געהאַט אַ דאָפּלטן יום־טוב. די עלטערע וואָס האָבן געזוכט חטאים—זיינען גע־בליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז, און אונטערגעבורטשעט: — ער איז פון זייערע . . .

דער דאַך זשאַוועט

יענעם יאָר האָט דער ווינטער פרי נאָכגעלאָזן. דער שניי איז שוין געווען צעשמאָלצן. איבער די פעלדער האָבן זיך געשפּיגלט אויסגעשפּרייטע דין־ציטערנדיקע פלאַכע אָזערעס און אָנגעזאָגט: דער פרילינג איז אין וועג אַהער פון די וואַרעמע לענדער.

דאָס שטעטל וואָס איז נאָך דערווייל געלעגן נישט אויסגעטשוכעט און ברודיק אויסגעשמירט פון שווערן ווינטער, וואָס האָט געהאַלטן דאָס ביסל געסלעך מיטן גאַנצן אַרום אין קלעם פאַר גאַנצע פינף חדשים, איז איצט געלעגן ווי נאַר וואָס אָפּגעמינטערט און האָט צוריק, גענומען פאַר־מעלעך אָטעמען מיט לעבן. מענטשן, אויפגעהייטערטע, האָבן דערפילט אויף זיך אַ נייע הויט וואַקסן, און האָבן די טיפע בלאָטעס מקבל געווען באהבה.

אין די בתי־מדרשים האָבן יידן נביאות געזאָגט אויף אַ פריער „וועסנע". און די גוטע פאַראויסזאָגונגען האָבן ביי אַ סך מתפללים אַרויסגערופן אַביסעלע — זאָרג. אָט קומט באַלד אָן פורים. און גלייך „אַרט אָן דער גרויסער פּסח. „מאין יבא עזרי?" — אָבער — דער וואָס וועט געבן לעבן, וועט געבן צום לעבן — האָט מען זיך אַליין פאַרענטפערט די אַלטע קשיה.

ס'איז געווען גאַנץ שפּעטלעך נאָכ'ן דריטן מנין. שלמה האָט שוין ביי אַלע דריי מנינים געשפּרונגען קדושות, געענטפערט בובש"א, זיך צוגעהערט ביים טיש אַ שטיקל חיי־אדם, און צום סוף זיך אָנגעזעטיקט מיט אַ יום תהלים, איז געגאַנגען איינגעוויקלט אין זיין גרויסן „פלאַסטש" מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, און געקנאָטן די שיטערע בלאָטעס גייענדיק אַהיים עסן אָנבייסן.

די גאַס איז געלעגן שטיל. וואו־ניט־וואו האָט די פרישע זון דער־טאַפּט אַ פאַרבאַהאַלטענע שטיק אייז און דאָס מיט עקשנות צעשמאָלצן. ווי די זון וואָלט געוועדט צום אייז: קלייב זיך אַרויס פון דאַנעט. דו האָסט

דאָ מער קיין אָרט נישט. פויגלען האָבן געשוועבט אין דער ריינער לופט, און אונטערבראָכן די שטילקייט מיט זייערע צוויטשערייען, ווי זיי וואָלטן זיך איינע די אַנדערע עפּעס אַ נייעס אָנגעזאָגט. שלמה האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אין דער הויך און באַוואונדערט די שיינקייט פון גאָט׳ס וועלט. אין דער מחשבה האָט ער אַרויסגערעדט: „מה גדלו מעשיך ה׳“. ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זיך, אין דער וועלט, און דערהויפּט אין כלל ישראל.

ער איז אָנגעקומען צו דער קאַברינער גאַס. קיין סימן פונעם ברוק זעט מען ניט, ס׳איז איין שיכט צעיורענע פליסיקייט. פונדערווייטנס זעט ער ווי אַ קאַרעטע יאָגט זיך און שפּריצט די שיטערע בלאָטע פון די רעדער און פערדישע קלאָען. — ווער קען דאָס פאָרן איצט מיט אַזאַ אימפּעט? —פרעגט ער זיך אַליין. און איידער וואָס־ווען דערקאָנט ער מרדכי׳ס סוסים דעם קוטשער מיט דער ברייטער באָרד. אויך דערזעט ער מרדכי׳ן איינגע־דעקט מיט אַ בערן־פעלץ זיצן אין קאַליאַסקע.

—גוט מאָרגן שלמה—שרייט ער אויס, און הייסט דעם קוטשער אָפּשטעלן די לייבן.

— גוט מאָרגן, גוט־יאָר, מרדכי, — זאָל שוין זיין אַ גוטער סימן פאַר אַ גוטן חודש. פאַר אַ גוטן זומער. ער איז צוגעקומען נאָענט און אָפּגעשטעקט שלום.

— וואָסי? — האָט מרדכי אַ שמייכל געטאָן — ס׳איז היינט ראש חודש?

שלמה האָט אַ שאַר געטאָן די וואָנסן איבערן מויל און אויך אַ לאַך געטאָן: — ווייזט אויס, אין וועג פאַרגעסט מען אַמאָל זאָגן הלל.

— ווי איך זע, ביסטו נאָך ניט פאַרנומען. ווען דו פאַרגינסט זיך זיצן אַזוי שפּעט אין בית־מדרש.

— וואָס אַנדערש זאָל איך טאָן, אַז מיינע געשעפטן „פאַזוואָליען“ מיר צו זיצן אין בית־מדרש? דער אויבערשטער וועט באַלד העלפן, ס׳וועט אַריינקומען מלאכה... דו זעסט דעם הימל? — האָט שלמה אָנגעוויזן מיט די אויגן אין דער הויך, ווי אַ רמז.

מרדכי האָט אָנגעשטעלט זיינע שאַרפע אויגן אויף שלמה׳ן. אים דורכגעדרונגען אין זיין גאַנצער גרויס, ווי ער וואָלט אים איצט־אַ דעם ערשטן מאָל דערזען . . .

„איך האָב דיר טאַקע געוואָלט זען שלמה. דו ווייסט אַז מיין דאָך זשאַוועט — האָט מרדכי אַרויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, קוקנדיק אַרונטער צום שטיק פעל וואָס האָט איינגעדעקט זיינע פיס.

52

וואָס?! — האָט זיך שלמה אַ כאַפּ געטאָן, ווי עמיצער וואָלט אים געגעבן מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. — צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס. שלמה האָט גענומען שווערער אָטעמען, ווי עס וואָלט אים עפּעס געשטיקט, ווי מען וואָלט אים באַפאַלן מיט אַ שקר־בלבול. — וואָס רעדסטו, וואָס? איך בין מיט אַ צוויי וואָכן צוריק פאַרבייגעגאַנגען דייַן הויז, האָט דער דאַך געלויכטן ווי אַ שפּיגל. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט צו זען ווי דער דאַך האָט זיך איינגעגעבן. דער וועטער און די זון האָבן אים אויסגעבלייכט, און געבראַכט צום אמתן קופּער קאָליר.

יאָ, דאָס איז טאַקע אין דער פראָנטאָווער זייט — האָט מרדכי אָפּגעענטפערט שלמה׳ן — וועסט אָבער אַ קוק טאָן אין דער זייט פון דער סטיינע, וועסטו אַליין זען.

שלמה האָט געדריקט מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט שוין צוגעגעבן, ווער ווייסט וואָס ס׳האָט פּאַסירט?

— קום אַריבער נאָכן אָנבייסן וועסטו זיך אַליין איבערצייגן.

שלמה האָט שוין איצט ניט געהאַט קיין ווערטער. ער האָט אַ שפּרייט געטאָן זיינע הענט ווי ער וואָלט זאָגן: וואָס קען איך טאָן?

— אַ גוטן טאָג, שלמה, האָט ער געהייסן דעם קוטשער פאָרן ווייטער.

— אַ גוטן טאָג. אַ גוט יאָהר, — האָט שלמה נאָכגעקוקט דער אָפּפאָרנדיקער קאַליאַסקע, וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך ריטשקעלעך אין דער צעווייקטער ערד.

שלמה׳ס אַנדערער האַלבער וועג צום שטוב איז געוואָרן שווערער. די לייכטקייט, די דערהויבונג וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך פונעם בית־מדרש, פון מקום־קדוש, איז פאַרביטן געוואָרן אויף וואַכעדיקייט, זאָרג, עגמת נפש. נו? אַ באַגעגעניש. נאָר מסתמא דאַרף זיין אַזוי.

שלמה איז געקומען אין שטוב, אַ קוש געגעבן די מזוזה, און די צווייטע מזוזה פון דער שטוב־טיר, אָפּגעגעבן גוט מאָרגן דער הויז געזינד, אויפגעהאָנגען דעם טלית־זאַק אויפן שטענדיקן פּלאַץ, און געוואַרט אַז די עקרת הבית זאָל אים הייסן זיך גיין וואַשן, ווי דער שטייגער איז געווען.

לאַנגע פייגל איז אים געקומען אַנטקעגן — מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים פון דער קיך וואו זי האָט זיך היינט געפּאָרעט לכבוד ראש־חודש צו מאַכן אַ בעסערן אָנבייסן. היינט אַנשטאָט קאַרטאָפל און „ליאַג״ האָט זי געהאַט אַ צעשניטענעם הערינג, געשיילטע קאַרטאָפל, און זיסע צעקאָריע. און אויך אַ ווייסן פּלעצל פון רפאל דעם בעקער. דערזען דעם טיש, איז שלמה׳ס שטימונג געוואָרן אַן אַנדערע. ער האָט אַ רייב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט, און שטיל געזאָגט אַ דאַנק השי״ת. נאָכן בענטשן

האָט ער דערציילט זיין לאַנגע פייגלען די מעשה מיט מרדכי׳ס דאַך. וואָס זאָגסטו דערצו? — דער דאַך זשאַווערט. זיין עקרת הבית, וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגנדיקע, און דערצו נאָך אַ שטיקל כבד־פּה, האָט אַ דריק געטאָן מיט די שמאָלע אַקסלען ווי צו זאָגן: וואָס ווייס איך פון דעכער? וואָס ווייס איך צי זיי דאַרפן זשאַווערן צי ניט?

שלמה האָט זיך ווידער איינגעוויקלט אין „פּלאַשטש״ און אָנגעזאָגט אַז ער גייט זען דעם דאַך.

— גיי געזונטערהייט, איז געקומען אַ שטיקל ברכה פון לאַנגע פייגלס מויל.

שלמה איז איצט געגאַנגען מיט מוט, מיט בטחון, דער ווייבס אינערליכע ברכה מיט איר שטומען נאַכבליק האָבן געשטאַרקט זיינע גלידער. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דאַך. אים זענען געקומען אַנטקעגן זיין יוגנט, ווען ער און מרדכי האָבן געלערנט אין איין חדר, ביי פּילע מלמדים געלערנט צעזאַמען. אַפילו אין דער רוסישער שקאָלע. ביידע האָבן געוויזן בריהשאַפט קעגן די שקצים. ער, מרדכי, איז געווען יאָסעל דעם סטראַזשניקס אַ זון, די שיינביימס. אַ סברה אַז דער נאָמען האָט זיך גענומען פון דעם וואָס זיי זענען געווען ווי שיינע בוימער. אַלע הויכע, שטאַרקע. און ער, שלמה, איז דאָך געווען באַוואוסט מיט „יחוס עצמו״, און ווי אַזוי דאָס לעבן האָט זיי צעפירט אויף באַזונדערע וועגן. מרדכי איז אויסגעפאָרן אַ וועלט, געזוכט זיין מזל; און נישט געפונען נישט אין אַמעריקע, ניט אין אויסטראַליע, ניט אין אַפריקע. דער מזל איז גאָר געלעגן ביים שוועל, דאָ אין דערהיים, נאָר געוואָרט ווען די צייט וועט קומען. קען דאָס אַ מענטשלעכער שכל משיג זיין? איצט איז ער ווי איבער נאַכט געוואָרן בפועל ממש אַ מיליאָנער. און ער, שלמה — נישט ער איז געלאָפן זוכן גליקן, און נישט זיי זענען געקומען צו אים. פונדעסטוועגן דאַנקט ער גאָט דערפאַר, און איז מרדכי׳ן נישט מקנא. ער פאַרגינט אים, און פילט זיך מיט מרדכי׳ן ווי גלייכע, ווייל דאָס איז דאָך בלויז עולם הזה . . .

אָט אַזוי גייענדיק פאַרטיפט אין מחשבות, האָט ער נישט געפילט דעם וועג, די טיפע בלאָטעס. אָט איז ער שוין ביים טויער פון מרדכי׳ס הויף. די באַקאַנטע כלבים נעמען אויף שלמה׳ן פריינדלעך, ווי מען נעמט אויף אַ גוטן גאַסט, דרייען מיט די עקן, לעקן, און טאַנצן פון פרייד. עס קומט אים אויפן געדאַנק דער מאמר: „אַז הינט שפּילן זיך אין שטאָט איז אַ גוטער סימן״. ער איז דאַנקבאַר די הינט פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט און הויבט אָן מעסטן מיט די אויגן דעם דאַך פון אַלע זייטן. ער גייט אַרום איינמאָל און נאָכאַמאָל. דער דאַך שמייכלט צום מייסטער. קיין צייכן פון זשאַווער. ער זעט ניט.

דער גערטנער דערזעט שלמה׳ן, גיט ער אים אָפּ אַ ברייטן גוט־מאָרגן.

— פּאַניע שליאַמקאַ, וואָס טוסטו עפּעס דאָ אין גאָרטן היינט?

— זאָג מיר, האָסטו אפשר באַמערקט אַז דער דאַך פון פּאָקוי זשאַ־ווערט ערגעץ?

דער גוי האָט אָװעקגעשטעלט די גראַבליע מיט דער לאָפּעטע און מיט אויסגעװאָשענע אויגן אָנגעקוקט שליאַמקען. — ווער האָט עס דיך אָפּגענאַרט?

— וואָס אָפּגענאַרט? דער באַלעבאָס אַליין האָט מיר היינט געזאָגט.

— אַ! פּאַניע שליאַמקאַ, דו פאַרברייגגסט מיטן „כאַזיאַען" ווי פריינט, טרינקסט טיי מיטן כאַזיאַען אַלעמאָל, און דו ווייסט ניט אַז ער איז אַ וויצלינג. ער טרייבט קאַטאָוועס.

ס׳איז צוגעקומען דער קוטשער. ער, דער קאַצאַפּ, האָט שוין פריער פאַרשטאַנען וואָס מרדכי מיט שלמה׳ן האָבן גערעדט, כאָטש זיי האָבן גערעדט יידיש.

— וואָס זאָגסטו, סטעפּאַן סטעפּאַנאָוויטש, דער דאַך זשאַווערט?

— איך ווייס ניט וואָס ס׳טוט זיך אויפן דאַך. אין סטיינע ווייס איך יאָ וואָס ס׳טוט זיך. דו האָסט אָבער אויגן! — האָט ער אָריינגעקיבעצט שלמה׳ן. דו זעסט דאַך, מיר זעען דאָך אַלע אַז ס׳איז נישטאָ קיין זשאַווער אויפן דאַך.

שלמה איז צוגעקומען צו די קיך טרעפּ, אָפּגעריבן מיט דעם בע־זים די שטיװול, אָפּגעשאַרט די אָנגעקלעפּטע בלאָטע פון די פּאָדעשוועס, געקלאַפּט די פיס אָן צעמענט, און איז אַריין אין שטוב.

מען האָט איבערגעגעבן מרדכי׳ן, אַז שלמה איז דאָ. מרדכי איז געגאַנגען אַנטקעגן מיט אַן ערנסטן פּנים, און אַריינגעפירט שלמה׳ן אין אויפנאַם חדר. און געהייסן דערלאַנגען טיי.

— נו, האָסטו באַקוקט דעם דאַך?

שלמה האָט איצט געשמייכלט, און געקוקט מרדכי׳ן גלייך אין די אויגן. מרדכי אָבער לאָזט ניט אָפּ. נו? — האָסט ניט געזען ווי עס זשאַ־ווערט.

— וואָס פאַר־אַ־קאַטאָוועס טרייבסטו דאָ? מיינסט אַז דו האָסט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן די עטלעכע שעה?

— פאַרגעניגן, שמאַגיניגן! הער זיך איין, דער דאַך איז וואונדער־באַר. און ווייל עס האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן, — וויל איך טאַקע זיך באַוואָרענען. און איך וויל דעם זומער, מען זאָל זיין געזונט, איבערשמירן דעם דאַך.

— זאָלסטו זיין געזונט און שטאַרק, — האָט שלמה׳ס שטימע פריי־דיק געקלונגען איבערן גרויסן חלל פון צימער: — אַז מען דאַרף נישט!

— אָבער אַז איך בין דער באַלעבאָס, און איך וויל, וואָרום זאָלסטו זיין קעגן?

— אַז מען דאַרף ניט! ער וועט נישט ווערן בעסער, און די באַ־לאַרעניש איז אַ קנאַפּע באַוואָרעניש. גלאַט וואַרפן געלט אין וואַסער.

— נאַ גיס אַריין אַ ביסל קאָניאַק אין דער טיי — טראָגט מרדכי צו אַ שיין פלעשל, און גייט אַליין אַוועק אין אַ צווייטן חדר, און קומט באַלד צוריק.

— זעסטו, אַביסעלע קאָניאַק לכבוד ראש חודש, איז, מהיכא־תיתי, אָבער גלאַט שמירן דעם דאָך ווען מען דאַרף ניט איז דאָך ניט שייך.

— הער זיך איין, כדי צו זיין זיכער אַז דו וועסט דעם זומער אי״ה אָפּפּאַרבן דעם דאַך, גיב איך דיר 25 רובל האַנט־געלט, אַן אַדערויף, פאַרשטייסט? און ער שטעקט אַריין שלמה׳ן אַ 25־קער אין האַנט אַריין.

— כ׳וועל ניט נעמען. אויב דו באַשטייסט ניט אַנדערש, וועל איך מיט גאָטס הילף דאָס מאַכן, און איך געטרוי דיר. דאַרפסט מיר ניט געבן קיין האַנט־געלט.

— היינט האָב איך, און מאָרגן ווייס איך ניט.

— זיי מיר געזונט און לאָז מיר צורו. איך וועל ניט נעמען.

מרדכי האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט קאָנטראָלירן, און מיט ברייט־דערליכן אימפּולס אריינגעשטופּט אַ צעקנייטשטן באַנקנאָט אין שלמה׳ס האַנט.

דאָ איז דער געפּעכט געבליבן הענגען אין די רויך־כוואַליעס פונעם רויכערדיקן ציגאַרעט אין מרדכי׳ס האַנט. פאַר שלמה׳ן האָט אַ בליץ גע־טאָן דער סדר־טיש אויף מרדכי׳ס דאַך. ער האָט דעם באַנקנאָט צונויפ־געדריקט אין זיין הויפן, געקוקט אויף מרדכי׳ן דעם גלוח, און געזען אין זיינע מילדע אויגן אַ הימלשע געשטאַלט . . .

איצט איז שלמה געוואָרן ווי אַ שטאַמלער. זיין צונג האָט געשטיקט מיט ווערטער. נאָר אַרויסצוזאָגן דאָס ריכטיקע וואָרט — האָט זיך דאָס מויל נישט געעפנט. זיי ביידע האָבן שווייגנדיק פאַרענדיקט די טיי, און שלמה האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ מיט ווייך־שטילע טריט, ווי אַ מקום־קדושה. און בלויז אַרויסגערעדט: אַ גוטן טאָג, מרדכי.

פאַרלאָזנדיק דעם הויף, און זייענדיק ווייט פון די שיין־ געפּאַרבטע שטאַכעטן, וואָס האָבן אַריסטאָקראַטיש איינגעראַמט מרדכי׳ס הויף, האָט שלמה׳ן דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געגאַגט אַ מאָדנער געפיל. — ער האָט זיך דאָס מאָל מתקנא געווען אין מרדכי׳ן.

אלול

אין קילע פרימאָרגנס אויסגעצוואָגן פון שווערן טוי, הויבט אָן דאָס שטעטעלע אויפטשוכן זיך פון איר שטילן פאַר׳חלומ׳טן שלאָף.

די ערשטע סימנים פון לעבן, באַווייזן די קי מיט זייער מעקן אין פעלד אַריין. עס דערהערט זיך אַ געמישטער סקריפּן פון טויערן. און איינ־ציקווייז הויבן אָן די קי פאַרלאָזן די שטאַלן, און ציען זיך זאַרגלאָז דורך די געסלעך אין מאַרק אַריין.

פון מאַרק צעטיילן זיך די טשערעדעס באַזונדער, די רייכע אויסגע־פּאַשעטע קי, לאָזן זיך אַוועק מיט דער פינסקער גאַס — אין אַעשזראַווער וואַלד, און די אָרימע פאַרטריקענטע קי, האַלב איינגעשמירט אין מיסט, שלעפּן זיך דורך „קאַווקאַז" צו „פּאַהאַניע" וואָס געהערט צום שטאָט, און עס קאָסט וויניק פּאַשע־געלט.

אין מאַרק אַרום קלויסטער קלייבן זיך צונויף געזונטע פויערטעס, וואָס קומען פון די אַרומיקע דערפער אין שטאָט עפּעס צו פאַרדינען. די מאַרגאַוויניקעס פון ביידע זייטן שטאָט לויפן האַלב פאַרשלאָפענע, די בערד צעשויבערט, ווער באָרפוס ווער אין „כאָדאָקעס" אויסצודינגען די בעסערע אַרבעטס הענט. עס גייט אָן אַ שטילע פאַרביסענע קאָנקורענץ. ווייל די קאָברינער גאָסיקע מאַרגאַוויניקעס האָבן אַ פאַרדאַכט: דאָס די פינסקער גאַסיקע רוקן אַרויף די מקחים. און יעדן פרי־מאָרגן קומען פאַר בלוטלאָזע מלחמות. מען רייסט איינער ביים אַנדערן. מען זידלט זיך מיט די מיאוס׳טע נעמען, ווייל איצט איז די צייט אויפצוקלייבן די גאַנצע זומער פראַצע. מען איז פאַרהאַוועט־פאַריאָגט, און פאַרביטערט . . .

פלוצלונג ברעכט דורך די שטילע לופט דער טרויעריקער ציטער פון שופר, וועלכער וואַרפט אָן אַ שרעק אויפן גאַנצן רוים. די פאַרשמייעטע מאַרגאַוויניקעס, און די ווייבער וואָס טרייבן אונטער די קי צו דער טשע־רעדע, ווערן אומעטיק, בלייבן שטיין, און מיט קלאַפנדיקע הערצער זיפצן זיי אַרויס — שוין נאָכן זומער.

דער סיגנאַל וואָס די בעלי מלאכות האָבן געגעבן ביים ערשטן מנין, אַז די שרעקלעכע טעג קומען אָן, האָט מאָמענטאַל געביטן דעם גאַנצן אויסזען פון שטעטל.

עס הויבן זיך אָן טעג פאַרכטיקע — טעג פון חשבון הנפש. די שנאה און קנאה, וואָס האָט געהערשט אַ גאַנץ יאָר צווישן קרעמער פאַר צו־נעמען אַ קונה, ווערט פאַרגעסן. די שנאת חינם צווישן ווייבער, וואָרום יע־נערס קו גיט מער מילך פון אירער, ווערט אָפּגעווישט. די מאַרגאַוּוניקעס הערן אויף צו היטן איינער דעם אַנדערן. די בעלי עגלות רייסן זיך מער ניט פאַר פאַרשווינדלען. פאַרקערט — מען טיילט זיך איין מיט די פאַר־שוינען. אפילו די פערד־הענדלער ווערן אַנדערע... „אָן רייד ליקווידירט מען געוויסע געשעפטן". דער טאָג טעגלעכער לעבן נעמט אָן אַנדערע פאַרמען, אפילו די מעסטשאַניעס פון שטעטל ווערן אויך ערנסטער. אַ מיסטעריעזער שרעקונגס גייסט שוועבט אין אוניווערס און וואָרנט אַלע־מען: עס קומט דער טאָג!

די טעג ווען די זון שיינט מיט צערטלעכקייט און ליבע, ווי אַ חשוב'ער גאַסט וואָס קלויבט זיך שוין אין וועג אַריין, זיינען אַלע מענטשן פאַרנומען, ניטאָ קיין לידיק־גייערס. עס איז אַ שפע פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד.

די קרעמער גרייטן צו סחורה פאַר יום־טוב. די בעלי עגלות פירן. די מאַרק־זיצערינס זיינען שטאַרק פאַרנומען מיטן אויבסט, גאַנצע זעק ווערן פאַרקויפט צום טריקענען פאַרן ווינטער. די מאַרגאַוּוניקעס ווילן וואָס מער געזאַלצענע פעסער אוגערקעס אַראָפּלאָזן אין די קעלערן, די גרינ־צייג סאָרטן, די ציבעלעס אויף דער זון אויסצוטריקענען, די פרוכט פון די סעדער אַרונטערטרייסלען, די קאַרטאָפל פאַרגראָבן. עס איז ערב יום־טוב.

די „פעכאָטנע" בעלי־תפילות וויקלען זיך אַרום די העלדזער מיט וואָלענע שאַלען, און ברומען ניגונים'לעך אונטער דער נאָז. אויף די אַלע זאָגט מען, אַז זיי גיסן זיך גאָלד אין האַלדז, זיסן טיי, און צעשלאָגענע אייער. נאָר ווען עס קומט סאָמע ערב יום טוב ווערן זיי הייזעריק.

אַ פאָר טעג פאַר יום טוב באַווייזן זיך אויפן מאַרק קאַוּוענעס, קעסט־לעך וויינטרויבן. פון וואַנען זיי קומען און ווער עס האָט זיי געבראַכט די געפּאַנגענע פרינצן פון פרעמדע לענדער, איז אַ סוד. שווייגנדיק גיבן זיי איבער אַ גרוס פון דעם אימער בענקענדיקן לאַנד — דעם לאַנד פון חלב און דבש.

די באַוועגונג אין גאַס, דער האַנדל אויפן מאַרק ווערט גיכער, אימפּולסיווער. נייע פּנים'ער פון אַנפאַרנדיקע ישוב'ניקעס בלאָנדזשען

אַרום צווישן שטעטלדיקן עולם ווי פרעמדע פאַרלאָרענע. פאַראַן אבער ישובים, וואָס קומען אַראָפּ אין שטאָט ברייטלעך היימיש. דאָס זענען די רייכע קרעטשמאַרעס און פּאַסעסאָרן, וועלכע זיינען אַ טייל פון שטעטל. צווישן זיי זיינען פאַראַן די באַרימטע בעלי־תפילות: ווי דער אָזשעראָווער בעל מוסף, דער פּאַסיליענער בעל שחרית, פאַר דער גרויסער שול, די טאַרקיאַנער אַריסטאָקראַטן און יחסנים, וועלכע פאַרנעמען די מזרח־וואַנט.

דער טאָג פון ערב ראש השנה: גלייך פאַרטאָג ווערט אַ יאַגעניש, אַ טומל, וועלכער רוישט און ברויזט. מענטשן לויפן אַריינצוברענגען דאָס לעצטע ביסל פאַרן יום טוב. און נאָך האַלבן טאָג ווערט דער האַנדל גראַדנ־וויז אָפּגעשטאָרבן.

שוואַכער, שטילער, שיטערער ווערט דער האַנדל, אַלעס ווערט ספּאָנטאַן אָפּגערוימט צוגענומען, און אַלע קראָמען גיבן זיך ווי מיט איין קלאַפּ אַ שלוס־צו.

די זון הויבט זיך אָן אַרונטערצולאָזן פון הימל־ראַנד, די שטיקער ווייסע זייד וואָס האָבן געשוואומען דעם גאַנצן טאָג אין דער ריינער דופּ־טיקער לופט, פאַלן צו דער ערד. אידן מיט נאַסע פּאות און ערנסטע סענטי־מענטאַלע פּנים׳ער ציען זיך אין די בתי־מדרשים. די קדושה און אימה שפּרייטן זיך גלייך מיט די שאָטנס פון דער אונטערגייענדיקער זון. די בתי מדרשים ווערן איבערפילט מיט מתפּללים, אַ מיסטישע רעליגיעזע שטימונג נעמט אַרום אַלעמען. אַ שטילער ברומען פון אומעטיקן תהילים פילט אָן דעם גאַנצן חלל, פילט אָן יעדעס ווינקעלע מיט רחמים, מיט אונ־טערטעניקייט, מיט חרטה — און אויך מיט האָפענונג . . .

חברים

ווער איז דאָס געווען דער מזלדיקער אידישער דיכטער וואָס האָט געשאַפן דעם סלאָגאַן: "כל ישראל חברים" און עס האָט זיך אַזוי אָנגענו־מען אין פאָלק? און ווען דענקער פון אַלע אַנדערע פעלקער האָבן אויס־געברייטערט דעם טערמין חברים אויף אַ ברייטערער פעריפעריע — „כל המענטשהייט חברים", און ביי היינטיקן טאָג, ווען אַ האַלבע וועלט באַ־גריסט זיך מיטן טיטול חבר, האָט דאָך דער העברעאיש־אידישער וואָרט חבר, גאָר אַן אַנדער קאָליר ווי "קאָמעראַד", אָדער אַפילו ווי "טאָוואַ־רישטש". ווען מען רעדט וועגן טערמין „חבר" און מען דערמאָנט זיך אָן דער פלעיאַדע חברים, וואָס מען האָט באַגעגנט אין גאַנג פון יאָרן, שיילט זיך דאָן אויס יעדער חבר באַזונדער מיט זיין קאָלאָריט. פאַראַנען אַזעלכע וואָס גייען נאָך דעם גאַנצן לעבן, און זיינען תמיד אַ נעגאַטי־ווער עלעמענט. פאַראַנען חברים וועלכע זיינען פון דעם פאָזיטיוון מין, צי מען איז געאָגראַפיש נאָענט איינער צום אַנדערן, אָדער וויט. פאַראַנען אויך חברים אינטימע, מיט וועלכע מען האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד און קיין שטורם אָדער שטח קען דעם בונד צערייסן. פאַראַנען אויך חברים וואָס קומען ווי אַ פענאָמען, זיי קומען אין דער ריכטיקער צייט און דעם וויכטיקן מאָמענט, טוען אָפּ זייערע שליחות און—ניטאָ. און גראָד אַזעלכע חברים וועלכע לייגן דעם חותם אויף אַ מענטשלעך לעבן, דרייען אויס דעם לעבנס־ראָד אין אַ געוויסער ריכטונג. מיט די קען זייער טרעפן דאָס זיי ווערן פאַרגעסן.

ס'איז געווען אין מיטן ווינטער, אין צפון און מיטל־מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געבושעוועט שנייאיקע זאַווערוכעס וואָס האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט פון סיביר און אַלאַסקאַ פאַר אַ פאַרלענגערטן וויזיט און זיך אויסגעשפרייט איבער דער לענג און ברייט פונם לאַנד, ווי וויט ס'האָט זיך נאָר געלאָזן. אין די טעג בין איך מגולגל געוואָרן צו אַ זוניקן ים־ברעג אין פלאָרידאַ, און דאָרטן, ביים שטיינערנעם פלויט

פונם ים, האָב איך געטראָפן מיינעם אַ חבר׳ס שוועסטער וואָס איך האָב ניט געזען ״דרייסיק יאָרעלאַך״.

דער בלויער ים האָט געשוימט, די גרינע פּאַלמען האָבן געדאַווענט, די ווייס־מאַיעסטעטישע געביידעס האָבן שעמערירט מיט וואָכעדיקן יום־טוב. לוקסעריעזע יאַכט־שיפן האָבן גראַטעסק געשניטן די ים־כוואַליעס, און די זון האָט אַזוי זומערדיק געבאַקן, אַזוי ליכטיק געשיינט, נאָר איך און זי זיינען געבליבן פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט. ביי אונזביידן איז דאָס לשון געוואָרן פּאַראַליזירט.

וואָס אַזוינס האָבן מיר דערזען איינער אויף דעם אַנדערן? האָבן מיר זיך ניט דערקענט? האָבן מיר זיך ניט געוואָלט באַגעגענען? אַ, ניין! ניין!

ביי די ערשטע פּאָר ווערטער האָבן מיר ביידע דאָ, וואו אַ פריילעכער עולם האָט זיך לוסטיק געמאַכט, דאָ אין דעם געזיפּטן זאַמד, צווישן די באַקוועמע רו־שטולן, דערזען אונזער היים, אונזערע הייזער, אונזערע גערטנער, אונזערע גאַסן און אונזערע — וועלכע זיינען שוין אין ערגעץ ניטאָ. דערפאַר זיינען אונזערע רייד געווען כאַאָטיש, ווייל גערעדט האָבן מיר וועגן אַבסטראַקטע זאַכן, ניט פון דעם וואָס מיר האָבן געטראַכט. אָבער, ביסלעכווייז, דאָ אַ וואָרט, דאָ אַן אַנדייטונג האָט אַנגערירט אַ פאַר־באָרגענע סטרונע וואָס האָט אַזוי שאַרף און טיף אַ שניט געטאָן אין אונז, אין גאַנצן אַרום, און אונזער יוגנט וועלכע האָט אַזוי הערלעך און ליכטיק געשיינט פאַר אונז, איז געבליבן ליגן דאָ אין דעם הייסן טראָ־פּישן זאַמד אַ צעבלוטיקטע, אַ פאַרוואונדעטע.

שוין אַריבער 30 יאָר זינט מיר האָבן זיך געזען. יע, 30 ״יאָרע־לאַך״. די אַנדערע עטלעכע און צוואַנציק האָט מען ווי מיט אַ כיון גע־וואָלט אויסמיידן. אָבער מיר ביידע זיינען נישט געווען אַזעלכע פּייאיקע נאַוויגאַטאָרן וועלכע האָבן געקענט גענצלעך אויסמיידן די וואונדיקע מי־נעס וועלכע האָבן זיך אַזוי געהויבן צום אויבערפלאַך . . .

— געדענקסטו יענעם עפּיזאָד? געדענקסטו יענע פאַרזאַמלונג? גע־דענקסטו דעם תנך־קלוב ביי אונז אין שטוב?

איך האָב מעכאַניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט געלייקנט און ניט צוגעגעבן. און ווען מיר זיינען זיך צעגאַנגען, כמעט ניט ריידנדיק וועגן פערזענלעכע אָדער משפחה־אינטערעסן, זיינען פאַר מיר דערשינען מאָ־מענטן פון מיר און איר ברודער׳ס חברשאַפט.

איך געדענק ווען צו אונזער חדר האָט זיך דערטראָגן די נייס אַז טייבע פרומעס, די מיידל מיט די רויטע באַקן, האָט איינגעשטעלט אַ מיידל־שולע וואו מען לערנט ווי אין די אמתע שקאָלעס. איך האָב שוין

דאָן געוואוסט וואו זייער הויז געפינט זיך, לעם דער פּאָטשט, וואו הערשל דער שוואַרצער האָט זיך געלאָזט בויען אַ דראָט-געוועבטן פּלויט אָנשטאָט הילצערנע שטאָכעטן. פאַר אונז קונדסים איז עס געווען אַ גוואַלדיקע דערשיינונג און אַ שטאָלץ. און דאַן, לויפנדיק ביים דראָט מיט אַ שטעקעלע אָנגעשפּאַרט אויפן צאַם, פּלעגט עס מאַכן אַ געזאַנג אין דער נאַטור׳ס אַקוסטיק וועלכע די בוימער האָבן פאַרמירט. דאָן האָב איך נאָך ניט געוואוסט אַז די לערערן-מיידל מיט די רויטע באַקן האָט אַ ברודער און ער הייסט אַרע.

ס׳איז געווען נאָכדעם ווי איך און מיינע אַלע חברים זיינען שוין געווען אַרבעטער. איך בין געקומען צו מיין חבר און קוזין נחום אהרן. זיין מוטער און מיין מוטער האָבן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, נאָך אַ באָבע מסתמא, און זיין טאַטע וויגדער דער מוליער האָט זיך אויסגעמויערט אַ מויער לעם אַרעס, אָדער בעסער געזאָגט פרומע חאַצקעלס הויז. אין שטעטל האָט מען געהאַלטן אין איין באַריידן וויגדערן וועגן זיין אויסברייננגעריי. אַ קליינקייט, אַ מענטש אַ ״נאַש-בראָט״ בויט זיך פלוצלונג אויס אַ מויער? אָבער מיר, דעם אינגל פון מצרים געסל, פון דער דורות אַלטער הויז, איז דער מויער גאָר נישט געפעלן. ווען מען איז צו איר געקומען, האָבן די ווענט געוויינט מיט ריטשקעלעך ווילגאָטש און אַ פאַרדומפּענער ריח האָט געשלאָגן אין דער נאָז. איך האָב עס אַ נאָמען געגעבן: ״דער אָרימאַנסקער מויער״.

געקומען דאָס מאָל צו נחום-אהרנען בין איך ניט פאַר כיבוד אָדער סתם אַזוי פאַרברייננגען. געשיקט האָט מיך דער טאַטע צו וויגדערן ער זאָל מיט אונזביידן (נחום-אהרן און איך) לערנען אַ בלאַט גמרא. אויף וויפיל מיין זכרון דינט מיר, בין איך געגאַנגען מיט אַ קנאַפּן חשק. אָבער אַ ״פריקאַז״ מוז מען אויספאָלגן אַפילו פונם אייגענעם טאַטן. און ווען איך האָב געטראָפן יענעם טאָג נחום-אַהרנען, האָט ער שוין אויך געוואוסט פון גזר, און מיר ביידע זיינען אַריבער אינם פריצישן בית-מדרש, וואו וויגדער האָט שוין אויף אונז געוואַרט.

אין בית מדרש איז געווען שטיל. וויגדער איז פון דער וואַרעמער הרובע נישט אָפּגעטראָטן, און ביים אויוון האָט ער מיט אונז אײַנגעקנעלט קדושין. פלוצלונג הערן מיר פון ווייבער-שטיבל ווי איינער רעדט אויס אַ פשט און בייזערט זיך אויף עמיצן. כ׳בין געוואָרן זייער טשיקאַווע צו זען ווער נאָך ליידט גלות, און נחום-אהרן האָט מיר געזאָגט: דאָס לערנט אַרע פרומעס ביי בצלאל דעם מלמד איינער אַליין. דער נאָמען בצלאל אַליין האָט שוין אָנגעוואָרפן אַן אימה. איך פלעג אים זען ביי אונז אין נייעם בית-מדרש לערנענדיק נאָכן דאַוונען מיט פרויאים-יואל בערס און

זיי פלעגן זיך ביידע האַמפּערן. דאָ זע איך אַ קליין איינגל מיט שוואַרץ־פּייערדיקע אויגן דאַרף אויפנעמען איינער אַליין דעם שטורמדיקן ים־התלמוד פון אַזאַ תורה־ריז ווי בצלאל. אין יענעם טאָג האָבן מיר זיך קינדעריש און קליינשטעטלדיק באַקאַנט. און זעענדיק אים ווידער, האָב איך שוין געוואוסט אַז דאָס איז אַרע פרומעס.

קיין גרויסע פּעולה אינם לערנען, האָב איך ביי וויגדערן ניט גע־האַט. דער מאמר: „אין קמח אין תורה", האָט דאָ אויסגעהאַלטן אין פולען זינען פון וואָרט. נחום־אהרן האָט אַלעמאָל געמאָנט: טאַטע, איך וויל עסן, איך בין הונגעריק.

וויגדער האָט ניט אַלעמאָל געפונען דעם ריכטיקן תירוץ אויף דער קשיא. ווייל ער אַליין האָט אויך גאַנץ פיין אונטערגעהונגערט. — לערן, לערן, חזיר, האָב נישט אין קאָפּ נאָר די אכילה, וועסטו ניט זיין הונגע־ריק. פיל מאָל האָט ער גערעדט צו מיר איך זאָל אים, נחום־אהרנען, אָפּריידן פון דער שלעכטער געוואוינהייט. ס'זיינען אַריבער די מוז־לערנען טעג. איך בין פולשטענדיק פריי געווען פון לערנען. מיין חבר'ס פאַמיליע האָט עמיגרירט קיין ארץ ישראל, און איך האָב אַרען מער נישט געטראָפן אין פריצישן בית־מדרש.

מיין קרייז חברים פון קינדער יאָרן, חדר יאָרן, איצט שוין אַרבע־טער, האָט זיך גענומען פאַרגרעסערן און אויסברייטערן ווי צווייגן אויף אַ יונגער שפּראָצונג. ס'זיינען צוגעקומען מיידלאך, און דאָס צוזאַמענ־קומען זיך האָט באַקומען אַן אַנדער אינהאַלט. מען האָט שוין געקוקט אויף זיך ווי אויף זעלבסטשטענדיקע פאַרשוינען. דער ראָמאַנס האָט זיך געוועבט און דערפרישט יונגע דורשטיקע פאַנטאַזיעס. ס'איז געווען אַ קאַפּיטל רכילות און אינטריגעס, אדיך אַמאָל דואַליזם. נאָר ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: יעדער וואַסערל שטראָמט זיך זיין אייגענעם וועג, און איינער פון אונזער גרופּע איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער. ער פלעגט שלינגען צוויי־דריי ביכער אַ וואָך. דער חבר אונזערער פון וועלכן איך מאַך שפּאַס און קיבעץ אים אַלעמאָל אַריין: ווילסט ווערן אַ שרייבער? און אַנדערע שטעך־ווערטלאך, אָבער ער מאַכט גראָד מיך פאַר זיין קרבן. פאַר מיר לייענט ער פאַר וואָס נאָר ער קריגט אין ביבליאָטעק און בעט זיך אויך אַיין אַז איך אַליין זאָל אויך עפּעס לייענען. אַמאָל פאָלג איך אים און מערמאָל ניט. איינמאָל קומט ער, שבת נאָך וואַרמעס, ווי אַלע אַנדערע שבתים, אָבער איך דערזע אין אים אַן אַנדערן ברוכ'ן, נישט דעם וואָס טראָגט יעדעס מאָל אַ נייעם בוך, עפּעס האָט ער אַ געהיימניס מיט זיך אונטערן פאַלע.

מיר קוקן זיך איבער, איך פאַרש אין זיינע אומרואיקע אויגן וואָס

אַזוינס וועט ערשט קומען? ער זוכט תופס צו זיין מיין שטימונג. ער הויבט אָן מיט אַ ציטער אין קול:

—איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע זאַכן, איך וויל עס לייענען פאַר דיר.

דערהערט אַזעלכע דבורים, בין איך ווי געפּלעפּט געבליבן. הייסט עס אַז דער וואָס וויל נאָר, קען טאַקע ווערן אַ שרייבער, אַפילו אַן אַרבע־טער ווי ברוך. און מערקווירדיק, מאָמענטאַל האָב איך דערזען פאַר זיך אַן אַנדער ברוך.

איצט ווערן מיר שוין ערנסטע מענטשן. דערהויפּט איך. איך האָב מיט זיך אַ ישוב־הדעת: וואו גייט מען מיט אַזאַ פאַרבאָרגענער סחורה? די גאַנצע זאַך דאַרף זיין צווישן אונזביידן. מיר קענען נישט לאָזן אַז די זאַך זאָל אַרויס פון אונזער גבול, מען וועט דאַך אונז ביידן דערגיין די יאָרן און טעג און אונז פראַקלאַמירן פאַר אומנאָרמאַלע! איך שלאָג פאָר: ביי אונז אין שייער וועט אונז קיינער ניט שטערן און ניט הערן. ס'איז שבת נאָך וואָרמעס, די אַלטע שלאָפן, די יוגנט איז אַוועק.

מיר האָבן פון אינווייניק צוגעמאַכט דעם טויער כדי קיין בייז אויג זאָל אונז ניט שאַדן... און ברוך האָט דעקלאַמירט פאַר מיר זיינע שירים און אויך אַ פּאָר דערציילונגען.

וואָס האָב איך געקענט זאָגן דאַן? ערשטנס, האָב איך ניט פאַר־שטאַנען די באַדייטונג פון די געהערטע זאַכן, און צווייטנס, איז מיר געווען שווער אַרונטערצושלינגען די מאָדנע דערשיינונג. און ווען ברוך האָט מיט זיינע אויגן געוואָרט אויף אַ וואָרט פון מיר, האָב איך אים מודה געווען אַז איך פאַרשטיי דאָס ניט, נאָר מיר ווייזט אויס אַז ס'איז ווי פון אַן אמתן שרייבער געשריבן.

מיר זיינען אַוועק אין הויפישן סאָד צו טרעפן זיך מיט דעם גאַנצן "קרוזשאָק" אונזערן, כדי זיי זאָלן אונז ניט פאַרדעכטיקן אין קיין זאַך, אָבער ברוך איז יענעם שבת נאָכמיטאָג אין דעם פראַכטפולן סאָד געווען אומעטיק, ווען מיר אַלע האָבן געהוליעט.

מען טאָר אָבער נישט זאָגן אַז איך האָב אין דעם פאַרגעסן. ניין, איך האָב יעדן טאָג איבערגעטראַכט ווי אַזוי און וואָס מען דאַרף טאָן וועגן דעם. און מיר איז געקומען אויפן זינען אַרע פרומעס, שוין איצט אהרן שאַגאַן. אים קען מען יעדן טאָג טרעפן אין דער געהיימער ביבליאָ־טעק, וואו איך בין לעצטנס געוואָרן אַ מיטגליד. דער אהרן איז זייער אַ צוגעלאָזענער בחור, ער כאַפּט זיך מיט מיר אַלעמאָל אַרום, עצהט מיר וואָס צו לייענען און קוועלט אָן פאַר גדולה וואָס איך לאָז זיך דינגען און לייען טאַקע. אָבער איך קען ניט פאָלגן מיינע געפילן, איך דאַרף דעם גע־

דאַנק פריער איבערגעבן ברוכן און קריגן זיין הסכמה. ערשט דערנאָך וועל איך מוזן געפינען דעם פּאַסיקן מאָמענט, דעם ריכטיקן פּלאַץ, כדי אהרן זאָל זיך פאַראינטערעסירן.

ס׳איז אָבער געגאַנגען אַ סך בעסער ווי איך האָב זיך גערעכנט. אהרן האָט מיט אָפענעם מויל און אויערן אויפגעכאַפּט די וויכטיקע נייס, ער פאַרבעט אונז צו אים אַהיים, ווען מיר ווילן נאָר קומען.

איצט גיי איך מיטן מחבר און כ׳שטעל מיר פאָר ווי דער רבי גייט מיטן שמש. ער טראָגט זיינע חיבורים און איך בין דאָס דער שתדלן. און ווען מיר קומען צו אהרנען אין שטוב, נעמט מען אונז אויף ווי געסט און אהרן דערציילט דער מאַמען און שוועסטער אַז ברוך שרייבט און מיר וועלן לייענען זיינע זאַכן. איך בין נערוועז, כאַפּ אַ ציטער: אַט אַזוי פראַנק און פריי לייענעןביים טיש און די מאַמע מיט דער שוועסטער די לערערין זאָלן הערן?! ברוכן איז אויך ניט צו גוט, זיין טונקל־מאַטער פּנים בייט זיינע קאָלירן. אַט איז ער ווייס ווי קרייד און אַט ווערט ער געל ווי וואַקס. ער הויבט אָן לייענען, זיין שטימע איז שוואַך, קוים וואָס מען הערט. ער ווערט אָבער דרייסטער זעענדיק די ערנסטקייט פון אוידיטאָריע.

אהרן ווערט באַגייסטערט, די שוועסטער באַוואונדערט, די מאַמע שווייגט. אַ פּאָר לידער לייענט מען איבער איינמאָל און נאָכאַמאָל און מיר דרייען לאָזן זיך בגלופינדיק היידאַ אויפן שאָסיי פאָר אַ לאַנגן שפּאַציר.

יונג און אונדערפאַרן אין קולטורעלע ענינים בכלל און אין אונ־זער אידישער ליטעראַטור בפרט, האָבן מיר אַלע דריי יענעם פאַרנאַכט נישט געשפּאַצירט, נאָר געבלאָנדזשעט. איך האָב שוין דאַן געזען דאָס אונזער ליטעראַטור דאַרף האָבן מעצענאַטן... אהרנ׳ס פּלאַן איז אָנגענומען און דורכגעפירט געוואָרן. מיר, די ״טרויקע״, זיינען אין אונזערע פּאַנ־טאַזיעס שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. ס׳איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן און זיך אויסגעמיטן.

***

צייט היילט פילע וואונדן. אויך ברוך האָט געפונען באַפרידיקונג ביים פּינזל און קאַנווע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט מאָלן. אהרן פלעגט אַמאָל קומען צו ברוכן זען זיינע צייכענונגען, אָבער פון זאָגן מבינות, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. דערוויל איז אונטערגעקומען דער ערשטער וועלט־קריג. ברוך ווערט פאַרוואַגלט מיט דער רוסישער אַרמיי, אהרן און איך בלייבן אין שטעטל און בלית־ברירה האָט מען זיך געטראָפן.

איינמאָל, אין אַ שטילן פאַרנאַכט, די פּוסטע גאַס איז געווען ליידיק פון מענטשן, האָב איך בכיון געטראָפן אהרנען און אים דערלאַנגט אַ געּ־שריבענע סקיצע מיטן נאָמען ״בלוט און געלט״. קיין שרייבער׳ס נאָמען

איז אויף דעם נישט געווען, ד. ה. אַנאָנים. נאָר אַזוי ווי ער האָט געקענט מיין כתב־יד, האָט ער געקוקט אויף מיר, באַטראַכט דעם פּאַפּיר און ער האָט זיך געפילט פאַרלאָרן. זיינע צוויי גרויסע פראַגעצייכנס אין זיינע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן — וואו האָסטו עס גענומען? זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף איבעראַשונג. די שילדערונג, די האַנדלונג, איז געווען אַ לאָקאַלע.

—וואָס, ווי אַזוי?—האָט ער גענומען שטאַמלען—לאָז עס איבער מיט מיר, איך וועל דאָס אַליין לייענען. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיר אָפּגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט און זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסגעבן אַ מיינונג. איך האָב פאַרשטאַנען זיין שווייגן. דאָס האָט געמיינט: נאָך אַזאַ ביטערע לעקציע גייסטו נאָך אויף אַזאַ גליטשיקן וועג?! איך האָב טאַקע דאָס געשריבענע צעריסן און קאַמפלעט וועגן דעם פאַרגעסן. ווי עס צייגט זיך אַרויס, ווען מען צערייסט אַ געשריבענע זאַך, צערייסט מען בלויז דאָס פּאַפּיר, די אותיות באַהאַלטן זיך ערגעץ פאַר אַ צייט און קומען צוריק אַפילו מיט יאָרן שפּעטער.

דער סוף פון דער מלחמה 14־18 געמט אָנקומען. נייע ווינטן בלאָזן, נייע פויגל קומען און נייע געזאַנגען הערן זיך אין דער לופט. איך שעפּ מיינע ידיעות פון די צייטונגען. איך ווער באַאיינפלוסט פון אַ פּאָר בראָ־שורן פון נחמן סירקין און חיים זשיטלאָווסקי און איך בין גרייט פאַר אַ רעוואָלוציע. איך רוף אַ פאַרזאַמלונג אין מויער בית־מדרש. אהרן דער־שפּירט דעם גרויסן מאָמענט און קומט מיר העלפן ביים סאַמע ווענד־פּונקט. דאָס מאַכט מעגלעך, פיזיש און גייסטיק, דורכצופירן דעם פּלאַן. איצט זיינען מיר שוין פּאַרטיי־חברים און פרומעס הויז דינט אונז אין ליידן און פריידן. די שטוב איז אונזער "אַלמאַ מאַטער".

איצט, שטייענדיק דאָ מיט אהרנס שוועסטער ביים שטוינערנעם פאַרקאַן אינם זוניקן ים־ברעג, האָב איך דורכגעלעבט די שענסטע פּע־ריאָדע פון מיין פאַרבנרייכן לעבן, ווען פרומע כאַצקעלס הויז האָט אויס־געפילט אַזויפיל פאַרלאַנגען און דערגרייכונגען. ברויזנדיק ווי די ים כוואַליעס זיינען געווען יענע טעג. וואו זיינען יענע כוואַליעס פאַרשווינקט געוואָרן? אָט די פראַגע האָט אויפגעריסן אַ שווערע וואונד וואָס האָט אונז אויפסניי דערשיטערט און צעבראָכן.

דער ווייסער שוים פון די ים־כוואַליעס האָט אונז איצט געררייצט און דענערווירט. די פריילעכע באָדער האָבן אויסגעזען ווי אבנאָרמאַלע באַשעפענישן. די שטאָלצע פּאַלמעס האָבן איצט געטרויערט, און מיר האָבן אינטואיטיוו איינער דעם אַנדערן געפרעגט:

ו ו אָ ס ט ו ע ן מ י ר ד אָ ? . . .

לוקאַש

ווער אין שטעטל און אַרום דער שטעטל האָט ניט געקענט לו־קאַשן? אָדער אַמווינציקסטן געהערט פון דעם "צדיק" לוקאַש? ס'איז גע־נוג געווען אַז מען זאָל אין מאַרק־טאָג דערזען לוקאַש'ן דעם דעמב זיין אַביסל אונטערגעשניאָשקעט, פויערים זאָלן כאַפּן שפּאַנען די פערד, און אָפּציען פון שטאָט. ווייל מען האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן ווער עס וועט זיין דער נעקסטער קרבן מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ.

לוקאַש, וועלכער האָט אודאי געטראָגן דעם נאָמען נאָכן הייליקן לוקאַס, און וועמעס טאַטע, דער גרויסער מגושמדיקער אָבער שטילער איגנאַט, האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען נאָכן הייליקן איגנאַט, האָט אַרויסגעגעבן אַ משפּחה פון גבורים — דער עלטסטער זון קלים איז געווען אַ פּראָ־פעסיאָנעלער "באַרעץ" (ראַנגלער), הגם אין תוך אַ שטילער מענטש. לו־קאַש קען מען זאָגן איז אויך געווען אַן ערלעכער האָרעפּאַשנער יונג, ווען ער איז געווען ניכטער. האָט ער אָבער פאַרזוכט אַ כוסע, איז ער געוואָרן דורשטיק נאָך בלוט. און פאַרזוכן האָט ער פאַרזוכט אַלעמאָל, און ווער רעדט נאָך אין מאַרק־טאָג, ווען אַלע טראַקטירן זיינען פאַר אים געווען אָפן און באַצאָלן פאַר דער משקה—האָט ער נישט באַדאַרפט, ווייל ווי נאָר די פויערים האָבן לוקאַשן דערזען אין טראַקטיר, האָט זיך יעדער איינער געסטאַרעט אים מכבד צו זיין. און ווען לוקאַש גיסט אין זיך אַריין אַן עמער בראַנפן—איז שוין אַ פריילעכער יאַריד.

לוקאַש פלעגט זיך אַזוי נוהג זיין אין אַ יומא דפגרא: זיך אויסגע־פוצט אין זיינע יום־טוב'דיקע בגדים, ריין ראַזירט, און זיין בלאָנדער קאָפּ איז געשטאַנען אויף זיינע אַקסלען, ווי אַ לייבן קאָפּ. זיין גיגאַנטי־שער קערפּער האָט דערמאָנט אַן די מיטאָלאָגישע אַטלעטן—פון די פאַר־צייטיקע קאָלאָסעאומס. ער פלעגט שטיל, סטאַטעטשנע, מאַכן אַ שפּאַציר אין מאַרק, אַריינגיין אין קלויסטער, און דערנאָך, סתם אַזוי, אַריין אין אַ שענק, זיך זען מיט גוטע ברידער. ערשט אַרום נאָך האַלבן טאָג, ווען

דער יאַריד האָט געהאַלטן אין מיטן ברען, פלעגט שוין ווערן פריילעך. לוקאַש שלאָגט, ממית'ט, און גוים לויפן. די פּאָר פּאָליציאַנטן, לוקאַש'עס גוטע ברידער, רוקן זיך ערגעץ אַוועק און מאַכן זיך ניט וויסנדיק. האָט לוקאַש געעפנט עטלעכע קעפּ, און בלוט האָט גערונען גאַנצע לוזשעס. דאַן ווערט לוקאַש צעווילדעוועט. נישטאָ אַזאַ כוח וואָס זאָל אים קענען אָפּשטעלן. הונדערטער גוים צעלויפן זיך אין גרויס שרעק. און ער איז שוין ניט מער דער שיינער אַטלעטישער לוקאַש, נאָר ווי אַ ווילדע חיה —בלוטדורשטיק און גרויזאַם. דער איינציקער וואָס קען אים פאַרנעמען און אָפּשטעלן, איז זיין טאַטע. די מצוה פון כיבוד־אב האָט ער אָפּגע־היט אין שיכורסטן צושטאַנד. און דער עולם פלעגט גאַפן ווי אַזוי מען צאַמט איין אַ צעווילדעוועטן לייב. איצט גייט שוין לוקאַש, אַן אויסגע־שעפּטער, אָן אַ היטל, דער קאָפּ מיט די צעשויבערטע קודלעס אַרונטער־געלאָזן. ער גייט פריער ווי אַ צוציקל. דער טאַטע מיט דער רויטער באָרד גייט אים נאָך אַזוי פירנדיק אים אַהיים. דער מאַרק ווערט שיטערער און אָטעמט אָפּ פרייער.

***

וואו איז לוקאַש, וואָס איז געוואָרן מיט לוקאַשן? ס'איז שטיל גע־וואָרן אין שטעטל אין די מאַרק־טעג און יאַרידים. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אָפּגעלעבט. זיי פלעגן קומען אָן מורא אין שטאָט. זיי ווייסן שוין אַז לוקאַש דינט אין מאָסקווע אין „צאַרסקען פּאָלק" און מען קען זיך לאָזן פריי וואוילגיין... ס'האָבן זיך אונטערגערוקט נייע, וואוילע יונגען. געוואָלט אויספילן לוקאַשעס אָרט. ס'איז אָבער געווען נישט דאָס. ס'איז געווען אַ שלעכטע אימיטאַציע. נישט זיי האָבן געקענט אַזוי שיכורן, און געוויס ניט אַזוי שלאָגן. זיי האָט מען געגעבן צוריק, און גוט אויך. זיי האָט מען אַרעסטירט. ס'איז ניט געווען דער טעם, דער רייץ, ס'האָט געמיינט אַ געשלעג ווי אַלע געשלעגן.

מירן נעמען אונזער לוקאַשן. ער איז געווען אַ קוריאָזער טיפּ. אַ רעטעניש. אַ גוטער ברודער, אַ פריינט מיט שכנים. איבערהויפּט האָט ער קיין שטעטלדיקן ניט געטשעפּעט. וואו האָט מען עס ערגעץ געזען אַ שיכורן קאַצאַפּ זאָל ניט אָנרירן קיין אידן?! פּאָר אַ אידן האָט ער געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט—ניכטער אָדער שיכור. ס'זיינען געווען צייטן וואָס די אידישע געמיינדע האָט געזען אין לוקאַש'ן אַ ניצוץ פון מהר"ל'ס גולם. ווייל ווען לוקאַש איז געווען אין שטאָט, האָט מען ניט געטאָרט כאַפּן פון די טישלאַך, אָדער צו לקחענען מען זאָל כאַפּן ביי דער האַנט, און לוקאַש זאָל זיך דערוויסן. ער האָט שוין יענעם פּויער מקיים־פּסק

געווען און דאָס האָט אָפּגעקלונגען ווייט און ברייט אין געגנט. אין זיין אָנוועזנהייט האָט אַ פויער ניט געטאָרט אָפּשפּאָטן פון אַ אידן. אַפילו אַזוינער וואָס האָט גראד געטראַקטירט לוקאַשן—האָט אויך געקראָגן אין די ציינער. און ווען מען האָט מקבל געווען אַ „שייער" פאַר די אויגן פון לוקאַשן, האָט מען דערזען דער באָבע מיטן זיידן פון יענער וועלט. דערפאַר קען מען זאָגן אַז ס' איז געווען אומעטיקלאַך די דריי יאָר פון לוקאַשעס אָפּוועזנהייט. און ער האָט טאַקע אַ סך מאָל געפעלט אויך...

* * *

לוקאַש באַווייזט זיך צוריק אין שטעטל. ער טראָגט נאָך די סאָלדאַטסקע קליידער. ער איז פולער געוואָרן, העכער, ברייטער, העלדישער ווי ווען ער איז אַוועק. יעדער איינער באַגעגנט אים מיט אַ צופרידענעם שמייכל. ער שיכורט ניט, געוואָרן אַ סטאַטיק. ס'נעמט נישט צו לאַנג און ער קלייבט זיך אויס אַ געזונטע שיינע מויד, זיי האָבן חתונה. ער פאַרנעמט זיך מיט זעגן קלעצער, וואוינט מיטן טאַטן, און אַלע מענטשן וועלכע האָבן געקאָנט לוקאַשן פון פריער, דענקען אַז לוקאַשן האָט די סלוזשבע אויסגעקורירט פון ביטערן טראָפּן, און טאַטע מאַמע קוועלן אָן פון נחת.

ס'איז אָבער בלויז געווען אַ הפסקה, אַ ראָמאַנטיש־ביאָלאָגישער מאָמענט וועלכער האָט אַפילו ביי לוקאַשן גובר געווען דעם אַלקאָהאָלישן רייץ און געוואוינהייט. ווען דאָס ווייב האָט אים געבאָרן דאָס ערשטע קינד, איז לוקאַש צוריק אַוועק אין די פריערדיקע דרכים.

די צייט איז זיך געגאַנגען איר אייביקן גאַנג. דאָס שטעטל האָט אויפגענומען די מאַרק־טעג, יאַרידים, יום־טובים, שמחות, לויות, און סעזאָנען. די גויאישע גאַס האָט געפירט איר אַרט לעבן, די אידן—זייער שטייגער. וואָס שייך פרנסה: האָבן ביידע צדדים געאַרבעט שווער אויף זייער חיונה. דאָס שטעטל מיטן מאַרק האָבן אין וואָכיקע טעג צוגעדרעמלט. דער קלויסטער איז געשטאַנען שווער באַלאָדן מיט אומהיימלעכקייט. דער קופאָל מיט דעם גאָלדענעם צלם, וועלכער האָט פייערדיק אַרויסגעשיינט העכער פון די אַלטע ליפּאָווע ביימער, האָט כישופדיק געצויגן שטראַלן פון דער זון. די "מאַמע" איז יאָרנלאַנג געזעסן איינגעראַמט איבערן אַריינגאַנג־טויער און מיט אַנטבלויזטער ברוסט געזויגן "דאָס קינד".

עס איז געווען איינמאָל אין אַ זומערדיקן פרייטיק. אויף די פעלדער איז געגאַנגען די אַרבעט אין פולן שוואונג. די גערטנער, סעדער, און ברייטע פעלדער ווייט אַרויס ביזן בלויען הימל־ראַנד, זיינען געווען

אָנגעשפּרינקלט מיט מענטשן — ווי צעשאָטענער מאָן. די אידישע "מאַר־גאַוניקעס" זיינען געשטאַנען מיט ווינט פון צעפּאַכעטע אַרבע־כנפות'ן און געפּראַצעוועט, אַרומצואַרבעטן די "וואַרעווע". ווייבער זיינען געזעסן מיט פאַרשטעקטע טיכלאַך איבער די קעפּ און געיעט די ווילדע גראָזן. ווייטער, אויף ביידע זייטן שטאָט, האָבן געבלאַנקט ווייס־לייוונטענע העמ־דער, מיט ברייטע שטרויענע קאַפּעליושן וועלכע זיינען געשוואומען אי־בער די וואונדערבאַרע כוואַליעס פון ווייץ און קאָרן. אויף די לאָנקעס האָט מען געקאָסעט. און אויף רייפע קאָרן־פּלעצער האָבן זיך געשטעלט „שאָקן" פון געשניטענעם גערעטעניש. דער געזאַנג פון די שניטער האָט מעלאַנכאָליש איינגעוויגט דעם גאַנצן באַשאַף. פּלוצלונג איז דער פּאַסטעראַלער פּייזאַזש פאַרשוואונדן. די פעלדער, גערטנער, סעדער זיי־נען מיט איינמאָל ליידיק געוואָרן. אַ שטראָם פון מענטשן האָט, ווי אַ הוראַקאַן, פינסטער געמאַכט דעם מאַרק. קיינעם איז דאָן נישט איינגע־פאַלן, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון סוף. אַלט און יונג, קריסט און איד, זיינען געלאָפן אין מאַרק אויסצוגעפינען וואָס אַזוינס מלחמה מאָבילי־זאַציע פון גאַנצן לאַנד מיינט? מען האָט געלייענט די „אַביאַוולעניעס", געלייענט די ספּעציעלע טעלעגראַמעס און ציַיטונגען. מען האָט זיך גע־נוי דערוואוסט: מאָרגן, פרייטיק, איז מאָבילִיזאַציע־טאָג.

יענער פרייטיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משונה'דיקן יאַריד. מענטשן און פערד זיינען מאָביליזירט געוואָרן. יאָמערליכע געוויינען פון ווייבער און קינדער האָבן געשפּאָלטן הימלען. די "מאַמע" האָט אַלץ ליב־ליך געשמייכלט און געזויגן דאָס „קינד", האָבן פויערטעס געקניט מיט יאָמערלעכן געוויין געקושט די ציגל פון די זיילן וועלכע האָבן אויפ־געהאַלטן דאָס הייליקע בילד.

— הייליקע מוטער, דערבאַרעם זיך אויף אונז. מען האָט צוגענומען די טאַטעס מיט די זין. העלף אונז! ראַטעווע אונז!

דער גלח איז אַרויס פון די ברייטע קלויסטער־טירן און געפּרעפּלט אַ געבעט און דער רויש איז שטילער געוואָרן.

די אידישע ווייבער פון מאָביליזירטע מענער, און מאַמעס פון אוועקגענומענע זין, האָבן זיך געלאָזט צו די בית־עלמינס, אין אָרון־קודש אַריינגעוויינט. און ס'איז אויך דאָ שטילער געוואָרן. מען איז געקומען צוריק צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע, און געבליבן זיצן אין טרויער.

פּלוצלונג האָט זיך די באַד־פייפל צעשריען מיט דעם זעלבן היי־זעריק קול ווי אַלע פרייטיקס. ד. ה. מענטשן—אין באָד אַריין. מען האָט זיך אָנגעקוקט: דאָס איז טאַקע דער אמת'ער נאַר פון באָד אַרויס. וואָס

הייסט, דער בעדער ווייסט ניט וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט?— האָט מען זיך געפרעגט.

דורך דער צייט פון האַלבן טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער רב האָט אָנגעזאָגט מען זאָל מאַכן שבת. אינם זכות פון הייליקן שבת, וועט דער גזר בטל ווערן.

דער געדרענג פון מענטש און פערד איז נאָך האַלבן טאָג שיטער געוואָרן. דער שטויב און ריח פון פערדיש מיסט זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם בלוילעכן עטער פון רוים. מאַנאַטאָנע אונטערברוכן פון ווייבערשן געוויין, ביים אַרויסנעמען די חלה, אָדער פאַרוקן דעם טשאָלנט, האָבן ווי בלייענע כוואַליעס שווער געמאַכט דעם גאַנצן האָריזאָנט, און געצייכנט טונקעלע קאַשמאַרן אויף דער אונטערגייענדיקער זון. די קראָמען האָבן זיך גיך און גאַנץ פרי צוגעמאַכט, ווי אין אַ רעפּעטיציע פאַר אַ פּאָגראָם. די קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך אומעטיק צעקלונגען, און דער עכאָ האָט געברומט:

איך בין מעכטיק, איך בין שטאַרק. צו מיר געהערט דער הימל און אויך די ערד, איך בין די פייערדיקסטע ביקס, און די שאַרפסטע שווערד . . .

**
*

עס טונקלט אין דרויסן אַ שווערע סומנע שקיעה, ס'דוכט זיך ווי דער טאָג באַגלייט די זון מיט האַרצרייסנדיקע לאַמענטאַציעס וואָס שפּרייטן זיך און דרינגען אריין אין יעדער גאַס און געסל, און פאַרהאַלטן זיך אויפן שול־הויף, וואו אידן זיינען געקומען מקבל־שבת זיין. געקומען איז מען ווי טונקעלע שאָטנס, און שווייגנדיק איז מען געשטאַנען אין דרויסן, געוואַלט עפּעס הערן. אפשר ווייסט אימעצער אַן עצה? אפשר האָט עמיצער אַ טרייסט־וואָרט?

די שול און בתי־מדרשים האָבן דערציילט מיט זייערע שוואַך־באַלויכטענע ליכט: פון חורבן־יאָרצייט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, און שטאַרק באַטאָנט דעם חורבן פון היינט־צו־טאָג. דערפאַר זיינען די מענטשן געשטאַנען ווי בלודנע צעשראָקענע שאָף, ווי אַרומגערינגלט פון וועלף, און די שבתדיקע אָנטועכץ איז איצט געווען פרעמד צו זיי.

עליע דער שמש איז אַרויס פון שול און געבעטן דעם עולם אינוועניק.—אידן, גייט אַריין—האָט זיין שטימע געציטערט—מען דאַרף מקבל־שבת זיין.

אין שול האָבן עטלעכע אַלטע לאַמפּן געברענט. און ווי אין אַ טומאַן איז געשטאַנען דער דריי־גאָרנדיקער אַנטיקוואַרער ארון־קודש, מיט

אַן אָפּגעבליאַקעוועט צעטרעמפּלטן קורצן פּרוכת, און טרויעריק אַלע־מענס בליקן אויפגענומען.

אין מזרח האָבן זיך עטלעכע מנהיגים גע׳עצהט וועגן זייער אַ ווּיכטיקן ענין. דער פּועל־יוצא איז געווען: מען האָט געבעטן ר׳ יעקב חיימען ער זאָל דאָס מאָל מקבל שבת זיין. מען האָט געקענט פאַרשטיין פון דער אַסיפה, און נאָך עליעס בעטן יעקב חיימ׳ען, אַז אין אַזאַ מאָמענט קען מען זיך אויף קיין אַנדערן ניט פאַרלאָזן. און ווען ר׳ יעקב חיים דער שוחט האָט גענומען גיין צו דער בימה מקבל־שבת צו זיין, זיינען אַלע מתפּללים באַהערשט געוואָרן פון אַן אינערלעכן ציטער. יעקב חיים, דער ערשט ראַנגיקער בעל־תפילה פאַר ימים נוראים, וועלכער פלעגט מיט זיין דאַוונען באַצויבערן זיינע צוהערער, ווערט איצט, אין אַ שבת־חזון, זיין זייער שליח ציבור. אַפילו אַ צווייט־ראַנגיקער בעל־תפילה פלעגט אויך אויסמיידן אַזאַ טרויעריקן קבלת־שבת צו שטיין פאַרן עמוד.

יעקב חיים האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ פרעמדער דאָ, זיך געלאָזט צו דער בימה. אַלעמענס הערצער האָבן געצאַפּלט מיט יעקב חיימס טריט. אומעטיק און איינגעשרומפּן איז איצט געווען דער שיינער, פּאַטריאַרכאַלישער יעקב חיים. זיין הדרת פּנים איז געווען איינגעהילט אין טויזנטער חורבנות. און ווען ער האָט מיטן ניגון פון איכה אָנגעהויבן לכו נרננה, האָבן די פייערן פון די עטלעכע אַלטע לאָמפּן גענומען טוקן און טונקל ווערן. ס׳איז ניט געווען קיין קבלת־שבת, די יעלה׳ס פון אַ כל־נדרי נאַכט האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט איצטיקן לכה־דודי. יעקב חיים האָט אויסגעוויינט די לכה־דודי׳ס מיטן ניגון פון ״אלי ציון ועריה״. ס׳איז ניט געווען מער קיין תפילה, נאָר איין יאָמערלעכער אויסברוך וועלכער האָט פאַרגאָסן די גאַנצע שול מיט טרערן. אַפילו דער לייב, לעמפּערט, הירש און אַדלער פון זייערע הויכע פּעדעסטאַלן אין געוועלב, האָבן אויך מיטגעוויינט. צום קדיש־יתום נאָך עלינו, איז שטיל געוואָרן, איז מען אַן אַ גוט־שבת אַהיימגעגאַנגען.

דער דרויסן איז געלעגן אין סומנעם דעמער. פון מאַרק האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג פון שיכורים, וועלכע האָבן פאַרגאָסן זייער צער מיט אַלקאָהאָל. דאָ האָט מען פּלוצלונג דערזען אַ מאָדנע דערשיינונג, ווי אַ קאָמעט אָדער אַ מעטעאָר זאָל דורכרייסן די הימלען. די דאַוונער זיינען נשתומם געוואָרן. ס׳איז נישט געווען אין הימל דער צייכן וואָס זאָגט פאַראויס די צוקונפט. דער פענאָמען איז געקומען אויף דער ערד. אַלע האָבן אינטואיטיוו דערפילט אַ שלעכטן סימן אין דער מאָדנער דערשיינונג. זיי האָבן אַלע געזען ווי די האַנט שרייבט אויף דער וואַנט: די גרויסע רוסישע אימפּעריע וועט אָפּגיין מיט בלוט. דאָ האָט מען דער־

זען צווישן די שיכורע חלאפעס לוקאש'ן, א צעבלוטיקטן, א צעביילטן. ער איז געווען אזוי צעקלאפט, א ' זיינע פריינט האבן אים געמוזט אונטער די הענט פירן אהיים.

—סע טויג ניט, האט איינער דעם אנדערן שטיל אריינגערוימט זיין אייגענע נבואה — ס'רוקן זיך אן שרעקלעכע צייטן.

***

די נאכט איז געווען א שלאפלאזע. די שבתדיקע אידיליע פונם קליינעם שטעטל אין רייפע זומער חדשים, וואו רחבות, קדושה און מנוחה איז געווען אויסגעשפרייט אין יעדן ווינקל און יעדן געסל, איז דאס מאל נישט געקומען. עפעס האבן בייזע גייסטער געלויערט פון יעדן ווינקל און פון יעדער הויז. און גאנץ פרי, איידער די זון איז נאך אויפגעגאנגען, האט מען שוין געזען קלייזלאך מענטשן מיט אומעטיקע פנימער און מיט שווארצע פראגע־צייכנס אין זייערע אויגן. ס'איז געווען ווייט פון יענע, נאר וואס אוועקגעגאנגענע שבתים וואו יעדער באלעבאס פלעגט פארן דאווענען כאפן א שפאציר מיטן זשילעט און ווייסע העמד־ארבל איבער זיין פעלד אדער גארטן, באטראכטן גאטס וואונדער און דערווייל נעמען איבערנעמען אינוועטאר פון אייגענער שפע און דערנאך א פריילעכער, אז אויפגעלייגטער קומען אין בית־מדרש און זיך באהעפטן מיט דער נשמה יתירה. דעם שבת איז עס ניט געווען צו מערקן אין קיין ווינקל. ס'האט אויסגעזען, ווי א וואכעדיקער איבעררייס, ווען מענטשן האבן צוליב א געוויסע פאסירונג אפגעשטעלט די ארבעט און ארויס אויסצוגעפינען וואס האט אזוינס געטראפן. און ווען מען האט ביי קיינעם פון די גרופעס נייגעריקע, אומבאהאלפענע מענטשן, נישט געפונען דאס ריכטיקע ווארט, איז מען אוועק דאווענען.

אומעטיק און שטיל האט אויסגעזען דער שול־הויף אין דער מארגן שעה. די זון איז ווי אויף צולהכעיס ארויסגעקומען אזוי לויטער, אזוי פריש, שארפער און ווארעמער ווי אין אנדערע זומער־טעג.ביים דאווענען, ד. ה. ביים אנהויב, איז אלעס צוגעגאנגען אזוי שטיל, אזוי מעכאניש, ס'איז געווען א דראענדיקע שטילקייט וועלכע וועט אויסברעכן אין א שטורעם. אבער ווי נאר דער בעל־תפילה האט אויסגעלאזט: „אשרי העם שככה לו, אשרי העם שיי אלהיו", צו ואני בחסדך בטחתי, האט ער אויסגעבראכן אין געוויין, און אלע טרערן־קוואלן האבן זיך צעעפנט אזוי, אז קיינע מיטלען צום אפהאלטן, האבן נישט געהאלפן.

דער רב, ווען אלעמענס אויגן האבן ארומגענומען, איז געשטאנען פאר א גוואלדיקער דילעמע. וואס קען ער טאן, און ווי קען ער איינשטילן אזא געוועכטן געוויין? פלוצלונג האט ער גענומען קלאפן

אויפן סטענדער און דער עולם האָט זיך גענומען אַרומקוקן פון וואַנען ס׳קומט דאָס קלאַפּן. נו! אַ! אסור לבכות בשבת קודש. ער האָט אָבער געזען אַז מען האָט אים נישט פאַרשטאַנען, האָט ער אין אַ הייזעריקער, פאַרוויינטער שטימע זיך געווענדעט צום עולם:

—אידן, פאַרשטערט ניט דעם שבת. גאָט ברוך הוא וועט זיך דער־באַרעמען, פאַרלירט נישט דעם בטחון. זאָלן מיר בעטן ביים כביכול אַז זכות פון שבת קודש זאָל ער אָפּשרייען דעם גזר.

ס׳איז שטיל געוואָרן. דעם בעל תפילה׳ס קול האָט מען קוים גע־הערט. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען איבערגעפּולט מיט איבעראַשונג: דער רב האָט אויסגערעדט פּאָר שמונה־עשרה, מוז טאַקע זיין דאָס וויי־נען אום שבת אַ גרויסע זינד.

אין צייט פון קריאת התורה, האָט מען זיך דערוואוסט אין פּאַלוש און אין דרויסן, אַז היינט, 5 פאַרנאַכט, דאַרף דער גאַנצער רעזערוו מאַכן די באַן צום מיליטערישן פּונקט אין "אויעזד". און אַ סך פון די דאָזו־נער וועלכע זיינען געווען רעזערוויסטן, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טליתים און אַוועק. די בתי־תפילות זיינען צו מוסף געוואָרן ליידיקלאָך און דאָס דאַוונען איז שוין געמאַכט געוואָרן בחפזון.

אַרום זייגער צוויי, האָט זיך גענומען אָנפילן דער מאַרק ווי אין אַ יאַריד־טאָג. פּויערים פון גאַנצן "סטאַן" זיינען געקומען מיט ווייבער, טאַטעס, מאַמעס. ס׳איז אָבער געווען גאָר אַנדערע פּויערים. יונגע "מאָ־לאָדיצעס" וועלכע האָבן באַגלייט זייערע מענער, האָבן געסטשעמעט זיי־ערע מיילער און געווישט זייערע אויגן. טאַטעס, אויסגעהאָרעוועטע, פאַרמאַזאָליעטע, האָבן געפּירט זייערע זין שטיל, מיט יאוש אין זייערע אויגן. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קלויסטער, זיך פרום איבערגע־צלמט, און געווען גרייט פאָרן צום באַן.

די מענגע ווערט גרעסער, געדיכטער, ס׳הערן זיך ספּאַזמישע אויסברוכן, היסטערישע געשרייען, און דורך אַלע וועגן און שטעגן קומען אָן יונגע מענער מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם אין דער באַגלייטונג פון זייערע פאַמיליעס.

פון די שטעטלדיקע איינוואוינער קומען די "מעסטשאַנעס" פון אַלע קלאַסן. ס׳קומען די ביידוקעס אין וועמענס משפחה ס׳זיינען דאָ אַ פּאָר אַפּיצערן. ס׳קומען אַלע מענער אין עלטער פון רעזערוו.

פון די אידישע שטיבער קומט די אָרימשאַפט, טאַטעס פון גרויסע פאַ־מיליעס, וועמענס יללות פאַרטויבן אַפילו דעם קלויסטער גלאָק. עס ווערט אַ משונהדיקער דעספּעראַטיווער יאָמער, מען גיט שוין באַפעלן, און די "זאַפּאַסנע" דאַרפן זיך אָפּטיילן פון די ציווילע. דאָ, אין סאַמע געברויז

פון געוויין און געשריי, זיינען אַלעמענס אויגן געפאַלן אין איין ריכטונג, און דאָס איז געווען דער גיגאַנט לוקאַש, וועמענס קאָפּ איז געשטאַנען העכער פון דער גאַנצער מאַסע. לוקאַש איז איצט געשטאַנען אַ ניכטע־רער, אַ פאַרשעמטער. זיינע גוטמוטיקע בלויע אויגן זיינען געווען פאַר־וואַסערט. ער האָט געהאַלטן איינס פון זיינע קינדער אויף דער האַנט, און דאָס עלטערע, אַ יונגער לוקאַשל, איז געשטאַנען און אַנגעקוקט דעם גאַנצן טומל. זיין שיינע יונגפרוי, נישט צופיל קלענער פון אים, איז געשטאַנען איינגעקלעמט אין איר גיבור. ס׳האָט אויסגעזען, ס׳איז ניטאָ אַזאַ מאַכט אין דער וועלט, וואָס זאָל זיי קענען צערייסן.

״זיך צעטיילן!״—איז געקומען אַ רוף. און צוויי מחנות זיינען גע־בליבן שטיין איינע אָפּגעזונדערט פון דער צווייטער. איינע האָט פאַרבי־טערט געשוויגן, און די צווייטע האָט געריסן די הימלען פון געוויין.

ווער איז דאָס געווען דער כוח וואָס האָט צעטיילט די צוויי מח־נות? וואו איז עס געלעגן באַהאַלטן די קראַפט וואָס האָט די אייביק־פאַרפעסטיקטע קנופּן געקענט צערייסן? איז עס געווען דער באַרדיטשער יאָקים, דער געוועזענער פעלדפעבל? אַזאַ אויסגעצערט מענטשל, וואָס האָט פאַר איין לוקאַש׳עס קוק געציטערט. איצט מיט איין רוף — ווערן אים טויזנטער מענטשן געהאָרכזאַם. ווען די בכבודיקע בירגער פון מי־נוטן פריער וואָלטן חלילה באַוויזן אַקעגנווילן צו זיינע באַפעלן — ווערן זיי גלייך פאַרבערכער.

ווידער הערט זיך פון יאָקימען אַ רוף, און ווידער אַ געשריי, און די רעזערוויסטן גרופּירן זיך אין קאָלאָנעס, פיר צו אַ ריי, פיר צו אַ ריי. וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז דאָס פאַראַ מישענינע? ווילן צעטומלטע מענטשן פרעגן.

—מאַרש!—שרייט אויס יאָקים—און אַ פּראָצעסיע פון פאַרשידענע קליידער־קאָלירן נעמט זיך באַוועגן צו קאָברינער גאַס, צום שאָסיי, אויפן וועג צו דער באַן. די מחנה גייט איינגעשטעלט, ווי עכטע סאָלדאַטן. עס פעלט זיי בלויז די אוניפאָרמען און ביקסן אויף די אַקסלען. נאָך זיי ציען זיך פאַרווירטע, פאַרצווייפלטע בלוט־קרובים. אינטערנאַציאָנאַלער טרערן אָרקעסטער שפּילט איצט אויס שאָפּענס טרויער־מאַרש. ס׳איז עפּעס אַ מאָדנע לויה, די טויטע גייען.

אונטערן שטאָט האָט יאָקים, אויף אַ באַפעל פון אַן עלטסטן, ווי דער אַ לאַנגן אויסרוף געלאָזן פאַלן, און די באַוועגדיקע כוואַליע איז שטיין געבליבן. דערנאָך האָט אָפּגעקלונגען אַ שטימע: ״פּראַשטשאַיטעס!״ (געזעגנט זיך).

אויב יהושע בן נון האָט געקענט אָפּהאַלטן די זון, האָט דער

וואָרט „פּראָשטשאַיטעס״, טונקל געמאַכט די זון. ווייל פאַר גאָר אַ גרוי־סער צאָל פון די געזעגענער, איז פּשוט פינצטער געוואָרן די וועלט, און זיי זיינען געפאַלן אין חלשות. מיט גרויסע שוועריקייטן איז איצט דעם בעאַמטענטום אַנגעקומען פּאַנאַנדערצעטיילן די צוזאַמענגעשמאָל־צענע מענגע מענטשן. מען האָט פריער געבעטן מיט גוטן, דערנאָך האָט מען זיך גענומען בייזערן און סטראַשען, ביז די מחנה האָט זיך צעטיילט און זיך גענומען שפּאַלטן. איין טייל, דער ווידער איינגעשטעלטער, האָט זיך גענומען רוקן געענטער צום וואַלד, די צווייטע אָפּטיילונג, טף ונשים, זיינען געבליבן שטיין פאַרגליווערט און פאַרשמאַכט.

דער ריטמישער טראָט פון די מאַרשירנדיקע האָט איצט רעש׳יק אָפּגעקלונגען אינם שטילן פעלד. די אַוועקגייענדיקע מחנה האָט זיך גע־וויגט ווי אַ שמאָלער טייך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גיגאַנטישער שלאַנג רוקט זיך צום וואַלד, און אינדערמיט פון דער עקזאָטישער שלאַנג — טראָגט זיך לוקאַש׳עס קאָפּ.

אַלץ אַרום איז געוועז שטיל. קיין פויגל האָט נישט געזונגען און קיין קאַסע האָט נישט געקלונגען. בלויז דער קלאַנג פון געמאָסטענע טריט האָבן אָפּגעהילכט: איינס, צוויי, דריי, פיר! איינס, צוויי, דריי, פיר!

פּלוצלונג האָט אַרויסגעשאַלט אַ שטימע וועלכע האָט ווי אַ דונער אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אַרום:

*) „פּאָסליעדני ניעשני דעניאַטשעק — האָט לוקאַש פאַרצויגן די טרויעריקע מעלאָדיע—גוליאַיו ס׳וואַמי יאַ דרוזיאַ, אַ זאַווטראַ ראַנאַ, טשוט צוועטאַטשעק, זאַפּלאַטשעט וסיאַ מאַיאַ סיעמיאַ!״ ביי די ווער־טער איז זיין לייבן־שטימע צוזאַמענגעבראָכן. לוקאַש וויינט! פון לו־קאַשעס בלויע אויגן פאַלן טרערן, זיין האַלדז שטיקט אים!

די טרערן וואָס זיינען געקומען פון לוקאַשן, צום ערשטן מאָל אין זיינע דערוואַקסענע יאָרן, האָבן אַנגעשטעקט קליין און גרויס. זיי האָבן געשפּאַלטן די פאַרשטיינערטע הערצער.ביידע גרופּעס האָבן נישט גע־קענט האַמעווען דעם דרוק פון לוקאַש׳עס טרערן, סיי די כלומרשטע העלדן וועלכע האָבן געמאַרשירט, סיי די פאַרגליווערטע מחנה וואָס איז שטיין געבליבן. דער געזאַנג איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון דער אַוועק־גייענדע חברה, און איז פאַרשלונגען געוואָרן אין וואַלד. דאָ, אין דער אויסגעמישטער מחנה, האָט מען זיך געריסן די האָר פון די קעפּ, זיך געשלאָגן מיט די קולאַקעס, און געשריען צו גאָט . . .

---

*) דאָס איז היינט דער לעצטער טאָג פאַרברייננג איך מיט אייך פריינט, און מאָרגן, צום קאַיאָר, וועט מיין משפּחה מיך באַגלייטן מיט געוויין.

חיים סאַטניק

חיים איז געווען באַקאַנט אין שטעטל דורך פאַרשידענע נעמען.

חיים סאַטניק, חיים פּוזניאַק, חיים כהן און חיים דער קאַמעניאַר. — קאַמעניאַר האָט מען אים גערופן ווייל ער פלעגט קערן די קוימענס. ער פלעגט זיך אָנטאָן אין אַ פּאָר לאַנגע שטיוול, די כאַליעוועס איבער די קני, זיך פאַרגאַרטלען מיט אַ גוטן רימען אַרום די לענדן, טראָגן אויף זיך אַ קנויל שטריק מיט בעזעמער אָנגעבונדן, און גיין איבערן שטעטל מיט זיין זיין געהילף, שווארץ ווי קויל, אָבער מיט שטאָלץ, — ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ „נאַטשאַלניק" אויך.

פּוזניאַק און כהן, דאָס זענען געווען די נעמען מיט וועלכע חיים איז געבוירן געוואָרן. פּוזניאַק — דער פאַמיליע נאָמען און כהן — ווייל זיין טאַטע משה־בער איז געווען אַ כהן.

סאַטניק און קאַמעניאַר — דאָס האָט ער ערשט דערוואָרבן אויף די מיטעלע יאָרן.

אין דער יוגנט איז חיים געווען אַ שמייסער. זיך געלאָזן מיט דער בויד אין די מרחקים, פון קיין באַנען האָט מען נאָך אין יענע געגנדטן ניט געקלערט. און חיים, ווי ער פלעגט אַליין דערציילן, איז כמעט אַלע יאָרן געווען אין דייטשלאַנד. און די דאָזיקע רייזעס פון דער יוגנט האָבן אים געגעבן מאַטעריאַל אויפן גאַנצן לעבן, צו דערציילן וואונדערלעכע מעשיות.

דעם טיטול סאַטניק האָט ער באַקומען ווען די איינבאַן האָט אים אַרויסגעשטויסן פון זיין פרנסה. איז ער געוואָרן אַ שטאָטישער לײדיקגייער, און אָפּזיצן גאַנצע טעג אין מאַרק, אויפן קלאָץ, וואָס האָט געדינט פאַר אַ באַנק פאַרן „סטאַראָסטע'ס" הויז.

לאָמיר אים גאָר מאַכן פאַר אַ סאַטניק — רופט זיך אָפּ דער אַלטער סטאַראָסטע, באַטראַכטנדיק חיים'ן פון קאָפּ ביז די פיס — ער קען קיין עין הרע געבן אַ קלאַפּ ווען מען וועט דאַרפן.

חיים'ס גלידער זיינען שטייף געוואָרן. ער האָט דערפילט אין זיך

אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה. ער איז געווען איבערגליקלעך מיט דעם כבוד וואָס מען טיילט אים צו. — ער האָט באַקומען אַ זילבערנע בלעכל, אויסגעקוועטשט דעם קייסערס אָדלער, און געוואָרן אַ גאַנצער בן בית אין „אופּראַווע”, וועלכע געפינט זיך אין סטאַראָסטע׳ס הויז. דאָרטן העלפט ער אַרויס אין הויז, גייט ערגעץ אַ גאַנג, אַז מען דאַרף. אָבער גוט פילט חיים ווען ער גייט מיט פאָפירן אין „וואָלאָסט” אָדער צום פּריסטאַוו. דע־מאָלט גייט ער מיטן קאָפּ הויך, מיט פעסטע טריט, עפּעס איז ער דאָך אַ שטיקל נאַטשאַלניק. וועגן פּרנסה פאַרן ווייב מיט די קינדער פאַרגעסט חיים אין גאַנצן. ער דרייט זיך אין שטאָט, כאַפּט דאָ אַ לעק, דאָרט אַ ביס, אָבער דאָס ווייב מיט די קינדער, היגטערן שטאָט, ליידן פּשוט הונגער. איז דער אַלטער סטאַראָסטע געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי דער אַלטער קוימען־קערער איז שוין צו אַלט צו קריכן אויף די דעכער, און די שטאָטישע קוי־מענס געהערן דאָך צו דער שטאָט, זאָל חיים איבערנעמען די קוימענס. חיים האָט צוגענומען ביי יענעם די קוימענס, זיך אויסגעשמירט אין סאַ־זשע, און ווייסע חברה׳ניקעס האָבן געמיינט אַז חיים איז געבאָרן געוואָרן אין די קוימענס.

נאָך דעם ווי חיים איז דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל אין צוויי טעג, האָט ער שוין געדאַרפט וואַרטן ווידער זעקס וואָכן.

דערווייל וואַשט ער זיך אַרום, קעמט זיך אויס די באָרד, בייט דאָס היטל. נעמט אַרונטער די פּאַסיקלעך מיט וועלכע ער פאַרציט די כאָליי־ווען איבער די קני, שמירט אויס די שטיוול מיט זשעגאַכץ, לעבן גיטל דינה׳ס קראָם, און דאָס טוט שוין חיים ווי אַ נאַטשאַלניק. ער זויגט אָן די שטיוול פון אַלע זייטן. וועגן צאָלן טראַכט ער גאָר ניט. און גייט ווידער אין אופּראַווע.

**
*

טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס דאַרף דורכפאָרן עפּעס אַ גרויסער נאַ־טשאַלניק דורכן שטעטל, גייט חיים אַרויס איבערן שטאָט, מיטן גלאַנציקן בלעכל אויף דער ברוסט, און הייסט מאַכן „טשיסטאָטאַ”. ער האָט ניט גע־בעטן, נאָר באַפוילן — דו זאָלסט מיר אָפּקערן די גאַס, דו הערסט! און דעם קוימען זאָלסטו מיר אָפּקאַלכן!

— גוט ר׳ חיים, מיר וועלן דאָס טאָן — פלעגן אים דערשראָקענע ווייבער ענטפערן.

נאָר דעם אמת׳ן קוראַזש האָט חיים באַקומען ווען ער פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אין דער גוי׳עשער גאַס. דאָרט האָט ער דערפילט דעם כּוח פון זיין בלעכל און האָט זיי געוויזן וואָס אַ סאָטניק מיינט.

די גוים פלעגן מיט חיים'ען ניט טענה'ן. זיי פלעגן גלייך נעמען אָפּ־רייניקן די הויפן. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען אַז עפּעס נייעס איז געשען. אָודאי אַ נייע „כאָלירע” קומט אָן. חיים פלעגט שרעקן די גוים — אויב דו וועסט ניט מאַכן ריין, וועל איך דיר מאַכן אַ „פּראָטאָקאָל”. אין דער אמת'ן האָט חיים ניט געוואוסט ווי אַ פּראָטאָקאָל זעט אויס, און פון וואָס ער איז געמאַכט געוואָרן. נאָר אַז דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך מיט וואָס נאַטשאַלסטוואָ באַנוצט זיך, האָט ער געוואוסט. און ער האָט אַלעמאָל גע־שראָקן: „איך וועל מאַכן אַ פּראָטאָקאָל”.

ווען חיים פלעגט דערהערן דאָס קלינגען פון אַ גלעקל, איז ער שוין געווען אין אופּראווע און געשטאַנעןביים זייט פון סטאַראָסטע ווי אַ לייב־וואַך, און אַז דער נאַטשאַלניק פלעגט אַראָפּשפּרינגען פון קאַליאַסקע, און זאָגן „זדראַסטוואו”, פלעגט ביי חיים'ן זיך אַ טרייסל טאָן די באָרד, און גיך ענטפערן „זדראַוויע זשעלאַעם וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע”. אַז דער אויעזדנע איספּראַווניק פלעגט זיך באַווייזן, האָט זיך חיים דערפילט ווי מיט אַן אייגענעם מענטשן. דער איספּראַווניק האָט אים שוין געקאָנט ביים נאָ־מען. „זדראַסטוואו חיים”, פלעגט ער זאָגן — און אַ וואָרף טאָן עטלעכע פּאַפּיראָסן מיט אַמאָל. חיים פלעגט די פּאַפּיראָסן פּאַמקען מיט אַזויפיל גאווה, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט גערויכערט. די גילזע האָט ער געהאַלטן פאַר שטונדן לאַנג.

אַז ס'פלעגט אָנקומען דער זומער, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר שרפות, פלעגט חיים אָנטאָן דאָס בלעכל, אַרויספירן אַלע פאַ־זשאַרנע מאַשינען וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט, און זען אַלץ צו מאַכן אין אָרדנונג. „הלואי זאָל מען ניט דאַרפן”, פלעגן ווייבער מיט צעשראָ־קענע אויגן בעטן ביי גאָט. חיים האָט די אַרבעט אַליין ניט געטאָן. ער איז מער ניט געווען, ווי דער קאָמאַנדיר. און ווען אַלע פעסלעך זיינען שוין געווען אָנגעפילט און פאַרווייקט, פלעגט ער אויספּרובירן די פּאָמפּעס, די קישקעס. די שפּריצן האָט ער אַליין געמוזט האַלטן. דאָס האָט ער די בעס־טע פון זיינע אַרויסהעלפער ניט אָנגעטרויט.

האָט זיך געמאַכט אַ חתונה אין שטעטל, און מען האָט געוואָלט עס זאָל זיין אָרדנונג, האָט מען געבעטן חיים'ן. צו דער ערשטער חתונה האָט מען אים געדאַרפט רופן. דערנאָך האָט מען שוין געוואוסט אַז דאָס איז זיין חזקה. ער פלעגט קומען פרי. דער בעל שמחה האָט אים שוין צוגעזען, אַז חיים זאָל ניט זיין פאַרשמאַכט. נאָך אַ פּאָר כוס'עס מיט צובייסן איז שוין חיים געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער און קיינעם ניט אַריינגעלאָזן, אויסער די וואָס זיינען געגאַנגען שבת'דיק אָנגעטון. צו דער וועטשערע איז שוין חיים געזעסן ביים טיש, גלייך מיט אַלע מחותנים, און האָט הנאה געהאַט פון

אַ גוטן מאָלצייט. אויסער וואָס חיים פלעגט האַלטן אָרדנונג ביים טיר, ניט אַריינלאָזן אַנגעלאָפּענע, פלעגט ער שוין צוגרייטן טישן פון די בתי־מדרשים, לאַנגע ביינק פון שיינקען. ער האָט אַליין קיין זאַך ניט געטראָגן. ער האָט שוין געהאַט זיינע אַדיוטאַנטן, וואָס פלעגן אים באַדינען אַ גאַנץ יאָר פאַר אַ ווייסע בולקע פון עמיצנס אַ חתונה. ביי דער טיר איז ער שוין אַליין ניט געשטאַנען, נאָר אָן אַרויסהעלפער — ער פלעגט נאָר באַפעלן „לאָז אַריין". ניט איין מיידל האָט פאַרגאָסן אומזיסטע טרערן צוליב חיים׳ס אָפּזאָג. זיין וואָרט איז פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. און די אויסגעפּוצטע מיידל, וואָס איז געווען איינגעלאַדן פון דער כלה אַליין, אָבער ניט קיין פריינט, האָט נעבאַך אַ פאַרשעמטע מיט אַ צעבראָכן האַרץ, געמוזט גיין אַהיים. ווייל חיים האָט געוואוסט אַז זי איז ניט קיין פריינט.

פרייטאָג איז חיים פאַרנומען מיט זיך אַליין. ער פלעגט איבערלאָזן די שטאָט אויף הפקר. ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך.

גאַנץ פרי איז שוין חיים געווען אין וואַלד. ניט געאיילט זיך און מיט גרויס מבינות האָט ער געשניטן גרינע צווייגעלעך פאַר אַ באָד בעזעמל. מיט אַ סדר זיי אויסגעלייגט, שטייף פאַרבונדן, האַלב רונד אַרומגעשניטן מיט זיין שאַרף מעסערל. דערנאָך אים גוט אויסגעשאָקלט, אויסגעקעמט מיט די פינגער. און זיך געלאָזט צוריק אַהיים מיטן בעזעמל אין האַנט, אַז יעדער זאָל דאָס קאָנען זען. אַפילו דער „סטראַזשניק" פון וואַלד זאָל עס אויך זען. ער האָט קיין מורא ניט.

אַהיים גייענדיק פלעגט חיים טרעפן גוים, אַקערנדיק די פעלדער. — „דזען דאָברע, פּאַניע חיים". זיי פלעגן אָפּשטעלן דעם אַקער און גיין באַטראַכטן דאָס בעזעמל. „אַ, אַ"—פלעגן זיי זיך פאַסמאַקעווען. „שוין איינמאָל אַ בעזעמל . . . " פונקט ווי זיי דערזעען דאָס וואונדער צום ערשטן מאָל. חיים וויל זיך ניט גרויסן מיט דעם. ער לאָזט זיי זיך אָנזעטיקן וויפיל זיי ווילן, און לאָזט זיך מיט געמאָסטענע טריט צוריק אַהיים.

ווען חיים קומט צוריק, שמעקט שוין אין שטוב מיט פרישן ברויט. אויפן טיש וואַרט שוין פאַר אים אַ וואַרעמע קאָרנענע פלעצל מיט צעברענטע ציבעלעס. ער הויבט אָן פילן דעם עונג שבת. מיט גרויס ישוב הדעת וואַשט ער זיך, זאָגט הויך „שאו ידיכם", מאַכט הויך די ברכה. און קייעט געצייילטע ביסנס. ער פאַרגינט זיך פשוט ניט אַראָפּצושלינגען — און ער טראַכט, ווען דער איספּראַווניק וואָלט צו אים געקומען צו גאַסט פרייטאָג, וואָלט ער אים מכבד געווען מיט אַזאַ פלעצל. חיים וואָלט אויפגעגעסן

די אַלע פּלעצלעך וואָס ליגן דאָ אויפן טיש. נאָר ער ווייסט אַז דאָס איז פאַר די קינדער. ער בענטשט הויך אויפן קול, טאַקע אויסווייניק. זיין ווייב, וואָס פאַרעט זיך ביים אויוון, הערט יעדעס וואָרט. איר האַרץ קוועלט אָן פאַר נחת וואָס זי האָט אַ מאַן אַזאַ למדן. פּלוצלונג לויפט אַריין משה בער־קע זיין מוזיניקל, און כאַפּט זיך צום גרעסטן פּלעצל. חיים וויל ניט מפסיק זיין. ער ווייזט אים אָן אויפן קלענסטן. ער פילט אַזאַ ליבע צו אַלעמען, אַזאַ גוטסקייט, און ער רופט זיך אָפּ צו זיין ווייב: „נו, חלב" זיין ווייב פאַר־שטייט וואָס ער מיינט. און עס גיט איר אַריס דאָס האַרץ, און זי פאַרגעסט גלייך די ליבע צו איר מאַן. זי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן.

— פון וואַנען האָב איך מילך? מיין באָק האָט זיך געקעלבט? איך האָב געלט צו קויפן מילך? זי לאָזט איבער חיים׳ען מיט אַ פּאָר קללות און מיט נאַסע אויגן פאַרשווינדט זי אין קיך אַריין. חיים שווייגט. ער ווייסט אַז זי איז גערעכט. וואָס זאָל ער טאָן? איצט וואָרט אויף אויף משה־בערקען. טאַטע און זון גייען אין מרחץ. דער טאַטע, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער: דער זון — אַ קליינער, אַ בלאַסער. נאָר גיין גייען זיי ביידע גלייך, טריט ביי טריט. ס׳איז שווער צו וויסן, צו דער זון מאַכט נאָך דעם טאַטן, אָדער דער טאַטע מאַכט נאָך דעם קליינעם אינגל. — ביידע שטעלן די פיס צו דער ערד מיט אַ שטאַרקן טראָט. און שטייף איינגעהאַלטן בייטן זיי די אַנדערע פוס. טריט ביי טריט קומען זיי אָן אין באָד.

אין באָד גייט חיים אַריין גאַנץ ברייטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָט־ניק. דער בעדער, אַ קאַרגער איד וואָס צאָלט אַרענדע פאַר דער באָד, פאַר־דרייט דעם קאָפּ. ער וויל ניט זען ווי מענטשן גייען אַריין אָן געלט.

אין באָד האָט שוין חיים זיינע פאַרערער. זיי עקזאַמענירן גלייך דאָס בעזמל. מן האָלט עס פאַרזיכטיק, אַז קיין בלעטלע זאָל פון דעם ניט אַראָפּ־פאַלן.

חיים קומט אַריין אין שוויץ, מאַכט ער באַלד געוואַלדן, „פּאַרו פּאַ־דאַוואַי!" ס׳מעג זיין ווי הייס, נאָר דאָס איז שוין ביי אים אַ געוואוינהייט. ער מוז אָנגיסן אַזוי פיל, אַז אַלע זאָלן זיך צולויפן. ער בלייבט כמעט אַליין. ער רוקט זיך אַרויף אויף דער העכסטער באַנק, הויבט אָן זיך קוויקן. „איי, איי, איי!" שרייט ער. און נאָך אַמאָל „פּאַרו פּאַדאַוואַי". אַז ער ווערט פאַר־מאַטערט פון תענוגג, קלאַפּנדיק זיך אַליין מיטן בעזעמל, עפנט ער אויף די טיר און שרייט אַריין אין דער פאָרע: „רבי! רבי! וואו זענט איר?" דאָס איז שוין חיים׳ס חזקה צו געבן דעם רב אַ „פּלייצע" יעדן פרייטאָג. ס׳זענען פאַראַן בעסערע שמייסער ווי חיים, וואָס וואָלטן גערן געבן דעם רב אַ „פּלייצע". אָבער קיינער וועט ניט האָבן די העזה.

דער רב הויבט זיך אויף פון באַנק, געבויגן אין דרייען. אַ הויפן ביינער. חיים נעמט אים אָן ביי דער האַנט, און מיט זיכערע טריט פירט ער אים אויף דער הויכער באַנק. — איז ניט צו הייס חיים׳קע? בעט זיך דער רב.

— אַ, רבי, זאָלט איר געזונט זיין. ניטאָ קיין היץ! — ער העלפט דעם רב זיך לייגן! חיים גיט אַ וואונק צו זיינע אַדיוטאַנטן, אַז מען זאָל אַרויפגיסן און חיים הויבט אָן. „איי, איי, איי״ — שרייט דער רב. אָט אַ דאָ, חיים׳קע, ר אַ ט ו ו ע , חיים׳קע, ר אַ ט ו ו ע, גזלן!״ חיים פירט דאָס בעזעמל סטראַטעגיש, אויסגערעכנט. עס זאָל טרעפן אין ריכטיקן ציל. דעם רב׳ס שטימע ווערט שוואַכער. ער איז שוין אויסגעמאַטערט. ער גיט אַ הויב די האַנט, אַ צייכן אז ס׳איז שוין גענוג. חיים פירט אַרויס דעם רב אין דער קאַלטער באָד, זעצט אים אַוועק אויף אַ זיכערן אָרט, און פילט צו אים די זעלבע ליבשאַפט ווי צו זיין משה־בערקען. איצט קומט דער סטאַראַסטע. אַ פעטער איד, וואָס קען קיין צופיל היץ ניט פאַרנעמען. חיים איז זיך זייער מצער וואָס דער סטאַראַסטע קען ניט הנאה האָבן ווי ס׳דאַרף צו זיין. און ער ענדיקט מיט זיין אינגל משה בערקען און גיט אים שוין אָפּ דעם סטאַראַסטעס חלק אויך . . . איצט לאָזט זיך חיים, רויט אָנגעצונדן, צו דער מקוה. ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס פלוסקען זיך אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, דערזען חיים׳ען אָנקומען, און רוקן זיך איינציקווייז אַרויס. נאָר חיים גיט פונדעסטוועגן אַ געשריי: „שקצים אַרויס!״ ער טובל׳ט זיך זיבן מאָל, און גייט אין דער קאַלטער באָד זיך אָפּרוען. דאָרט קלייבט זיך אַרום אים אָן אַ רעדל מענטשן, און מען רעדט וועלטלעכע זאַכן. אַלע האָבן הנאה צו הערן חיימ׳ן דערציילן מעשות. אפילו די וואָס צווייפלען אין דער אמת׳דיקייט, שטייען אויך ווי צוגעבונדענע און הערן.

ער דערציילט מעשות פון אַמאָליקע גוטע יאָרן. ער הויבט אָן: „אָנוסטען, — דאָס איז געווען מיט אַ יאָר 40 צוריק, און אפשר פופציק. איך וועל אייך לאַנג ניט ברייען: האָבן מיר געדאַרפט אָנקומען אויף שבת קיין לייפציג. דער וועג איז געווען שלעכט, האָבן מיר פאַרשפעטיקט. האָבן מיר געמוזט אַזוי גוט און אַזוי ברייט — דעם סוף פון דער מעשה האָט קיינער ניט געקענט דערוואַרטן.

שבת איז חיים׳ען ניט צו דערקענען. אָנגעטאָן אין לאַנגען, שבת׳דיקן סורדוט, פאַרגאַרטלט מיט אַ זיידענעם גאַרטל, דעם פאַלטאָ אויף די אַקסלען, גייט ער מיט משה בערקען אַזש אויפן שול הויף. דאָרטן, אין נייעם בית מדרש, האָט זיין טאַטע געהאַט אַ שטאַט, ד. ה. דער אַלטער משה בער. איצט זענען פאַראַן פינף ברידער מיט איידעמס, מיט אייניקלעך, און אַלע האָבן פרעטענזיעס אויף דער „שטאַט״. נאָר זיצן אויף דער „שטאַט״ זיצט חיים.

חיים קומט אין בית מדרש גאַנץ פרי. ער נעמט זיך צום תהילים. ווען דער רב באַוויזט זיך פאַר דער טיר, שטעלט זיך חיים אויף, כאַפּט אַרויס זיין גאָלדענע טאַבאַק פושקעלע, וואָס זיין עלטסטער זון האָט אים געשיקט פון אַמעריקע, און טראָגט דעם רב אנטקעגן. ער גיט אים טאַבאַק מיטן גאַנצן האַרצן, זאָל טאָקע דער רב וויסן, וואָסערע לייטישע קינדער ער האָט. ער וואָלט וועלן דעם רב דערציילן, זיך אויספריידן מיט אים. זיי זייַנען דאָך אַזעלכע נאָענטע איינער צום אַנדערן, נאָר ער בלייבט מיט פאַרמאַכטע ליפּן.

דער רב באַמערקט ניט די גאָלדענע פושקע, נעמט אָן אַ היבש ביסל טאַבאַק און גייט אַוועק. חיים פאַרמאַכט דאָס פושקעלע וואָס ער האָט געהאַלטן לאַנג אָפן, און נעמט זיך צוריק צום תהילים. ער איז פאַרטיפט אין זאָגן, אין דאַוונען, קיינער פילט גאָר ניט אַז ס׳געפינט זיך אין בית־מדרש אַ „נאַטשאַלניק״. נאָר ווען עס קומט צום „מי שברך״ פאַרן קיסר, שטעלט זיך חיים אויף, און גיט שטאַרק אַכטונג צו אימעצער איז געבליבן זיצן....

ימים נוראים איז חיים שוין גאָר אַן אַנדערער. ער שטייט די גאַנצע צייט איינגעוויקלט אין טלית און קיטל. דער טלית איבערגעדעקט איבערן קאָפּ.

משה בערקען האָלט ער לעבן זיך. טייטלט אים מיט די פינגער וואו צו זאָגן. זיין שטימע לאָזט זיך הערן איבערן בית־מדרש, זיינע געשרייען רייסן זיך העכער פון אַלעמענ׳ס. און ווען דער חזן זאָגט שוין, הערט מען חיים׳ן אויסלאָזן, „ב ד י ן״. חיים פאַרגעסט גאָר אַז ער איז אַ סאָטניק, נאַטשאַלניק. ער שטורמט די הימלען, וויינט, בעט זיך ווי אַ קינד ביים רבונו של עולם.

משה בערקע ווערט ביי זיך אַראָפּגעפאַלן ווען ער זעט זיין טאַטן וויינען. משה בערקע ווערט שוואַכער. ער ווערט גוט מיט אַלע אינגלעך אויפן שול־הויף. די אינגלעך וואָס ער האָט אַ גאַנץ יאָר גע׳רודפ׳ט, און גענומען פון זיי געוויסע אָפּצאָלונגען. ער פאַרשווערט זיך צו זיין אַן ערלעכער איד ווי זיין טאַטע.

ווען עס קומט צו דער עבודה, און די לוויים טיילן זיך אויס דעם כבוד אָפּצוגיסן די כהנים׳שע הענט, פילט חיים ביי זיך, אַז ער איז אַ גרויסער יחסן. ער שטאַמט פון אהרן הכהן. ער לאָזט זיך צום האַנט־פאַס מיט אַ באַזונדער ברייטקייט, זיינע ווייסע זאָקן, וואָס ער באַהאַלט פון יום־טוב צו יום־טוב, גיבן אים צו אַ באַזונדערן חן.

אויף דער בימה שטייט ער האַרט ביים ארון־קודש. אונטן שטייען

די ברידער, מיט די קינדער און קינדס קינדער. אַלע כהנים. חיים׳ס ברכה הערט מען העכער פון אַלעמענ׳ס. ווען אַלע האָבן שוין אויסגעלאָזן, הערט מען נאָך חיים׳ס „ב א ה ב ה״.

ווען חיים גייט אַרונטער אַ פאַרשוויצטער, מיט די ברילן אויפן שטערן, גיבן אים אַלע אָפּ אַ „יישר כוח״. ער ענטפערט יעדן באַזונדער, אַפילו קליינע אינגלעך ענטפערט ער אָפּ.

נאָכן דאַוונען טראָגט ער ווידער צו דאָס טאַבאַק פושקעלע צום רב. גיט אים אָפּ אַ ברייטן „גוט יאָנטעוו״. דער רב גיט אים אָפּ אַ „יישר כוח״ און חיים גייט אַ צופרידענער, אַ באַשטראַלטער מיט משה בערקען אַהיים . . .

אַט אַזוי לויפן וואָכן, גייען חדשים. רוקן זיך יאָרן. איינער גיט אָנ־דערש פון צווייטן. די זעלבע קאַפּלון צום אָנבייסן אין די וואָכעדיקע טעג. ווער שמועסט נאָך אַז מען גיסט אַרויף אַביסל געפּרעגלטע ציבעלעס אויפן „קאַפּלון״, איז שוין חיים גאָר אַן אויפגעלייגטער. ער איז גוט צום גאַנצן שטעטל. ער שרעקט שוין קיינעם ניט מיט „פּראָטאָקאָלן״, נאָר ער וויצלט זיך דעם גאַנצן טאָג. חיים׳ס גוטע שטימונג נעמט זיך אויך פון דעם וואָס זיין לאַגע איז אַביסל פאַרבעסערט געוואָרן: — די קינדער אין אַמעריקע שיקן אַריין עטלעכע רובל. משה בערקע פאַרנעמט שוין אַמאָל דעם טאַטענס פּלאַץ. ער איז שוין אַ יונג מיט ביינער. אויף חתונות, וואו ס׳איז דאָ אַ סך אָנגעלאָפענע, מען דאַרף אַ שטופּ טאָן, באַוויזט זיך משה בערקע און שיקט זיינע עלנבויגנס פאַראויס און דער עולם וויגט זיך ווי אַ כוואַליע.

ווען ס׳איז שנייאיק, גליטשיק, נעמט משה בערקע אויף זיך די שטריק מיט די בעזמלך, און קערט קומענס. דער טאַטע זיצט ביי דער וואַרעמער הרובע אין אופּראַווע, און קוועלט פון גדולה.

איינמאָל אין אַ שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן, ווען חיים האָט זיך געקליבן גיין אין וואַלד נאָך אַ בעזעמל, דערזעט ער אַרויף אין שטעטל איז עפּעס שוואַרץ פון מענטשן. קיין רויך זעט מען ניט, שרייען שרייט מען ניט. אפשר דאַרף מען עפּעס אָרדנונג, זאָל ער אָנטאָן דאָס בלעכל, צו ניט. נאָך אַביסל טראַכטן, שפּילעט ער אָן דאָס בלעכל צו דער ברוסט, און לאָזט זיך אין שטאָט אַריין.

אויפן וועג טרעפט חיים מענטשן, צעשראָקענע, איילנדיקע, צום מאַרק. חיים דערפילט אַז עפּעס מוראדיקעס האָט פּאַסירט. קיינער גיט אים ניט אָפּ קיין ברייטן „גוט מאָרגן״ ווי אין אַנדערע טעג. ער ציט אָן זיינע גלידער, ווערט שטייף, ווי צו באַגעגענען עפּעס אַ ווידערשטאַנד, און גייט מיט געציילטע טריט.

— וואָס איז געשען? — גיט חיים אַ פרעג ביי איינעם וואָס לויפט צו־ריק פון מאַרק.

— איר ווייסט גאָר ניט, ר' חיים? ס'איז דאָך „מאָביליזאַציע"!

— זאָל איך אַזוי וויסן פון דיין קאָפּ מיט זייערע אינאיינעם וואָס איר מאַכט אַזאַ טומל! . . .

ווען חיים איז געקומען נענטער צום מאַרק, האָט ער דערזען עפּעס, וואָס ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט — רויטע „אָביאַוולעניעס". אָנגעקלעפּט אויף דער אופּראַווע. אויפן קלויסטער. און מענטשן שטראָמען פון אַלע זייטן, און שטופּן זיך צו לייענען די אָביאַוולעניעס, כאָטש לייענען, לייענט נאָר איינער און די איבעריקע הערן זיך צו. נאָר יעדער וויל דאָס גוט אָנקוקן.

חיים'ען האָט אַ ברי געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט דערפילט אַז דאָ האָט מען אים זייער מיאוס באַליידיקט. שוין 35 יאָר אַז דאָס איז זיין מלאכה, און דאָ נעמט מען אַן אים, אַן זיין וויסן, און מען צוקלעפּט אָפּיאַוולעניעס!

אַ פאַרשעמטער, פול מיט כעס אויפן סטאַראָסטע, דרייט ער זיך צווישן עולם. ער וואָלט אַ סך בעסער געפילט אין וואַלד, שניידנדיק גרינע צווייגעלעך, איידער צווישן עולם. ער וויל זיך דורכרייסן צווישן עולם, אַריינגיין אין אופּראַווע, נאָר איין קוק טאָן אויפן סטאַראָסטע, ריידן וועט ער צו אים ניט. דאָ באַגעגנט אים זיינער אַ גוטער ברודער. — „חיים! וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַג? מיין אליה דאַרף שוין גלייך גיין! דיין משה בערקע איז דאָך אויך אין די יאָרן, וואָס וועסטו טאָן?"

חיים האָט ניט געהערט וואָס ער האָט גערעדט צו אים, און האָט זיך געשטופּט מיט אַלע כוחות. לאָזט מיך אַריין אין אופּראַווע! לאָזט מיך אַריין.

אין אופּראַווע איז ענג. מענטשן שטופּן זיך, טומלען שרייען, זוכן עצות. עס קאָכט ווי אין אַ בינשטאָק. חיים וויל זען דעם סטאַראָסטע, נאָר אים זען. ער שטופּט זיך מיטן בלעכל אויף דער ברוסט, אָבער ווער זעט אים? מען שטויסט אים פון אַלע זייטן. חיים טאַפּט אַלע מאָל זיין בלעכל. ער וויל זיך אַליין אָנטאָפּן, אפשר איז ער גאָר ניט חיים דער סאָטניק? אפשר איז ער גאָר קיינמאָל ניט געווען? פּלוצלונג לויפט צו זיין משה־בערקע מיט פאַרגאָסענע אויגן: „טאַטע", „איך מוז גלייך פאָרן אין אויעזד".

ביי חיים'ען לויפט אַרויס דער טשאַד פון קאָפּ. ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. פון כעס אויפן סטאַראָסטע איז שוין קיין פּיצל ניט געבליבן.

ער כאַפּט אַרום משה־בערקען, דריקט אים צו זיך. ער פאַרגעסט אַז משה בערקע איז שוין אַ פאָלנער מענטש, וואָס קען שוין טאָן אַלץ וואָס דער טאַטע טוט. ער ווערט ביי אים אַן עופ'עלע. — „מיין קינד, איך לאָז דיך ניט גיין אַליין! איך גיי מיט דיר אין אויעזד"! און שטילע, ווי אָבלים, לאָזן זיי זיך ביידע צום טראַנספּאָרט . . .

אייגנטלעך האָט חיים ניט געוואוסט נאָך וואָס ער פאָרט אין אויעזד. וועט ער גיין בעטן דעם איספּראַווניק, אַז ער זאָל משה־בערקען ניט נעמען? וואָס פאַר אַ צורה וועט ער האָבן ביים איספּראַווניק, אַז ער חיים סאַטניק, וויל ניט העלפן דעם קיסר? אָבער נאָך וואָס פאָרט ער אין אויעזד, אויב ניט בעטן פאַר זיין משה־בערקען?

און אַזוי האָט ער געפּראַוואָוט די גאַנצע וועג זיך פרעגן פראַגעס.

ער האָט ניט געקענט קומען צו קיין באַשלוס. איינע די אַנדערע האָט אַלע מאָל איבערגעוואויגן. אָבער ווען ער שטייגט אַראָפּ פון דער באַן ווערן אַלע זיינע געדאַנקען צוטראָטן.

חיים דערזעט פאַר זיך אַ ים פון מענטשן אין סאָלדאַטסקע מונדירן, אַלטע, יונגע, אָפיצערן, גענעראַלן. וואו זיין איספּראַווניק? ווער זיין איס־פּראַווניק? איינער ווייסט ניט פון אנדערן. אַלע קוקן אויף חיים׳ען ווי אויף אַ משוגענעם מיטן בלעכל. חיים האָט דערפילט אַז ער איז אויס חיים.

משה בערקען האָט מען געגעבן אַ גאַנצן פעקל זאַכן מיט אַ ביקס, און גלייך צוגענומען צו אַ באַזונדער אָפּטיילונג. חיים איז געשטאַנען ווי אַ געלעמטער. ער האָט געפילט אַז עס רייסט זיך פון אים אָפּ אַ שטיק לעבן. ער האָט אָפּגעשפּילעט זיין באַליבטע בלעכל, האָט דאָס געלאָזט פאַלן צו דער ערד. און אַ צעבראָכענער, אַ פאַרשעמטער, זיך געלאָזט צוריק צו דער באַהן, און אַהיים.

קומענדיק צוריק, האָט חיים געטראָפן דאָס גאַנצע שטעטל איינגע־הילט אין טרויער. די געסלעך זיינען געווען שטיל, גרוי. פון בית עולם האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקטער געוויין פון ווייבער, וועלכע האָבן קברים געריסן. חיים איז אַריין צו זיך אין הויז ווי אַ פאַרשולדיקטער. זיך שטיל אַנידערגעזעצט, ניט געוואָלט מיט קיינעם ריידן, און געבליבן שווייגנדיק.

חיים איז ניט מער דער חיים וואָס אַמאָל געווען. צום וואָלד ציט אים שוין מער ניט אין די פרייטאָגדיקע פרימאָרגנס. אין באָד איז אויך חיים זייער באַשיידן. די היץ איז אַלע מאָל גענוג פאַר אים. אין אופראַווע קומט ער מער ניט. קיין חתונות איז מער ניטאָ אין שטעטל. אַלץ איז פאַרשטערט געוואָרן. זיפצט חיים, ניטאָ אַמאָליקע יאָרן.

חיים זיצט אַפּ גאַנצע טעג ביי זיך אין שטוב, וואָס איז די לעצטע הינ־טערן שטאָט. און זינגט אַרויס זיין האַרציקן תהילים, אין די אָפענע פעלדער אַרויס. ער זינגט אַרויס זיינע בענקשאַפטן פון פאַרגאַנגענע וועלטן דורך די ווערטער פון טרויעריקן תהלים, און געפינט אַ טרייסט פאַר זיין צעוויי־טיקט האַרץ. אָבער דאָס פאַרגעניגן דויערט ניט לאַנג. דער מלחמה פראָנט רוקט זיך נעענטער צום שטעטל. חיים׳ס הייזל ווערט פאַרברענט. ער בלייבט הימלאָז.

דער שול־הויף, די באָד, אַלץ איז אָפּגעווישט. פון „אופּראָווע" איז קיינער ניט געבליבן .אין מאַרק קומט ער זייער זעלטן. נאָך וואָס זאָל ער קומען? אַז אַלץ ווערט געטאָן אָן אים. ער גייט פאַרביי די געוועזענע „אופּ־ראָווע", ער גייט מיט שוואַכע, געציילטע טריט. צו אים איז אַלץ פרעמד, ווי קיינמאָל דאָרט ניט געווען. ער האָט שוין אַלץ פאַרגעסן. נאָר איין געדאַנק גיט אַ שפּאַר מיט אימפּעט, און דאָס בלוט ווערט הייס, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך. און ער טראַכט נאָר פון איין משה־בערקען. ווען ער קומען צוריק?

ער גייט צוריק אין דער קליינער הייזל, אויף דער גויעשער גאָס, וואו ער וואוינט איצט. ער זיצט גאַנצע טעג אויף דער פּריזבע און קלאָגט, זאָגנדיק תהלים, אַז עס שפּאַלטן זיך הימלען.

דאָס שטעטל פאַרגעסט חיים'ן, ווי גאָר קיין חיים ניט געווען.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן, כמורנעם טאָג, דער שניי איז געווען הויך אָנגעפאַלן. איינגעדעקט אַלע חורבות. די פאַרבליבענע הייזלעך זייַנען געשטאַנען איינגעטוליעט צו דער ערד, ווי אויף עפּעס איבערצוּוואַרטן, האָט זיך פון דער גויעשער געסל דורכגעגליטשט אַ שליטן. אויפן שליטן איז געלעגן אַ פאַרגליווערטע שטיק, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן געוואַנט. נאָכן שליטן זייַנען נאָכגעגאַנגען עטלעכע אידן, שטילע, ווי סילועטן, דאָס האָבן זיי באַגלייט חיים'ן צו זיין אייביקער רו...

א תירוץ אויף אלע קשיות

דאָס אָנהייבן פונם יום־טוב פסח האָט זיך אין שטאָט ניט געשפּירט. קיין סמן פון פּסח'דיקע הכנות האָט זיך אין ערגעץ ניט געלאָזט מערקן. די זעלבע טויטע שטילקייט וואָס האָט געהערשט דעם פאַרגאַנגענעם ווינ־טער, האָט איצט, ווען ס'האָבן שוין געבלאָזן פרילינגס־ווינטן, און געוויסע קרייטאַכער האָבן זיך געריסן פון דער נאַסער ערד אַרויס, און ווערבעס האָבן שוין געשפּאָלטן זייערע קנאָספּן, און פויגל האָבן זיך געמיט נעסטן צו בויען, נישט אָנגעזאָגט: זייט גרייט פאַרן גרויסן יום־טוב!

מאיר דער שוסטער, וועלכער האָט פאַרנומען אַ פּויערש הייזל אויף דער שלאָס־גאַס, איז געווען שטאַרק פאַרנומען פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

—וואָס וויל מען פון מיר?—האָט ער געטענהט— ס'קריכן מיר אין קאָפּ די לאַטעס? מ'איז ערשט לויט מיינע כוחות—פּאַר „ביצעוואַניעס"? אַז קיין נייע שטיקל שלאכה זעט מען ניט פאַר די אויגן. און מאַכן פון אַלט —ניי?—דאַרף מען זיין אַ בעל־מלאכה. ובפרט אַז קיין אַלטוואַרג איז ניטאָ געַנוג. וואָס טראַכטן די מענטשן? ביי מאירן איז יענע "מאַסטערסקאַיע?" פיר מענטשן אַרבעטן? צוויי פּרעמדע און צוויי אייגענע זין? און וואו זיי־נען איצט די זין? פלעגט מאיר מיט שרעק אין האַרצן טראַכטן.—וואָס ווילן די מענטשן פון מיר? אַמער וואָלטן זיי ניט אָנגעוואָרפן אַזויפיל אַר־בעט, וואָלט איך מיר געפילט בעסער. ס'איז אויך אַ רחמנות אויף די מענטשן—האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט. זיי גייען דאָך אַרום באָרוועס.

נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט מאיר געאַרבעט איבער זיינע כוחות, כדי פאַרטיק צו ווערן צו בדיקת־חמץ, ווי ער האָט זיך אַלע יאָרן נוהג געווען. האָט, אָבער, די אַרבעט אַרום דעם אַלטוואַרג זיך געצויגן ווי פּעך, און מאירן איז פאַרבליבן אַרבעט אויך פאַר דער נאַכט פון בדיקת־חמץ.

אָפּגעדאַוונט מעריב און בודק געווען דעם חמץ, האָט זיך מאיר צו־ריקגעזעצט צום וואַרשטאַט. דאָס הויזגעזינט איז געווען מיד פון זיפצן און וויינען—מער ווי פון אַרבעט. אומשטיינס־געזאָגט וואָס פאַר אַן אַרבעט

האָבן זיי דען געהאַט? אַז קיין מצה איז ניטאָ. ווייַן, פֿלייש און אַנדערע זאַכן זייַנען ניטאָ. בלויז אויסכשרן דעם אויוון און אַ פּאָר כּלים. דאָך זייַנען זיי, די אַלטע, מיט דער שנור, וועלכע איז זינט אליה איז אַוועק אין קריג, גע־קומען צום שווער אויף קעסט מיטן קינד ביי דער ברוסט, אויך זייער מוזינקע וועלכע איז געווען אַ כּלה פּאַר אַ סאָלדאַט ערגעץ אויף אַ מלחמה־פראָנט, זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען שלאָפן. און ער, מאיר אַליין, איז געבליבן מיטן "קורניק" אויפן וואַרשטאַט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

די נאַכט איז געווען אַ וואָלקנדיקע. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן און געיאָגט אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקנס, ווי בלודנע שעפסן. ער, מאיר, האָט זיך פאַרקוקט אויף די וואָלקנס, און אים האָט זיך געדוכט אַז דאָרט יאָגט מען צעקלאַפּטע אָפּטיילונגען פון אַרמייען. ס'זייַנען אים שווער געוואָרן די הענט, און אַ סקרוך איז אים אַריבער פון די פיס ביזן קאָפּ. וואָלט דער פענצטער געהאַט אַ לאָדן, ווי זיין אייגענע הויז האָט געהאַט, וואָלט ער עס פאַריגלט און אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. ער וויל דאָך פון דער אַרבעט פּטור ווערן—ביזן פרימאָרגן. ער'ט גאָר פאַרהייַנגען דאָס פענצטערל פאַלט אים איין. האָט ער אַריבערגעצויגן אַ ווייסן טישטוך איבערן פענצטער, און דאָס האָט אים נאָך מער פאַרווירט. און אַלס צוגאָב צו זיינע טונקעלע געדאַנקען, האָט זיך ערגעץ אַ היימלאָזער כּלב צעוואָיעט און געשפּאָלטן די אומעטיקע נאַכט אויף שטיקער.

די סימפּאָניע פון דרויסן און די שווערע לופט אין שטוב, האָבן זיך האַרמאָניש פאַראייניקט און מאיר'ס הענט אָנגעגאָסן מיט בליי. — רבונו של עולם, גיב מיר כּוחות און העלף מיר, איך בין אַ זינדיקע נשמה, אינם זכות פון אומשולדיקן עופהלע, מיין זונס בחור, פאַרטרייב די בייזע רוחות. גאָטעניו, פאָטער אין הימל.

אָפּזאָגנדיק די תּפילה, בלויז אין מחשבה, ניט מיט די ליפּן, האָט מאיר דערפילט אַ שוויס פון קאַלטע טראָפּנס אויף זיין שטערן. ער נעמט זיך האַסטיק צו דעם שוך וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער וויל מיט אימפּעט צעטרייבן די דראָפּנדיקע רעיונות, אָבער ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיטן שוך. אים דוכט אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין זכרון. עפּעס איז אַלעס צעשוואומען ווי אין אַ רוישיקן טייך און ער איז ווי אַ וואַק־לענדיקער אויף די כוואַליעס וואו ס'איס אים שווער צו אָנהאַלטן דעם באַלאַנס. ער גיט אַ כאַפּ דעם אייזן און נעמט אויסקלאַפּן אַ שטיקל פּאַ־דעשווע. דער אייזן צעקלינגט זיך: קלינג־קלאַנג! ערשט כאַפּט ער זיך אַז ער דאַרף גאָר נישט קלאַפּן. דער קאַלטער אייזן רעדט:—וואָס טוסטו? מענטשן שלאָפן.—עך, זיפצט מאיר אָפּשטעלנדיק דעם האַמער—וואָס איז פון מיר געוואָרן? וואו זייַנען יענע ערב־יום־טוב'ס ווען ביי אים אין

שטוב, טאַקע ביים וואַרשטאַט, האָט געהערשט אַזאַ פרייליעכקייט, חברה האָבן מיט פלייס "געשיבט" די אַרבעט, דאָס געזאַנג פון זיין שטוב האָט דאָך מענטשן פון דער גאַס אָפּגעשטעלט, און וואָס האָט מען ניט גע־זונגען? שכנים, וועלכע האָבן געוואָלט זייער אומעט פאַרטרייבן, פלעגן אַריינקומען צו אים און פאַרברייינגען אַ פּאָר זאָרגלאָזע שעה. היינט זיצט ער אַליין עלנד ווי אַ שטיין, שטום ווי די וואַנט, דער וואַרשטאַט פאַר־יתומט.

ער האָט אַרונטערגעשאַרט אַלעס פון זיין פאַרטוך, מיט אַ שווערן קאָפּ זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פאַרהאַנגענעם פענצטער, אַרונ־טערגענומען דעם במקום פאַרהאַנג, און ווידער באַטראַכט די לויפנדיקע וואָלקנס. אַ קילער שטראָם האָט אָפּגעפרישט מאיר׳ס פנים. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און זיך דערפילט קרעפטיקער.

— אָה, וואָס טויג דער טראַכטן? — פרעגט מאיר זיך אַליין—ס׳איז דאָך פאַראַן איינער וואָס פירט די וועלט. קען אַ בשר־ודם משיג זיין דעם אַלמעכטיקנס וועגן? אָבער טאַקע דאַ, ביים האַלטן חשבון, האָט זיך זיין פאַנטאַזיע ווידער צעשפילט און די שווימענדיקע וואָלקנס זיינען ווי־דער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַרשירנדיקע אַרמייען, און ער זעט: ביי גאָט גייען אַלע גלייך—אַהין צום שלאַכט. און דאָ אויף דער ערד? גייען נישט אַלע. די יונגען וועמענס טאַטעס האָבן זיי מיט געלט אויס־געקויפט, ליגן אין וואַרעמע בעטן און שלאָפן און טוען נאָך גוטע גע־שעפטן אויך, ווערן ממש רייך, אויב ס׳איז אַ גזר מן השמים—די מל־חמות—וואָרום איז עס נאָר פאַר די מענטשן פון זיין גראַד אָנגעהתמעט? זיינען זיינע קינדער חלילה ערגער פון שמואל וויסאָצקי׳ס זינדלאַך? פון אַלע פרויאימ׳ס איינקלאַך און נאָך אַזעלכע? און אַזוי שטייענדיק האָט ער אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער: וואו האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט? זיך איבערגעגעבן צום יצר־הרע און גאַלאָפּ ווי דער ווינט, אָן אָפּשטעל.

—קליפּה, אַרויס פון מיין רשות! האָט ער טאַקע ווי אויף עמיצן זיך אָנגעבייזערט—און אַז יענע זין וועלן אויך ליגן אין די טראַנשייען און אויך אומקומען וועט שוין מיר ווערן בעסער? צו וואָס דאַרף מען אינגאַנצן מלחמות, ברודער אין ברודער זאָל צילן אַ קויל, זיינען ניט אַלע מענטשן גאָט׳ס קינדער?

— גאָטעניו—האָט ער זיך ווידער אַליין געמונטערט—וואָס איז דאָ געוואָרן מיט מיר, בין איך דאָס יענער וואָס קען אַלע קשיות פרעגן? קען איך דען כאָטש איינע פאַרענטפערן? פּלוצלונג איז פון מאירס אויגן אַלעס פאַרשוואונדן ווי עפּעס וואָלט זיך אויסגעלאָשן. פאַר זיינע אויגן זיינען געפלויגן אָן אַ שיעור בלוי־גאָלדענע פויגל. אויף זייערע פליגל האָבן

געשטרייפט ווייס־בלויע פאסן ווי אין א שוועבנדיקן טלית. ס׳איז אים געווען אזוי וואונדערלעך ווייך, ווי אויף פוכענע קישנס וואלט ער געלעגן. דערנאך האבן זיך די פליגלען אפגעטיילט באזונדער ווי ווייס־בלויע פאנען און געפלאטערט צוזאמען מיט די כרובים פון דער געוועזענער שול און געוויזן געהיימע סימנים וואס נאר מלאכים קענען פארשטיין...

די שטילקייט האט די אלטע שיינע אויפגעוועקט. זי איז ארויס פון אונטער דעם לייווענטענעם פאראוואן, דערזען איר מאירן ליגן מיטן פארטוך אויף דער הארטער באנק שלאפנדיק. ס׳האט איר א צופ געטאן דאס הארץ: געפאלן אין זאטל, האט זי געוואלט זאגן, אבער זי האט זיך איצט פאר מאירן דערשראקן. עפעס איז ער אין אירע אויגן דורך די פאר שעה עלטער געווארן. זי האט מאירן פארזיכטיק אויפגעוועקט און אים געבעטן ער זאל זיך צושפארן אויפן בעט.

מאיר האט געעפנט זיינע אויגן און משונה אנגעקוקט זיין שיינען.

—ווי קומט זי אהער? ער האט זיך באלד געכאפט אז ער האט געמוזט האבן געכאפט א דרעמל און אז היינט איז ערב־פסח. ער האט שיינען מיט טריישאפט בארואיקט: איך האב נאך א קליין ביסל ארבעט צו פארענדיקן ס׳איז דאך ערב יום־טוב. א צעבראכענער האט ער זיך צוריקגעזעצט צום ווארשטאט.

שיינע איז שוין קריק אין בעט נישט געגאנגען. זי האט זיך געדרייט, געפארעט ביים אויוון, ס׳זאל הייסן זי רוימט אויס דאס לעצטע ביסל חמץ, און אלע ווילע ארויסגעלאזט א שווערן זיפץ.

—שיינע! האט מאיר צוגערופן זיין אלטע, שיינע קרוין—האט ער פון זיין נידעריקן בענקל געקוקט אויף איר דורך זיינע שפאקולן, דאס בערדל פארשפיצט, און דער שלונג איז געלאפן ארויף און אראפ. ביידע האבן געשוויגן. — שיינע — האט ער געגומעלט איר האנט — מ׳טאר ניט זינדיקן, מיר וועלן נאך דאס אלעס דערציילן אין נחת. ער האט געוואלט נאך עפעס זאגן, נאר אין האלז איז ענג געווארן. ביידע זיינען געבליבן ווי פארגליווערטע סטאטועס. ער מיטן שוך אויף זיינע קניען זיצנדיק מיט דער יארמולקע און שפאקולן; זי, שטייענדיק לעבן אים אנגעבויגן מיטן טיכל אויפן קאפ וואס האט איינגעראמט איר טרויער־צעקארבטן פנים. וואלט א פלאסטיקער געזען די נאטור־רייכע בילד, וואלט ער געשאפן א פערפעקטע סטאטוע פון פארצווייפלונג און האפנונג.

**
*

עס האט אנגעהויבן שאריען אויף טאג. די בלויליכקייט פון פרימארגן האט באפארבט די געוואשענע קליינע שייבלעך. מאיר האט אין גרויס איילעניש זיך אפגעפארטיקט מיט דעם ביסל ארבעט. ער האט ניט

געוואָלט היינט פאַרשפּעטיקן דעם מנין. ער איז מיט גאַנס הילף טאַקע געגאַנגען צום מנין, נאָר אַ מידער, אַ צעבראָכענער. אים האָט שטאַרק באַנג געטאָן ווארום ער האָט ניט דערציילט זיין שיינען זיין מאָדנעם חלום, כאָטש געוואוסט האָט ער, אַז אַ אידענע וועט נישט תופס זיין אַ חלום פון רמזים, נאָר דערציילן האָט ער פאָרט באַדאַרפט.

געקומען פון דאַוונען, זיך גענומען כלומרשט פאַרברענען דעם חמץ. קיין "כל חמירניקעס" זיינען במילא ניט געווען. מען האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז ברוין־הייס וואַסער וואָס מען האָט גערופן קאַווע, געמאַכט פון צוגעברענטע זשאָלאָדעס, דערנאָך האָט ער אָפּגעטראָגן די פּאַרטיקע אַר־בעט און אַנטלאָפן אין מרחץ וואָס מען האָט גלייך געהאַט פאַריכט נאָכ־דעם ווי דער מלחמה־פראָנט איז אַריבער.

ווען מאיר איז געקומען פון מרחץ, איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג. דאָס הויז איז געווען יום־טובדיק אויפגעראַמט, די ווייבער מיט רויט פאַרוויינטע אויגן. ער האָט אַרונטערגעשלונגען און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט קיין זאַך ניט געזען.

— איר האָט אַ גלאָז וואַרעמס? האָט ער גערעדט בלשון רבים— איכל מיר אָפּכאַפּן דאָס האַרץ און זיך צושפּאַרן פאַר אַ ווײַלע.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ווען אין שטוב האָט שוין געטונקלט. ער האָט שנעל אַרויפגעצויגן די שבת־יום־טוב׳דיקע קאַפּאָטע מיטן היטל און זיך אַרויסגעשאַרט פון הויז קיינער זאָל אים ניט זען.

אויפן וועג צום מנין האָט אים דאָס האַרץ געדריקט. ער איז פאַר־בייגעגאַנגען דעם שולהויף, זיך דערמאָנט אַז ערשט לעצטן יאָר איז דאָ געשטאַנען די גרויסע שול ווי אַ פּרינצעסין אין מיטן און אויף ביידע זייטן די ליכטיקע בתי־מדרשים—דער אַלטער און דער נייער.

אַך וואָס פאַראַ יום־טוב׳דיקייט האָט געהערשט אויף דעם הייליקן פּלאַץ! און ביי אים אין האַרצן אויך, און איצט, וואָס פאַראַ חורבן! אים האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און זיך גוט אויסוויינען אויף ביידע חורבנות. ס׳וואָלט אים אַ סך גרינגער געוואָרן ווען דער איבערגעפּילטער קוואַל זאָל נאָכלאָזן. האָט אָבער דער גייסט פון יום־טוב גובר געווען און דער טרערן שטראָם איז געבליבן פאַרשלאָסן.

צום מנין איז ער שוין געווען שפּעטלאָך. די מנחה־קדושה האָט ער שוין פאַרשפּעטיקט, און ווען פאָלק דער בריסקער, מאיר׳ס ליבלינג, האָט אָנגעהויבן „ברכו" מיטן עכטן יום־טוב ניגון, מיט זיין פאָלק׳ס, צען־גאַרנדיקער קאָלאָראַטור, האָט גאַנץ אַנדערש דער ניגון איצט גע־קלונגען אין מאירס אויערן. זיין ליבשאַפט צו נגינה און פאַרשטיין פּרוש־המלות האָבן נישט געהאָלפן צו התעוררות. ער איז גאָר געווען אין אַן

אַנדער וועלט. אין דער "שטילער תפילה" זיינען פאַר אים דורכגעלאָפן יענע פריילעכע סדרים, ווי ער, מאיר, זיצט ביים טיש מיט זיין גאַנצער משפחה אין הויז. זיין הויז וואָס ער האָט געבויט איז ליכטיק. עס שמעקט מיט יום־טוב, און ער, זיצנדיק אויף דער הסב־בעט, ריכט אָפּ דעם סדר. און וואָס פאַר אַ סדר וועל איך היינט אָפּריכטן? און וואו זיינען איצט מיינע קינדער?

דאָ האָט ער דערפילט ווי זיינע פיס גיבן זיך אונטער. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש און דער קליינער עולם האָט איינער דעם אַנדערן, און אים אויך, אָפּגעגעבן "גוט יאָנטעוו".

אָן כוחות און דערשלאָגן איז מאיר אַהיימגעגאַנגען. זיינע פיס האָבן זיך שווער געשלעפּט איבער דער בלאָטיקער גאַס, קוים זיך געריִרט.— רבונו־של עולם, וואָס פאַר אַ גוט יאָנטעוו וועל איך אָפּגעבן דער אַלטער מיט די קינדער וועלכע האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג באַוואַשן מיט טרערן? פונדעסטוועגן, ווען ער איז אַריין אין שטוב, געזען די ליכט אויפן טיש, די ווייבער יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן, האָט ער אַלעמען אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט יום־טוב.

אין הויז איז שוין געווען אַלעס גרייט: די הסב־בעט מיט די פּאָר קישנס פאַר דעם "געפאַלענעם קעניג", אויפן טיש זיינען געלעגן צוגע־דעקט מיט דער פּסחדיקער סערוועטקע אַ גראָבע מצה פון קאָרענער מעל; אין דער פּסחדיקער "גראַפינקע" איז געווען אַ מין משקה פון קאַלירלאָזן אויסזען אָנשטאָט ווייַן, אויך די צאָל כוסות איז געווען ווייניקער, און פון אַלע סימבאָלישע מינים איז נאָר געבליבן מרור.

דער אַלטער האָט אַלעמען דורכגענומען מיט זיין בליק, און ער האָט ווי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין, די געדריקטע שווייגעניש קען נאָך אינגאַנצן פאַרשטערן דעם סדר.

—נו, קינדערלאַך, זאָלן מיר פּראַווען דעם סדר ווי גאָט האָט גע־באָטן. לאָמיר האָפן אַז איבער־אַיאָר זאָלן מיר צום נס מצרים דערציילן פון נאָך נסים.

— אמן ואמן—האָט די אַלטע מיט תפילה׳דיקן נוסח אויסגעלאָזט. די צוויי אינגערע האָבן קיין איין וואָרט ניט געקענט זאָגן. זיי האָבן בלויז מיט די פאַרטוכער געהאַמעוועט אַ געוויטער אַרום די אויגן.

מיט טרייסלענדיקע הענט האָט ער גענומען אָנטאָן דעם ווייסן קיטל און זיך פאַרנומען צו מאַכן קידוש.

— נו, קידוש—האָט ער אַ וואונק געגעבן מען זאָל אַריינרופן כאַש־קען, וועלכע האָט זיך אָוועקגעשאַרט הינטערן פּאַראַוואַן און דאָרט אַריינ־געוואָרפן דעם קאָפּ אין קישן.

כאַשקע איז אַריין, געוואָלט אויסבאַהאַלטן איר פּנים פון טאַטנס אויג. ער האָט איר זייער גוט געזען, נאָר געמאַכט האָט ער ווי ער האָלט גאָר די אויגן צוגעמאַכט און הויבט אָן דעם קדוש.

"ברוך אתה ה' — — — — — — שהכל נהיה בדברו". ווען ס'איז גע־קומען צו דער צווייטער ברכה: מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון, האָט זיין פּנים געמאַכט אַ מאָדנע גרימאַסע, ווי ער וואָלט פּיינלעך פרעגן:

— וואָס פאַראַ חגים, וואָס פאַראַ זמנים, וואָס פאַר אַ שמחה און וואָס פאַר אַ ששון?! און ווען ס'איז געקומען צו שהחינו, האָט אים כמעט ווי אָטעם אויסגעפּעלט.

מען האָט אים צוגעטראָגן וואַסער. ער האָט זיך געוואַשן, פאַרזוכט דעם "כרפּס", באַהאַלטן אַ שטיקל מצה פאַרן אַפּיקומן און גענומען שלינ־גען ווערטער מיט טרערן:

"הא לחמא עניא" — — — — — — — — "מגיד" איז דאָך געווען דער שענסטער טייל פון סדר. ער מיט די זין האָבן דאָך גערעדט תורה, די שכינה האָט דאָך ממש גערוט ביי זיין טיש. היינט איז זיין מזבח חרוב, די עבודה פאַרשטערט.

— די קשיות נישטאָ ווער ס'זאָל פרעגן—צעוויינט זיך שיינע. ער נעמט זיך אָן מיט כוח און הויפּט אָן „מה נשתנה". ער לאָזט אויס די ערשטע קשיה און שטעלט זיך אָפּ, ווי ער וואָלט פרעגן: וואָרום איז די נאַכט פון פּסח אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פּסחן?

שוואַכער און נידעריקער ווערט זיין קול צו דער צווייטער קשיה: "בכל הלילות אָנו"—זיין פּנים איז ווייס געוואָרן, זיין באָרד מיטן קיטל האָבן איין קאָליר באַקומען, ער האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן: "הלילה הזה כלו מרור", און זיינע ליפּן האָבן זיך פאַריגלט אויף אייביק.

אומזיסט האָט מען מאַירן געריסן, געמינטערט, ער איז געבליבן אין קיטל מיט דער ווייסער יאַרמולקע, אָנגעשפּאַרט אויף דער הסב־בעט, קאַלט פאַרשטאַרט.

אַ תירוץ אויף אַלע קשיות . . .

אַ שטילע תפלה

דאָס לעבן אין וואַלד האָט זיך געצויגן ווי אַ שטיל וואַסער. טעג, וואָכן און חדשים, זיינען אַריבער מיט דעם זעלבן איינהאַלטסלאָזן לעבנס־שטייגער, פונקט ווי אין די ערשטע טעג, ווען מען איז אַהין פאַרטריבן געוואָרן.

אָנגעקומען אין וואַלד איז מען אין די ווינטער חדשים. דער וואַלד איז דאַן געשטאַנען איינגעקאָוועט אין שניי, און האָט געברומט פון שניי דנדיקן ווינט. בייז און צאַרנדיק האָט דער אוראַלטער וואַלד אויפגענומען זיינע מיט געוואַלד־געבראַכטע „שניידער".

טעג פון גלייכגילטיקן יאוש האָבן צעמענטירט, און פאַרשטיינערט אַלע הערצער, פון דעם גרויסן ערב־רב, מענטשן האָבן פאַרלאָרן דעם חשבון פון טעג, פון שבתים אָדער ימים טובים. מען איז געגאַנגען, ווי פערד אויפן טעפּטאַק. מען לאָזט די פערד אַרויף אויפן ראָד. מען לאָזט די ראָד פריי. און די פערד מוזן שוין גיין, צי זיי ווילן אָדער נישט.

אָט אַזוי איז אויך געווען דאָס לעבן פון מענטשן וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. יעדן פרימאָרגן פלעגט מען אונטער אַ שטרענגער וואַך אַרויסטרייבן צו דער אַרבעט. און פאַרנאַכט ברענגען צוריק. טאָג איין און טאָג אויס — דער זעלבער וואַלד, די זעלבע מלאכה, דער זעלבער הימל, און די זעלבע היטער. מענטשן האָבן אַפילו ניט באַמערקט ווען עס איז געקומען דער פרילינג אין וואַלד און האָט פאַריאָגט דעם בייזן ווינטער. מען האָט קיין פייגל געזאַנג ניט דערהערט, און קיין יונגע שפּראָצונגען ניט באַמערקט.

אַוועק אי זדער פרילינג. דער וואַלד האָט זיך צעוואַקסן און צעבליט, געשניטן האָט מען איצט לעבעדיקע בוימער וועלכע האָבן געשפּריצט מיט פרישן זאַפט. און די טויזנטער מענטשן האָבן עס געטאָן מיט אַ מעכאַנישער

אָפּגעלאָזנקייט, ווי צום טויט פאַראורטיילטע, וואָס קיין זאַך גייט זיי שוין ניט אָן.

און אָט אַזוי גייען טעג, די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט; די נעכט ווערן שוין קילער, אַן אָנזאָג פון קומענדיקן הערבסט. און מיר, די אידישע געפאַנגענע, דערפילן אַ שטאַרקע בענקעניש, אין די טעג ווען די זון שיקט אירע לעצטע זומער שטראַלן, דער וואַלד ווערט אַזוי הערליך יום־טוב׳דיק באַרוישט. עס באַווייזן זיך ברוינע גאָלד בלעטער, וועלכע קאָקעטירן אין דער ליכטיקער שייך פון דעם „אינדיאַנער" זומער. מיר דערפילן די פאַרכ־טיקע טעג פון דער היים. און די בענקעניש פון אונזערע נאָענטע, וואָס טראַכטן פון אונז טאָג און נאַכט.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווען פאַלט אויס ראש השנה. מיר זיינען אַלע געוואָרן עפּעס אַזוי נאָענט, ווי עפּעס אַ פאַרגעפיל וואָלט אונז אָנגעזאָגט וועגן אַ גרויסער פּאַסירונג. אָבער וויסן ווען עס פאַלט אויס ראש השנה, האָט קיינער ניט געוואוסט.

— וואָס ראש השנה, ווען ראש השנה, — האָבן אַנדערע בייז באַ־מערקט. — וואָס ווילן מיר וויסן, און וואָס דאַרפן מיר וויסן? אַז מען לעבט ווי בהמות — דאַרף מען וויסן ווי בהמות, ווער אונז זיין גרינגער צו שלעפּן די קלעצער.

פאַרנאַכט איז מען געגאַנגען אין די באַראַקעס. שאָטנס האָבן זיך גע־שפּיירט אויף דער ערד און פאַרשוואונדען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף: — ווער עס איז פון אידישער אָפּשטאַמונג דער קען זיין פריי פון אַרבעט די צוויי טעג פון זייער ניי־יאָר!

מיר, די פּאָר צענדליק אידן, זיינען געבליבן ווי געפּלעפּט. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס מיר זאָלן טאָן. געשטאַנען איז מען ווי אין הין־הער פּלעפט.

קומט אַרויס אין דרויסן, — האָט זיך איינער אָפּגערופן. מען איז אַרויס אין דרויסן און מען איז ווידער געבליבן שטיין.

— נו, ווער האָט אַ מחזור? — האָבן אַלע געפרעגט. — אפשר קען עמיצער אויסוועניק? געשטאַנען זיינען אַלע פאַרשטיינערט, פאַרלאָרענע, ווי אויף אַ צעבראָכענע שיף אין מיטן ים.

פון ווייטנס האָט מען באַמערקט אַ דייטש צוקומען צו אונזער גרופּע. דאָס איז געווען אַ מיטל־יעריקער מענטש פון קליינעם וואוקס, וועלכער פלעגט אַמאָל צוואוואַרפן אַ פערדישן ביין צו די געפאַנגענע. ער איז צוגעקומען צו אונזער גרופּע מיט געמאָסטענע טריט און מיט אַ בלייך צושראָקן געזיכט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. מיר אַלע זיינען געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם. מיר האָבן דערוואַרט ווידער אַ נייעם באַפעל.

— זינדען זי אַלע יודען? — האָט ער זיך געווענדעט צו אונז. — איך בין אויך אַ יודע.

אַלע האָבן דערפילט מיט זיך אַן אייגענעם און האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

ער, דער איינציקער אין מיליטערישן יוניפאָרם, איז צוגעגאַנגען צו אַ בוים, האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ קליין ביכעלע. און האָט אָנגעהויבן נישטערן אין די קליינע אותיות.

שטיל איז געוואָרן דער וואַלד. דער גאַנצער יוניווערז האָט זיך אָפּגעשטעלט צו הערן די שטילע תפילה. אָבער קיין וואָרט, קיין פּיפּס. אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט אויפן מיליטערישן היטל, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין קליינעם ביכעלע.

אַ ווייסע טיכעלע האָט זיך גענומען שאַרן פון טאַש צו די אויגן. ברייטע אַקסלען האָבן גענומען צוקן . . .

אַ שטראָם פון הייסע, אָנגעקליבענע טרערן האָט אַ שפּאַר געטאָן, און צעבראָכן די פאַרשטיינערטע הערצער.

די שטילע תפילה, בלויז פון טרערן, האָט ניט נאָר דערגרייכט די ימ׳ען נאָר אַפילו דעם הימל אויך.

די טריט פון משיח

דער סימבאָל פון שטעטלדיקער גאַסטפריינדלעכקייט, זיינען די פינף גרויסע, טיפע ברונימער, וואָס שטייען אין מאַרק מיט אָנגעשמידטע עמערס, גרייט אַלע דורשטיקע אָנצעטרינקען.

אין מיטן פלאַכן מאַרק שטייט, ווי אין אַ קאַסטן איינגעשלאָסן, דער ראַד קראָמען. די ווענט הילצערנע, אַלטע, אָנגעזויגן מיט פאַרשיידענע פעטקייטן, וואָס שלאָגן מיט אַ גערוך און פאַרנעמען דעם פלאַץ פון אַ שילד.

בא די אָפענע טירן שטייען בכבודיקע אידן, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, וועלכע גלאַנצן־צו ערטערווייז. אידענעס מיט ברייטע פאַרטוכער, וואָס זעען אויס האַלב פון לעדער און האַלב פון גראָבן לייוונט. מען זיצט זיך געמיטלעך און מען וואַרט אויף אַ קונה. די מאַנסלייט ווערן מיד שטייענדיק, גייט מען הינטערן טישל, מען נעמט אַ ספר׳ל אָדער גאָר אַ גרויסע גמרא און מען פאַרטיפט זיך גאַנץ געשמאַק. און אָפטמאָל קומט מען אַרויס מיט אַ ניגון אויך...

די ווייבער לאָזן אַרויס אַ פּאָר אמת האַרציקע זיפצן, און זוכן־אויף די שפּיזלעך מיטן זאָק, און מען זעצט זיך אויף טאַבאַרעטקעס אין דרויסן. בייטנדיק די שפּיזלעך, נוצן זיי אויס דעם מאָמענט ווען דאָס שפּיזל איז פריי און שיקן עס אין געיעג הינטער די קאָפּ־טיכלעך... ס׳איז ביי זיי אַזאַ געוואוינהייט...

* * *

די דריי ציילן הייזער וואָס רינגלען אַרום דעם מאַרק, זיינען אַלע כמעט שיינקען, טראַקטירן, אָפענע און שטילע, און אַלץ אינאיינעם כאַפּט אַ גוטן דרעמל אין די וואָכעדיקע טעג. אַלץ איז אַזוי היימיש, נאָענט, אַן אייגענער מאַרק, אייגענע געסלעך, אַן אייגענער שול־הויף, אַן אייגענער מרחץ, אַן אייגענער בית עלמין, וואו עס ליגן די שטאָטישע עלטער־על־טער־זיידעס. אַלץ איז אַזוי אַלט און איינגעשטעלט מיט דעם זעלבן לעבנס־שטייגער. פון דורות לאַנג רוקט זיך דאָס שטעטעלע מיט אירע הייסע זומערס, אירע טריבע בלאָטיקע האַרבסטן, אירע שווערע, קאַלטע, זאַ־ווערוכעדיקע ווינטערס, און אירע שיינע פראַכטפולע בליענדיקע פרילינגס.

די יונגע פאַרשייטע קרעמערשע זינדלעך, וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו די שופלאַדלעך הינטער די טישלעך, נעמען מיט דער צייט איבער די אַלטע, און ווערן אַליין בכבודיקע אידן, חשובע בעלי בתים.

פון דער שטאָטישער תלמוד תורה קומען אַרויס אָפּגעריסענע, אָפּגעצערטע יונגע יתומימלעך און אַזוי אָרימע קינדער וועלכע ווערן שוסטערלעך, שניידערלעך, קאַטליאַרעלעך, סטאָליאַרעלעך אָדער גאָר מלמדימלעך אין די נאָענטע דערפער.

יונגע דערוואקסענע מיידלעך זיצן אײַנגעוויקלט אין די טיכער, אין דרויסן, לעבן די הייזער, און רויטלען זיך ווען אַ בחור גייט זיי פאַרביי. און נאָך מער פאַרלאָרן פילן זיי, ווען זיי זעען דעם שטאָטישן שדכן ביי זיי אין הויז. — ווער קען דאָס זיין איר חתן? האַלט זי אין איין טראַכטן... און וואָס טויג איר דאָס טראַכטן? אַז דער טאַטע האָט שוין אפילו כלי־זמרים באַשטעלט, און אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה, פירט מען צוויי אומשולדיקע קינדער צו דער חופה, און נאָכדעם ווי דאָס שטעטל הוליעט אָפּ אַ נאַכט אונטער די קלאַנגען פון דער גרויסער פויק, ווערן די צוויי ווילד־פרעמדע אַ גליקלעכע פּאָר ווי גאָט האָט געבאָטן...

* * *

שבת, ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ די שבת מלכה מיט אירע צויבערשלייערן און פּראַכט, ציט אָן אויף זיך דאָס שטעטל איר קאָלירדייכן מאַנטל, וואָס טונקט אײַן אַלעס אין קדושה און הייליקער רו. דער שולהויף, דער מאַרק, די קראָמען, די טראַקטירן, די שיינקען—אַלץ איז אײַנגעהילט אין אַ הייליקן סוד וואָס שפּינט און וועבט גאָלדענע פעדים צו דעם אַלטן, הייליקן לאַנד.

נאָר איין בנין, וואָס איז אָפּגעצוימט מיט אַ שיין געפּאַרבטן צוים, וואָס פאַרנעמט איין זייט פון גרויסן מאַרק, איז דאָ פרעמד און ערנסט, געהיימניספול שרעקנדיק. דאָס איז דער שטאָטישער קלויסטער מיט זיינע הויכע, שפּיציקע קופּאָלן, וואָס רייסן זיך אין די הימלען און צעשטערן די הייליקע לופט.

ווען דער טאָג פון שבת הויבט זיך אָן אָנוועקרוקן, און די זון קלייבט זיך אַרונטער הינטערן וועלדל צו מאַכן הבדלה, דאָרט, פאַר זיך אַליין, דעמאָלט הערט זיך אויפן שול־הויף דער אומעטיקער ניגון פון „אשרי תמימי דרך״, וועלכער באַגלייט אַרויס די שבת־מלכה מיט פיינלעכע און ביינקנדיקע זיפצן.

אין די הייזער ווערט טונקל־אומעטיק. די קליינע קינדער הייבן זיך אָן טוליען אַרום די מאַמעס, און די מאַמעס, ווי אין אַ שוואַרצן טוך אײַנ־

געוויקלט, הייבן אָן שטיל, פרום, שעפּטשען „גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב", דעמאָלט הייבן אָן די קלויסטער־גלאָקן קלינגען: בים, באָם, בים, באָם — בים באָם.

און עס הילכט! עס שרייט! עס ברומט אין דער לופט טויזנטער שרעקנדיקע פרעמדע גייסטער שוועבן אַרום, וועלכע צעשטערן די שיינע אילוזיע פון שבת.

און ווען די פינצטערקייט פון דער נאַכט האָט זיך אַרום אַלץ אַרומ־געוויקלט און איינגעדעקט, האָט אַ שיין פון צענדליקע ליכט זיך אַרויס־געריסן דורך די אָפענע טירן פון קלויסטער אין מאַרק אַריין, און געשיקט זייערע ווינקעלדיקע שטראַלן ווייט, ווייט אין דער פינצטערקייט. אָבער מיט דעם שטראָם ליכט וואָס האָט זיך געריסן אין דער פינצטערער וועלט אַריין, זיינען אויך אַרויסגעשוואומען די טענער פון אַ פרויען כאָר, וואָס האָט געקלונגען אַזוי האַרמאָניש און זיך געשפרייט ווי שטילע כוואַליעס אין אונענדלעכן רוים.

* * *

אמת־פרומע, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט דער נשמה יתרה פון שבת, זיינען די קראָמען ניט געגאַנגען עפענען, און פאַרהאַלטן דעם שבת ביז זונטיק פרי. און אַפילו די וואָס זיינען געווען להוט נאָך די פּאָר גראָשן פדיון, און זיינען געלאָפן גלייך נאָך הבדלה אין קראָם אַריין, פלעגן אויך ווי שולדיקע פאַרבייגיין דעם קלויסטער מיט זיינע שי־מערירנדיקע ליכטלעך און דעם גלאַנץ פון די גאָלדענע קאָרניזן, מיט די גאָלד באַפּוצטע הייליקע בילדער, און בלייבן מיט אַ קריוודע צו זיך אַליין. עפּעס האָט אין האַרצן געגנאָגט, עפּעס אַן אומבאַשטימטער געפיל האָט געמאָנט, — אָבער וועמען מאָנען איז ניט געווען... האָט זיך אימי־צער באַוויזן אין קראָם עפּעס קויפן, זיינען די אַלע בילדער אויגנבליקלעך פאַרשוואונדן. זיינען אָבער קיין קונים ניט געווען, האָבן אין מח זיך גע־פּלאָנטערט אַזעלכע האַרבע שאלות, וואָס זיינען געבליבן אָן אַן ענטפער. איז מען אַהיים געקומען אַ ברוגזער, אַ שטרענגער, און דעם אָנגעזאָמלטן גיפט אַרויסגעלאָזט ביי זיך אין הויז. דעם גרעסטן חלק פלעגן כאַפּן די עלטערע קינדער.

חגאות: דאָס איז גאָר געווען אַן אָפּקומעניש, דאַן האָבן שוין די פּאָר רובל וואָס דער אוראַדניק האָט גענומען לאַפּקע, אויך ניט געהאָלפן. זונטיק האָט מען אין קלויסטער געפּראַוועט מאָליטוועס, און אידן האָבן געהאַנדלט מיט די דאָרפישע פויערים. די קראָמען אָפן, ווייל אַזוי האָט דער אוראַדניק אָפּגעמאַכט, אַז זונטיק איז ניט אַזוי הייליק. אָבער חגא!

ווען מען גייט מיט די הייליקע בילדער הקפות אַרום קלויסטער און דער גלח מיטן כאָר זינגען צום אָפענעם הימל אַרויס, מען פּראַוועט קטורת, די פאָנען פלאַטערן, מען שפּריצט הייליק וואַסער אויפן המון און די גלאָקן קלינגען און ברומען אָן אָן אויפהער, איז שוין עפּעס אַנדערש... אין די דאָזיקע טעג מוזן די קרעמער צומאַכן די קראָמען, געוויינטלעך, נאָר פון יוצא וועגן, און מען זיצט אין דרויסן.

די וואָס ווילן ניט שטיין בגלוי ראש פאַר דעם כח וואָס דריקט זיי שוין באַלד 2000 יאָר, בלייבן איינגעשלאָסן, פאַרשפּאַרט אין דער פינצטערער קראָם. דאָרט, אין דער פינצטער, טענהן זיי זיך אויס מיטן רבונו של עולם, און נאָך אַלע טענות און פּרעטענזיעס הערט זיך אַ טויבער עכאָ — ס'איז זייערס, אייערס איז דאָרטן... איז טאָקע געבליבן ווי געווען. האָט מען ווידער דריי מאָל אַ טאָג האַרציק געזאָגט ולירושלים עירך ברחמים תשוב, ותשכון בתוכה כאשר דברת. דו האָסט אַליין געזאָגט! מיר וואַרטן. און געוואַרט האָט מען אין אַ שיינעם טאָג צו הערן דעם שופר של משיח.

* * *

אין די הייסע זומער טעג, אין דער צייט פון שניט, ציהען זיך די טעג אין שטעטל, פויל, אָפּגעלאָזן, ניטאָ קיין גוי אויף אַ רפואה, אַלע ליגן זיי אויף די פעלדער. די דערפער—פאַר די אַלטע לייט, מיט הינט איבערגעלאָזן צו היטן. די אַרבעט ברענט, מען שנייט, מען בינט, עס שטעלן זיך שאָקן אין צייל, ווי מאַנסטערס מיט קליינע קעפּעלעך. דער טאָג איז קורץ, די שטאָטישע לײדיגייער גענעצן זיצנדיק אויף די בענק לעבן די הייזער. ס'אַראַ לאַנגע טעג! מען קען פון זינען אַראָפּ.

נאָר פלוצים רייסט זיך איבער די שטילקייט. איינער דעם אַנדערן זאָגט אָן:

— געהערט וואָס מען האָט געליינט אין גאַזעט?—דאָרטן אין מאַרק האָט מען געליינט—עס גייען זיין מלחמות!

ניט אַלע האָבן געגלויבט וואָס די קרעמערשע זינדלעך האָבן געליינט אין די גאַזעטן. ביז—ביז וואַנען מען האָט געפונען אַ רויטע „אָבּיאַוולעניע" אַרויפגעקלעפּט אויף דער „זוואָניצע" פון קלויסטער, און די זעלבע קרעמערשע זינדלעך וואָס האָבן געליינט אין גאַזעט, האָבן דאָ פאַר אַלעמען איבערגעליינט עטלעכע מאָל און נאָכדעם פאַרטייטשט.

פאַר די עטלעכע מענטשן וואָס האָבן זיך אַזוי בייגעריק איינגעהערט און געקוקט מיט פאַרדאַכט אויפן רויטן פּאַפּירל, האָבן אַ שטראָם גע־

טאָן פון אַלע זייטן מענטשן, פונקט ווי אַ פייער וואָלט אויסגעבראָכן. אידן מיט צעשראָקענע אויגן האָבן זיך געשפּאַרט נענטער צום פּאַפּירל, דאָס גוט אָנצוקוקן.

יונגע, אויסגעדינטע פּויערים, האָבן געוואָרפן די אַרבעט, און רייטנדיק געקומען אין שטאָט אַריין, און מיט באָרוועסע פיס זיך דורכגעשטופּט צום זוואָניצע, און לאַנגזאַם, מיט ישוב הדעת, איבערגעלייענט און מיט אַ שמייכל, בדרך וויץ, איבערצושרעקן די צעשראָקענע, אַ זאָג געטאָן: „טרעבא איטי”... די אידן האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן, זיך עטלעכע מאָל אַריינגעדרייט אין דער מענגע מענטשן און זיך אַרויסגעדרייט, געגרעדט מיט אַלעמען און מיט קיינעם ניט...

אין דער הויך, אויף די שטאַנגען פון די גלעקער, זיינען טויבן אַריבערגעפלויגן פון איין שטאַנג צום צווייטן. אַ שטאָלצער ראָבער „ער” האָט געפלירטעוועט מיט אַ פרעמדער „זי”, זיך דערקלערט אין ליבע. און אַנדערע שפּאַצירנדיק אויפן סאַמע ברעג פון הויכן געזימס, האָבן אַראָפּגעקוקט מיט פאַרדאַכט, און פּרובירנדיק אַ הויב טאָן זיך אין דער הויך, זען צי זיי זיינען ניט געפאַנגען, האָבן זיי שפּאָטיש געקוקט אויף זייערע כאַפּערס,—איר זענט נאָך שוואַכער פון אונדז. אַז פאַר אַ שטיקל פּאַפּירל וואָס מען ווייסט ניט ווער עס האָט עס אָנגעקלעפּט און ווען אָנגעקלעפּט, קערן זיך ביי אייך וועלטן.

דער קלויסטער איז געשטאַנען שטיל, ערנסט. זיינע הויכע שווערע זיילן האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי די מוסקולן פון אַ גיבור. די דיקע ווענט האָבן געוויזן זייערע שטאַרקע פּלייצעס אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן,—גייט אַלע קינדערלעך, איר זייט אַלע מיינע, איך בין די מאַכט וואָס וועט אייך באַשיצן...

* * *

נאָך דעם ווי דער טומל פון מאַרק איז אַוועק, ערגעץ גאַנץ ווייט, איז אין בית המדרש, ביים ארון־קודש שטילער געוואָרן. ס'איז פאַרטרינקט געוואָרן דאָס היסטערישע כליפּן און פאַרטראָגן געוואָרן אין ווייטע וועלטן אַריין. אויפן גוטן אָרט איז ווידער שטיל געוואָרן ביים צדיק'ס קבר. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט די קוויטלעך נאָך ניט דערהאַלטן...

און די בוימער איבער די קברים האָבן ווידער פרום זיך געשאָקלט, אוז שטילע תפילות געברומט. דער קלויסטער האָט ווידער מיט זיינע שטאַרקע שווערע גלעקער געריסן און געטרייסלט די לופט. נאָך שטאַרקער האָבן געקלונגען די גלעקער ווען מען האָט אָפּגעריכט באַזונדערע

תפילות פאַרן נצחון פון לאַנד. זיי האָבן געקלונגען צום פאַרטויבן, מען זאָל ניט הערן וואָס עס קומט פאַר דאָרטן, וואו טרייע טאַטעס, גוטע זין, ווערן פאַרשלונגען אין די פייערדיקע אָפּגרונטן אויף אייביקע אייביקייטן.

און דערפאַר טאַקע, צוליב דער קלינגערײַ פאַרן נצחון, איז מען ייִער טשיקאַווע געקומען אין מאַרק אַריין צו הערן וואָס שרייבט דער גאַזעט. מיט אַ באַזונדערן רעספּעקט האָט מען געקוקט אויף דעם וואָס קען לייענען דעם גאַזעט, און אויך באַוואונדערט דעם גאַזעט גופא. דאַכט זיך אַ פּראָסט שטיקל פּאַפּיר און ווייס אַלעס! און דער לייענער ווייסט נאָך מער פון דעם וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. די צוהערער האָבן זיך אָבער געמינערט אין צאָל. יעדן טאָג, ווען עס האָט געפעלט אַ צוהערער, האָט מען שוין פאַרשטאַנען אַז יענער האָט געקראָגן די באַקאַנטע בריוו פון שטאַב מיטן באַקאַנטן פזמון: אייער זון יאַנקל אַבראַמאָוויטש וואָלינסקי איז געפאַלן ווי אַ העלד פאַרן פאָטערלאַנד, און דערפאַר האָט שוין יענער ר׳ אברהם מער ניט געהאַט וואָס צו הערן. ער איז שטיל, טרויעריק געזעסן אין דער היים און פאַרקלערטערהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט אויף יאָ, ניט אויף ניין. און ווען די גלעקער פלעגן ווידער ווי רוצחים אָנהויבן קלינגען צום נצחון פון פאָטערלאַנד, פלעגט דאַן דאָס הילכן און ברומען טרייבן די עלטערן פון די געפאַלענע העלדן ביז משוגעת, ווי געפאַנגענע חיות אין אַ פרעמדן לאַגער לויפן פאַרצווייפלט הין און צוריק אין דער אייגענער הויז, און ניט קענען געפינען קיין באַהעלטעניש; דאַן פלעגן זייערע מחות אָנגעפילט ווערן מיט גיפט אויפן גאַנצן באַשאַף, אויפן גאַנצן וועלט־רוים, און דורך אַ זייטיקן טירל פלעגט זיך אַריינגנבענען אַ פּראָטעסט קעגן כביכול אַליין . . .

און ווען די אידן, עלטערן פון די געפאַלענע העלדן, פלעגן דאַרפן פאַרבייגיין דעם קלויסטער, האָבן זיי געקוקט אויף דער שטומער געבײַדע מיט מער שנאה און פאַרביטערטקייט ווי ווען עס איז פריער. זיי האָבן געפילט אַז דאָרטן, אין דער טומאה, ליגט דער כח וואָס האָט פון זיי מיט געוואַלד אַוועקגעריסן זייערע קינדער . . .

טעג האָבן זיך געשלעפּט ווי גאַנצע אייביקייטן, נעכט פינצטערע, שרעקעוודיקע, לאַנגע. די שוואַרצע פליגלען פון מלאך המות האָבן געשוועבט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. מענטשן זײַנען געלעגן מיט אָפענע אויגן און געוואַרט אויפן אָנקומען פון טאָג, אפשר וועט דער נייער טאָג ברענגען אַ טרייסט, אַ האָפנונג, אָבער אומזיסט דאָס לעכצן, דאָס גאָרן, די טעג האָבן נאָך מער געדרייצט די דורשטיקע:—שפּײַט אויס אַײ־

ערע נשמות! דערשטיקט אייערע האָפנונגען! ווייל פאַרוויסטונג דערוואַרט אייך אַלעמען . . .

אין בית המדרש בין מנחה למעריב, האָבן אידן לומדים זיך געריבלט אין רמזים. מען האָט אויפגעקליבן אַן אות צו אַן אות און געמאַכט פסוקים, וואָס דאָס איז בגמטריא אַזוי פיל און אַז דאָס זיינען די חבלי־לידה של משיח. פּראָסטע אידן, פרומע, האָבן טיף אין האַרצן זיך געפרייט. אַ קלייניקייט: האָבן די זכיה צו הערן שופר של משיח?!

ביי אייניקע, ווידער, איז עס אויסגעקומען ניט פאַרשטענדלעך. מען האָט אויפגעקליבן פסוקים, רמזים, „סגופים" און זיך לאַנג געפּלפּולט, ביז מען האָט צוגעטראַכט אַ בגמטריא, און מיט דעם וויל מען אַראָפּברענגען משיחן?! נאָך מעריב זיינען אידן געגאַנגען אַהיים. די וואָס האָבן דורך די פסוקים געזען די אמתע ישועה, האָבן אינסטינקטיוו געפילט אַז עס וועט זיין ערגער און ערגער, און אַז דאָס זיינען טאַקע די אמתע חבלי־לידה; די וואָס האָבן געצווייפלט אַז דאָס איז די ריכטיקע צייט, האָבן אָבער ניט געקענט אָפּלייקענען די „רמזים" און געגליבן זיינען זיי מיט אַ שווער געמיט, וואָס האָט זיך אָפּגערופן דורך שווערע זיפצן . . .

* * *

די גוים פון שטעטל און די פויערים פון געגנט האָבן גאָר קיין פסוקים ניט געזוכט. זיי זיינען שוין אויסגעלייזט געוואָרן פון דער איי־ביקער וואַרטעניש אויף משיח... מען נעמט אַלעס אַרונטער פון פעלד, מען פירט אין די שייערן, זיי דאַרפן זיך ניט פאַרלאָזן אויף משיחן . . .

ווען קילע ווינטעלעך הייבן אָן בלאָזן אין די פעלדער, ציען זיך נאָך די אַקערס לאַנגע פאַסן איבערגעקערטע, קאַלטע ערד, און עס ווערט אַ בייט נאָך אַ בייט און מען פאַרזייט די ווינטער זריעה.

ווען די פערדלעך ווערן מיד פון שלעפּן דעם אַקער, לאָזט זיך דער פויער לאַנגזאַם אַראָפּ אויפן גראָז, ציט זיך אויס מיטן בויך אַראָפּ און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן פון אַ חיה שטרענגט ער זיך אָן צו הערן די האַרמאַטן שיסעריי וואָס איז פאַר מיילן ווייט. ער און נאָך פויערים הערן דאָס און מעסטן אָפּ די ווייטקייט פון נעכטן ביז היינט: איך וואָלט געשוואָרן אַז ס'איז נעענטער, רופט זיך אָפּ איינער און אַ צווייטער און אַ דריטער, און מען גייט ווידער צו דער אַרבעט.

ביינאַכט, ווען מען איז געקומען מיט די פערד נעכטיקן אויף דער „פּאַשע", איז מען געלעגן אויפן פייכטן גראָז, איינגעוויקלט אין די פעלצן, און זיך שטאַרק צוגעהערט צו דער קאַנאָנאַדע וואָס האָט זיך דערנעענערט אויף אַ היפּשער צאָל מיילן. ביינאַכט האָבן די אויגן זיך ניט געוואָלט

שליסן. האָט זיך אַ מיטל יעריקער פויער פויל אויפגעזעצט און געקוקט אין דער ריכטונג צו מערב זייט. אַ צווייטער האָט זיך אויך שווער גע־הויבן, און איז געבליבן זיצן.

— וואָס זאָגסטו אַנטאָל? ס'איז ניט גוט. דער „באַטיושקאַ" האָט אונז געגאַרט די גאַנצע צייט. פון די אַלע נצחונות וועלן מיר נאָך מוזן אַלעס איבערלאָזן און אַנטלויפן.

אַנטאָל האָט זיך געקראַצט די פּאַטילניצע, אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק, די טשופּרינע זאָל זיך לייגן גלייך, אַ שטאַרקן געגעץ געטאָן און געזאָגט: דער באַטיושקאַ קען ניט פארשטעלן די „גערמאַנ־ציעס". די זשידעס העלפן זיי דאָך. „פּריסוואטאהאַ באַהאַ" (מיטן הייליקן גאָט) מען דאַרף זיך מיט זיי אָפּרעכענען!

די עטליכע געציילטע ווערטער, וואָס צוויי פויערים האָבן אין דער פוסטקייט פון דער נאַכט אַרויסגערעדט, זיינען דערפלויגן צום שטעטל און זיך אַריינגעגנבעט דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס אין די הייזער אַריין און דאָרט פאַרנומען דעם אויבן־אָן... אידן האָבן זיך געסודעט, גע־שושקעט, זיך געעצהט, צעשראָקענע אויגן האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, לומדים האָבן נאָך פסוקים געפונען און באַרייט געווען אַלעס מקבל באהבה צו זיין. ס'איז דאָך די חבלי־לידה, די אמתע חבלי־לידה של משיח... אָבער ניט אַלע האָבן אינסטינקטיוו געפילט די אמתע גאולה, און האָבן געזוכט מיטלען זיך צו שטעלן קעגן דאָס אָנקומענדיקע.

און דערפאַר האָבן טאַקע עטלעכע קלוגע שטאָט בעלי בתים בסוד אויפגעקליבן אַ מנין אידן און געגאַנגען צום צדיק'ס קבר און אָראָפּגע־לאָזט אַ פּאָר קוויטלעך ס'זאָל שפּאַלטן הימלען. און פאַרלאָזנדיק דעם גוטן אָרט, האָבן זיי אָפּגעריסענע שטיקלעך גראָז אַריבערגעוואָרפן אי־בער די קעפּ און צוזאַמען מיטן גראָז איז אויך אָוועקגעפאַלן די גאַנצע שרעק, גרינגער און זיכערער איז מען געגאַנגען צוריק.

אַ ווילד־פרעמדע ברומעריי האָט זיך געלאָזט הערן הינטערן שטעטל, איז ווי אַן אויסטערלישע חיה, מיט אַ שרעקלעכן ברומען, אָנ־געלאָפן אין שטעטל, ווילד געמאַכט רואיקע פערד וועלכע האָבן צע־בראָכן די וועגענער און געלאָפן אין שטאַרקן אימפּעט אין דער וועלט אַריין. הינער האָבן פון געמאַכטן ווינט זיך געהויבן אויף די פליגלען און אַרויפגעפלויגן אויף די שפּיצן בוימער. די גוים, צעקלאַפּטע פון זייערע צעשראָקענע פערד, האָבן פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער שיין־געפּאַ־לירטער קאַרעטע וואָס לויפט אַליין און אַ זאָג געטאָן: אַ טאַ טשטאָ זאַ

כאָליעראַ, טשאָרטא פכייקא? אויף דעם קאָטש אָן פערד, ווי די אידן האָבן עס גערופן, איז געזעסן נאַטשאַלסטוואָ פון הויכן ראַנג און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן גלייך אין הויף.

די גאַס איז געוואָרן שוואַרץ פון נייגעריקן עולם, געוואָלט זען דעם וואונדער פון דער וועלט. אינגלאַך זיינען געלאָפן אין הויף אַריין, פאַרגעסנדיק דעם קבלת פנים וואָס זיי וועלן קריגן פון די היינט. קען מען זיך דען אין אַזאַ מאָמענט אָפּגעבן אַ רעכענונג?

עלטערע, באַזאָכטע אידן האָבן עפּעס דערפילט, אַז דער שיינער קאָטש אָן פערד, איז ניט קיין גוטער סימן פאַר אַזאַ שטעטעלע ווי זייערס. נאָר דערווייל האָט מען זיך געשפּאַרט, ווער עס האָט דערזען דער ערשטער, און ווי עס האָט אויסגעקוקט, און וויפל מענטשן זיינען געזעסן. איינער דעם אַנדערן האָט געהאַלטן אין אָפּלייקענען. איינער האָט געזאָגט 5, האָט דער צווייטער זיך אַיינגעשפּאַרט 4, און עס האָט געהאַלטן גאַנץ נאָענט ביי די בערד. ביז איינער האָט זיך אָפּגערופן אַז זיי מאַכן אַלע אַ טעות — ס׳איז גאָר געלאָפן אַליין. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער און מען איז געוואָרן שלום צווישן זיך.

פון הויף זיינען צוריקגעקומען אינגלעך מיט פאַרשמייטע פנים׳ער, פריילעכע, גליקלעכע און האָבן דערציילט דעם גרויסן וואונדער. פון זייערע דערקלערונגען האָט מען ניט געקענט וויסן ווי אַזוי עס גייט און ווי עס זעט אויס. איינער האָט דעם צווייטן פאַרלייקנט.

„איך האָב געזען בעסער, איך האָב עס אפילו אָנגעטאַפּט”, האָט אַ צווייטער אויסגעשריען. — אָבער וואָס האָבן געטאָן די גענעראַלן?— האָבן אַלע מיט אַמאָל אַ פרעג געטאָן.

„מען גייט מאַכן אַ באָלניצע פון פּאַלאַץ”, האָבן אַ פּאָר אינגלעך ניט זיכער געענטפערט.

„אַהאַ, האָט זיך געלאָזן הערן כמעט פון אַלעמען — כ׳האָב געזאָגט אַז עס טויג ניט...

דאָס פריערדיקע ברומען האָט זיך ווידער געלאָזט הערן. דער קאָטש איז געלאָפן צוריק אין שטעטל אַריין, זיך אַריינגעדרייט אין מאַרק און געבליבן שטיין ביים טויער פון קלויסטער. יונג און אַלט, קריסט און איד, האָבן זיך געאַיילט אין מאַרק אַריין. די עלטערע וואָס האָבן אין דעם געזען זייער שווערע טעג פאַרן שטעטל בכלל און פאַר אידן בפרט, זיינען ניט געווען בכח איבערצעשפּאַרן די שטויס־קראַפט וועלכע האָט זיי געשטופּט צו זען דעם שוואַרצן גלאַנץ פון „מלאך המות”. אָבער נאָך די עטלעכע געציילטע ווערטער מיטן גלח, האָבן די אָפּיצערן זיך ווידער

אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע, און די קאַרעטע האָט זיך פון זיך אַליין צעקאָכט און צעבריקעט און זיך אַ ריס געטאָן מיט גוואַלד און איז פאַר־שוואונדן צו מזרח.

אין בית המדרש, בין מנחה למעריב, איז געווען טונקל, שטיל, אור־מעטיק, פאַרזאָרגטע פּנימער האָבן איינער דעם אַנדערן שטום אָנגעקוקט. די ווענט האָבן קאַלט אַראָפּגעקוקט. דער ארון קודש איז געשטאַנען ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרלאָרענער, און די ליכטלעך ביים עמוד האָבן זיך געטונקען און געשפּרייט שאָטנס, ווי זיי באַוועגן זיך און זאָגן אויף אַלץ — יאָ, יאָ.

און גערעדט האָט מען דאָס וואָס די אָפּיצערן האָבן גערעדט צום גלח. כאָטש קיינער האָט ניט געהערט וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט מען זיך שוין אָנגעשטויסן . . .

שפּעט אין דער נאַכט האָט שווערע רעדער־קלאַפּעריי אויפן ברוק, אויפגעוועקט אַלע לייכט־שלאָפנדיקע. ס'האָט זיך געצויגן ווי אַ צעזאַמענ־געמישטע קייט פון שווער באַלאָדענע וועגענער און עס האָט אַרויסגע־שפּיצט אַ מענטשלעכע פיגור פון יעדן וואָגן וואָס האָט אויסגעזען ווי פון אַ אין פורעם אויסגעגאָסן. ס'האָט זיך געצויגן אָן אַ אויפהער. כאָטש עס האָט זיך געצויגן פאַר וויאָרסטן לאַנג, האָט עס אויסגעקוקט ווי עס דרייט זיך אַלץ אין קאַראַהאָד. די זעלבע וועגענער גייען און קומען צו־ריק. ביז וואַנען עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף די פעלדער. דער ברוק האָט ווי פון אַ טונקעלע משא זיך אַרויסגעשיילט און געבליבן ליגן אויף דער ערד, ווי אַ ניי געבאָרענער. אויף זיין בויך האָבן פערד געהיט די פאַרנדיקע וועגענער און זיך צוגעאיילט ניט צו בלייבן הינטערשטעליק. די מענטשן אין סאָלדאַטסקן שינעלן, וועלכע זיינען געזעצן אויף די וועגענער, האָבן פויל געגענעצט און געשאָלטן די גאַנצע וועלט.

דאָס פאָרן איז שוין מער ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער ברוק איז שטיקערווייז אויפגעריסן געוואָרן, גריבער, לעכער, קיינער האָט קיין צייט ניט צו פאַרריכטן. שטראָמען מענטשן פוסגייער, רייטער, לאָזן זיך אין איין ריכטונג, צו מזרח, איינער טרייבט דעם אַנדערן. היימלאָזע פאַ־מיליעס מיט פּיצלעך קינדער, וואַלגערן זיך אויף אַלע וועגן. זיי ווייסן ניט וואוהין זיי לויפן. זיי ווערן געשטויסן פון דער אַרמיי, וועלכע טרייבט מיט גוואַלד אַרונטער פון די וועגן. ס'איז ווייניק פּלאַץ! ביינאַכט ווערן די הימלען אָנגעצונדן העל רויט. אַ רויטער ים שפּרייט זיך אויס אי־בערן גאַנצן האָריזאָנט, וועלכער זאָגט צו, צו פאַרטרינקען די גאַנצע וועלט. עס הערט זיך די קאַנאָנאַדע וועלכע טרייסלט אַלעס אויף, און אי־

בער די קעפּ פון דער לויפנדיקער כוואַליע מענטשן, הילכט דאָס וואָרט „פּאַגאַניי״.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, ווערן אויך מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם. מען פאַרלאָזט די היימען נאָר פאַר אַ ווײַלע, און מען ווערט אויסגעמישט מיט דער מאַסע וועלכע שטופּט איינער דעם אַנדערן און שרייט „פּאַגאַניי״.

דער קלויסטער איז יעדן טאָג אָפן. ווער עס האָט אַ פּולע האַרץ, קען אַהין גיין. די קרעמער שטייען ביי די קרעמלעך און מיט גרויס רח־מנות לייזן זיי געשמאַק געלט. ביי אַנדערע קומט שוין אויס, אַז די גאַנ־צע מלחמה איז געמאַכט געוואָרן פון זייערט וועגן. און אויס נקמה פון גלח מיטן קלויסטער, וואָס מען האָט געזאָגט אַז דאָרט העצט מען צו פּאָגראָמען, העכערט מען יעדע מינוט די פּרייזן, ביז וואַנען — ביז זיי ווערן אַרויסגעיאָגט פון זייערע צוגעקלעפּטע קרעמעלאַך נאָך מיט אַ שיי־נעם כבוד דערצו. און די סחורה גייט שוין ניט געוואויגן און ניט געמאָ־סטען . . . נאָך די עטלעכע שטאַרקע קלעפּ, האָבן זיי זיך אַביסל אויסגע־ניכטערט און געלאָפן אַהיים, וואוהין מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזן.

די באָמבאַרדירונג איז געוואָרן שטאַרקער. זיילן רויך האָבן זיך געדרייט צום הימל אַרויף. אויפגעריסענע סנאַריאַדן האָבן געבליצט אין „קאַטאַק״ פון וואַלד, וואו די אידישע בעלי עגלות פלעגן פּאַשן זייערע פערד שבת נאָכן טשאָלנט . . . אַהין האָבן די סנאַריאַדן געצילט און גע־פּלאַצט און פון דאָרטן האָט אַ שוואַכע ביקסן־שיסעריי אָפּגעענטפערט. רייטער מיט שטאָפּעטן האָבן גאַלאָפּירט הין און צוריק. פאַרוואונדעטע האָבן געקרעכצט און זיינען אויסגעגאַנגען אויף די נאָסילקעס. די האַר־מאַטן האָבן ווי בייזע חיות געשפּיגן מיט פייער, אויסגעמישט מיט בליי און שטאָל, און אַלץ געוואָלט פאַרוויסטן, און ווי צערייצטע חיות האָבן זיי זיך גערוקט נעענטער און נעענטער, אַלץ צו פאַרצוקן.

אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט, האָבן די סנאַריאַדן געבליצט שאַרפער, ליכטיקער. די כוואַליעס פון פייער וואָס האָבן פאַרנומען מער דערפער מיט שטעט, האָבן זיך געשפּרייט און אַריינגענומען דאָס שטעטל אין שדים־טאַנץ. ס׳האָט געקאַכט, גערזאָטן, געשפּרונגען אין דער הויך. גאַנצע הייזלעך האָבן זיך געהויבן אין דער הויך. מחנות מענטשן האָבן זיך דורך די גאַסן געשפּאַרט, געשטופּט זיך ווי אַ שטאַרקער שטראָם וואָס וויל דורכברעכן די „זאַפּאַרע״ און מיט פאַרהיצטע פּנימ׳ער איינער צום אַנדערן געשריען „פּאַגאַניי״.

דער שטראָם האָט דורכגעבראָכן. דאָס וואַסער איז אָנגעלאָפן. ס׳איז

פלוצים שטיל געוואָרן.... די פייערדיקע צונגען האָבן אַרומגעלעקט אַ הייזל נאָך אַ הייזל, אַ גאַס נאָך אַ גאַס.

ערגעץ אין מזרח האָט זיך די זון דערמאָנט אַז זי האָט אונז דאָ איבערגעלאָזן אין דער פינצטער... און זיך געסטאַרעט אַריבערקריכן די הויכע בערג און קומען ווידער צו אונדז. זי איז געווען רויט, פאַרמאַטערט, שווער געווען אַרויסצוקריכן פון אונטער דער שווערער ערד... און ווען ס'האָט אָנגעהויבן העלער צו ווערן, האָט זיך דורך רויך פון די איינגעפאַלענע ווענט, באַוויזן אַ ניי פאָלק מיט שטרענגע פנימער, אָנגעצויגן, פאַרביטערט, און זיי שרייען מיט ניט פאַרשטענדלעכע קולות וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק אויף אַלעמען.

ווען ס'איז גוט ליכטיק געוואָרן, האָט מען דערזען דאָס גאַנצע שטעטל אָפּגעווישט דורך פייער. דער מאַרק, דער שול־הויף, אַלע בתי מדרשים, די אַלטע שול וואָס איז געווען די שטאָלצע צירונג, איז געוואָרן גלייך מיט דער ערד. אידן האָבן זיך פאַרגעסן דאָס זיי זיינען געבליבן אָן אַ דאַך, אָן אַ היים, וואו דעם קאָפּ צו לייגן. זיי האָבן אַלע באַוויינט די שול.

די לומדים האָבן געפונען אַ טרייסט, דער אַלטער דוד יאָסל האָט בסוד אַ זאָג געטאָן:—דער אַלטער, ז״ל, האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז די שול וועט שטיין ביז משיח'ס צייטן. עס וואָלט פּילייכט געווען אַ גרויסע טרייסט, איז אָבער דער גרויסער קלויסטער פון פייער ניט באַרירט געוואָרן. ער איז געשטאַנען מיטן זעלבן שטאָלץ ווען דער גלח איז דאָרט געווען. זיינע גאָלדענע קופּאָלן האָבן זיך געבאָדן אין די זונען־שטראַלן און זיך גערייצט מיט די דערשלאָגענע: „איך בין שטאַרק, איך בין מעכטיק!״

אַ פיינלעכער ווייטיק האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע עדה. עס האָט געפרעסט אַ שווערע משא, פון וועלכער ס'איז שווער זיך צו באַפרייען. צווייפל־געדאַנקען האָבן זיך גענומען דראַפּען אויף יעדן איינעם. האַרבע שאלות זיינען אַריינגעדרונגען טיף אין די מחות און האָבן געפרעגט: „ווער איז הייליק? וואו איז די געטלעכקייט? זיינען דאָס די טריט פון משיח? איז דאָס דער אָנזאָג פון אונזער באַפרייאונג?״

אָבער קיינער האָט אויף די אַלע פראַגעס קיין ענטפער ניט געקענט געבן.



גיב אָדער נעם

קיווע דער שניידער, וואָס איז געווען גבאי שני אין דער שניידער־שער קלויז און געהאַלטן די ליקוטים ביי אים אין שטענדער, אונטער זיין שלאָס, האָט אַ גאַנץ יאָר, אין די נאָרמאַלע פרידנס יאָרן, אָוועקגעגעבן דעם טאָג פרייטיק און אַנדערע ערב יום טוב טעג—פאַר דער גרויסער מצוה וואָס זיין קרוב, דער למדן ר׳ אלקנה, האָט אים אָנגעזאָגט:—דו זאָלסט זען אַז קיין אָרימאַן זאָל ניט זיין הונגעריק שבת, זאָלסט גיין צו די בעלי בתים און מאָנען. מ׳דאַרף מאָנען, דו הערסט קיווע!

קיווע האָט די צוואה אָפּגעהיט ווי מען היט אָפּ צו געבן מעדיצין אַ חולה מסוכן צו דער ריכטיקער מינוט. יעדן פרייטיק פרי אָדער ערב יו״ט האָט קיווע געוואָרפן דעם טיש, איבערגעלאָזן די אַרבעט, אויסצוקאַנ־טשען און אָוועקטראָגן, פאַר די צוויי מענטשן וואָס האָבן פאַר אים געאַר־בעט און אַליין אָוועקלאָזן זיך מיט אַ זאַק איבערן אַקסל און אַ קאָרב אויפן אָרעם צו די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים נאָך נדבות פון פאַרשידענע שפּייזן פאַר די מענטשן וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף קיווען. ס׳האָט ניט אויסגעמאַכט פאַר קיווען צי עס איז געווען שיין אין דרויסן אָדער גע־גאָסן מיט עמערס, אַ זאַווערוכע, אַ בלאָטע. ער, מיט די גרויסע שטיוול און ווייכע כאַלעוועס וואָס האָט איינס דאָס אַנדערע געפּאַטשט און אָנ־געזאָגט קיוועס אָנקומען, האָט זיך געלאָזן אויף גאָטס באַראַט. טאָמער האָט איינע אַ באַלעבאָסטע זיך גענומען קווינקלען:—ר׳ קיווע, ע־ע־ס איז... איז שוין קיווע איר פאַרלאָפן דעם וועג און אָנגעשטעלט אויף איר זיינע גרין־גלעזערנע אויגן ווי אַ גרויסער פּראָקוראָר, אויסצוגעפינען דעם אמת׳ן אמת, און אַ זאָג געטאָן — אָדער געבן אָדער נעמען. און דער־פאַר האָבן שוין אַ סך באַלעבאָסטעס, אויס מורא פאַר קיוועס טענות, אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע, אַבי עס זאָל זיין שטיל.

ווער איז געווען גלייך צו קיווע׳ן ווען ער האָט אַריינגעטראָגן צו ביסלעך שפּייז אין די היימען פון דור־דורות׳דיקע אביונים און צו פאַר־שטעלטע כלומרשטע באַלעבאַטים, יורדים? ער איז דאַן געווען דער אמת׳ער בן־מלך. צו קבלת שבת אין דער שניידערשער קלויז, פלעגט ער זיך צעשרייען צו די לכה־דודי׳ס. ער האָט ניט געוואוסט דעם טייטש

„קום געליבטער", נאָר ביי אים איז אויסגעקומען ווי ער שרייט צו די-ווערמען ער האָט צעטראָגן שפייז אויף שבת. „לכה דודי", גייט פריינט מיינע, גייט צום טיש, עסט, ליידט ניט קיין הונגער אום שבת. אַמאָל פלעגט טרעפן ביי קיווען, אַז אין גרויס התלהבות פלעגט זיך אַריינכאַפּן אַ טונקעלער מלאך, דער יצר־הרע ר"ל, און אים אונטערכאַפּן מיט אַ פאַרפירערשער מחשבה:—און ליידן הונגער אין וואָכעדיקע טעג איז גוט ?

פלעגט עס אויף אַ מאָמענט צעשטערן זיינע הויכע און הייליקע געדאַנקען, און ער פלעגט דעם יצר־הרע פאַרטרייבן, ווי מען יאָגט אַרויס א טמא זאַך. ניט געוואָלט וועגן דעם מער טראַכטן.—ס'איז ניט פאַר מיין קאָפּ צו באַקלערן אַזעלכע זאַכן . . .

קיווע פלעגט נאָכן דאַווענען צענויפנעמען די ליקוטים, פאַרשליסן ביי זיך אין שטענדער, און מיטן ריטם פון די פּאַטשנדיקע כאַליעוועס, זיך לאָזן אַהיים.

האָט מען דערהערט דעם טאַקט פון קיוועס גאַנג אין מיטנוואָך, ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס, האָט מען שוין געוואוסט אַז מסתמא איז ביי אַ בעל עגלה אַ פערדל אַוועקגעפאַלן און קיווע, מיט זיין שטענדיקן שותף פאַר אַזעלכע זאַכן, בערל דער סטאָליער, גייען שוין אויפמאַכן פאַר אַ נייער שקאַפע. מען האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן קיווען: צו וואָס דאַרף ער נאָך שלעפן מיט זיך נאָך אַ אידן. מען ווייס אַז קיווע גייט ניט פאַר זיך, חלילה. איז דער ענטפער געקומען שטריינג—מיט געלט, דאַרף איך האָבן אַן עדות.

* * *

קיווע, וועלכן אַ סך אין שטאָט האָבן שוין גערופן ר' קיווע, אָדער גאָר ר' עקיבה, און האָבן זיך פאַר אים אַנגעטרויט אין זייערע נויטן, האָט דערפילט אַז ער איז ניט אַבי ווער. און דערפאַר, ווען עס איז גע־קומען אַרום פאַר פסח צייט, ווען די מצה־פאָדריאַדן הייבן אָן קלינגען פון צינקאָווע בלעכן פון די וועלגערינס און רעדלער, און דער ריח פון פרישגעבאַקענע מצה שפרייט זיך אין דער מילדער פרילינג־לופט, פויג־לען זינגען און שפרינגען און פאַרגרייטן זיך מיט נעסטן פאַרן זומער, און ביי אים אין „מייסטערסקאָיע" איז אַנגעוואָרפן „זאַקאַזן", מען מוז אַרבעטן טאָג און נאַכט, פלעגט אים, קיווען, ניט איינגיין דער גאַנצער ערב יום טוב מיטן אַנקומענדיקן פרילינג. ער האָט געפילט אַז מען באַגייט אַ גרויסע עוולה קעגן אים, און נאָך מער איז געווען דער פאַר־דרוס גרויס וואָס די עוולה קעגן אים באַגייען די פני פון שטאָט, מיטן רב בראש.

—וואָס הייסט—פלעגט קיווע צו זיך אַליין ריידן—איר קלייבט זיך צענויף אָן „אסיפה״ און רעדט וועגן מעות־חטים, ווער עס זאָל אַרויס־גיין איבערן שטאָט, וועמען מען דאַרף געבן און ווער עס דאַרף אַ שע־נערן, אַ בעסערן פסח, און וועמען מען דאַרף אינגאַנצן ניט געבן?

—אויב וויסן ווער עס דאַרף און ווער עס דאַרף ניט—ווייס איך דאָך? און ווייל קיווע האָט זיך געפילט אַ געקריוודעטער און דאָס קיי־נעם ניט פאַרטרויט, פלעגט זיין אינערלעכער פאַרדרוס אַרויסקומען דורך שרייען אין שטוב און אויף די מענטשן מיט וועלכע ער האָט אַ גאַנץ יאָר געלעבט אין אחדות. און דער טאָג פון ערב פסח, ווען די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט יום טוב׳דיקייט, איז ביי קיווען געווען אַ פוסטער טאָג . . .

זיינען אָבער געקומען די טעג פון יום טוב, די הויז אויפגעראַמט, די ווענט און סטעליע פריש געקאַלכט, די מאַשין פאַרוקט אין אַ ווינקל ביים טיר צוגעדעקט מיט אַ שטיק טוך מען זאָל עס ניט זען, האָט ער גלייך קומנדיק פון מרחץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקייט, און מיטן אָנטאָן דער שבת׳דיקער זשופּיצע באַהעפט זיך מיט דער נשמה יתירה, און ווי־דער געוואָרן גוט צו אַלעמען, געטיילט די ליקוטים פון זיין שטענדער בספר פנים יפות און געלויבט זיין ליבן נאָמען וואָס ער אַליין דאַרף, חלילה, ניט אָנקומען צו לייטן. און ווען דער פסח איז אַריבער, האָט קיווע ווידער גענומען דעם זאַק מיטן קאַרב, פרייטיק גאַנץ פרי, און זיך גע־לאָזט אויף זיין שטייגער איבערן שטאָט.

* * *

נישט אינגאַנצן אומזיסט איז געווען קיוועס ברגזן זיך אויפן רב מיט די חשובע באַלעבאַטים. דער געפיל האָט געטליעט אין זיין האַרץ ווי אַ זריעה וואָס מוז ליגן לאַנג אין דער ערד ביז עס צעשפּראָצט זיך און הויבט אָן אויפגיין. זיין האַרץ האָט אים געזאָגט אַז מען וועט מוזן קומען צו אים וועגן די עניינים, און געקומען איז טאַקע די צייט, ווען דער רב האָט געשיקט נאָך קיווען גלייך נאָך פורים. נאָר דאָס מאָל, ווען קיווע שוין איצט גייענדיק צום רב, צו דער אסיפה וועגן מעות חטים, איז זיין האַרץ געווען צעוויייטיקט און זיין געמיט צעבראָכן. ער האָט צו זיך אַליין גע־רעדט — ווויי איז צו מיינע יאָרן וואָס איך האָב דערלעבט...

קיווע, דער גרויסער מאמין פון גיב אָדער נעם, האָט געפילט ווי די גאַנצע וועלט וואַלט זיך אַראָפּגעלאָזן אָף אים. ער, קיווע, וועט דאַרפן אַליין זאָגן : רבותי, איך גיי אויס פון הונגער, וואָס רופט איר מיך ? ניטאָ ביי וועמען צו בעטן. ווייסט איר ניט אַז זינט דער גרויסער אומגליק האָט

אונז אַלעמען געטראָפן, שטאַרבן אַלע פון הונגער? ווייסט איר ניט פון די צענדליקע לויות יעדן טאָג? ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי ביים רב אין פּאָדערשטוב זיצן די פּני, די געוועזענע קרעמער, פּאַרשעמטע און באַגעגענען אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ווייל ווי קומען זיי, די יהסנים, זיצן מיט קיווע שניידער ביי איין אסיפה?...

ווי איבעראַשט קיווע איז געוואָרן, ווען ער האָט געטראָפן ביים רב אַ ליידיקע שטוב. דער רב אַליין איז אים געקומען אַנטקעגן, אים געגעבן שלום און געבעטן זיצן. ביידע זיינען געבליבן זיצן שווייגנדיק. קיווע האָט דאָך געוויס ניט געהאַט וואָס צו ריידן, און דעם רב איז געווען שווער עפּעס צו זאָגן. אַ מאָדנע שטילקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן חלל פון רב׳ס חדר מיוחד. גרויסע שווערע גמרות און דיקע ספרים האָבן אַראָפּגעקוקט מיט אַלטקייט און זיך געסודעט מיט אָפּגעריבענע גילדערנע אותיות און דערציילט פון שווערע שלעכטע צייטן. דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט. צוגעגאַנגען צום אָפענעם ספר וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אַריינגעקוקט מיט אַ זייטיקן בליק, זיין פּנים האָט זיך אַ קרים געטאָן ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ שווערן פּסק־דין. ער איז ווידער צוגעקומען צו קיווען:—
נו, דו זעסט דאָך, קיווע—האָט ער אָנגעהויבן—דו זעסט דאָך וואָס מיר האָבן דערלעבט. זיינע בלויע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט אַ טרויעריקן גלאַנץ. קיוועס ליפּן האָבן זיך געטרייסלט פון גרויס אָנשטריינגונג. קיווע האָט דערפילט ווי אַ גרויסער באַרג לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין שוואַכן קאָפּ. ער האָט מיט שפּאַנונג געשוויגן. דער רב האָט ווידער גערעדט האַלב ניט פאַרשטענדלעכע ווערטער.

— שוין אַ גאַנצע וואָך ניט געמאַכט קיין המוציא און ניט געבענטשט. איך מיט דער אַלטער וועלן חו״ש — — — און איצטער אַ קומט אַזאַ הייליקער יום טוב!

קיווע האָט דערפילט צוויי קאָנטראַסטן ביי זיך אויף דער נשמה. פון איין זייט ווערט ער דערשטיקט פון רב׳ס רייד, און פון דער צווייטער זייט — אַז ער און דער רב זיינען גלייכע מענטשן.

— רבי לעבן — האָט קיווע אָנגענומען דעם רב פאַרן האַנט, רבי, טוט תפילה, בעט ביים כביכל אין הימל. ביי די מענטשן איז ניטאָ וואָס צו בעטן. רבי — האָט זיך קיווע צעוויינט, און גענומען רעדן. דער רב האָט זיך איינגעהערט אין טיפן ערנסט, און זילבערנע טרערן האָבן זיך געקייקלט אין דער ווייסער באָרד.

— רבי, זינט דער דייטש, דער ימח־שמו׳ניק איז אָנגעקומען, בין איך ווי מיט אָפּגעהאַקטע פליגל. איך האָב אַמאָל אינגלווייז געכאַפּט אַ קליין פייגעלע און איר אָפּגעהאַקט די פליגעלעך אויף דער עצה פון נאָך

קינדער, כדי זי זאָל ניט קענען אַנטלויפן. דאָס פייגעלע האָט זיך געמו־טשעט אַן אונבאַהאָלפענע, ביז זי איז אויסגעגאַנגען. איך בין איצטער ווי יענע פייגעלע. איך קען אין ערגעץ ניט גיין. ניטאָ וואו צו גיין. אַלע מנדבים קומען איצט צו קיווען. רבי, קוקט אַן מיינע הענט, מיין פנים, געשוואָלן פון הונגער, מיין חיה וועט שוין לאַנג ניט ציען. און איך אַליין — גאָט ווייס, איך בין מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען.

ווער ווייס ווי ווייט זיי וואָלטן זיך איינער פאַר׳ן אַנדערן מגלה־סוד געווען, ווען ניט די אַלטע רביצין, מיטן קאָפּ־טיכל און צעקנייטשט פנים וואָלט זיך ניט אַריינגעשאַרט אין שטוב. ביידנס רייד האָבן זיך אויסגעלאָזט. און דער רב האָט געוואונטשן קיווען — לשנה הבאה בירו־שלים.

קיווע איז אַרויס פון רבס שטוב, ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס אויס־געניכטערט. אים איז איצט געוואָרן אַ סך גרינגער די שווערע ליידן. אַ ליכטיקער שטראָל האָט אַ שיין געטאָן פאַר אים און אים אַנגעדייטעט, צו מרדכי בעל מטופּלס איינגעהייקערט הייזל הינטערן שטאָט אַרויס. אויף אים, אויף מרדכין, האָט מען געזאָגט דאָס ער האָט פאַרגראָבן אויף ווינ־טער אַ ים מיט קאַרטאָפל, און די רוצחים, די ימח־שמו׳ניקעס, די דייטשן ווייסן ניט פון דעם. כאָטש מרדכי האָט ניט געהאַט אַזאַ גוטן נאָמען פאַר אַ נותן, דאָך האָט קיווע אָפּגעמאַכט צו זיין ביי מרדכין. ערגער פון שלעכט קען דאָך ניט זיין?

אין אָוונט, ווען די שטאָט איז געלעגן טויט ווי א בית עולם, בלויז אַ דייטשער פּאַטרול איז געגאַנגען איבער דער בריק און זיך געבאָדן אין דעם גלאַנץ פון דער פולער לבנה, האָט דאַן קיווע מיטן זאַק אונטערן אָרעם, זיך געלאָזט דורך זייטיקע געסלעך צו מרדכי בעל מטופּל.

מרדכי מיט דער גאַנצער משפחה האָבן אַנגעקוקט קיווען: אין אַזאַ צייט ? און אין דער שעה ווען ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן זיך צו ווייזן אין גאַס ?

קיווע האָט מרדכין אָפּגערופן אַן אַ זייט, אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַזש ביי מרדכין האָט זיך געביטן דער קאָליר פון פנים, פון רויט אויף ווייס, פון ווייס אויף געל...

— ר׳ קיווע, האָט מרדכי געגומען טענה׳ן — איך האָב מורא, ר׳ קיווע, ווי קען איך עס איינשטעלן?

— שטעל איין — איז געקומען קיוועס באַפעל. מען ווייסט ניט וועמענס מאָרגן עס איז. גיב אָדער נעם.

— נו, איך זאָג אַייך צו, איז געקומען מרדכי׳ס ענטפער. גייט גע־זונטערהייט אַהיים. איך וועל שוין דאָס אַליין באַזאָרגן.

מיט צוויי טעג שפּעטער, ס'איז שוין געווען ווייט נאָך מעריב, איז קיווע מיט דער אַלטער געזעסן אין דער פינצטערער שטוב, ווי מען זיצט שבעה, און געשוויגן. פּלוצלונג האָט זיך אַ פּראַל־געטאָן די טיר, און איי־נער פון מרדכיס אינגלאַך האָט אַרונטערגעלאָזן אַן אַכטל קאַרטאָפל פריש פון גרוב אַרויס.

— וועמענס ביסטו, אינגעלע, מרדכיס? — האָט דער אַלטער גע־פרעגט.

— יאָ, מרדכיס — איז געקומען אַ גיכער ענטפער — גיט מיר דעם זאַק צוריק.

— דו האָסט געמאַכט אַ טעות, קינד מיינס, דו האָסט עס באַדאַרפט טראָגן צום רב.

— צום רב האָט דער טאַטע אַליין אָוועקגעטראָגן, האָט די קינדערשע שטימע אָפּגעקלונגען אין דער ליידיקייט פון שטוב.

קיווע האָט מיט ציטערדיקע הענט אויסגעליידיקט דעם זעקל. אין דער פינצטערער הויז איז ליכטיק געוואָרן, ווי מען וואָלט ליכטיקע דיי־מענטן אויסגעשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך.

קיווע האָט גענומען גיין איבערן שטוב הין און צוריק. זיינע נאָז־לעכער האָבן זיך אָנגעשמעקט מיטן ריח פון פרישער ערד מיט קאַר־טאָפל. ער האָט זיך דערפילט שטאַרקער און מונטערער. פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען דעם רב מיט דער רביצין, ווי מרדכי אַליין לאָזט אַרונטער אַ זאַק תפוחי אדמה, און ווי דער רב שיינט אויף מיט זיין הדרת פּנים און זאָגט צו אים, צו קיווען:—די וועלט איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרדאָרבן. זעסט, קיווע, מען דאַרף דעם בטחון ניט פאַרלירן, עס וועט נאָך אויפ־שיינען די זון פאַר אַלעמען וואָס וועט אָנוואַרעמען און באַלייכטן די וועלט. און די רשעות וועט פאַרזונקען ווערן לעולם ועד.

גיכע הילף

פינצטער זיינען געווען די הימלען אין יענע הערבסט טעג. די שוואַכע זונען־שטראַלן זיינען געווען אַנגעפילט מיט פעסט און מגפה. דער מלאך המות האָט צעשפרייט זיינע פליגלען און אונרחמנות׳דיק אַרונ־טערגעשאַרט גאַנצע קופּעס מענטשן אין די קברים. הילפלאָז זיינען אויס־געגאַנגען די קראַנק געוואָרענע, און פאַרצווייפלט צעשראָקן האָבן די נאָך נישט אַנגעגריפענע, זיך געטייעט, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פון עפּעס אויסבאַהאַלטן . עס איז געווען זייער טראַגיש: אָט האָט מען גע־הערט אַז דער און דער איז איינגעפאַלן, קראַנק געוואָרן. האָט עס געמעגט זיין דיין פריינט, דיין גואל — העלפן האָסטו נישט געקענט. ערשטנס, האָט מען זיך אַליין געשראָקן פאַר אַנשטעקן זיך, און צווייטנס, האָט די מאַכט שטריינג פאַרבאָטן צו גיין אין די קראַנקע הייזער. פאַר אַזאַ פאַר־ברעכן ווי גיין צו די קראַנק געוואָרענע, האָט דערוואַרט אַ שווערע שטראָף. דאָך, זייענדיק פאַרבאָטן דורך דער מאַכט און מורא האָבנדיק פאַר דער אייגענער הויט, האָבן מענטשן איינגעשטעלט און פאַרבאָרגע־נערהייט געהאָלפן קראַנקע אויף וויפיל עס איז מעגלעך געווען אונטער יענע אומשטענדן.

קעגן איבער אונזער הויז, ביי ר׳ יעקב חיים דעם שוחט, האָט זיך אַריינגעקליבן דער מלאך המות און האָט זיך פאַרלייגט אויף אַלעמען. ער וויל גאָר פון דאָרטן נישט אַרויס. אַ זון איז געשטאָרבן, די מאַמע פון די קינדער איז שוין אויך אַוועק פון דער וועלט. די טאָכטער, אַ מיידל אין די צוואַנציקער, האָט קוים איבערגעלעבט דעם קריזיס. און דער איינציק פאַרבליבענער זון, מיין חבר, ליגט פאַרברענט פון היץ. איך האָב ביי זיין בעט אַ פּאָר נעכט געוואַכט, געלייגט אייז צום קאָפּ. און די לעצטע נאַכט איז מיין חבר אינגאַנצן געווען באַוואוסטלאָז, און איך האָב פאַרטאָג פאַר־לאָזן זיין בעט אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. איך האָב געוואוסט אַז אַלעס איז פאַרלאָרן.

געווען איז עס פרייטיק ביינאַג. אין דרויסן האָט זיך געשפרייט אַ געדיכטער טוי וואָס האָט אַראָפּגעשלעפט די וואָלקנס צו דער ערד און נאַס געמאַכט די גאַנצע וועלט. בין איך געזעסן און אַרויסגעקוקט צום שוחטס הויז. דורך די נאַס־באַטריפטע שויבן האָט געגלאַנצט מיט ווייסע

תכריכים און שוואַרצע טהרה־ברעט. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט די בהלה׳דיקע צערעמאָניע, ווי מען כאַפּט אַלעס אויף גיך. מען וויל דעם אַלטן שוחט פאַרלייכטערן זיינע יסורים. זיי זיינען דאָך מענטשן מיט גע־פילן די חברה קדישא.

איך בין פאַרטיפט און פאַרזונקען אין מחשבות. — דאָס איז נישט קיין טוי, קיין רעגן, די גרויע מאַסע וואָס שווימט אויף דער ערד, נאָר שוואַרצער פעסט, טראַכט איך מיר. פּלוצלונג דערזע איך ווי אַ שאָטן פון אַ מענטש לאָזט זיך גיין צו אונזער שטוב. איך דערזע נישט קיין אַנ־דערן ווי נאָר דעם שוחט׳ס איידעם ר׳ בנימין.

מיין האַרץ האָט מיר געזומען שנעל לויפן. איך בין ווי פאַרשטאַרט געוואָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער גרויסער אומגליק האָט שוין פּאַסירט.

ר׳ בנימין איז אַריין צו אונז אין שטוב און איז שטיין געבליבן געל ווי וואַקס. אַליין נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערן טיפוס, האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו מיר: — אברהמ׳ל, מיר מוזן פאָרן גלייך קיין דראָהיטשין ברענגען שמעון דעם רופא... אברהם יצחק איז פאַרביי.

אין הויז איז געוואָרן אַ שטילער גערויש פון די כליפּנדיקע שוועס־טער און דער מאַמען. איך האָב זיך געזומען מכין זיין צו דער „יאַזדע״. געזומען אויפזוכן בעל־עגלה׳שע מכשירים וועלכע זיינען מיר פון די הענט געפאַלן, און די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען די מאַמע איז אַרויס מיט אַ יאָמערלעכער טענה:—רבונו של עולם! וואָס שטראָפסטו אַזוי פיל די צדיקים! דערבאַרמדיקער פאָטער, ווי קענסטו צוזען אַזאַ שטראָף! ביזט דאָך אַן אל רחום וחנון. שיק די רפואה אין זכות פון שבת, און אין זכות פון דעם חולה׳ס מוטער די צדקנית וואָס שטייט און בעט ביי דיר פאַר איר איינציקן קדיש. — העלף!

איך האָב פאַרלאָזן די שטוב. פאַר מיינע אויגן האָט זיך די גאַנצע וועלט געדרייט ביז וואַנען אַ קוואַל פון טרערן האָט אַ שפּאַר געטאָן. איך האָב האַרציק געוויינט און געשפּאַנט מיינע פערדלאַך, אויסגעבעט דעם וואָגן מיט היי, אַ פאַר עקסטראַ שטריק מיטגענומען, און צוגעפאָרן צו ר׳ בנימינס הויז. ער איז אַרויס אַיינגעוויקלט מיט אַ שווערן פלאַשטש. איך האָב אים אַריינגעהאָלפן אין וואָגן, און די רייזע פון אַכט און צוואַנציק וויאָרסט פאַר גיכע הילף, האָט זיך אָנגעפאַנגען.

* * *

אין דרויסן האָט געיאָמערט דער הימל. בייסיק האָט געשמיסן דער דריבנער רעגענדל וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע מאַסע אויף די

אַקסלען. גרויע אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקנס זיינען געשוואומען איבער דער ערד, און צוזאַמענגעקלעפּט הימל און ערד אין שטאָק־חושך׳דיקן צאָרן. מיינע פּאָר סוסים האָבן אומעטיק באַטראַכט די גלאַנציקע בלאָטע וואָס האָט אָפּגעווישט יעדן שפּור פון אַ שליאַך, און אָפּגעלאָזן געביטן די פיס אין דער שיטערער טייג, נאָכשלעפּנדיק אַ שווערן וואָגן מיט צוויי איינצלנע מענטשן פאַר דעם גאַנצן אַרום.

אָפּפאָרנדיק דריי וויאָרסט פון שטעטל, האָט זיך די נאַכט אַראָפּגע־לאָזן מיט איר גאַנצער פינצטערקייט. דער גאַנצער רוים איז געוואָרן איין געדיכטע שוואַרצע שטיק. איך האָב געוואוסט אַז מיין בעל־עגלה׳ריי איז איצט ניט נויטיק און ריכטן מיין קריכנדיקע שיף מיט פיר רעדער, וועט נישט טייגן. איך האָב זיך איבערגעגעבן צום פערדישן שכל און יושר, און זיך געלאָזן אויף גאָטס באַראַט קעגן אַ שוואַרצער נאַסער וואַנט. איך האָב דעם אינסטינקט פון אַ בלינדן באַקומען. איך האָב געפילט, אַז איצט דאַרפן מיר זיין אין דעם און דעם פּלאַץ, אָבער פּאָר איין זאַך האָט מיך געשראָקן מיין האַרץ, און דאָס איז געווען — די טאָרף גריבער וואָס געפינען זיך האַרטביים וועג.

רעדנדיק מיט מיין זייער אינטערעסאַנטן מיטפאָרער, זיינען מיר אַרויפגעקומען אויף דעם געשפּרעך פון די טיפע טאָרף גריבער, איבער וועלכע עס איז איצט פאַרגאָסן אַ גאַנצער ים און אַלעס איז פאַרדעקט מיט איין וואַסער פלאַך. — מען דאַרף זיך דאַרטן היטן, זאָגט ער מיר. — בע־סער אָפּריער גיין מיט אַ שטעקן און טאַפּן די ערד. איך האָב אַזוי געטאָן. איך האָב אַ בוימל אויסגעבראָכן און גענומען טאַפּטשען אין דער בלאָטע. ר׳ בנימין הערנדיק ווי איך האָב דאָס בוימל אויסגעבראָכן, האָט ווי צו זיך אַליין אויסגעשריען: — אַיי, שבת! שבת!

מיר זיינען דעם געפאַר־פּלאַץ איבערגעפאָרן. איך בין ווידער אַרויף אויפן וואָגן, זיך צוגעהערט צו דעם מאָנאָטאָנעם קוליען פון די רעדער און דעם שווערן סאָפּן פון די פערד, און געהאָפּט באַלד צוקומען צו נאָ־גאָריע, פון וואַנען עס הייבט זיך אָן דער שאָסיי פאַר גאַנצע זיבן וויאָרסט. און אָט אַזוי זיך וויגנדיק האָבן מיינע סוסים דערפילט האַרטן באָדן אונ־טער זייערע פיס. די רעדער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן די סוסים האָבן אָפּגע־שאָקלט פון זיך די בלאָטע צוזאַמען מיטן שווערן יאָך, און אַ לייכטקייט האָט זיך דערפילט אין זייערע טריט. זיי האָבן זיך אַ פּאָר מאָל אויסגעכראָ־פּעט און אַוועק אַ געלאָף. ווער מיר רעגן? וואָס מיר בלאָטעס? מיר זיי־נען שוין באַלד אין דראָהיטשין. באַלד וועלן מיר שוין האָבן מיט זיך דעם גרויסן פּראָפעסאָר, שמעון רופא, אויף וועמען מען זאָגט אַז זיין

„רופאריי״ האָט ער זיך אויסגעלערנט זייענדיק אַ העלפער ביי אַ גרויסן דאָקטאָר.

איצט, פאָרנדיק אין שטעטל, רופט זיך אָפּ צו מיר מיין מיטפאָ־רער:—וואָלטן מיר אים כאָטש טרעפן אין דער היים? וואָס וועלן מיר טאָן אַז ער איז נישטאָ?

— מיר וועלן באַלד וויסן, ענטפער איך, און מיר בלייבן שטיין פאַר שמעון רופא׳ס הויז. אין הויז איז נאָך געווען ליכטיק, אָבער אַלע זיינען שוין געשלאָפן, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט אונז די טיר געעפנט, אונז זייער פריינטלעך אויפגענומען. ר׳ בנימין האָט מקבל שבת געווען. דער אַלטער שמעון האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. אונז האָט מען פאַרבעטן עסן, פונקט ווי אייגענע געסט. מיר איז קיין עסן ניט געקראָכן אין האַלדז. איך האָב זיך אַלץ געפּאָרעט ביי די פערד. זיי געגעבן עסן, טרינקען, געזען אַז דער שפּאַן זאָל זיין אין אָרדנונג און נאָך אַ שעה אַפּרו, האָבן מיר זיך שוין אין דרייען, האַלב איינס פאַרטאָג, זיך געלאָזן אין וועג.

איצט, פאָרנדיק צוריק אַהיים מיט דעם רופא אין וואָגן, איז די שטימונג געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. דער אַלטיטשקער רופא אויף וועלכן מען זאָגט אַז ער איז שוין אַ בן שמונים, איז גאָר מונטער. ער פאַרטרייבט פון אונז די עצבות מיט זיינע גלייכווערטלאַך. מיט מיר, מיטן בעל עגלה, ווערט ער גאָר גוטער ברודער, און עס צייגט זיך טאַקע אַרויס אַז אין הלכות סוסים, ווייסט ער מער פון מיר, און דערפאַר האָט ער מיט מיר וואָס צו רעדן. איך ווער אָבער נשתומם הערנדיק די בקיאות פון דעם אַלטן אין ים־התלמוד, אין וועלכן מיינעביידע מיטפאָרער שווימען.

דער שאָסיי האָט זיך גיך געענדיקט. מיר זיינען אַריבערגעפאָרן די באַן־ליניע וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ פּראָזשעקטאָר פון אַ שטיי־ענדיקן לאָקאָמאָטיוו. אונזער וואָגן איז שטיל געוואָרן און אַרונטערגע־זונקען אין דער טיפער בלאָטע. מיינע פערדלאַך האָבן פאַרלוירן זייער אַמביציע צו לויפן אַהיים, און גענומען לאַנגזאַם קנעטן מיט שווערע טריט אין דער שיטערער ערד. איצט האָבן מיינע פּאַסאַזשירן זיך גענומען מער איינדעקן, געמאַכט זיך באַקוועמער, פאַרשטעלט דעם רעגן ער זאָל ניט אַריינדרינגען אין וואַרעמען לייב, און איך האָב דערפילט אַז זיי ביידע שלאָפן איין. עס וואָלט געווים געווען פריילעכער ווען מען פאַרברייגט דעם גאַנצן וועג. נאָר עלטערע מענטשן, מידע, זאָלן זיי שלאָפן! מיט די פערד אַנפירן דאַרף איך ניט.

איצט ווייס איך אַז פּאַזע מיין רעכטער זייט ציט זיך די באַן־ליניע אויף וועלכער עס האָט נאָר וואָס דורכגעשניטן אַ שנעל צוג און געלאָזן

נאָך זיך אַ געפּאַלענעם שטערן פון די פליענדע פונקען. איך האָב נאָכ־געקוקט די באַן אין דער פינצטערער ווייטקייט און זיך פאַרטיפט אין מחשבות. טראַכטנדיק אַז די וועלט ווערט ניט געפירט ריכטיק, האָב איך דערפילט אַז די גאַנצע וועלט וויגט זיך. אַ ליבע וואַרימקייט איז מיר צוגאַנגען איבער אַלע מיינע גלידער, און איך האָב פאַרזונקען אין אַן אַנגענעמען שלאָף.

פלוצלונג האָט עפּעס מיט אַ מעכטיקן כוח געגעבן אַ קנאַל ווי עפּעס וואָלט עקספּלאָדירט. דער וואָגן איז שטיין געבליבן. איך האָב דער־הערט ווי מיינע פּאַסאַזשירן האָבן מיט שרעק אַ געשריי געטאָן:—וואָס איז געשען ! ?

מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט און ווידער געשלאָסן. עס איז מיר געווען שווער צו באַגרייפן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אַ שרעקלעכע בילד האָב איך דערזען אין דער אָפּשפּיגלונג פון וואַסער. די פערד שטייען אויס־געשפּאַנט ווייט פון וואָגן. זיי שטייען די קעפּ אַראָפּגעלאָזן ווי פאַרשול־דיקטע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט — מיר זיינען ניט שולדיק, דער שפּאַן האָט געפּלאַצט פון שווערקייט.

— וואו זיינען מיר? פרעג איך מיינע אידן. דערהויפּט פרעג איך שמעון דעם רופא. און אַ געדאַנק שרעקט מיר: אפשר איז דאָס ביי די טאָרף גריבער?

— דו ביסט דאָך דער בעל עגלה, וואָס פרעגסטו מיך? ענטפערט שמעון ירגזונדיק.

איך בין במחילה אַרונטער אין וואַסער ביזן גאַרטל, גענומען באַ־טאַפּן די צרות. איך זוך, איך טאַפּ, איך קען קיין זאַך ניט אויפגעפינען. אידן — ווענדע איך זיך צו זיי, — אפשר האָט איר אַ שוועבעלע? — וועלן מיר אָנצינדן אַ ביסל היי, און זען וואו מיר זיינען אין דער וועלט?

— נאַרישער קינד וואָס דו ביסט. ווער האָט שבת שוועבעלעך ? נאָך אַ לאַנגעז זוכן און טאַפּן האָב איך אויסגעפונען אַז אַ „אוזשבע" פון כאַ־מוט איז אין גאַנצן נעלם געוואָרן. מיין שמעון האָט מיר גלייך גע'עצה'ט צו נעמען די רימענע פּאַסיקעס פון די תחתונים, און מאַכן ד.ה. אויס־בינדן אַ „אוזשבע". איך האָב דעם ערשטן פערד פאַרשפּאַנט, זיך גע־נומען צום צווייטן. און דאָ איז נאָך גרעסערע צרות. אַלע פּאַסטראַנקעס האָבן געפּלאַצט. די הויפּט שטריק וואָס פאַרבינדט צום הינטערשטן אַקס איז פאַרלאָרן געוואָרן. מיר האָבן ווידער גענומען זוכן מיטלען און מיט גרויס מסירות נפש קוים צוגעשפּאַנט דעם צווייטן.

— וואוהין פאָרן ? וואו זיינען מיר? אפשר זיינען דאָ טאַקע די טאָרף־גריבער, ווייל אַהין פאָרנדיק האָבן מיר אַזאַ וואַסער נישט דורכגעפאָרן!

איך נוץ ווידער דעם אַלטן מיטל. זאָלן די פערד גיין. און אַזוי טראַכטנדיק ווי צו פאָרן קומט מיר פאַר די אויגן דער חולה מסוכן, וואָס ציילט זיי־נע לעצטע מינוטן. און איך דערפיל אַז דאָ אַרבעט עפּעס אַן איבערנאַטיר־לעכע קראַפט וואָס פאַרשטעלט דעם וועג און לאָזט נישט ברענגען דעם רופא אין צייט. כאָטש איך האָב אַלעמאָל אויסגעלאַכט איבערנאַטירלעכע כוחות וואָס פלעגן דערציילט ווערן פון אַלטע בעלי־עגלות, בין איך איצט כמעט געווען איבערצייגט, אַז דאָ האָט דער שטן אַליין פאַרשלעפט די פערד אין זומפּ.

איך הייס די פערד גיין. זיי גיבן אַ שלעפּ. און עס פּלאַצט ווידער די צו־פוילטע שטריק. איך פיל אַז מיינע כוחות לאָזן זיך מיר אויס. איך בין דערשעפּט פון אָנשטרענגונג און פון שרעקלעכע איבערלעבונגען. איך קריך ווידער אין וואַסער, איך שילט און שריי אויף זיך אַליין. איך וויל זיך אַ וואָרף טאָן אין וואַסער און אַ סוף זאָל עס נעמען. איך ברעך אויס אין אַ געוויין, וואָס ווירקט אויף מיינע פּאַסאַזשירן. זיי טרייסטן מיך. איך דער־פיל זיך לייכטער. און נעם זיך ווידער פאַרריכטן דעם שפּאַן.

פון וואַסער זיינען מיר מיט מזל אַרויס בשלום. איצט וואַרט איך נאָר איבערצופּטרן קאַרסינער בריק. נאָך דעם בריק איז זיך שוין נישטאָ וואָס צו שרעקן.

מיינע פּאַסאַזשירן זיינען ווידער איינגעשלאָפן. דער רעגן איז זיך געפאַלן און צופלאָסן איז געוואָרן די וועלט, און מיר וואונדערט זיך וואָס מען איז נאָך נישט ביי דער בריק?

אַ געריוש פון אַ לויפנדיקן באַן האָט מיך אויפגעטשוכעט. איך האָב זיך ווי דערפרייט. דאָס מיינט אַז מיר זיינען אויפן ריכטיקן וועג. אָבער ווי צעמישט איך בין געוואָרן, אַנשטאָט די באַן זאָל לויפן אין מיין רעכטער זייט, איז זי גאָר געלאָפן אין דער לינקער. איך האָב ביי זיך נישט געקאָנט פועל'ן, אַז דאָס איז ווירקלעך אַזוי — עס האָט זיך דיר גע'חלומט — באַשליס איך. נאָר פון דער אַנדער זייט וואונדערט מיך, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגען פאָרן איז מען נאָך אַלץ ניט געקומען צו קאַרסינער בריק.

אָט האָט צווישן די בוימער געגומען אַרויסלייכטן אַ שטאַרקע ליכט און איך בין מבולבל געוואָרן דערזעענדיק דעם זעלבן פּראָזשעקטאָר פון ווייטנס. מיינע סוסים האָבן זיך מיט אימפּעט געלאָזן צו דער ריכטונג. פון דעם נאַגאַריער באַן־אַריבערפאָר, וועלכן מיר זיינען מיט דריי שעה צו־ריק פאַרבייגעפאָרן.

איך האָב גענומען וועקן מיינע פּאַסאַזשירן, פרעגן זיי וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

— ר׳ שמעון, ר׳ שמעון, קענט איר מיר זאָגן וואו מיר זיינען?

— וואָס ווייטער, כאַפּט זיך אויף שמעון,—וואו זיינען מיר? אין נאָגאריע זיינען מיר.

— זייט איר זיכער?

— וואָס פרעגסטו ווי אַ קינד.

—זאָלן מיר זיך אומקערן?

— געוויס זיך אומקערן.

איצט שטייענדיק אונטערן ליכט, בין איך אַרונטער, באַטראַכט מיין געשפּאַן. איך האָב זיך מער ניט געאיילט. ווייל איך האָב שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן די גאַנצע שטיקל מלאכה פון דעם מלאך המות אַליין. ער בכבודו ובעצמו האָט אונז אומגעדרייט צוריק, כדי די „גיכע הילף״ זאָל נישט גרייכן.

אָבער מיינע פערדלעך זיינען געשטאַנען פאַרשניטענע. עס איז געווען אַ צער בעלי־חיים צו זען ווי זיי זיינען געווען פאַרשפּאַנט. אַלעס איז געווען קרום, לאָם. דאָס האָט זיי געצויגן אויף אַ זייט, זיינען זיי נעבעך אַזוי אָנגעקומען אַהער.

איך האָב אַלעס פאַריכט. שמעון האָט אַרויסגענומען זיין זייגער און אַ זאָג געטאָן — דער זייגער איז האַלב פיער.

איצט האָבן מיר אונזער רייזע אָנגעהויבן אויף דאָס ניי. דער רעגן האָט אויפגעהערט, די וואָלקנס זיינען צערונען, איינצלנע שטערן האָבן זיך באַוויזן אין הימל. אַ שטילער אָבער אַ בייסנדיקער פרעסטל האָט זיך גענומען קלאַמערן אויף די אויסגענעצטע מלבושים. איך בין פאַרשטייפט געוואָרן ווי אין אַ שטאָלענעם פאַנצער. אַרונטער פון וואָגן און זיך געלאָזט נאָכגיין ביים וואָגן. די ערד האָט זיך געהוידעט ווי אַ ספרוזשינע אונטער מיינע פיס... די פערד האָבן געלאָזן טיפע לעכער פון זייערע טריט. די רעדער האָבן געצייכנט נאָך זיך טיפע ליניעס. דער הימל האָט אָנגעהויבן גרויען. פון דער ווייטנס האָט געבלויט דער וואַלד פאַר דעם שטעטל, און ניין אין דערפרי זיינען מיר געשטאַנען ביי דעם שוחט׳ס הויז. פון מנין, אין אונזער הויז, האָט דער בעל תפילה אויסגעזונגען — ברכות והדאות מעתה ועד עולם. מיר האָט עס געריצט דער געזאַנג. אויפן שוחט׳ס הויז האָב איך ניט געוואָלט קוקן. מיין גאַנצער ווען האָט רעוואָלטירט קעגן גאָט, אויך קעגן די מענטשן וואָס זינגען הלל צו אים.

דער אַלטער רופא האָט אַרונטערקריכנדיק פון וואָגן באַמערקט מיין אינערליכע אויפטרייסלונג, און מיך אַ גלעטגעטאָן איבערן פנים מיט זיינע וואַרעמע גלאַטע פינגער, און אַ זאָג געטאָן:

האָב ניט קיין יסורים בעל־עגלה שייגער. פאַראַנען אַ גרעסערער רופא פון מיך. ס'איז געווענדט אָן אים. — דו מיש זיך ניט אין אַזעלכע זאַכן... פאַר דיר האָב איך גלייך אַ רפואה. — נעם אַ גוטן טרונק בקאָנפּן, „פאָ בעלעגאַלסקומו” און קריך גלייך אונטער אַ וואַרעמער פערענע. דאָס וועט זיין פאַר דיך — גיכע הילף.

איך האָב אַ געוויסן טייל פון דעם אַלטינטשקנס געבאָט אויסגעפאָלגט, און דאָס האָט מיר אַזוי איינגעשלעפערט, ווי כלאָראָפאָרמירט פאַר אַ גאַנצן מעת־לעת. ווען איך בין זונטיק פרי אויפגעשטאַנען ווי פון אַ טראַנס: האָב איך צו מיין איבעראַשונג און גרויס פרייד — זיך דערוואוסט, אַז מיין חבר איז אדורך דעם „קריזיס” און ער בעסערט זיך...

דער פאַרקערטער

איינס ביינאַכט. דער ווייסער שניי קאָקעטירט מיט בלענדיקער ליכט. אַן אונענדלעכע זילבער שימערירנדיקע פלאַטא פליטערט מיט פראָסטיקע שטערן און פאַראייניקט זיך מיטן הימל ראַנד. דער איינציקער שוואַרצער פלעק אויפן ווייס־ווייך געבעטן טעפיך, איז דער אַלטער בית עולם מיט זיינע אַלטע שווערע נאָדל בוימער, מיט דער קוים באַמערקבאַרער הייזל וואָס האָט זיך געטוליעט אונטער די בוימער צוזאַמען מיט די מצבות און געמויערטע אוהלים, וועלכע האָבן גערוט אין זייער אייביקן שלאָף.

אַ גערויש פון צעשראָקענע קראָען האָט צעריסן די פאַרפרוירענע שטילקייט צוליב דער שרעק וואָס מענטשן מיט ביקסן האָבן אַרומגערינגלט דאָס קליין הייזל. ענדלעך האָבן זיי דעם קליינעם חיימ׳קען געפאַקט. איצט איז די עטלעכע דייטשע זעלנער געלונגען צו כאַפּן דעם שווערסטן און לעצטן יונג פאַר צוואַנג־אַרבעט.

שוין אַ יאָר צייט אַז די מיליטערישע מאַכט האָט אויסגערוימט וואו אַ יונגער מענטש האָט זיך געפונען, און זיי אַוועקגעשיקט הינטערן פראָנט פאַר צוואַנג־אַרבעט. אָבער חיימקען דעם עקשן, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן „דער פאַרקערטער", אים האָבן זיי פאַר קיין פאַל ניט געקענט קריגן. די לאָקאַלע מאַכט האָט אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען צו כאַפּן דעם קליינעם חיימקען. זיי האָבן זיך פשוט געפונען באַליידיקט: ניט קענען כאַפּן דעם פאַרפלוכטן קערל! אָבער איצט פירן זיי אים. אין ביידע זייטן צו צוויי זעלנער. ער, חיימקע דער קורצפיסיקער אין מיטן, קוליערט זיך ווי אַ פעקל שמאַטעס.

חיימקע איז ניט קיין צו יונגער אינגל, ווענעס נאָמען מען פאַרציט מיט אַ „קע" נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ער איז קליין־געוואָקסן. אָבער יאָרן ציילט ער שוין קרוב צו דריי צענדליק.

אַ מערקווירדיקער יונג איז דער דאָזיקער חיימקע. טאַקע צוליב דעם קונץ אַליין וואָס די דייטשן האָבן אים אַ גאַנץ יאָר ניט געקענט קריגן, האָט ער שוין פאַרדינט אַנערקענונג פאַר אַ גרויסן העלד ביי די

אַרומיקע, דערהויפּט ביי פרויען. אָבער נישט דאָס אַליין זיינען געווען זיינע פּאַרדינסטן, זייענדיק אַנדערש פון דורכשניטלעכן מענטשן. ער האָט געהאַט אַ פּאַרבנרייכע פאַרגאַנגענהייט. זיין האַנדלונג האָט אַלעמאָל אַרויסגערופן איבעראַשונג.

געהאַנדלט האָט ער אַלעמאָל אין קעגנזאַץ צו די אָנגענומענע שיטות און פּרינציפּן. דערפאַר איז ער טיטולירט געוואָרן מיטן נאָמען „דער פאַרקערטער".

נעמט חיימקען אין חדר נאָך. דער רבי פלעגט קראַפּירן פון דעם שוואַרצן גיהנומניק—פאַר וואָס ווילסטו ניט, דו טייערע קאָפּ? און גע־שמועסט האָט מען אַז חיימל האָט אַן אָפּענעם מוח, נאָר ווען לערנען האָט ער ניט געוואָלט, און צום סוף האָט ער געקענט בעסער פון אַלע אַנדערע איינגלעך.

אַט גייט חיימקע אַרויס פון חדר, קוואַליפיצירט צו ווערן אַ לע־רער און מען באַט אים אַן גוטע שטעלעס ביי רייכע פּאָסעסאָרן, ווייל דוקא חיימקע ווערן אַן אַרבעטער, און דער מאַמעס געוויין, און געבעט פון די שוועסטער, האָט געהאָלפן ווי פאַראַיאָריקער פראָסט. ער איז אַוועק צו חיים זעליג דעם סטאָליאַר, און געוואָרן אַ געזעל.

האָט מען גענומען אויפקלערן דעם אַרבעטער־קלאַס מיט די באַ־קאַנטע לאָזונגען: „רעליגיע איז אָפּיום פאַר דער מענטשהייט", האָט ער באַשיצט מיט אַלע זיינע פעאיקייטן די אָנגענומענע דאָגמעס פון רעליגיע, כאָטש עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען חיימקעס אַפּיקורסישע טועכצן.

אַזוי איז אויך געווען מיט פּאַרטיי פראַגן. ער איז אַלעמאָל געווען אין דער פאַרקערטער זייט. ער האָט אָפּגעלייקנט שטאַרקע, פאַרערט שוואַכע, און ווידער פאַרקערט.

וועגן ליבע האָט ער געהאַט גאָר אַ נידעריקע מיינונג. ער האָט בכלל געלייקנט אין ליבע. — ליבע, זאָגט ער, איז אַ מאָמענטאַלער גע־שלעכט אויפברויז. עס פאַרשווינדט אַזוי גיך ווי מען הערט אויף טראַכטן וועגן דעם. קיין הייליקייט איז בכלל נישטאָ. — אַזוי פלעגט ער טענהן.

כאָטש אַלע האָבן געוואוסט אַז חיימל איז אַ פאַרקערטער מענטש, פלעגן מענטשן ליב האָבן פאַרברענגען מיטן פאַרקערטן. איז חיימקע צום פריזיוו געגאַנגען, איז אַנשטאַט זיך צו מאַרדעווען, האָט ער פאַרקערט, געגעסן פון די בעסטע מאכלים. ער איז געוואָרן ברייטער ווי לענגער. און אַז מען האָט אים געגעבן אַ פרייען יאָר צייט אונטער־צעוואַקסן, איז ער אויף צו להכעיס, געוואַקסן אַ „צאָל" נידעריקער יעדן יאָר.

אַ גרויסן אויפטו האָט ער באַוויזן ווען די רוסן זיינען אָפּגעטראָטן פון זייער שטעטל, און די דייטשן זיינען אָנגעקומען.

אַלע איינוואוינער פון שטעטל האָבן פאַרלאָזן זייערע הייזער און זיך אַרויסגעקליבן אין וואַלד אַרויס, זיך צו באַשיצן פון פליענדיקע קוילן, איז חיימקע דאָן געבליבן דער איינציקער אין שטעטל און נישט פאַר־לאָזן זייער הייזל וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים בית עלמין. דער סוף איז געווען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז אַוועק מיטן פייער, און חיימקע האָט זיין הייזל ניט געלאָזט ברענען.

איצט פירט מען חיימקען ווי דעם ערגסטן פאַרברעכער. מען פירט אים צו די בעליוויעזשער וועלדער, ער זאָל העלפן מאַכן פאַרטיידיגונגס פּאָזיציעס, אין פאַל מען וועט די ערשטע ליניעס פאַרלירן.

מענטשן וועלן געוויס דענקען דאָס חיימקע איז דעם גאַנצן יאָר וואָס די אָפּלאָוועס זיינען אָנגעגאַנגען, געווען פאַרשטעקט אין לעכער, זיך אויסבאַהאַלטן פון דער ליכטיקער שיין? ניין, חיימקע פלעגט גראָד שפּאַ־צירן אין גאַס פראַנק און פריי, באַטראַכט אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער גאַס, אויפגענומען זיינע איינדרוקן, דערנאָך ציניש פילאָזאָפירט מיט זיינע באַקאַנטע, אויסלאַכנדיק זייער פאַרצווייפלונג און שרעק פון דער קריטישער צייט.

ווי אַזוי האָט עס חיימקע דורכגעפירט די געוואַגטקייט, זיך דרייען אונטער די הענט פון די וואָס זוכן אים, און ניט אַריינפאַלן? גאָר פשוט: ער האָט זיך איבערגעטאָן אין פרויען קליידער, צוגעשמינקעט דאָס פּנים און געוואָרפן אַ פאַרשייט אויגל צו די „פאַרבענקטע" סאָלדאַטן.

איצט, אַז מען פירט אים ווי דעם שטאַרקסטן מאַן וועלכן באַטאַ־ליאָנען האָבן נישט געקענט בייקומען, מאַכט ער זיך ווי די גאַנצע זאַך גייט אים גאָר ניט אָן. ער שפּאַסט מיט די שטרענגע וועכטער. ער פאַר־רויכערט זיין געמאַכטן פּאַפּיראָס און טראַכט: כאַפּן איז איין זאַך, און זיין ביי אייך, איז אַ צווייטע זאַך.

חיימקע איז אויף מאָרגן, שפּעט ביינאַכט, אָנגעקומען אויפן פּלאַץ וואו פון ברעטער אויפגעקלאַפּטע באַראַקן זיינען געשטאַנען אַרומגע־צוימט מיט שטעכעדיקן דראָט. אין טויער האָט אים אַ וואַך־מייסטער איבערגענומען, צוגעפירט אים צו איינעם פון די באַראַקן, און איבער־געגעבן צו אַ דעזשורנעם, וועלכער האָט אים אַריינגעשטופּט אין טיר און פאַרשלאָסן די טיר פון דרויסן.

חיימקע איז געבליבן שטיין אין דעם גרויסן שלאָש ווי געפּלעפט. אַ מאָדנע בילד האָט ער דערזען פאַר זיינע אויגן: צוויי לאַנגע רייען מיט דאָפּל „נאַרעס" איןביידע זייטן פון באַראַק. אויף זיי ליגן צעגויפגע־דרייטע קנוילן, פאַרוויקלט אין שמאַטעס און שנאָרכן מיט שווערן שלאָף.

פון יעדן איינעם רויכערט מיט שוואַכער פאַרע וואָס שלאָגט פון וואַרע־מען קערפּער אין דער קאַלטער לופט, און איידער חיימקע האָט צייט גע־האַט גוט צו באַטראַכטן די גאַנצע בילד, האָט זיך דער עלעקטרישער לאַמפּ אויסגעלאָשן און חיימקע איז געבליבן אין דער פינצטער.

אַ גרויסע צעשטערונג האָט חיימקע איצט דערפילט אין דער גהינומדיקער פינצטערניש, און בילדער פון דאַנטעס גיהנום האָבן זיך אים געדרייט פאַר די אויגן. ווי קומט ער דאָ? ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער? איז עס אפשר ניט מער ווי אַ חלום? ער פילט אָבער ווי זיין גאַנ־צער קערפּער ציטערט אין אים מיט אַ מוראדיקן אימפּעט. אָט דוכט אים אַז ער פאַלט אַנידער און אַן ענדע קומט צו אַלעס.

ער הויבט אָן גיין, זוכן אַ ליידיקן פלאַץ צום שלאָפן. ער טאַפּט אין דער פינצטער אויף די ברעטער און געפינט אַ ליידיקן פלאַץ. ער וויל זיך לייגן אָפּרוען זיין אויסגעמאַטערטן גוף פון אַ מעת לעת וואָג־לעניש און ניט דערשלאָפן, נאָר דער שלאָף קומט ניט. חיימקע ליגט די גאַנצע נאַכט וואַכעדיק און מאַכט פּלענער פון דעם גהינום צו אַנטלויפן.

די ליכט האָט אויפגעפלאַלט, און אַ געשריי „אויפשטיין"! האָט אָפּ־געקלונגען אין דעם קאַלטן חלל פון באַראַק. מענטשן ווי שאָטנס האָבן זיך פויל גענומען וועקן און זיך געטרייסלט פון קעלט.

דערזעענדיק חיימקען דעם פרישן קרבן, האָבן זיך זיינע לאַנדס־לייט מיט אים דערפרייט. — אַהאַ! חיימקע, דו ביסט אויך דאָ? נישטאָ קיין קלוגע ביים דייטש. זיי האָבן איצט מיט חיימקעס צוקומען, דערפילט ווי עפּעס אַ פאַרגיטיגונג פאַר זייערע ליידן וואָס זיי גייען דורך דאָרטן אַ גאַנצן יאָר צייט. מיט חיימקען דאָ צווישן זיי, האָבן זיי דערפילט אַז עס זיינען ניטאָ קיין העלדן, ווער פריער, ווער שפּעטער, אַלע זיינען גלייך . . .

— נאָך קאַווע! נאָך קאַווע! ווערט אַ טומל.—קום נאָך קאַווע! זאָגט אים זיינער אַ שכן וועלכער דערנעענטערט זיך צו אים. חיימקע לויפט אים נאָך אויטאָמאַטיש. אין דרויסן שטייען נאָך די שטערן אין הימל. עס איז נאָך אַ שטיק פאַרטאָג. דער פראָסט סמאַליעט, שווער דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. אונטער די פּיס סקריפּעט דער געשריי פון איינגעשפּאַרטער קעלט. ביי אַ גרויסן קעסל שטייט אַ דייטש מיט אַ מיצל און גיסט ברוי־דיקע וואַסער אין די בלעכענע קעסלאַך. דער עולם כאַפּט, זופט גלייך פון קעסל אַרויס, און בעט נאָך אַביסעלע—„ביטע".

פאַר חיימקען איז דאָס אַלעס פרעמד. ער וויל דאָס גאָר ניט אי־בערנעמען. ער פילט דאָס ער וועט דאָ ניט זיין.

ווי אַזוי ער וועט פון אַזויפיל וועכטער, מיט אַרומגעצוימטן דראָט, קענען מאַכן די פּליטה, דאָס ווייס ער ניט. ער זעט אויך אַז אַזויפיל

מענטשן, אין די טויזנטער, פלאגן זיך ביז צום טויט, און קיין איינער האָט נאָך ניט באַוויזן צו אַנטלויפן. נאָר ער האָט אַ געפיל, דאָס קיין אונמעגלעכעס איז ניטאָ.

עס הויבן זיך אָן קלייבן מענטשן אויפ'ן זאַמל־פונקט. אין די הונ־דערטער שטראָמען זיי פון אַלע באַראַקן אַרויס. אַ מאָדנער דיסהאַרמאָ־נישער צענויפשטעל פון עלטער און קליידונג. איינער טראָגט אַ דייטשן מונדיר, דער צווייטער—אַ רוסישן שינעל, אַ דריטער—אַ בעקעשעלע אָדער אַ טולעפּל. אַלעמענס קליידער, ווי זיי זאָלן ניט זיין, זיינען צע־טרעמפּלט, שטיקער אָפּגעריסענע הענגען ווי טויטע צונגען פון ניט דער־קיילעטע באַשעפענישן.

אַלע שטעלן זיך אויס אונטער דער סאָלדאַטסקער קאָמאַנדע, ריי נאָך ריי. חיימקען שטופּט מען ווי עס איז אַריין אין אַ ריי, ער באַקומט אַ שווערן שפּיץ־האַמער און מיטן געשריי: מאַרש! הויבט אָן זיך וויגן אַ לאַנגער פּאַס פון מענטשן־קעפּ וואָס ציט זיך אין איין ריכטונג—אין טיפן וואַלד אַריין.

שטיל, ריטמיש טרעטן פיס, מיילער שוייגן, פּנימער פאַרביטערטע. נאָר דער פּראָסט, ער ציילט מיט שווערן קרעכץ:—איינס, צוויי, דריי, פיר. פלוצלונג האָבן חברה אַ פּראַל געטאָן מיט שטורמדיקן געזאַנג:

אָ, ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייבן שקלאַפן און טראָגן די שענדלעכע קייט?

אָ ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר דאָ שאַפן
און צוגרייטן פאַר זיך דעם טויט?
אָ, ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג, אָ ווי, אָ ווי — — — — — — — — — — — — —

דערהערט געזאַנג, איז חיימקע געוואָרן ווי פון דאָס ניי געבאָרן. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך. ער איז פול געוואָרן מיט עמאָציעס פון מוזיק. זינגען ביי חיימען איז אַ נאַטירלעכער געשאַנק. ער האָט געזונגען ביים שטאָטישן חזן, ביי דער גמרא און אויך ביים וואַר־שטאַט. — אויב חיימקע זינגט ניט, פלעגט זאָגן זיין בעל הבית, חיים זעליג דער סטאָליאַר, איז אַ סימן אַז ער אַרבעט ניט.

חיימקע האָט מיטגעזונגען מיטן כאָר. ער איז אַרויס אויף די אויי־בערשטע טענער. חברה האָבן עס דערפילט און צו אים איבערגעלאָזן די לידערשאַפט. חיימקע האָט אָנגעהייבן אַ העברעאישע ליד:

לכו נלכה ונשובה ארצה, ארץ אבותינו.
אל ארצנו האהובה ארץ ילדותנו, א. אז. וו.

דער עולם דערהערנדיק די ווערטער, איז געוואָרן טראַציקער, און מען האָט זיך צעלאָזן אויף העכערע טענער, שטאַרקער און מוטיקער:

— יחד נלך ונשובה ! — — — — — — — —

איצט שפּרייט מען זיך אויס איבערן וואַלד. יעדער נעמט זיך צו זיין אַרבעט. ווער עס זעגט אונטער אַ בוים, ווער עס רייניקט אַרום די צווייגן, און ווער עס פירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דער געפרוי־רענער ערד. די ערד שפּריצט מיט פייער. זי לאָזט זיך ניט גראָבן.

חיימקע קלאַפּט מיט זיין שפּיציקן האַמער אין דער ערד. ער צע־וואַרעמט זיך און רוט זיך אָפּ.

אַ בלאַסע זון האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן די געדיכטע צווייגן און מילד געגלעט בוים און מענטש.

חימעל האָט זיך מיט דער זון זייער דערפרייט. איצט האָט ער געקענט אויסרעכענען וואו איז מזרח און וואו איז מערב, צפון און דרום. איצט וועט ער וויסן אין וועלכער ריכטונג ער וועט דאַרפן גיין. ער דאַרף גיין צו מזרח־דרום. ער קריצט עס איין גוט ביי זיך אין קאָפּ און דער גאַנצער וועג איז שוין אַן אויסגעפּלאַנעוועטער. היינט, זאָגט ער צו זיך אַליין, איז די גאַנצע וועלט אַ בריק...

**
*

די זון איז מיט איין מאָל אַרונטער הינטערן וואַלד. אַ גרויע פּראָ־סטיקייט האָט זיך גענומען שפּרייטן געדיכט צווישן די ביימער און דער וואַלד איז טונקל געוואָרן. אַ גערודער פון צוזאַמענגעקליבענעם עולם, האָט פאַרהילכט דעם וואַלד.

מענטשן איילנדיק, איבערגעזעטיקט מיט וואַלד און קאַלטער לופט, האָבן וואָס גיכער געוואָלט זיין אין די באַראַקעס, דאָרטן קריגן אַ וואַרעם ביסל געקעכץ און דערנאָך לייגן האַלז אין דעם אייזערנעם אייוועלע, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

חיימקע האָט זיך אויך געאיילט, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט נאָך איידער די לעצטע שפּורן פון זון־אונטערגאַנג זיינען פאַר־שוואונדן, אַנגעהויבן זיין מאַרשרוט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

אין וואַלד ווערט פינצטערער. חיימקע איז דער איינציקער מענטש אין אוראַלטן וואַלד, און זיין מוח איז איצט ליידיק, ער טראַכט גאַרנישט. ער ווייסט איין זאַך, ער דאַרף גיין אַן אַ ציל און אַן אַ ברעג. ער טרעט אין ווייסן שניי. פונוויטנס קוקט אויס דער וואַלד ווי אַ פּערמאַנענטע וואַנט, וואו ער וועט קיינמאָל נישט קענען דורכגיין. נאָר וואָס נעענטער ער קומט צו, רוקט זיך די וואַנט אַלץ ווייטער אַוועק פון אים.

עס ווערט שפּעט אין דער נאַכט. אַ בייסיקער פראָסט קריכט אויף זיין לייב. זיין גלייכגילטיקייט ווערט געשטערט. עס באַפאַלט אים עפּעס אַ שרעק און ער טראַכט צו זיך אַליין אַז קיין איינצעלנער משוגענער דאַרף מען ניט זיין. און אַ געפיל פון חרטה מאַנט אים: קער זיך אום

צוריק. אַזוי פיל מענטשן קענען זיין דאָרטן, קענסטו אויך זיין מיט זיי. נאָך אַלעמען איז דאָס ניט קיין אייביקייט, עס וועט פאַראיבער. אָבער גיין צוריק איז פונקט אַזוי געפערלעך.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעכער געוויין פון שאַקאַלן. האָזן האָבן איינער דעם אַנדערן געדופן. אַ ציטער איז אים באַפאַלן און אָפּגעשוואַכט די קני מוסקולן. ער האָט דערפילט אַז באַלד פאַלט ער אַנידער אין ווייכן שניי, און דאָ וועט זיין זיין אייביקע בעט.

ער האָט זיך געשטאַרקט. טראָפּן שוויס האָבן געגרונען ווי ריטש־קעלאַך איבערן קערפּער. ער איז אויטאָמאַטיש געגאַנגען.

גייענדיק האָט ער דערגרייכט צו אַ פלאַץ וואו אַ שטיק וואַלד איז געווען אויסגעהוילט ווי אַ פליך אויף אַ קאָפּ. דאָרטן איז געווען אַ פּאָר־פּרווירענע אַזערע וואָס האָט געגלאַנצט מיט שוואַרצן שפּיגל, און זיין גאַנצער קערפּער איז אים גרינגער געוואָרן.

דער ליידיקער פּלאַץ וואָס האָט אויסגעקוקט קליין אין שטח, האָט חיימקען גאָר אָפּגענאַרט. עס האָט זיך געצויגן פּאַר וויאַרסטן די לענג, און חיימקע האָט זיך דאָ מער געשראָקן ווי אין טיפן וואַלד. ווייל זיכער איז ער ניט געווען צי ער גייט ניט אינגאַנצן צום פּראָנט. ער האָט זיך געאײַלט, געלאָפן און זיך געגליטשט איבערן אייז ווי אַ וויכער. ענדלעך איז ער ווידער צוגעקומען צום וואַלד, און שטילע, ווייכע טריט, האָבן זיך ווידער געהערט אונטער זיינע פיס.

איצט איז ער דאָ, אין די געדיכטע ביימעלעך, געוואָרן ווי אין הײ־נער פּלעט. צי האָט זיך אים געדוכט אַז ער האָט געזען ערגעץ אַ פייערל? אָדער ער האָט טאַקע געזען אַ פייערל בליצן ביים צווייטן ראַנד פון ליי־דיקן פּלאַץ. און אַ געדאַנק האָט זיך אונטערגעכאַפּט און אַ זאָג געטאָן: וועלף!

ווי אַ פאַרמשפּטער צו דער תליה האָט זיך איצט חיימקע דערפילט, און אין דעם מאָמענט איז אים דורכגעלאָפן זיין גאַנצער לעבן. זיין גע־שטאָרבענער טאַטע, און די קראַנקע מאַמע. און מערקווירדיק, איצט האָט ער זיך דערפילט נעענטער צו די טויטע ווי צו די לעבעדיקע, און דער אימער אָפּלאַכנדיקער חיימקע פון טויטע גייסטער, פון אַבערגלויבישע לעגענדעס, האָט איצט טיף אין האַרצן געבעטן ביי זיין טאַטן ער זאָל אים באַשיצן אין דער געפאַר, כאָטש זיין טאַטן האָט ער קיינמאָל ניט געקענט. ער איז דאָך געווען אַ נאָמען נאָך זיין טאַטן. — חיים בר׳ חיים פלעגט מען אים אויפרופן.

אָבער די שרעק פון וועלף איז ניט געווען קיין אומזיסטע. געווען איז דאָס טאַקע אַ סטאַדע וועלף וועלכע זיינען געלאָפן ביים ראַנד פון וואַלד.

חיימקע האָט געהערט פון אַזעלכע פאַלן, און ער האָט מיט זיינע לעצטע כוחות זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ בוים איבערצוואַרטן די געפאַר.

עס האָט אָנגעהייבן גרויען אויף טאָג. דערהערט האָט ער דעם קרייען פון אַ האָן. עס איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. ווייזט אויס מענטשן וויינען ניט ווייט פון דאַנען. קיין שפּורן פון וועלף האָט ער מער ניט געזען. ער איז אַרונטער פון בוים דורכגעפראָרן פון קעלט, און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון וואַנען דער קלאַנג פון האָן האָט זיך געלאָזט הערן.

געגאַנגען איז ער נאָך אַ היפּשע שטרעקע, אַזוי האָט זיך אים גע־דוכט, ווייל דאָס אָנהייבן פון טאָג, האָט אים געשראָקן. ער דאַרף נאָך, איידער עס ווערט גוט ליכטיק, אין ערגעץ זיין פאַרשטעקט.

ער איז צוגעקומען אויף אַ הויך־אָנגעשאָטענעם שאָסיי. דער שאָ־סיי איז געלעגן ווי אַ גלייכער שמאָלער טעפּיך. אויף זיין רוקן זיינען געווען אויסגעדריקט די קלעטקעלעך פון נייע גומענע רעדער אין קלאָ־רען שניי.

פון וויטנס האָט ער דערזען אַ קליינע גויעשע כאַטע מיט אַ האַלב איינגעפאַלענעם שטאַל. ער איז צוגעקומען צום הייזל. קיין סימן פון לעבן. אַלעס איז שטיל. ניטאָ קיין צייכן פון באַלעבאַטישקייט. ער איז צו צום שטאַל, אויפגעמאַכט דעם טויער פאַמעלעך, שטיל, ווי אַן עכטער גנב. דאָ גיט דער טויער אַ סקריפּע און צעשרייט זיך. אוי־אוי־או, ער כאַפּט אַ בליק אינוועניק. אַ טויטער איז ער געבליבן : אין אַ ווינקל, אויף אַ הויכן באַרג מיסט, האָט זיך א בהמה'לע אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעצויגן, און אַ טרייסל געטאָן מיט די הערנער, קוקנדיק מיט די בהמה'שע אויגן צום מיסט.

צופיל צייט טאָר מען ניט פאַרלירן. ער מאַכט צו דעם טויער, און דאָ, אונטערן מיסט, ביים וואַנט וואו עס איז טרוקן, מאַכט ער זיין באַהעלטעניש. ער נורעט זיך איין, דעקט זיך איבער מיט טרוקענעם איינגעפרוירענעם מיסט און ליגט שוין מיט געשוואָלענע פיס, שווערע ווי קלעצער. די בהמה'לע האָט אָנפאַנג פּראָטעסטירט, געדרייט מיט די הערנער, געסאָפּעט מיט דער נאָז, דערנאָך האָט עס איר מער ניט גע־אַרט און זיך גענומען זאָרגלאָז מעלה־גרה־זיין.

**
*

אין דרויסן האָט געבלאַנקט מיט לויטערן טאָג. חיימקעס גלידער דאָ אונטערן מיסט, האָבן זיך צעוואַרעמט און געשוואומען אין גוטע ווײַ־נען. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט און געזונקען אין אַנגענעמע ליבע

וועלטן. אָט שליסן זיך די אויגן איינגאַנצן צו און ער שווימט און שוועבט אין גן־עדן התחתון. נאָר פלוצלונג ווערט ער פון די זיסע מאָמענטן גע־שטערט. ער דערהערט אַ ריטמישן קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָוועס. ווי אַ גאַנצער רייטער סקאַדראָן קומט צו נעענטער צום שייער. ער, חיימקע, האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך געפּרואווט נידעריקער אַרונטעררוקן אין מיסט און איינגעהאַלטן זיין אָטעם. ער הערט אַ טומל אין דרויסן. ער הערט אַז זיי שרייען: יודע! יודע! נאָר די ווער־טער זיינען ניט קלאָר. אָט דערהערט ער דעם טויער־סקריפּ און ווילדע קולות שרייען:—וואו האָסטו פאַרשטעקט דעם יודע?

— איך ווייס פון גאָר ניט—ענטפערט אַ צעשראָקענער איד.

— מיר ווייסן גאָרניקס, הער ליוטענאַנט, רעדט אַ יונגע פרויען שטימע.

מען הויבט אָן נישטערן דעם פוסטן שטאַל. מען רוקט די בלויזע שווערדן אין דעם בערגל היי וואָס ליגט אין מיטן שטאַל. חיימקע זעט כמעט אַלעמען דורך די שיטערע שטרוי איבער זיין פּנים. אַ דייטש, אַ הוזאַר לאָזט זיך צום זשאַשעק וואו עס ליגט היי פאַר דער קוה. ער רוקט דעם שווערד, געפינט גאָר ניט. די בהמהלע דערשרעקט זיך, גיט אַ שפּרונג איבער דעם דרענגל און לויפט ווילד אין פעלד אַריין.

— וואו האָט דער קערל געקענט פאַרשווינדן?—פרעגן זיי זיך איינער דעם אַנדערן. — כאַפּט אים דער טייוול! — רופט זיך אָפּ דער יונגער לוטענאַנט.

— האָבן זיי פּילייכט פוטער אָדער אייער?—פרעגן זיי דער יונגער פרוי און זיי פאַרלאָזן דעם שטאַל.

חיימקע האָט איצט צו זיך אַליין געשמייכלט:—אַז מען שטעלט ניט איין, נעמט מען ניט אויס.

איצט האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן הונגער. די כוחות האָבן זיך אים אויסגעלאָזט. ער האָט געוואַרט אַז דער מאַן זאָל ברייגגען די קו, וועט ער אים רופן און דערציילן די גאַנצע מעשה. נאָר ווען דער איד האָט די קו צוריקגעבראַכט און אַפילו ניט אַריין אין שטאַל, נאָר פאַר־קייטלט די טיר פון דער אַנדער זייט, האָט חיימקע זיך אַליין פאַרשלע־פערט.

ווען חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין שטאַל געווען שטאָק פינצטער. ער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. אָבער דער הונגער האָט געמאַנט, נישט געלאָזט מער רוען, איז ער אַרויס און אויסגעפּלאַנט זיין וויטערדיקן וועג.

די ערשטע זאַך מוז ער אַריין אין הויז און קריגן עפּעס צום עסן. דערנאָך אויסגעפינען וואו ער געפינט זיך, און וויסן ווי וויטער צו גיין. ער איז צו צום נידעריקן הייזל, געזען דורכן קליין פענסטערל דריי

מענטשן, צוויי פרויען און איין מאַן. ער האָט זייער באַשיידן אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער מאַן, אַ מיטליאָריקער מענטש מיט אַ רויט בערדל, איז מיט שרעק געבליבן שטיין אַנטקעגן אים אָן אָטעם. — שרעקט זיך ניט — האָט חיימקע געזאָגט. שרעקט זיך ניט, ס׳איז אַ איד.

— לאָז אַריין אַ מענטשן — האָט זיך די אינגערע אָפּגערופן.

חיימקע איז אַריין אין דער שטאַרק אָנגעהייצטער כאַטע. אין מאַטן שיין פון שוואַכן לעמפל האָבן אַלע אויסגעקוקט צעשראָקן.

— וואָס טוט אַ מענטש אין אונזערע מקומות?—פרעגט ווידער די יונגע.

— איך טו גאָרניט. פריער גיט מיר עפּעס אין מויל אַריין, דער־נאָך וועל איך כח האָבן אַלעס צו דערציילן.

אַלע דריי האָבן זיך נייגעריק איבערגעקוקט ווי זיי וואָלטן אָפּגע־האַלטן אַ באַראַטונג, און ווען דער רויטער אידל האָט אַ וואונק געטאָן צו דער ווייב, האָט די אַלטע גענומען מאַכן עסן.

**
*

חיימקע האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס ער איז און ווער ער איז, און פון וואַנען ער קומט.

דעם אידנס פּנים האָט אָנגעהויבן שטראַלן פון פרייד.

— טורא בטורא לא פגע אינש באינש פגע — איר זייט דאָך מיי־נער אַ שוועסטערקינד ! האָט ער אויסגעשריען.

חיימקע איז דאָרט פאַרבליבן דריי טעג. אי ער האָט גערוט פון פריערדיקן וועג, אי ער האָט זיך צוגעגרייט אויפן ווייטערדיקן מאַרשרוט וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט קילאָמעטער.

די יונגע פרוי איז דאָס געווען זיין קאָזינס אַ טאָכטער, אַ מיידל אַריבער די צוואַנציקער. זייער אַן אינטערעסאַנטע, פיין באַלעזן, געקענט פּאָלקאָם אַ פּאָר שפּראַכן און דערצו אַ שיין געבויטע גראַציעזע מיידל. די מאַמע האָט איר גערופן ראָזע און דער טאַטע — רייזל, האָט אויפ־גענומען חיימקעס פילאָזאָפיע, און דאָס קליינע, פּאַרוואָרפענע שטיבל אין פוסטן פעלד, איז פול געוואָרן מיט לעבן אין די טעג וואָס חיימקע איז דאָרט געווען. פון טאַטע מאַמע איז אַראָפּ די פּאַרוואָלקנקייט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורך דעם קריג.

זיי האָבן געמוזט פּאַרלאָזן זייער געבורט־פּלאַץ מיט דעם שיינעם שביט געשעפט און מגולגל ווערן דאָ אויפן כוטאָר, אין דער עלנדער איינ־זאַמקייט. איצט, אַז חיימקע איז צוגעקומען, האָבן זיי זיך פשוט אָפּגע־פרישט און האָבן נאָך דערשפּירט אַז זיי האָבן נאָך לעבן אין זיך.

— פאַר די דייטשן דאַרפט איר זיך ניט שרעקן—האָט אים ראָזע

גלעטנדיק זיינע שווארצע געקרויזטע לאָקן געזאָגט—איר דאַרפט זיך ניט אײַלן אַהיים, מען וועט אײַך דאָרט אויך זוכן.

אָבער חיימקען, ווי גוט דאָ איז אים געווען, האָט געצויגן אַהיים. ווער וועט דען וויסן זיין העלדנמוט, אויב ער וועט זיך ניט באַווייזן אין שטעטל, צווישן זיינע באַקאַנטע? ער, און די געפּונענע פּריינט, האָבן אים פאַרזאָרגט דער וועג זאָל אים זיין אַ גרינגער. און פאַר אַ קמיע האָט מען אים געגעבן אַ גויאישע סערמיגע וואָס פאַרהיט פון אַ סך אַנ־שיקענישן, און חיימקע האָט זיך מיט אַלעמען האַרציק געזעגנט און גע־דאַנקט פאַר אַלעס.

אַ וואַרימע האַנט האָט אים דערלאַנגט ראָזע מיט אירע טיף־בלויע פאַרבענקטע אויגן. זיי האָבן זיך שוויגנדיק געהאַלטן פאַר די הענט און אַ הייסער שטראָם איז דורכגעלאָפן זייער ביידנס קערפּער. טאַטע מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַנדייטנדיקע בליקן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: מיר פאַרשטייען אײַך, קינדערלאַך... און ביי דער מאַמען האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט אַ זילבערנע טרער.

* * *

חיימקעס וועג פון קאַרגע הונדערט וויאָרסט, איז אים געגאַנגען שפּילעוודיק. ביים אָפּגיין עטלעכע וויאָרסט מיטן שליאַך, האָט אים אַנ־געיאָגט אַ געשפּאַנטער שליטן מיט אַ פּאָר סוסים ווי לייבן. דער פאָרער איז געווען אַנגעפּעלצט פון קאָפּ ביז די פיס, בלויז אַ פּאָר אײַנגעפרוי־רענע וואָנצן האָבן זיך אַרויסגעזען. ער, דער טרייבער, האָט אײַנגעהאַלטן די פערד און אים געפרעגט צי ער קען אים אונטערפירן.

אויף אַזאַ גויאיש מזל האָט חימל זיך קיינמאָל ניט גערעכט. איידער ער האָט זיך צערעדט מיט דעם פריינטלעכן מענטש, ווער וואו און וואָס, האָט ער, חימל, גענומען פילאָזאָפירן דעם גרויסן כוח וואָס ליגט אין דער ווייסער סערמיגע און אין דעם כוח פון פאַרגעפיל אין וועלכן ער איז אַ גרויסער מאמין. כאַטש ריידנדיק מיט אַנדערע, לייקנט ער דאָס אָפּ. ער לאַכט זיך אויס, נאָר טיף אין האַרצן איז ער איבערצייגט אין דעם כוח פון אינטואיציע וואָס פירט ממש דעם מענטשן ביי די הענט. מען דאַרף נאָר וועלן נאָכפאָלגן און נאָכגיין.

דער וועג איז ניט נאָר געווען אַ זיכערער מיט דעם פאָרער, וועל־כער איז געווען דער יונגער גראַף און בורגערמייסטער פון טוראַף, בלויז צוועלף קילאָמעטער פון חיימס היים־שטעטל, נאָר אויך אַ פריילעכער און אינטערעסאַנטער.

אָנגעקומען איז חימל אין שטעטל אין אַ שפּעטער שעה. שטיל איז געלעגן דאָס פאַרוויסטע שטעטל מיט שניי איינגעדעקטע חורבות

וואָס ער האָט איבערגעלאָזן מיט עטלעכע טעג צוריק. ילוד אשה, קיין פייגל האָט זיך ניט געזען, דאָך איז חיימל געגאַנגען מיט אַ זיגערשן שמייכל, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים אַפּלאָדירט פאַר זיין העלדישן אויפטו.

אין שטעטל האָט מען זיך געשושקעט און געשטויגט פון חיימקעס צוריקקער. ביי די מיידלאָך פון שטעטל איז חיים געווען דער העלד. פילע האָבן געטרוימט און געוועבט פּלענער צו געווינען דעם פּאַרקערטן, נאָר חיימקע עקשן, דערגרייכנדיק זיין ציל און אויספירנדיק זיין פּאַרמעסט, האָט שוין גאָר פון עפּעס אַנדערש געטראַכט.

אין אַ כמורנעם נאָכמיטאָג, די הימלען האָבן געגומען זיפן מיט דראָבנעם שניי, האָט זיך חיימל באַוויזן מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, גייענדיק גלייך צו דער קאָמאַנדאַנטור. דער אַלטער לאַנדשטורמיסט, שטייענדיק אויף וואַך ביים קאָמענדאַנט, איז אַ פאַרצאַפּלטער געבליבן, דערזעענדיק דעם פּאַרשוין וועלכן ער האָט מיט אַזוי פיל מי און מאַטערניש טראַנספּאָרטירט צו די צוואַנגס לאַגערן אין בעלאָוויזש.

חיימקע האָט ממזריש אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט: אָט בין איך דאָ. ווען איך וויל, גיי איך אַליין, ווען איך וויל ניט, העלפט ניט אייער כאַפּן.

— הער קאָמענדאַנט — האָט זיך חיים געווענדט צום איבעראַשטן ליוטענאַנט — איך בין גרייט צו גיין פרייוויליק אַרבעטן אין די בעלאָ־וועזשער וועלדער, מיטן באַדינג, דאָס אין די פרייע אַרבעטס טעג, זאָל איך האָבן דאָס רעכט צו באַזוכן דעם כוטאָר 19 פון יענעם געגנט...

— שרייב אויס דעם קערל אַ דערלויבניש מיט די געהעריקע דאָ־קומענטן.

חיימל איז איצט געגאַנגען איינער אַליין אויפן מיט פון הויכן שאָסיי וועלכער האָט אים געמאַכט העכער, גרעסער—אַ גיגאַנט איבער דער הילפ־לאָזער וועלט.

מענטשן אין די הייזער האָבן דורכגעקוקט פון די אָנגעפרוירענע פענצטער און אויסגעבטלט צו זיין קאָפּ :

געבאָרן אַ צעדרייטער, וועט ער שוין שטאַרבן אַ פאַרקערטער . . .

חיימל האָט געשפּאַנט צו דער באַן וועלכע וועט אים פירן קיין בעלאָוועזש.

אַ מלאך אין גיהנום

אונזער הויז איז אין דער מלחמה צווישן דייטש און רוס, געבליבן שטיין ווי אַ סקירדע היי אין מיטן פעלד.

פון אָנפאַנג, גלייך נאָך דער שׂרפה, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון אונזער באַהעלטעניש, האָבן מיר געדאַנקט און געלויבט גאָט פאַר׳ן חסד וואָס מיר האָבן געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

כאָטש מיר זיינען דאָן געווען אַ היפּשע פאַמיליע, עס האָט נאָך דאַן געלעבט אונזער מוטער ע״ה, אויך מיין שוועסטער מיטן קינד איז נאָך דאַן געווען אין דער היים, און דערצו האָבן מיר נאָך געהאַט אַ שכן. דאָך, אַז עס פלעגט צופאַלן די נאַכט, און דער גאַנצער געגנט איז געבליבן שטיל, און פון די חורבות האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ווייסע סילועטן פון די ניט אײַנגעפאַלענע אויוונס און געשראָקן מיט שוואַרצן פּחד און געמאָלן גרויזאַמע בילדער, פלעגט זיך אויסווייזן אַז די נשמות פון די פאַרוואָגלטע הרוגים קריכן אַרויס פון די פינצטערע לעכער און מאָנען און שרעקן, און ווילן זיך אָפּרעכענען מיט די לעבנפאַרבליבענע.

דאָס איז אַלעס געווען באַלד נאָך דעם טייוול־שפּיל. די בילדער וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט זיינען נאָך געווען פריש אין זכרון, אָבער נאָכדעם ווי עס איז אַריבער אַ יאָר און צוויי, איז מען צום לאַנדשאַפט צוגעוויינט געוואָרן, און עס האָט זיך געדוכט אַז אַזוי איז אונזער הויז דאָ גאַנץ אַליין אויפגעשטעלט געוואָרן משׁשת ימי בראשית.

די מעשה וואָס איך גיי דערציילן איז פאָרגעקומען פיר יאָר שפּע־טער. דאָס איז געווען ווען די באָלשעוויקעס האָבן געטריבן די פּאָליאַקן פון דער אוקראַינע.

מיט דער ערשטער בשׂורה, אַז די פּאָליאַקן לויפן פון אוקראַינע, האָט זיך אַ שוואַרצער וואָלקן אַראָפּגעלאָזן אויפן לויטערן הימל.

די ידיעות וועלכע פלעגן ווי דורך ראַדיאָ פאַרשפּרייט ווערן וואָס דאָס אָפּטרעטנדע חיל טוט אויף, האָבן אַלעמען איינגעוויקלט אין זעק און אַש. פּנימער זיינען געוואָרן שוואַרץ, פינצטערער ווי דער טויט אַליין. די לופט, די פּראַכטפולע זומערדיקע לופט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָשמאַר פון טייוולישע גייסטער וואָס האָבן געדריקט מיט בייטשן־

פינגער, די צום טויט אויסגעשטרעקטע הענט. עס איז קיין לופט ניט געווען צום אָטעמען, און מענטשן האָבן זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן, פאַר אַ בלאַט וואָס האָט זיך אַ שאָקל געטאָן.

אין אַזאַ צייט בין איך געבליבן דער טאַטע און די מאַמע פון מיינע צוויי קלענערע שוועסטער און קליין ברודערל.

טעג האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן, נעכט, ווי אייביקייטן. אין דרויסן איז געשטאַנען ווילדער צאָרן און געשטאָכן מיט טומפּע שפּיזן אין די לייבער. אַ שוואַרצער כישוף קנויל האָט זיך געדרייט אין דער הייסער לופט און געבונדן יעדן לעבעדיקן נערוו. מענטשן זיינען געלעגן ווי געבונדע־נע שעפּסן אין די באַהעלטענישן און געוואַרט אויפן טייוולס אכזריות׳דיקן טויט־שפּיל, אין וועלכן מען וועט אומקומען.

וואָרום בין איך געבליבן מיט מיינע שוועסטער און ברודערל אין אונזער הויז? ניט אַנטלאָפן צו מענטשן, צו פריינט? אויף דעם קען איך איצט קיין תירוץ ניט געבן.

מיר זיינען געבליבן אין הויז. איך, אַ בחור פון 24 יאָר, וואָס דאָס אַליין זיין אין אַזאַ עלטער איז געווען אַ געפאַר, ווייל וועלכער אי־דישער בחור אין די יאָרן איז ניט קיין באָלשעוויק? איך האָב אָבער גע־פילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מיין פאַמיליע. איך האָב געדאַרפט וואַכן איבער זיי, אַז קיין בייז זאָל ניט געשען.

ליגן מיר איינגעוויקלט אין טרויער און טויט שרעק אין אונזער הויז וואָס שטייט ווי אין אַ מדבר. קיין ציווילן מענטשן זעט מען ניט אָן. פּוילישע סאָלדאַטן זיינען פול אומעטום. די בילדער און סצענעס וואָס שפּילן זיך אָפּ צווישן אָפּטרעטנדן חייל, בין איך ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן, און עס איז מיר שווער נאָכאַמאָל דאָס איבערצולעבן אין געדאַנק.

אָבער איין זאַך וועל איך פּרובירן איבערגעבן, דעם קלימאַקס פון פייער און שפּיז דראַמע:

מיר ליגן אין הייזל פאַרטייעט, מען זאָל אונז ניט באַמערקן. דאָך כאַפּ איך אַלע מאָל אַ קוק דורך אַ שפּאַלט צו זען וואו האַלט עס מיטן שטורם, און אַ פאַרגעפּיל קומט און זאָגט: דער וואולקאַן פון פייער מיט שווערד און בלוט, וועט באַלד אויפרייסן דיין שוואַכע שיף אין וועלכע איר ווילט זיך רעטן.

געווען איז עס אין מיטן טאָג. די זון האָט געשיינט מיט שוואַרצע געדיכטע שטראַלן. די האַרמאַטן האָבן געברומט און געקנאַלט, ווי וויל־דע חיות אין הייסן מדבר. שטויב פון לויפנדיקע פערד האָט זיך גע־הויבן צום הימל און אויסגעמישט אַלעס אין איין קאַשע. מענטש, פערד,

רייטער און פוסגייער. פלוצלונג דערהערן מיר אַ קלאַפּן אין אונזער טיר.

— עפן אויף! „פּשאַ קרעוו", עפן שנעל!

אַ יאַמערלעכער געוויין איז אויסגעבראָכן פון מיינע שוועסטער און קליין ברודערל.

איך, דער גרויסער העלד, גיי ווי ניט מיט מיינע פיס. איך גיי עפענען די טיר. וואָס אַנדערש האָב איך געקענט טאָן? איך מאַך אויף די טיר און פרעג אין מיין צעבראָכענעם פּויליש: „צאַ פּאַן חצע". ווי דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט אויסגעקוקט, האָב איך ניט געזען, צי איז ער געווען אַן אַלטער אָדער אַ יונגער. איך האָב מער ניט געהערט די ווערטער: „ווייז מיר דעם וועג צו זאַניוויע". דאָס איז אַ דאָרף וואָס ליגט 5 קילאָמעטער פון שטעטל, און מען זעט דעם דאָרף פון אונזער שטוב. — אַ, זאַניוויע, — אָטעם איך אָפּ פרייער — געוויס וועל איך דעם פּריץ ווייזן וואו זאַניעווע איז. דאָרטן, זעסטו דעם דאָרף? — ווייז איך אים מיטן האַנט. דאָס איז זאַניוויע.

— ניין, זאָגט ער, — דו קום מיט מיר, איך גלויב ניט קיין זשידעק.

די אַלע געוויינען און געבעטן און אויך געלט אָפּפער האָט ניט געהאָלפן. ער האָט מיר מיט גוואַלד אַוועקגעריסן פון מיינע הילפלאָזע שוועסטער און קליין ברודערל. איך האָב געפילט אַז מיר ווערן אַוועקגעשליידערט אין אַ שטורמדיקן ים יעדער באַזונדער. הענט האָבן זיך געשטרעקט צו מיר — אונזער ברודער! אונזער ברודער! מיין האַרץ האָט געקלאַפּט און דער געדאַנק האָט נאָך געאַרבעט, אָבער די ליפּן האָבן ניט באַוויזן אַפילו צו זאָגן זייט געזונט.

מיר גייען. איך גיי צו אַ זיכערן טויט. איך ווייס עס, און אויך דאָס זאָגט מיר מיין פירער.

— אַז דו וועסט מיר ברענגען צום פראָנט, וועל איך דיך דאָן דערשיסן ווי אַ הונט. ער באַטאַנט עס איינמאָל און נאָך אַמאָל, ביז ער ווערט זאַט מיט די רייד און עסט זיך אָן מיט גאַל.

איצט גייען מיר שווייגנדיק. מיר שפּרייזן איבער די זאַמדיקע וועגן. די זון בראָט, סמאָליעט די ערד. מיר דוכט זיך אַז באַלד וועט זיך די גאַנצע וועלט אָנצינדן און פאַרברענט ווערן, און אַזוי קומען מיר אַריין צווישן די אַלכאָווע בוימלאַך ביים זייט וועג. עס ווערט אַביסל קילער אונטערן שאָטן פון די בלעטער. ביים סאָלדאַט פאַרגייט די אָנגעשטריינגטקייט פון זיין רוצחישן פּנים. איך דערזע פאַר זיך אַ ליידנדן מענטשן וואָס גייט אויך אַן זיין ווילן צום טויט.

איך קום אַביסל צו זיך, און דער ערשטער געדאַנק איז ביי מיר:

וואָס טוט זיך אין דער היים? די קינדער, די שוועסטער, מיידלעך איינע אַליין.

איך באַקום צוריק מיין לשון. איך הייב אים אָן צו בעטן, דערקלער אים, אַז איך בין ניט קיין באָלשעוויק, און אַז איך בין דער איינציקער וואָס דאַרף אויפפּאַסן אויף די יתומים. איך וויין און וויל אים קושן די פיס, זאָל ער מיך לאָזן גיין צוריק. ער דרייט אַפילו די אויגן ניט אום. בעט רחמנות ביים מלאך המות!

אַט שטייען מיר שוין הארט ביים דאָרף, פאַר די רייען אָקאָפּעס. עס שווימלט מיט מיליטער, דאָס שטעלט מען איין די פּאָזיציעס. מיין פירער ווערט איינגעשלונגען אין דער גרין־גרויער מאַסע, און איך בלייב אַליין צווישן מיליטער, הפקר.

וואָס טוט דאָ אַ זשידעק אין אונזערע פּאָזיציעס? פרעגן זיי איינער דעם אַנדערן פאַרוואונדעט, און זיי האָבן טאַקע מורא אַז איך בין אַ שפּי־אָן, אַז ניט וואָס וואָלט איך געטאָן אַט דאָ לעבן די אָקאָפּעס?

איך הייב אָן דערציילן ווי אַזוי איך קום אַהער. צי מען גלויבט מיר יאָ אָדער ניט, ווייס איך ניט. דערווייל שרייט מען אַז איך זאָל געבן פּאַ־פּיראָסן. איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל ניט גערויכערט.

— איך רויכער ניט — זאָג איך זיי. — איך האָב ניט קיין פּאַפּיראָסן. „פּשאַ קרעוו" זע איך שוין אַ גרויסן גויעץ גיין צו מיר. דערווייל איז צו־געקומען אַן אָפיצער. — וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט ער מיר, און איך דערצייל אים, איך רעד נישט מיטן מויל, נאָר מיטן האַרץ און אויגן.

— לויף גלייך צוריק, זאָגט ער — דאָ ביסטו אין געפאַר. איך דאַנק, און לויף צוריק מיטן וועג.

אַז איך גיי צוריק, האָב איך ניט געפילט. דער גאַנצער אַפּאַראַט פון דענקען איז ביי מיר אָפּגעשטאָרבן. נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזען אַ רייטער שטיין לעבן מיר.

דער רייטער איז געווען אַ פּוילישער סאָלדאַט, געזעסן אויפן פערד אָן אַ זאָטל און ער פרעגט מיך וואוהין איך גיי און פון וואַנען איך קום.

איך האָב אים מיט געבעט און שרעק דערציילט די גאַנצע געשיכ־טע. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט.

— און דו דענקסט נאָך קומען אַהיים?

איך בין ווי אַ פאַרשוילדיקטער געשטאַנען און גאָר ניט געענט־פערט.

— קום! — רופט ער זיך אָפּ צו מיר, און מיר לאָזן זיך צו די קוסטעס וואָס שטייען ביים וועג, און איך ווייס שוין איצט וואו איך וועל ליגן.

געווען איז דאָס גאָר א מלאך, ניט קיין סאָלדאַט. ער האָט אַפילו קיין ביקס ניט געהאַט.

— איך — זאָגט ער צו מיר — בין אַ טעלעפאָניסט. און איך פאָר איצט צו דיין שטעטל. אויב דו וועסט קענען אָנהאַלטן מיט מיר, וועל איך דיר ברענגען אַהיים.

איך בין געבליבן ווי אין הינער־פּלעט. וואָס טוט זיך דאָ? אין גיהנם זיינען אויך דאָ גוטע מלאכים?

— קום, זאָגט ער מיט מיר, ווייל דאָ אין פעלד ליגן חייל און אַז מען וועט דיך דערזען אַליין, וועט מען דיך דערשיסן. קום גיך, ווייל איך דאַרף זיין אין יענעם פונקט ניין אַזייגער, און קיין סך צייט האָב איך ניט.

איך האָב אים געוואָלט קושן די הענט, די פיס, נאָר ער הייבט אָן טרייבן דאָס פערדל. דער פערד לויפט זיך פּאַנאַנדער. איך אויך, איך לויף ניט אויף דער ערד, נאָר אין גיהנם, אָבער אונטער די פליגלען פון אַ גוטן מלאך.

אויפן וועג באַגעגענען מיר אָן אַ שיעור סאָלדאַטן אויפגערייצטע, ווילדע ברואים, נאָר ער האַלט מיך אונטער זיין שוץ. דאָס זאָל הייסן אַז ער דאַרף מיך האָבן.

לויפנדיק זייט ביי זייט מיטן פערד אין זאַמדיקן שטויב, בין איך גאָר ניט מיד געוואָרן. איך וואָלט געקענט לויפן פאַר צענדליקער מיילן.

קומענדיק פאַר מיין איינזאַמען הייזל, האָב איך געזען ווי שטילער טרויער קוקט אַרויס דורך די פענצטער, קיין סימן פון לעבן.

אין הימל האָט זיך די זון געזעצט מיט פייערדיקער רויטקייט. אין גאַס איז קיינער ניט געווען. אַ טויטע שטילקייט האָט איינגעהילט דער וועלטס אונטערגאַנג.

— מיר טרעטן היינט ביינאַכט אָפּ — האָט ער מיר פאַרטרויט. איך האָב אים אין הויז פאַרבעטן, געפונען די שוועסטער אויפגעדרייטע קנוילן, אויסגעטריקנט פון טרערן. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן איצט מיט מיר. זאָלן זיי זיך פרייען, אָדער טרויערן. דער ברודערל האָט מיר אָנגעקוקט תמ'עוואַטע.

דאָס לעצטע באַהאַלטענע שטיקל ברויט האָט מען פון דער קאַמו־פלאַזשירטער באַהעלטעניש אים געטראָגן אַנטקעגן. נאָר ער האָט אונז דורכגענומען מיט זיינע מילדע אויגן, אָפּגעזעגנט מיטן צונג זיינע פאַר־טריקנטע ליפּן, און אָן ווערטער פאַרשוואונדן אין דעם דרויסנדיקן גיהנם.

פייער און בלוט

גרויס איבעראַשונג האָט אַרויסגערופן משה׳לס קומען אַהיים, נאָכ־דעם ווי ער איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער אין אַ דייטשן לאַגער. ניט נאָר האָט שוין די שטעטל פאַרגעסן משה׳ל דעם גייערס, נאָר אַפילו זיינע עלטערן האָבן נישט דערוואַרט אַז ער זאָל האָבן געווען אַ סאָלדאַט ביי ניקאָלאַיען. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן יאָ געוואוסט וועגן זייער זון איז, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין שווייצאַריע. אין שטעטל האָט מען געזאָגט דאָן ווען ער איז אַנטרונען געוואָרן, נאָכן אַרעסט פון סאָניע מינץ, אַז ער געפינט זיך אין אויסלאַנד. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז ער געפינט זיך „זאַ־גראַניצע״ דאָס האָט געמיינט ווייטע לענדער.

איצט איז משהל געקומען גאָר נישט יענער בחור וואָס האָט געקערט אַ וועלט. נישט דאָס שטיק שוואַרצע קוועקזילבער — ווי מען האָט אים גערופן. איצט איז ער אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער. קומט אַמאָל אַרויס אין מאַרק, מיט זיין צעטרעמפלטן שינעל, נעמט אויף דאָס ביסל נייס, און גייט צוריק אין שטוב אַריין. און נייס איז געווען גענוג: יעדע שעה, יעדע מינוט — האָט געבראַכט נייעס. ווייל משהל איז פונקט אַריינגעפאַרן אין דער צייט, ווען דער געגנט איז געווען הפקר אין די הענט פון אַלערליי באַנדעס וואָס האָבן זיך גרופירט נאָכדעם ווי די דייטשע מאַכט איז אַוועק. די אידישע איינוואוינער פונעם שטעטל האָבן איבערגעלעבט שווערע צייטן. ס׳איז געווען אימת־מות אויף יעדן שריט און טריט. מען האָט כלומרשט אָרגאַניזירט אַ שטאָט־רעגירונג, מיט אַ פּאָליציי, אין געהיים אויך אַ „סאַ־מאָאָבראָנע״, טאָמער וועט מען זיך דאַרפן קעגנשטעלן אַן איבערפאַל. אַלע טאָג זענען דערגאַנגען ידיעות פון אַנדערע שטעטלך פון פּאָגראָמען, הריגות, א. א. וו. מען האָט זיך אין אַזאַ מאַן ווי משהל זייער געניטיקט. מען האָט אים אָנגעבאָטן וויכטיקע פּאָסטנס אין דער לאָקאַלער מאַכט. ער האָט אָבער אַלץ צוריקגעוויזן.

— משהל, דו זעסט ניט ווי בלוט און פייער רינגלט אונז אַרום ? — האָט מען געטענהט צום באַוואוסטזיניקן געוועזענעם רעוואָלוציאָנער. — קום, מיר דאַרפן דיין ראַט און טאַט! ווי קענסטו אַזוי שטיין פון וויטנס? נאָר ער האָט געהאַט איין ענטפער: — איך האָב שוין מיינס אָפּגעטאָן.

מען דאַרף ניט זיין קיין דיפּלאָמירטער פילאָזאָף צו פאַרשטיין משהלס האַלטונג. זיין לאַגע איז געווען אַ דערדריקנדיקע, אַ שעמעוודיק־קאָמפּלי־צירטע. ווייל קומענדיק אַהיים ווי פון יענער וועלט צו זיינע טאַטע־מאַמע, איז ער דאָ געווען ווי נישט קיין געבעטענער גאַסט. די אָרימקייט אין שטיבל און דער הונגער פון דער גאַנצער פאַמיליע זיינען געווען אונדער־טרעגלעך. ער משהל איז אַריינגעפאַלן ווי אין אַ יאוש, אַ רעזיגנאַציע. ער האָט זיך ערשט דערוואוסט די מעשה מיטן זאַק מעל פאַר וועלכן מען האָט זיין טאַטן אַרעסטירט. אין קורצן, מען האָט געקענט זען אַז משהל טראָגט אַ האַרץ אויפן שטעטל.

ס׳איז געווען נאָך דער הריגה אין ווילוסק, וואו מען האָט דערהרגעט דעם פריץ, זיין אידישן עקאָנאָם, און דערנאָך פאַרברענט דעם פּאָקוי. נאָכ־דעם ווי מען האָט געמאַכט אַן איבערפאַל ביי גאַדיען אין דער פאַראָווער מיל און צוגענומען די פערד מיט אָנגעלאָדענע פורן מעל — ערשט דאַן איז משהל געקומען צו אַ זיצונג פון שטאָט־קאָמיטעט. פריער ווי אַ בעאָבאַכ־טער, צוהערער; דערנאָך איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָמפּלי־צירטער אַרבעט. משהל האָט זיך גענומען צום פּראָבלעמאַטישן ענין — אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער. ער איז געווען אי אַ הילף, אי אַ שטער. אין זיינע דערקלערונגען צום שטאָט ראָט, האָט ער געפאָדערט אייניקייט, דיסציפּלין. ער האָט פאַרגליכן די קעגנווערטיקע לאַגע צו אַ בלאָנדזשענ־דיקער שיף, וועמעס קאָמפּאַס און רודער זיינען צעבראָכן געוואָרן אין שטורם, נאָר די שיף שווימט נאָך, די פּאַסאַזשירן זיינען פאַרצווייפלט — אָבער ס׳איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג אַמאָל זיך צוצושלאָגן צו אַ ברעג, אָדער אַז אַ צווייטע שיף וועט איר רעטן.

און ריידן האָט ער גערעדט מיט האַרץ, מיט פייער. — רבותי, איך זע איר שאָקלט אַלע צו מיט די קעפּ. דאָס מיינט אַז איר באַשטעטיקט אַז איך בין גערעכט. נו! אויב מיר אַלע זיינען אין געפאַר, מוזן מיר זען אויפהאַלטן אונזער שיף אין דעם ברויזנדיקן ים — זי זאָל מער ניט צו־שעדיקט ווערן. אָבער אויף דער זעלבער שיף געפינען זיך מענטשן וואָס לאָזן זיך וואוילגיין, מאַכן געשעפטן, שפּעקולירן, און טרייבן געהיימע ברייזלעך, ווען דער גרעסטער טייל, און אפשר טאַקע די וואָס שטייען ביי די מאַסטן, ווערן זיך קעגן די רווישנדיקע כוואַליעס. ביי די טריקענען די ליפּן פון הונגער און דורשט.

מיר מוזן מאַכן אַ שטיקל טאַלק ביי אונז דאָ, אַניט וועט אונזער מי ניט ברייגען די געהעריקע רעזולטאַטן.

נאָך אַזאַ דרשה, פלעגן אַ טייל פון קאָמיטעט אים אַרומנעמען מיט וואַרימקייט, זיך טוליען צו אים, און זיין גרייט אויסצופאָלגן וואָס ער וועט

הייסן. אַ טייל, ווידער, פלעגן זיך אָפּרוקן פון משהל דעם גייערס, מיט זייַנע שאַרפע דורכדרינגלעכע אויגן, ווייל געוויסע יחידים פון שטאַט־קאָמיטעט האָבן משהלס רייד געפילט ווי גיפטיקע פיילן אויף זייער געוויסן, און אין דער שטיל געפירט אַ קאַמפּאַניע משהלען צו משלח זיין. אָבער דאָס איז געווען אַ תפלת־שוא. משהלס פּאָפּולאַריטעט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דערוואַרטונג — די באָלשעוויקעס האָבן געדאַרפט אָנקומען. מען האָט געהאָפט אויף נייע צייטן, נייע פירער.

איינמאָל ביי אַ געהיימער זיצונג פון דער „סאַמאָאָבאָראָנע" — האָט משהל, שוין איצט חבר קאַפּלאַן, פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן אייגענע שוצאים, קעגן וועלכע מען באַדאַרף אויך נוצן דאָס געווער, אויב זיי וועלן ניט נאָכקומען דעם געזעץ פון דער שעה. און אַ פּאָר הייסבלוטיקע חברים האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט ברען און צאָרן, און בלויז געוואָרט אויף חבר קאַפּלאַנס דירעקטיוון.

—געלאַסן, חברים, ניט געקאַכט זיך. — איך האָב בלויז געזאָגט: אויב זיי וועלן ניט נאָכקומען, מיט געווער דאַרף מען זיך זייער היטן.

טעג זיינען געלעגן אויסגעהיילטע, אָפּגעצערטע, קראַנקע. נעכט זיינען געווען לאַנגע, אימה'דיקע. כאָטש מען האָט קיין קריג מיט קיינעם ניט געפירט, האָט עס דאָך אויסגעזען ווי מען געפינט זיך אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. דער אומגעזעענער שונא האָט געלויערט פון אַלע זייטן. ווען ער וועט אָנפאַלן, וואו ער'ט מאַכן די אַטאַקע — האָט קיינער נישט געוואוסט. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ וואַך פון אַ גרופּע מענטשן יעדע נאַכט. אייניקע, וועלכע האָבן במילא געהערט צו דער מיליץ, זאָלן האָבן מיט זיך שיס־געווער, און דורך די נעכט היטן די „פעסטונג", די האַלבחרובע שטעטל. קיין אַריינפאָר אָדער אַרויספאָר איז ניט געווען. קיין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, חוץ מיט די נאָענטסטע דערפער, וואו געוויסע פאַמיליעס זיינען שוין צוריקגעקומען פון ראַסיי. און אָט טאַקע פאַר די דערפער האָט מען זיך געשראָקן. ס'איז געפירט געוואָרן אַ מין פּראָפּאַגאַנדע: אַז דאָס יידישע שטעטל איז באַוואָפנט מיט אַלערליי קריגס־מכשירים; זיי, די יידן, האָבן אַפילו בעהאַלטן קליינע טאַנקען. פון פּולעמיאָטן איז דאָך אָפּגערעדט — אַז ס'געפינט זיך אין יעדער שטוב.

איינמאָל אין אַ לינדן טאָג פון קאַלטן האַרבסט, זיינען אַריינגעפאַלן צוויי רייטער, מיט משונה'דיק־אויסגעפּוצטע מונדירן, און זיך געפרעגט אויף דער וואָלאָסטנאָאיער פּראַוולעניע. זיי האָבן דערקלערט, אַז פון היינט אָן ביז לעולם ועד, געהערט דער געגנט צו אוקראַינע. זיי, די צוויי, זיינען

פאַרשטייער פון באַטיושקאַ פעטליוראַ, און פון היינט און ווייטער וועט דער געגנט דאַרפן אויספירן די פאַראָרדנונגען און באַפעלן פון קיעוו.

ס'האָט געמאַכט אַ שטיקל רושם אין שטעטל: די עטלעכע מעס־טשאַנעס און דאָרפישע פויערים האָבן די צוויי אויפגענומען מיט שמחה. זיי האָבן אַרום די צוויי היידאַמאַקעס זיך געדרייט ווי בינען אַרום האָניק.

„זיינען שוין אַוועק אייערע „פּראָוועס" (רעכט). איצט וועט איר אָפּגעבן אונזער האָב און גוטס" — אַזוי האָבן אַ פּאָר וואָלפישע פויערים מיט פינע געשאָלטן די יידן מיט די באָלשעוויקעס.

פאַר דער יידישער איינוואוינערשאַפט האָבן די חשובע געסט אַזש פון באַטיושקאַ פעטליוראַ אַליין נישט געבראַכט קיין פרייד. זיי האָבן צו־געצויגן עטלעכע דאָרפישע פויערים פאַר מיליציאַנערן און געמאַכט זייער קוואַרטיר אין דער געוועזענער שקאָלע. און אַלע טאָג פלעגן זיי אַרויס־הענגען נייע „אָביאַוולעניעס": „פּ ר י ק אַ ז נומער אַזוי און אַזוי" א. א. וו.

ס'איז געקומען אַ פּ ר י ק אַ ז וואָס האָט די שטעטל געשטעלט אין געפאַר. און דאָס איז געווען: מען זאָל אָ פּ ג ע ב ן אַלע געווערן פון אַ קינזשאַל ביז אַ האַרמאַט און טאַנק. אויב נישט איז: טויט־שטראָף. אַזויווי ס'איז אין שטאָט נישט געווען אַזאַ מין שוואַרץ קינסטלער, וואָס זאָל קענען אַריינפירן די אויסגעפּאַנטאַזירטע „באַטאַרייע" און מען האָט בלויז אָפּגעגעבן אַ האַלבן טוצן אַלטע ביקסן, איז געקומען נאָך אַ פּריקאַז מיט אַ דאַטום: ביז יענעם טאָג, די און די שעה מוז אַלץ דערליידיקט ווערן.

וואָס זאָל מען טאָן? האָבן יידן זיך גע'עצה'ט. די פּאָר דברים אחרים האָבן אונז פאַר'מסר'ט. מיר האָבן זיך אַליין פאַרקאָכט אַ קאַשע. ס'איז געבליבן: אַז חנא ליפשיץ און משהל קאַפּלאַן זאָלן גיין אַלס דעלעגאַציע צו די היידאַמאַקעס און ריידן צו זיי.

ס'איז געווען אַ שווערע שליחות פאַר די צוויי. דאָס גאַנצע שטעטל, הונגעריק אָדער זאַט, האָט זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג. ס'איז געווען אַזאַ מין דילעמאַ פון וועלכע מען האָט זיך ניט געקענט אַרויספּלאָנטערן. זאָגן דעם אמת וועגן די עטלעכע רעוואָלווערן, טאָר מען ניט, און אויב אַפילו יאָ זאָגן וועט מען דעם אמת ניט אָננעמען. דערוויילע האָבן קלוגע גע'עצה'ט מען זאָל קלייבן געלט: „הכסף יענה את הכל".

אָבער דאָ איז אַ מאָדנער נס געשען. די נאַכט איידער דער טערמין האָט זיך באַדאַרפט פאַרענדיקן, זיינען די באַלעבאַטים איבער דער גאַנצער געגנט, עוקר געווען מיט האַק און פּאַק. די שקאָלע איז געשטאַנען אַ גוט־אָנגעהייצטע, אָבער אַ ליידיקע. איצט האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אין גיכן וועלן קומען גרעסערע באַלעבאַטים. און אַזוי איז טאַקע געווען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַראָפּגעפאָרן אַ קאָמיסיע פון „רעווקאָם", פאַרשטייער

פון דער רויטער אַרמיי. זיי, די סאָוועטישע פירער, האָבן צונויפגערופן פאַר־טיי־פאָרשטייער. מען האָט אַנגאַזשירט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, און מען האָט דורכגעפירט וואַלן פאַרן שטאָטישן סאָוועט.

ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג פאַר די קליינ־שטעטלדיקע מענטשן אַזאַ מין פּראָצעדורע. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן: מען לאָזט זיי, די בירגער, אויסקלייבן אייגענע נאַ־טשאַלניקעס! און ס'איז געווען זייער נאַטירלעך, אַז משהל זאָל אויך אַריין אין „רעווקאָם". און אַריין איז ער גראָד קעגן זיין ווילן. ער האָט זיך קאַטע־גאָריש אָפּגעזאָגט צו זיין אַ קאַנדידאַט. „הראָמאַדאַ" האָט אָבער אַרויפגע־צוואונגען. אַלע האָבן געשטורמט מיט איין קול „טאָוואַרישטש" קאַפּלאַן! חבר קאַפּלאַן!

אין דערווירקלעכקייט איז טאַקע אין שטעטל נישט געווען נאָך איינער וואָס זאָל זיין אַזוי קוואַליפיצירט פאַר אַזאַ וויכטיקער פּאָזיציע. ער איז געווען דער עכטער פּראָלעטאַריער, און דערצו אינטעליגענט, ראַ־פינירט, דערהויפּט באַוואוסטזיניק אין סאָציאַל־פּאָליטישע ענינים. ווען ער האָט מיט אַ ציניש שמייכעלע אָנגענומען דעם ווילן פון פאָלק, האָט מען אים דערנאָך אויף די הענט געטראָגן.

אין שטעטל הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל, אַ ניי־בלאַט מישט זיך אויף אין דער אַלטער געשיכטע. אויס פּריסטאַוו, אויס אוריאַדניק. ס'זיינען פאַראַן קאָמיסאַרן און מיליציע. אין משהלס אָפּטיילונג פאַלט אַריין די אַגראַר־עקאָנאָמיע, און ער ווערט דער מושל איבער די הויפן, איבער די מילן. ער האָט מיט זיך אַ גאַנצן שטאַב וואָס דאַרף איינפירן די נייע אָרד־נונג. איצט ווערט אַלץ געפירט אויף אַ מלוכה'שן שטייגער. עס קומען אָן דירעקטיוון פון דער ראַיאָן צענטראַלע, און אַלץ ווערט דורכגעפירט כדין וכדת. נישטאָ קיין מידת הרחמים. און דאָ לעבט משהל דורך אַ שטאַרקן קאָנפליקט מיט זיך אַליין, אַ קאָמפּליצירטן געראַנגל מיט בעקאַנטע און מיט דער אייגענער פאַמיליע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַרעסטן: ווען פאַר אַ גרעסערן חטא, ווען פאַר אַ קלענערן פאַרברעכן. זיינען אַלע גע־לאָפן צו משהלען: חבר קאַפּלאַן אַזוי, חבר קאַפּלאַן ווידער און אָבער. זיין חנ'עוודיקער מאַטער פּנים איז געוואָרן טונקעלער, אָפּגעצערטער. ער איז אַלעמאָל געווען צווישן צוויי פייערן. ער האָט זיך געוואָלט האַלטן ביים בוכשטאַב פון געזעץ, און יעדן פאַרברעכער קעגן דער מלוכה געבן זיין פאַרדינטע שטראָף, איז ער אָבער געווען צו נאָענט, צו באַקאַנט מיט אַלע־מען, אויך אַפילו מיט די אומשטאַנדן וואָס האָבן געפירט צום חטא. דאָך

האָט די לאָיאַליטעט צו דער נייער סיסטעם גובר געווען די סענטימענטן פון מידת הרחמים. ער האָט געקראָגן מער שונאים ווי פריינט. ס'איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו אַהיים צו קומען נאָך אַ שווערן אָנגעשטרענגטן טאָג אַרבעט, איז אים געווען ניט ניחא. די מאַמע פּלעגט וויינען און בעטן פאַר די פאַרזינדיקטע אומשטיינס־געזאָגט, די וועלכע האָבן ביי איר פריער געבעטן פּראָטעקציע.

— ס'איז אַן אַבסורד! — האָט משהל געשריען. — איר, שקלאַפן, ווילט ניט פריי ווערן, איר באַגרייפט נישט וואָס דאָ קומט פאָר! איר זעט ניט די ליכט!

אַזוי האָט ער געשריען מעכאַניש, נאָר טיף אין זיין האַרץ, האָט ער געטראַכט: ווי אַזוי קען מען דאָס אויסמיידן? ווי אַזוי קען מען פון דעם שדים־טאַנץ אַנטלויפן?

קומענדיק אַהיים איינמאָל אין אַ זאַווערוכעדיקן אָוונט, האָט ער גע־טראָפן גאָר אַן אומגעריכטן גאַסט. ער האָט איר אָנפאַנגס ניט דערקענט. דאָס איז געווען פריידע מינץ, סאַניעס מוטער און יאָסל פּאַסעסאָרס וויב. זי איז געקומען צו אים אַ צעבראָכענע, אַ פאַרצווייפלטע. זיי האָבן זיך ביידע שווייגנדיק אָנגעקוקט. איר הלבשה, איר האַלטונג האָט אויף משהלען געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. ער האָט זיך דערמאָנט עטלעכע עפּי־זאָדן מיט דער מינץ־פאַמיליע, ווען ער איז נאָך אַ יינגל געווען, און דער־נאָך שפּעטער ווען ער איז שוין אַן איינבינדער געווען, און צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס אויסגעקלעפּט זייער הויז מיט „אָבאָיעס", האָט ער זיך באַ־קאַנט מיט סאַניען. ער האָט זיך דערמאָנט דעם נישטיקן אינצידענט ביים שאָך־שפּיל, ווען פּאַסעסאָר מינץ האָט אַ שליידער געטאָן די שטיינער פון טיש מחמת משהל דעם גייערס האָט אים געשלאָגן. אַ שלל זכרונות זיינען דורכגעלאָפן זיין געדאַנק, און וואָס אייגנטלעך איז זי איצט געקומען צו אים? — האָט עס עפּעס צו טאָן מיט סאַניען?

מאַדאַם מינץ, וואָס מאַכט איר? האָט ער איר העפלעך דערלאַנגט די האַנט.

זאָגנדיק די עטלעכע ווערטער, האָט ער געפילט ווי זיין קאָפּ שווימט איבער ערגעץ אַוועק און זיין קערפּער זינקט דאָ.

— חבר קאַפּלאַן, — האָט זי גלייך גענומען וויינען. — ס'האָט אונז אַ גרויס אומגליק געטראָפן. מען האָט מיין מאַן נעכטן אַרעסטירט, און גלייך אָפּגעפירט קיין פּינסק. מיר זיינען ניט קיין בורזשואַן. איר ווייסט עס, אייער פאָטער ווייס עס. מיר האָבן קיינעם נישט עקספּלואַטירט. מיר מאַ־טערן זיך פאַרן שטיקל ברויט גלייך מיט אַלעמען. איר, חבר קאַפּלאַן, זענט דער איינציקער וואָס קען אונז ראַטעווען. מיין יאָסל איז נישט שולדיק. ס'איז אַ בילבול.

אין דעם קליינעם אַנגעהייצטן שטיבל האָט געהערשט אַ געדריקטע שטילקייט. קיינער האָט אַ וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט. דער אַלטער לייב, משהלס פאָטער, איז געזעסן לעבן דער הרובע, און נישט גערירט מיט קיין גליד. די מאַמע משהלס, שרה לאה, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון קיך און געווישט די אויגן, און צוגעוואונקען צום זון: ער זאָל איר העלפן. ווי זי וואָלט זאָגן: — העלף זיי, זיי זיינען טייערע, האַרציקע מענטשן.

—מאַדאַם מינץ באַרואיקט אייך. לאָזט מיר זיך פאַנאַנדערקלייבן וואָס דאָ קומט פאָר. וואָס איז געווען דער מאָטיוו פון אַרעסט? צו קען איך בכלל עפּעס טאָן אין אַזאַ פאַל? מיר דוכט אַז ס'איז זייער אַן ערנסטע זאַך. ס'איז שוין אַרויס פון דער לאָקאַלער „יוריסדיקציע“.

מאַדאַם מינץ האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן דעם מאָטיוו פון אַרעסט. זי האָט זיך היסטעריש צעיאָמערט: — ווי איז מיר, ווינד איז מיר... ווי איז מיר, ווינד איז מיר!

דער אַלטער לייב האָט שוין זיין קאַלטע נייטראַלע האַלטונג ביי דער וואַרעמער הרובע מער ניט געקענט אָנהאַלטן. ס'האָט אים געהייבן פון בענקל. זיינע ליפּן האָבן עטלעכע מאָל ווי געמאַכט אַ רעפּעטיציע פאַר עפּעס ווּכטיקעס צו זאָגן. ביז ער האָט אַרויסגעפּלאַצט.

— מ'האָט זיי געכאַפּט טרייבנדיק בראַנפן אין אַ פאַרלאָזענעם כוטאָר. און איך זאָג! — האָט זיך איצט לייבע אויפגעשטעלט. איך זאָג, אַז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן! — ס'איז דאָך אַ ווילענציע אין דער וועלט! מענטשן גייען אויס פון הונגער, און זיי פאַרברענען די מיזערנע ביסל קער־נער פאַרן שוואַרץ יאָר.

ר' לייב?!—האָט מאַדאַם מינץ אויסגעשריען.—איר, ר' לייב, זאָלט אַזוי ריידן? איר, פאַר וועמען אונזער הויז איז אַלעמאָל געווען אָפן? איר פאַר וועמען דער טיש איז אַלעמאָל געווען געגרייט און אַ ווייכער געלעגער צו שלאָפן? איר זענט דאָך געווען ביי אונז אין שטוב ווי איינער פון דער משפּחה. ווען איר זענט געקומען, צי אין מיטן נאַכט, אָדער אין מיטן טאָג, האָט מען אייך מיט אייער פורל אויפגענומען. דעם פערד אין סטיינע גע־שטעלט, און דעם וואָגן אונטערן שלאָס אין שייער. — זאָגט ר' לייב, זאָג איך ליגן?

לייב האָט איצטער געציטערט פון אויפרעגונג. די צונג איז אים ווי געליימט געוואָרן. משהל איז געזעסן ביים ווינקל פון טיש אַ בלייכער. אַזש געל פון טיפער אויפרעגונג. די צוויי שוועסטער משהלס וועלכע זיינען פריי־ער געשטאַנען נייגעריקע און געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון מאַדאַם

מינצעס וויזיט. האָבן איצט מיט דער צעשראָקענער מאַמע זיך גע'עצה'ט אין קיך וואָס מען זאָל דאָ טאָן. משהל האָט נאָך אין מויל ניט געהאַט פון דער פרי אָן. און דאָ ווערט דאָס ביסל געקעכטץ זויער. שרה לאה האָט געהאַט אַ געפיל — אַז זי וועט מוזן דעם מאָלצייט שפּאָלטן...

פריידע האָט נישט אָפּגעלאָזן, זי האָט געמאָנט ביי לייבן יושר. ניט נאָר פאַר זיין פריינדלעך צו אים, צו לייבע דעם גייער, נאָר צו אַלע מענטשן וועלכע פּלעגן אַריינפאַלן צו איר אין הויז אויף זייערע וואַנדערונגען.

לייב האָט צוריק באַקומען דאָס לשון, און אויף אַ וואונק פון משהלען, אַז ער האָט עס נישט באַדאַרפט זאָגן, גענומען איצט מער זאַכלעך טענה'ן.

— איך לייקן נישט אָפּ דעם מינדסטן וואָרט וואָס איר זאָגט פריי־דע־לעבן, אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַרן אומגליק, ווען מענטש אויף מענטש האָט רחמנות געהאַט, איינער דעם אַנדערן האָט געהאָלפן, בעקאַנטע האָבן זיך געטרויט, מענטש האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל צלם אלקים, אָבער היינט, ווען ברודער וויל זיין ברודער דורס־זיין, די ווילדע חיה האָט זיך צעשפּילט אין מענטשן, מיין קרעמער ביי וועמען איך האָב מיין גאַנצן לעבן געקויפט, באַהאַלט זעק מעל פאַר ספּעקולאַציע און זאָגט אַז ער האָט ניט, ווען איך זע מיט מיינע אויגן דעם גאַנצן שפּייכלער אָנגעטאָסעוועט, און ווען איך מיט מיין הויזגעזינד שטאַרבן פּשוט פאַר אַ ביסן ברויט, שטייסט ער מיר מיט גוואַלד אַרויס. איר ווייסט דאָך וואָס דאָן איז געשען. ווי לאַנג קען אַ דערצאָרנטער מענטש אויסהאַלטן?

— באַרואיקט אייך, מאַדאַם מינץ — האָט משהל איר געבעטן — זעצט זיך אַוועק, לאָמיר הערן וואו גייט איר היינט אויפּעדרנאַכט?

שרה לאה, משהלס מוטער, איז איצט אָנגעקומען מיט אַ ספקותדיקן פאָרשלאָג: „אפשר וועט איר האָבן אַ טעלער זופּ? איך זע אַז איר זייט פאַרשמאַכט. ס'איז טאַקע נישט קיין מאָלצייט, אָבער ס'איז בעסער ווי גאָר ניט".

— אוואַדע וועט פריידע האָבן אַ טעלער געקעכטץ — איז לייבע געקומען זיין וייב צוהילף — ווי זאָגט דער גוי: *) „טשעם מאַיעם, טעם פּריגימאַיעם".

פריידע מינץ איז איצט געזעסן אַ פאַרווייַנטע, אַ צעשוויצטע ווי נאָר וואָס פון באָד אַרויס. אירע פאַרטערערטע אויגן האָבן איצט געזען אַ טורמע ערגעץ ווייט, וואו איר מאַנס לעבן הענגט אויף אַ האָר. ער, יאָסל, אַ צעכראַסטשעטער, אַ פאַרברודיקטער, שטייט אין ריי מיט אַנ־

*) מיט דעם וואָס מיר האָבן, מיט דעם נעמען מיר אויף.

דערע אַרעסטאַנטן, וועמעס עקזעקוציע ווערט דורכגעפירט אין די טונ־קעלע פרימאָרגן שעהן. זי האָט ווידער געגעבן אַ היסטערישן קוויטש, ווי זי וואָלט דאָ עפּעס דערזען: אוי, גאָטעניו, גאָט אין הימל, דערבאַ־רעם זיך — האָט זי געמורמעלט.

איינע פון משהלס שוועסטער, אַ פאַרברענטע רעוואָלוציאָנערקע, האָט אין דער צווישנצייט געלייגט אַ טישטוך אויף אַ האַלבן טיש, און די מאַמע האָט אַריינגעבראַכט די שיסל מיט זופּ. די אַנדערע שוועסטער האָט צוגעבראַכט טעלער מיט לעפל.

— קומט צום טיש, מאַדאַם מינץ—האָט איר משהל העפלעך געלאַדן.

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק, ווען גייט עס אין מויל עסן? עס קריכט ניט אין האַלז!

— ס׳איז ניט קיין עסן, משטיינס געזאָגט, הלוואי וואָלט איך אייך טאַקע געקענט אויפנעמען אין אַ בעסערן אופן פאַר אַ גוטן גאַסט. וואָס מיר ווינטשן אייך, פריידע לעבן, זאָל עס אונז אָנגיין. אַזוי האָט זיך שרה לאה ווייך־האַרציק צערעדט, בעטנדיק איינמאָל און נאָכאַמאָל: גייט, כאַפּט איבער דאָס האַרץ.

—וואָס מיר ווינטשן אייך, זאָל אונז אָנגיין — האָט לייב פּאַטאַ־קעוועט זיין ווייבס רייד.

ענדלעך האָט זי זיך געלאָזט איינריידן. זי האָט זיך געזעצט צום טיש און זיך אָנגעגאָסן אַ האַלבן טעלער פון דעם טונקל־פאַרזייערטן ביסל געקעכטץ. משהל האָט איצט געזופּט און אַלע ווײַלע אַריבערגע־קוקט צו מאַדאַם מינץ. אים האָט זיך אין דעם טראַגישן מאָמענט, דווקא געוואָלט פרעגן וועגן סאָניען. לייב, ווידער, זעענדיק די געוועזענע פּאַ־סעסאָרן אין אַזאַ צושטאַנד, איז אים געקומען אַנטקעגן די הויז און הויף ר. וואו ס׳האָט שטענדיק געשמעקט מיט געבראָטנס און פרישע געבעקס; וואו אַ שטענדיקע קעכין מיט אַ דינסט זיינען אַלעמאָל געווען פאַרנומען צוגרייטנדיק מאכלים. ער האָט מער אין שטוב נישט געקענט זיין. ס׳האָט אים צענויפגעקלעמט זיין פאַרביטערט האַרץ. ער איז אַריין אין פינצטער ליידיקן שפּייכלער און זיך גוט אויסגעוויינט.

דאָס ביסל טונקעלע פּליסיקייט וואָס האָט געהייסן וועטשערע, איז פאַרצערט געוואָרן. אַ שווערע שטילקייט איז געהאָנגען אין הויז. משהל האָט ניט געוואוסט וואו מען הייבט ווידער אָן, כדי צו קומען צו אַ שלוס. ניט ער קען און ניט ער טאָר זיך פאַרמישן מיט דעם פּלאָנטער. די שעה איז שפּעט, ער איז טויט־מיד, און וואוהין וועט זי איצט גיין?

—חברה מינץ, האָט משהל גענומען ריידן, איך וואָלט אייך זייער געוואָלט העלפן, נאָר איך הייב נישט אָן צו וויסן ווי אַזוי. איך דאַרף

אַליין דערגיין וואָס עס איז דאָ אַזוינס פאַרגעקומען, און ווער ס'האָט צו טאָן מיט דער אַפּטיילונג. די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע. האָט איר צו ווען גיין איבערשלאָפן די נאַכט? אויב ניט, וועלן מיר זיין אַזוי גאַסטפריינדלעך און אייך אַריינעמען אין אונזער גרויסן האָטעל.

— אוואַדע, אוואַדע, האָט זיך שרה לאה אַריינגעמישט. — אוואַדע וועלן מיר אויסבעטן אַ געלעגער פאַר אייך. וואו וועט איר זיך שלעפּן אין אַזאַ אומרואיקער צייט אַזוי שפּעט?

— זאָל כאָטש ניט זיין צו שפּעט — האָט פריידע געשעפּטשעט. — זאָל ניט זיין צו שפּעט, גאָט אין הימל!

2

משהל ווערט דערהייבן און ווערט געשטרויכלט

צומאָרגנס ביינאַכט, ווען משהל איז צוריקגעקומען אַהיים נאָך אַן אנגעשטריינגטן טאָג אַרבעט, איז ביי לייבען אין הויז פאָרגעקומען אַן אויסטערליש ספּאָנטאַנע דיסקוסיע. מען האָט פריער אַרומגערעדט די לעצטע טאָג־נייס וועגן דער געפּלאַנטער ראַיאָן־קאָנפערענץ וואו מען האָט משהלען דערוויילט מיט אַקלימאַציע, און דערנאָך איז געוואָרן אַ ויכוח וועגן יחיד און כלל, וועגן אידייען און סענטימענטן. די דעבאַטע האָט געפּלאַקערט צווישן משהלען און מלכהן, זיין אינגערע שוועסטער. טאַקע צוליב פריידע מינצעס וויזיט ביי זיי פאַר פּראַטעקציע. דער ענין יחיד און רעוואָלוציע איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן. מלכהס טענות זיינען געווען פול מיט ציטאַטן פון קאַרל מאַרקס, לענין און טראָצקי. ד. ה. אַז דורכצופירן די רעוואָלוציע אין דער פּראַקטיק, טאָר קיין זאַך ניט שטיין אין וועג. נישט נאָר אַן אינדיווידי, נאָר אַפילו אַ קאָלעקטיוו. אייב עמיצער איז אַ שטערונג, דאַרף ער אָפּגערוימט ווערן פון וועג.

משהל האָט אַנדערש אויסגעטייטשט די הויפּט־עיקרים פון סאָציאַליסטישן ציל. ער האָט געטענהט, אַז קיין זאַך קען נישט דורכגעפירט ווערן אין דער פּראַקטיק, ווי אין דער טעאָריע. מען קען קיין זאַך נישט נאָכגיין לויטן אָנגעצייכנטן בוכשטאַב — פון אויסגעהלומטע פאָרמולירונגען. און אַז די רעוואָלוציע, וועלכע דאַרף ברענגען באַפרייאונג, גאולה, טאָר נישט נאָכטאָן די צאַרן. די גאולה־ברענגער דאַרפן וויסן אַן אַנדער ביישפּיל ווי צו דערציען און דערהויבן דעם מענטשן.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם צעפּלאַקערטן ויכוח. דער אַלטער לייב איז געשטאַנען אין זיין וואַטאָון לייבל וואָס מינץ האָט

אים אַמאָל געגעבן, און זיך באַמיט מיט אַלע זיינע חושים תופס צו זיין איבער וואָס זיי האַמפּערן זיך. דאַכט זיך, זיינע קינדער, זיי ריידן זיין לשון, און דאָך הייבט ער ניט אָן צו באַנעמען זייערע רייד, ווי אַ פּילפּול־דיקע דרשה פון אַ גרויסן מגיד.

די מוטער, ווידער, שרה לאה, האָט געדרונגען אַז מען רעדט זייער וועגן הויכע מלוכה־ענינים, און זי האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ סקעפּטישער פראַגע, פּראָסט און פּשוט, ווי אַ מאַמע, ווי די באַלעבאָסטע פון דער פאַמיליע:

„מיין קינד, וואָס טייג מיר אַז דו ביסט אַ נאַטשאַלניק געוואָרן, אַז קיין ברויט אין שטוב קומט נישט אַריין? וואָס טייג מיר אַז דו ביסט, הייסט עס, דער באַלעבאָס פון דער פאַראָווער מיל, פון די פעלדער, אַז דער הונגער האָט זיך פאַרשטאַרקט? היינט שטאַרבן מיר צען מאָל אַ טאָג פון הונגער אַנשטאָט פינף מאָל?"

— מוטער! — האָט מלכה איר אָפּגעשטעלט — דאָס זיינען דאָך די געבורטס־ווייען פון אַ נייער וועלט! האָסטו געבאָרן דיינע קינדער אָן פיינפולע ווייטאָקן, אָן בלוט פאַרלוסט?

— איך זע ניט קיין נייע וועלט. מיר דוכט, אַז די וועלט ווערט עלטער, זי גייט צו גסיסה, צום אונטערגאַנג.

— מוטער! דו האָסט ניט קיין אַנונג וואָס דאָ קומט פאָר. פון דיר רעדט דער מאָגן.

—רעש ניט און כעס זיך ניט אַזוי — האָט משהל באַרואיקט זיין שוועסטער. — די מאַמע האָט שוין גאָר אָן אַנונג וואָס דאָ קומט פאָר.

— חבר קאַפּלאַן! איך פאַרדעכטיק דיך! דו ביסט ניט דער מאַן וועמען די מאַסן קאָנען אַנפאַרטרויען זייער גורל.

— אום גאָטעס ווילן — האָט זיך שוין איצט דער טאַטע אַריינגעמישט — וואָס איז דאָס פאַראַ דיבורים? אַ שוועסטער איז שוין חושד אַ ברודער? דאָס איז שוין שלעכט. איז דאָך שוין טאַקע באַלד אמת, אַז מען דאַרף מורא האָבן פאַרן אייגענעם שאָטן.

— ס'מיינט גאָר ניט, ס'איז זייער נאַטירלעך פאַר מלכהס זיבצן יאָר. מיר טוט גראַד הנאה וואָס זי קאָכט זיך, וואָס זי איז אַזוי באַאיוו ערנסט. שרעק זיך ניט טאַטע, איך מיט מלכהן וועלן שוין אויסקומען. עס זיינען פאַראַן גרעסערע און שווערער קעגנער פון דער נייער סיסטעם. פאַר אונז ליגט נאָך אַ דאַרנדיקער וועג. אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: עס קען ניט ווערן ליכטיק, איידער ס'ווערט גוט פינצטער. מירן נאָך דאַרפן דורכגיין געגוג פייער און בלוט.

משהל קלייבט זיך צו דער ראַיאָנער קאָנפערענץ. קודם לאָזט ער זיך פאַריכטן די ברייט־נאָזיקע שטיוול וועלכע ער האָט געבראַכט פון געפאַנגענשאַפט, ווייל ווי אַזוי ער וועט זיך דערשלאָגן קיין פינסק, ווייסט ער ניט. קיין באַן פאַרקער איז ניטאָ, קיין פור זאָל אים נעמען אַזוי ווייט ווי זיבציק וויאָרסט, איז ניטאָ. ס'זיינען גאָר ניטאָ אַזיינע פערד אינם געגנט זיי זאָלן קענען מאַכן אַזאַ ווייטע יאַזדע. זיין מלוכישער אַמט גיט אים נאָך ניט אַזאַ כוח ער זאָל קענען באַפעלן אַ דאָרפס־פויער ער זאָל אים פירן; און אין אַ כסלו'דיקן פרימאָרגן, ווען אין דרויסן האָט גע־זיפּט אַ דריבנער שנייעלע, דאָס שטעטל איז געלעגן ווי אין ווייסן רויך איינגעוויקלט, האָט משהל, אין אַ שינעל מיט אַ באַשליק איבערן קאָפּ, זיך געלאָזט אין וועג אַריין,—במחילה מיט די אייגענע רגלים.

ער איז געקומען צו דער קאָנפערענץ אין צייט. דאָרטן, אין פינסק, האָבן שוין די פּאַרטיי־פירער צוגעגרייט פלאַץ פאַר אַלע דעלעגאַטן. די זיצונגען זיינען געווען שטורמישע. די רעזאָלוציעס זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט די דירעקטיוון פון צענטראַל. משהל, כאָטש נאָך ניט קיין פּאַרטיי מיטגליד, איז געוואָרן פולער קאָמיסאַר, מיט אַ מאַנדאַט צו קאָנפיסקירן די פריצישע ערד. אים האָט מען געגעבן אינסטרוקציעס מיט תקנות ווי אַזוי ער זאָל די פּראָגראַם דורכפירן, און וועלכע מיטלען ער זאָל באַנוצן אייב ער וועט באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד. משהל האָט גע־פילט אַז ער נעמט אויף זיך אַ שווערן באַרג. ער ווייסט ניט צי ער וועט קענען דעם באַרג רירן, אָדער דער באַרג וועט אים אַמאָל ניט צעדריקן.

אין דער זעלבער צייט, צווישן זיצונגען, האָט ער זיך באַמיט אויסצוגע־פינען וועגן יאָסל מינץ. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי באַזוכן די אַל־טע טורמע. ער האָט אָבער יאָסלען ניט געפונען, און קיין רעקאָרד פון אַזאַ איינעם איז אויך ניט געווען. משהל האָט גוט געוואוסט, אַז מיט גיין זוכן אַ פאַרברעכער קעגן דער מאַכט, וואָס אַנדערע וועלן פילייכט באַ־צייכענען פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, גייט ער אויף זייער דינעם אייז. דאָך האָט אים זיין געוויסן נישט געלאָזט רוען, און צום סוף איז ער גע־ווען שטאָלץ מיט זיך אַליין, וואָס זיין אייגענער איך האָט גובר געווען די אַלע „זאָקאָנעס" און אינסטרוקציעס, ווייל , נאָך זיין אייגענער אינטער־פּרעטאַציע, דאַרף דער מענטש קומען פריער פון אַלץ.

ווי נאָר חבר קאָפּלאַן איז צוריקגעקומען אַהיים, איז אין שטעטל פאַרשפּרייט געוואָרן די נייס, אַז ער איז דער פאַקטישער באַלעבאָס אי־בער אַלע גיטער. די ביסל פויערים פון שטאָט און געגנט, אויך אָרימע האָ־רעפאַשנע אידן וועלכע האָבן געהאַט אַ בענקעניש נאָך ערד, זיינען גע־וואָרן גאָר האָפערדיק. עפּעס אַ קלייניקייט מ'וועט צונעמען די ערד ביי די פריצים און צעטיילן צו די פויערים. אַלץ וואָס מען דאַרף, איז

נאָר זיך פאַרשרייבן אין „איספּאָלקאָם" וויפל ערד מען וויל. און, מערקווירדיק, דאָרפישע פויערים האָבן שטילערהייט גענומען ברענגען מתנות צו לייבן אין שטוב: איינער האָט געבראַכט אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ צווייטער—אַביסל גרויפּן כדי צו געפינען חן אין חבר קאַפּלאַנס אויגן. שרה לאה האָט אויפגעשיינט פאַר גדולה. זי האָט זיך צעפירט די הענט. איצט האָט זי באַנומען ווי גוט די רעוואָלוציע איז. נאָר משהל אַליין האָט ווייניק געוואוסט וועגן די אַלע זאַכן. אַזעלכעס האָט געהייסן „קאָנטר־רעוואָלוציע". אָבער ווען די מאַמע האָט געגעבן אַ בעסערן מאָלצייט, איז אים אויך אויף דער נשמה געוואָרן גרינגער.

די סדרה פון קאָנפיסקאַציע און נאַציאָנאַליזאַציע, איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. דער שטאַב וואָס האָט געאַרבעט אונטער חבר קאַפּלאַנס דירעקציע, האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן דעם שטורם. די פויערים וואָס האָבן געמיינט אַז זיי וועלן ווערן באַלעבאַטים אויף שטחים ערד, האָבן נישט געקענט וואַרטן אויף אַלע אינסטרוקציעס און פאָרמאַליטעטן. כל זמן די ערד איז נאָך געווען איינגעשמידט אין אייז און פאַרדעקט מיט שניי, האָבן זיי די ערד ניט געטשעפּעט, אָבער צום לעבעדיקן אינווענטאַר, האָט זיך יעדער איינער געפּעדערט איידער אינסטרוקציעס זיינען געקומען. מען האָט אין מיטן העלן טאָג באַפאַלן די הויפן און צוגענומען וואָס נאָר ס'איז ניט געווען איינגעוואָקסן אין דער ערד. זיי האָבן צעכאַפּט די קיה, די פערד. דער האָט געשלעפּט אַ ראָד, דער אַן אַקער, דער אַ באָראָנע, און די מאַגאַזינען זיינען צעפּלינדערט געוואָרן. די פּריצים זיינען זיך פאַר מורא צעלאָפן.

משהל האָט ראַפּאָרטירט צום ראַיאָן, דער ראַיאָן—צום צענטראַל. „אוקאַזן" זיינען געקומען: אויסצעפאָרשן און אַרעסטירן די פאַרברעכער.

משהל האָט פאָרגעלייענט די „אוקאַזן" פאַר זיין סטאַף, פאַרן גאַנצן קאָמיטעט, און ער האָט איראָניש באַמערקט: — וואו וועלן מיר נעמען אַזויפיל טורמעס? און אין דער שטיל האָט ער געטראַכט: קען מען די גאַנצע לאַנד מאַכן פאַר איין אָסטראָג? זיי, דאָס פאָלק, דאַרפן דאָך זיין די באַפרייטע !

ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעקאָמענדאַציע, אויסצוהענגען „אָביאַוולעניעס" איבער אַלע דערפער און פאָדערן די קאָאָפּעראַציע פון פאָלק דורכצופירן די נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד. אַ פּאַראַגראַף פון לענינס בראָשור „ערד און דאָס פאָלק" איז ציטירט געוואָרן, און צום סוף האָט מען געבעטן: — די אַלע וואָס האָבן פאַרנומען מיט זיך לעבעדיק אָדער אומבאַוועגלעכן אינווענטאַר, זאָלן מעלדן אין „איספּאָלקאָם" כדי אַלעס זאָל פאַרעגיסטרירט ווערן. הייסן די אַלע זאַכן צוריקברענגען, האָבן אַפילו די גרעסטע אָפּטימיסטישע אידעאַליסטן נישט געוואַגט.

די מודעות זיינען צעשפרייט געוואָרן איבערן געגנט. אין יעדן דאָרף זיינען זיי געהאַנגען שטיל, אָפּגעבליאַקירט, ווי פאַרטראַגענע שמות פון אַ שטורם ווינט. זייער אַ קליינער פראָצענט פויערים האָבן עפּעס געמאָלדן, און דאָס געמאָלדענע איז געווען נישטיק.

חבר קאַפּלאַנס מאַטער פּנים איז געוואָרן פינצטערער, אָפּגעצער־טער. זיינע גליאיקע שוואַרצע אויגן האָבן זיך געלאָשן.—וועט ער דאָס קע־נען אויסהאַלטן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, אָדער ער וועט צוזאַ־מענברעכן אונטערן שווערן יאָך? משהל האָט וועגן דער סיטואַציע זיך דורכגערעדט מיט זיינעם אַ אינטימן פריינט, גראַד נישט פון פראָלע־טאַרישן יחוס. זיי ביידע האָבן דעם קאָמפּליצירטן ענין אַרומגערעדט אַל־זייטיק. זיי האָבן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. זיי האָבן ביידע נישט געהאַט קיין ספקות וועגן אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע. אָבער דער איבערגאַנגס־וועג איז אַ בלינדער באַרג אַרויף. דאָס פאָלק וויל זיינע פירער ניט פאָלגן; עס לאָזט זיך ניט פירן; עס מוז האָבן אַ בייטש. ס'איז אַ טראַגישער פּאַראַדאָקס: דער באַפרייער דאָרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אונטערדריקער, מוז נוצן צוואַנג, מאַכט, קעגן דעם וועמען מען ברייגט די גאולה.

**
*

טעג זיינען געהאַנגען ליידיקע, שווערע. די ווינטערדיקע וועלט איז געלעגן ווי אין עולם התוהו. קיין זאַך האָט זיך ניט גערירט. אַלץ איז געשטאַנען אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד. די קוריערן פון ראַיאָנעם סאָ־וועט, האָבן אויפגעהערט קורסירן, מען איז אין סאַמע טומל פון דער רעוואָלוציע געוואָרן איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט. ס'האָט אויסגעזען ווי דער לעבנס־פּולס ביי דער וועלט איז געבליבן שטיין. משהלען האָט די שטילקייט ניט געגעבן קיין רו, און ער איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ צעדרייטן געדאַנק. איז עס געווען אַ צופאַל, אָדער דער גורל האָט אַזוי באַשטימט? דער פאַקט איז געווען וואָס משהל איז נאָכ־געגאַנגען דעם געפיל, וויסנדיק גענוי אַז דאָס איז זייער ריזיקאַליש. ווי האָט ער שפּעטער אַליין געזאָגט: „מענטשלעכע שוואַכקייטן האָבן פאַר־שלעפּט דעם קאָפּ מיט די פיס אין שאול־תחתיה אַריין".

אין די עטלעכע טעג פון דער הפסקה, ווען די פאַרבינדונג מיטן קליינעם טייל פון דער גרויסער וועלט איז איבערגעריסן געוואָרן, האָט משהלען באַהערשט אַ נאָגעניש צום הויף ר. וואו מינץ איז אַמאָל געווען פּאָסעסאָר. דער הויף איז איצט פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אַן עקאָנאָם מיט אַ נאָכמעסטרינע, וואו משהל האָט אַמאָל מיט זיין געוועזענעם באַ־לעבאָס לייזער געאַרבעט און געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט דער קניאַ־

גינע אַליין. זי, די פול־בוזעמדיקע פּרוי, האָט משהלען ניט געקענט פאַר־טראָגן. זי האָט אים געופן בונטאָוושטשיק. איצט איז ווי אויף צו להכעיס דער הויף נישט באַפאַלן געוואָרן און איז געבליבן אין פולער אָרדנונג, גרייט צו קאָנפיסקירן, און משהלען האָט געדייצט אַ פאַרפירערישע מחשבה אַליין דעם הויף צו קאָנפיסקירן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, נאָכדעם ווי ער האָט די קליינבירגער־לעכע עמאָציעס צונישט געמאַכט און געפונען אַ היתר פאַר זיך אַליין, אַז ער מעג זיך שוין אַביסל אָפּרוען, איז ער אַליין מיט דריי מיליציאָנערן געפאָרן אין דעם גוט ר. צו קאָנפיסקירן און נאַציאָנאַליזירן דעם פאָלקס אייגנטום פון די ביוראָקראַטן און אַליינהערשער. בדרך אגב האָט זיך אים געוואָלט סילוקן אַן אַלטן חוב מיט דער קניאַגינע אַליין.

געווען איז עס אין אַ פראַסטיקן פאַרנאַכט. אַ בלייכע לבנה איז געשטאַנען אין מיטן הימל, מיט בערגיקע ווייסע וואָלקנס אַרומגערינגלט, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם בלוי־ווייסן שניי פון פעלד. אַ שטילער אָבער בייסיקער פראָסט האָט זיך געדראָפּעט אויפן פּנים, גע־ביסן די אויערן און מאָמענטנוויז פאַרשלאָגן דעם אָטעם. די פיר העלדן, דריי מיט ביקסן, איינער מיט אַ „בראַונינג", זיינען אַרונטער פון שליטן ניט ווייט פון הויף און געהייסן דעם טרייבער מיטן מאָגערן פערדל פאָרן קריק אַהיים.

דער פראָסט האָט געסקריפּעט. דער הויף איז געשטאַנען פון ווייטנס, האָט אויסגעזען ווי אַן איינגעלעגענע פאַרשלאָפענע סקירדע היי. איצט איז משהלען געקומען אַנטקעגן יענער זומערדיקער וועג ווען ער איז געגאַנגען מיט לייזערן צו דעם הויף מיט אומגעפער צען־עלף יאָר צו־ריק. ער האָט דאַן אַפילו נישט געוואָגט צו חלומען פון אַזאַ טריאומ־פירנדיקן מאַרש. זיין פאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלן די באַגעגעניש איצט מיט דער דינערשאַפט, און אפשר מיט דער סאַמע כלב'טע אַליין. אויך איז אים סאַניע געקומען פאַר זיינע אויגן, מיט זייער הויז אין אַלטן הויף.

אַ בילעריי פון הינט האָט זיך דערהערט. משהל האָט זיך דערזען ביים ברייטן טייער פון הויף־אַריינפאָר. מען האָט אַ צי געטאָן דעם גלעקל איינמאָל און נאָכאַמאָל. אַ פערזאָן, געוויקלט אין אַ גרויסן פעלץ, איז געקומען מיט אַ הענגל שליסלען און זיך נאָכגעפרעגט וואָס מען וויל. דערזען מענער מיט ביקסן און משהלס פייערדיקע אויגן, איז דער דאָ־זיקער פאַרשוין געבליבן אַ פאַרציטערטער און זיך גענומען טרייסלען פון שרעק.

— טראַכים! האָט משהל אויסגערופן. ער האָט דערקאַנט דעם אַלטן סטאַראָזש. — טראַכים, שרעק זיך ניט, מיר זיינען אייגענע מענטשן,

דיינע ברידער, דו ביסט ניט מער דינער פאַר די פּאַנעס.

— זייט איר באַלשעוויקעס? — מיר האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף אייך.

ער האָט אויף גיך אויפגעשלאָסן דעם טויער, און יעדן איינעם פון די דערוואַרטעטע געסט געכאַפּט קושן. אָ, גאָט, ווי גוט עס איז . . .

— חבר טראַכים, שליס ניט מער דעם טויער — האָט איינער פון די מיליציאָנערן טראַכימען פאַרהאַלטן. ס'איז נישט מער דער צויג'ס „אײ־מעניע", ס'איז אונזער אַלעמענס.

— אָ באָזשע מאָי, גאָט הייליקער, ווי גוט עס איז! און פאַר שמחה האָט ער זיך איבערגעצלמט.

די כלבים זיינען די געסט ניט געפעלן. זיי זיינען געשפּרונגען און בייז געהאַווקעט, געוואָלט פאַרשטעלן די פרעמדע דעם וועג. טראַכים האָט זיי געטריבן און זיך געבייזערט, און אַלעמאָל זיי געלאָזט וויסן: — אייגענע!

דער גיגאַנטישער פּאַלאַץ איז איצט געשטאַנען איינגעוויקלט אין חושך. די אונצאָליקע גרויסע פענצטער האָבן געשראָקן מיט שוואַרצן גלאַנץ. דער הויכער טורם וואָס האָט אַלעמאָל געשימערירט ווי אַ קרוין, איז איצט ווי אַן עלנטער דערעק געשטאַנען אין מיטן פעלד. איין פענצ־טער ביי דער קיך איז געווען שוואַך באַלויכטן און די גאַנצע געביידע האָט אויסגעזען ווי אַ פעסטונג פון געשפּענסטער וואָס קומט פון פאַר־היסטאָרישע צייטן.

— איז די באַראָניע דאָ אין דער היים? — האָט משהל געפרעגט טראַכימען.

— יאָ, זי איז דאָ. זי איז געקומען מיט געסט לעצטע וואָך.

— געסט? — ווער זיינען די געסט?

— עפּעס אַ פּאָר אַלטע גענעראַלן אָן פּאַגאָנעס.

— פיר אונז ניט צום קיך. היינט גייען מיר דורכן „פּאַראַדנעם כאָד".

טראַכים איז עפּעס מבולבל געוואָרן. ער האָט נישט געוואוסט וואוהין אַליין זיך צו ווענדן. זאָל ער גיין מיט זיי צום הויפּט אַריינגאַנג? זאָל ער זיי לאָזן אַליין? זיינען זיי דאָך „סוואָי", אויף וועמען זיי האָבן די אויגן אויסגעקוקט. ער איז געבליבן שטיין און פאַרהאַלטן די טשאַטע כלבים פון ווייטן זיי זאָלן ניט מאַכן קיין גוואַלד, און די פיר העלדן גע־לאָזן אַליין גיין צו די הויכע טרעפּ פון דער פּראַנטאָווער טיר.

מען האָט עטלעכע מאָל געדריקט דאָס גלעקל פון דער טיר. דריבנע פּרויען טריט האָבן זיך געלאָזט הערן אינווייניק, און אַ שוואַך קול האָט אָנגעפרעגט: ווער איז דאָרט?

— מיר, רעפּרעזענטאַנטן פון דער סאָוועטישער מאַכט, פּאַרטרע־טער פון געגנטלעכן סאָוועט, עפנט אויף.

מען האָט געהערט ווי דער שליסל דראַפּעט זיך אויפן שלאָס, פּאַרטשעפּעט זיך און פאַלט אַראָפּ. מען האָט געפילט אַז די דאָרטיקע האַנט צאַפּלט זיך. ענדלעך האָט זיך די ברייטע טיר געעפנט. די קניאַ־גינע אַליין, מיט אַ ליכט אין האַנט, האָט זי פון פּלוצלונגדיקער שרעק אַ שפּרונג געגעבן הינטערווילעכס. איר צורה, ווי אַ ווייסע מאַסקע, האָט גלייך געקוקט אין משהלס אויגן. זי האָט קוים אַרויסגעמורמעלט: „באַ־זשע מאַי" (גאָט מיינער), און געגומען חלשן.

ס'איז אָנגעלאָפן די קעכין. טראַכים איז שוין אויך געשטאַנען הכנעדיק מיטן היילן קאָפּ אַ צעטומלטער. די קעכין האָט געשריגן: ראַ־טעוועט! ראַטעוועט!

— הער אויף די צעבאַלעוועטע שטיק, דו הינטישע צורה!—האָט איינער פון די מיליציאָנערן זיך צעבייזערט.

משהל, ד. ה. טאָוואַרישטש קאַפּלאַן, האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט עס זאָל זיין שטיל.

— באַרואיקט אייך, בירגערן דאָלגאָרוקאָוואַ, שרעקט אייך ניט. מיר זיינען ניט קיין באַנדיטן, מיר קומען פון אַ געזעצלעכער מאַכט.

טראַכים איז געשטאַנען ווי אַ צעמישטער. ער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט הערנדיק אַזעלכע רייד צו דער „הויכליכטיקייט". די אויגן האָבן אים געשפּאַרט פון קאָפּ אַרויס.

— און דו טראַכים פּאַטערל, דערקענסט מיר ניט? דו זעסט אַז נאַטאַליאַ דאָלגאָרוקאָוואַ האָט מיר יאָ דערקענט. דו ברייננ די געסט די גענעראַלן, אַהער, דאָ אין דער „גאָסטינע", מיר דאַרפן זיי זען.

אויף טראַכימען איז נאָס געוואָרן זיין לייוונטענע העמד, פון זיין צעקאַרבטן פּנים זיינען געפאַלן שווערע טראָפּנס שווייס.

— גיי, פּאַטערל, ברייננ זיי — האָבן די מיליציאָנערן אים אונ־טערגעשטופּט.

— אַך באָזשע מאַי, — האָט טראַכים טיף אָפּגעזיפצט, און זיך אָוועקגעשאַרט אויף די שפּיץ פינגער.

דריי זקנים האָבן זיך באַוויזן אין טיר. טראַכים, דער ערשטער. זיינע אויגן זיינען אים געווען פאַרגלעזערט. ער האָט איצט געהאַט זייער ניט קיין איינגענעמע שטיקל אַרבעט. די אַנדערע צוויי אין גענעראַלסקע יוניפאָרמען, האָט מען במחילה געבעטן אויפצוהייבן די הענט און זיך לאָזן אונטערזוכן. די קניאַגינע איז דערווייל געקומען צו זיך און זיך געשטעלט אין דער זייט פון די צוויי, און דערקלערט אַז זיי זיינען אירע

פעטערס, און אַז זיי זיינען שוין אויסער אַקטיווען דינסט צען יאָר.—זאָגט וואס ווילט איר פון אונז? — האָט זי געפרעגט.

— מיר ווען אייך באַלד אַלעס זאָגן. איז פאַראַן נאָך עמיצער דאָ אין פאַקוי? מיר דאַרפן זיי אַלעמען זען.

מען האָט אַריינגערופן דער דינסט, טראַכימס פרוי, און יאַקוב דעם קוכאַר.

ח' קאַפּלאַן האָט אַרויסגענומען פון זיין רייסטער עטלעכע פּאַפּירן און געהייסן אַלעמען זיך איינהערן.

„אין נאָמען פון דער מאַכט פון די סאָוועטן, דערקלערן מיר אייך אַז פון היינט, נאָאַבער דעם צוועלפטן, ניינצן הונדערט און ניינצן, גייט איבער אייער ביז איצטיקער פאַרמעגן, באַוועגלעכער און אומבאַוועגלע־כער, צו דער מאַכט פון די סאָוועטן, און אַלעס גייט צום פאָלק. איר, אַלס בירגערן, נאַטאַליאַ גריגאָראָוונאַ דאָלגאָרוקאָווא האָט אַ רעכט אויף לעבן און אַרבעט. מיר פאַרלאַנגען פון אייך איבערצוגעבן די שליסלען און די ביכער. מיר ווען דאָ בלייבן צייטווייליק, כדי צו פאַרהיטן סאַבאָטאַזש, איבערפאַלן און צעשטערונג".

דאָס געזעמל פון דעם צענדליק מענטשן דאָ פאַר דער שיין פון אַ ליכט, אין דעם גרויסן אָפּגעשלאָסענעם פּאַלאַץ, איז געשטאַנען ווי פאַר אַ שבועה, אָדער גאָטס־געבעט, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן ניט ווען זען איינער דעם אַנדערן, און זיך צוגעהערט צו די אַרויסגעלייענטע ווערטער — ווייט פון אַ פּערפעקטן רוסיש.

— באָזשע מאָי! — האָט די האַלב טויטע פרוי וואָס איז געווען ביז דעם מאָמענט אַ קנאַגינע, גענומען שרייען היסטעריש :

— וואָס פאַראַ געמיינהייט! וואָס פאַראַ נידערטרעכטיקייט! וואָס פאַראַ אונציוויליזירטקייט! איך ווייס ווער דו ביסט! ווער האָט דיר גע־שיקט אַהער, טראָצקי ? !

חבר קאַפּלאַן איז געוואָרן בלייך. זיין גאָמבע האָט פּיבערדיק גע־ציטערט, ער האָט, אָבער, געשוויגן.

— אַ רוח אין דיין הינטישן טאַטן דו — — — — — און דער באַיאָ־נעט פון דעם אויפגעקאָכטן מיליציאָנער איז שוין געשטאַנען לעבן איר ברוסט. — נאָך איין וואָרט און איר ליגט דאָ באַלד אַלע.

די ביידע פעטערס אירע האָבן אַפילו נישט קיין פּינטל געטאָן מיט אַן אויג. זיי האָט שוין ניט אויסגעמאַכט איצט אָדער שפּעטער. זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז די לעצטע „סטאַנציע". נאַטאַליאַ דאָלגאָרוקאָוואַ האָט איצט, אַנשטאָט ריידן, שרייען, אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— גיט אונז די שליסלען און וויינט אייך וויפל אייער האַרץ האָט נאָך טרערן, — האָט חבר קאַפּלאַן אַרויסגערעדט געלאַסן. אייך דרייען

דערקלער איך אונטער הויז אַרעסט. איר, פעלדמאַרשאַלן, ווייסט די באַ־דייטונג פון דעם, און איר, פריקאָפּ און מענדעלאָוויץ, מאַכט אַ רעוויזיע איבערן פּאַלאַץ. דו פּאַטערל טראַכים, אייביקער קנעכט, פיר זיי דורך אַלע פאַרבאַרגענע ווינקלען. דו, נאַסטיאַ, מאַך עסן פאַר אונז. און אויב די בירגער האָבן נאָך ניט געגעסן, האָב זיי אויך אין זינען. דו באַנעמסט? גיב עס איבער דעם קוכאַר.

די צוויי רעוויזאָרן זיינען צוריקגעקומען. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך צוויי יאַגד־ביקסן, און אונטער די פּאָלעס פאַרשטעקט אַ פּאָר פלאַש בראַנפן . . .

.3

נאָך דער „גילדענער יויך״, נאָך די פּערזענלעכע טריאומף מאָ־מענטן, נאָך דער טיף עמאָציאָנעלער איבערלעבונג און שטאַרקער באַ־רוישונג, האָט משהל, איצט ליגנדיק אויף אַ ציכטיקן ווייכן מאַטראַץ, זיך דערפילט אין פלאָנטער. זיינע לאָיאַלע חברים, די נייע מדריכים, האָבן זייער פירער נישט געפאָלגט. ער האָט געבעטן: חברים, ניט היינט, טרינקט ניט, מיר טאָרן ניט, האָט עס אין זינען. — ליגן איצט ווי גע־שאָכטענע אָקסן. אַפילו מענדעלאָוויץ איז פאַרשנאַשקעט און כראָפּעט אויף די העכסטע אָקטאַוועס. וועט דאָס זיין דער נייער מענטש? דער וואָס וועט בויען די נייע וועלט?

משהל איז איצט געוואָרן זייער באַאומרואיקט. זיינע געדאַנקען זיינען געלאָפן עקספּרעס, מיט פראַגעס איינע האַרבער פון דער צווייטער: טאָמער אַזוי, טאָמער אַנדערש. ווען ער שעמט זיך ניט און האָט נישט קיין מורא, וואָלט ער זיך פון דאַנען שטיל אַרויסגערוקט און ערגעץ אַנטלאָפן. עפּעס האָט אים אַ פאַרגעפיל געשראָקן, אין דער שעה פון זיין העכסטער דערגרייכונג.

אין דער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אינם גרויסן שלאָס, איז אים אויסגעקומען אַז עפּעס פויזעט, עפּעס באַוועגט זיך. אפשר זיינע אַרע־סטאַנטן? און דאָ ליגט זיין מלוכה טויט־שיכור. ניט נאָר האָבן זיך זיינע אויגן ניט געקלעפּט צום שלאָפן, ער האָט אַפילו נישט געפילט אַז ער ליגט אין אַ ווייך־וואָרעמער בעט. ווי אַזוי איז ער פאַרפירט געוואָרן אַהער? אָבער קיין הינטערלאַנד איז ניטאָ. אַלע בריקן זיינען פאַרברענט. אין אַ צימער ערגעץ האָט אַ זייגער אויסגעשלאָגן צוועלף. צוועלף, האָט משהל געטראַכט, איז דער אָנהייב פון אַ נייעם טאָג. סמוז ווערן ליכטיק. ס׳וועט ווערן ליכטיק. ער האָט דערנאָך געהערט שלאָגן איינס, צוויי און פיר, און ער האָט אויך געהערט טראַכימס טריט בשעת ער האָט גע־בראַכט האָלץ צו דער הרובע.

משהל האָט זיך געזעצט מיט טראַכימען ביים אָפענעם פייער און גענומען אויספרעגן אויף אַלץ און אַלעמען. ער האָט אים אויך געפרעגט וועגן געוועזענעם פּאָסעסאָר יאָסל, וועגן זיינע קינדער. טראַכים האָט אים איבערגעגעבן מיט געניויער פּינקטלעכקייט אַלע פּאַסירונגען זינט דער מלחמה. ער האָט אים געגעבן די דאַטעס, געשילדערט דעם וועטער ביי יעדע פּאַסירונג, און משהל האָט זיך צוגעהערט מיט שפּאַנונג.

יאָסל האָט פאַרלאָרן די פּאָסעסיע נאָכדעם ווי מען האָט געכאַפּט זיין עלטסטע טאָכטער מיט רעוואָלוציאָנערן. ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין דאָרף, געדונגען אַ פויערשע כאַטע, און דאָרט געוואוינט. ווען די דייטשן זיינען געקומען, האָט ער אין אָנפאַנג געעפנט אַ קאַנטינע פאַר זיי. מיידלעך האָט ער שיינע, און די ניעמצעס וועלן אָפּגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען פאַר פרויען. פרעג שוין ניט וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן.

— און סאָניע וואו איז? פרעגט משהל תמעוואַטע.

— אָ, סאָניטשקאַ איז ערגעץ אין סיביר. טאַטע־מאַמע בענקען נאָך איר.

— דענקסטו ניט אַז די באַראָניע האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם?

— עס קען זיין.

— פון וואָס לעבט ער איצט דער יאָסל?

— כ׳ווייס, ער מאַטערט זיך. אַ גוטער פיינער מענטש, אַ נאַש־בראַט.

— דענקסטו ער איז דאָ אין דאָרף היינט?

— וואו דען אַנדערש קען ער זיין היינטיקע צייטן? מיר דוכט אַז איך האָב אים געזען דאָ ניט לאַנג צוריק.

— ווי לאַנג געפינען זיך דאָ די פּעטערס אירע? די אַלטע קנעפּ?

— אָ, אָ, אַרום אַ חודש.

— וואָס פאַראַ סאָרט מענטש איז דער עקאָנאָם?

— אַ פאַלשער. מען טאָר אים אַפילו זיין נאָמען נישט גלויבן.

— שוין צייט אויפוועקן די חברה. מען דאַרף אַרויס אין הויף, אין אָבאָרע זען דעם עקאָנאָם און אַלעס איינשטעלן ווי מען באַדאַרף.

— ווען איך בין דו, זונעלע,—מאַכט טראַכים—גיב איך אים גלייך אַ „סטאַווקע”. ער איז אַ וואָרעם.

— אייב מען וועט דאַרפן, וועט מען עס טאָן. מיר אַלע וואָס באַדינען דעם הויף, וועלן האָבן אַ „סאָבראַניע” און וואָס זיי וועלן באַשטימען, דאָס וועלן מיר אויספירן.

— ווער זיינען דאָס די זיי? די בייטראַקעס? וואָס ווייסן זיי? עס האָבן זיך דערהערט שטילע טריט. דאָס, זאָגט טראַכים, קומט

דער קוכאַר. מען דאַרף גיין אין מאַגאַזין פאַר פּראָוויזיע. מען דאַרף דאָך עסן, און דערביי אַ שטיס געטאָן משהלען מיטן עלנבויגן, ווי עפּעס אַ רמז. דאָס האָט געמיינט: ס׳וועט זיין גוט און פריילעך.

אין דרויסן האָבן זיך די שטערן געלאָשן. דער הימל האָט זיך ווי געשפּאָלטן אין גרויע פלעקן. ערגעץ וואו אין אַלטן הויף, האָט זיך גע־הערט אַ סקריפּ פון אַ טויער און מענטשלעכע רייד. דאָס איז געווען אַ סימן אַז די ווירטשאַפט גיין אָן און די טעגלעכע אַרבעט גייט אָן ווי אַלע טאָג.

חבר קאַפּלאַן האָט גענומען מינטערן זיינע אַדיוטאַנטן. ער האָט געוואָלט איינעם מיט זיך צו גיין אין דער ווירטשאַפט, וואָס מען האָט גערופן: דער אַלטער הייף, אַרום אַ האַלב וויאָרסט פון אַלטן פּאַלאַץ. מיט שווערקייטן איז אים אָנגעקומען איינעם אויפצעוועקן, און זיי באַנאַנד זיי־נען אַוועק אין דער בלויקייט פון באַגינען צום אַלטן הייף.

אָנגעקומען אויפן „זאַזינעץ״, האָבן זיי באַמערקט אין אַבאַרע עמיצן זיך דרייען מיט אַ לאָמטערנע. זיי זיינען צוגעקומען און דערזען פאַר זיך דעם עקאָנאָם ביי די מילך־קאַנען, און עטלעכע אָנגעפּעלצטע פרויען וואָס האָבן געמאָלקן די טיראָלער קיה.

— אַ גוטער מאָרגן אייך גוטע מענטשן, — האָט זיי דער מאָן מיט די לאַנגע וואָנצן געגריסט. איך בין צופרידן אייך אויפצונעמען. מיר האָבן געהערט פון אייך נעכטן ביינאַכט. מיין נאָמען איז סטעפאַן קאָ־וואַלסקי.

ער האָט דערלאַנגט זיין האַנט.

— מיין נאָמען איז מושע קאַפּלאַן. און מיין נאָמען איז — האָט דער מיליציאַנער זיך פאָרגעשטעלט — גריגאָר זדשיטאָווסקי.

דער עקאָנאָם האָט נאָכאַמאָל געדריקט ח׳ קאַפּלאַנס האַנט, און מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען: איך האָב אויף דעם מאָמענט געוואַרט מיין גאַנצן לעבן. משהל האָט צוגעשמייכלט. ער האָט גלייך דערזען אין אים דאָס וואָס טראַכים האָט באַמערקט.

— מיט וואָס איך וועל אייך קענען העלפן — האָט ער פאָרגע־זעצט — בין איך גרייט אייך צו דינען.

— אַ דאַנק חבר קאָוואַלסקי. מירן האָבן אַ סך אַרבעט דורכצופירן. זאָלן מיר זיך פריער אַריענטירן וואָס פריער און וואָס שפּעטער. איך וועל דאָ פאַרבלייבן צייטווייליק. מעגלעך אַז די גאַנצע אחריות וועט פּילייכט איבערגיין צו אייך.

— „לאַדנאָ!״ (וואונדערלעך) חבר קאַפּלאַן.

געזאָגט די עטלעכע פאַרטרוי־ווערטער האָט משהל מיט אַ כיון.

אים האָט זיך געוואָלט זען דעם נייעם בעקאַנטנס רעאַקציע. זיין באַ־גייסטערטע האַלטונג איז משהלען נישט געווען צום האַרצן.

— חבר קאַפּלאַן—האָט זיך קאָוואַלסקי דערנעענטערט צו משהלען —איך וואָלט זייער געווען צופרידן ווען דו ביסט היינט מיין גאַסט פאַר פרישטיק. איך האָב מיט דיר זייער וויכטיקע זאַכן צו ריידן. כ'ווייס אַז די דינערשאַפט האָט מיך ניט ליב, און די סיבות דערפון זיינען נישט קיין צו טיפע וואָס מען דאַרף זיך גרונטעווען זיי צו געפינען.

משהל איז געשטאַנען ווי אין אַ טראַנס. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם פאַקטישן באַלעבאָס פון הייף, וועמעס אויגן זיינען געווען דורכדרינגלעך ערנסט און טיף־ערלעך.

— אַ פיינעם דאַנק חבר קאָוואַלסקי. נישט היינט, אַ צווייטן מאָל. זאָלן מיר זיך בעסער באַקענען און אַרומריידן די אַרבעט וואָס עס שטייט אונז פאַר.

— חבר קאַפּלאַן, איך ווייס די אַרבעט, און אַלעס וואָס איר וועט דאַרפן טאָן, איז בלויז מאַכן אַ קאָפּיע פון דער ליסטע און אַפּשיקן אין ראַיאָנעם סאָוועט.

— אויב אַזוי, דאַרפן מיר זיך געוויס נעענטער באַקאַנען.

זיי האָבן זיך ווידער געדריקט די הענט און משהל מיט גריגאָרן זיינען אַרויס איבערן הייף אָנצוקוקן אַלעס וואָס שטייט אַזוי גאַנץ, אַזוי אונבאַרירט, ווי גאָר קיין מלחמה וואָלט דאָ דורכגעגאַנגען. משהל האָט דערזען דעם זעלבן טשוואַראַק, דעם זעלבן שייער, די זעלבע סטיינע, נאָר אַביסל ווייניקער פערד. אין שייער גרייט מען זיך צו דרעשן מיט דער „מאַליטאַרניע״. ער האָט פון וויטנס געזען די ליימיקע הויז וואו יאָסל מינץ האָט אַמאָל געוואוינט. יענע עטלעכע אָוועגטן ביי מינצן אין שטוב, קען ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער האָט איצט אין קאַלטן פרימאָרגן דער־פילט אַן אינטימיטעט צו די נאַקעטע טאָפּאָלן ביי וועלכע ער האָט גע־שפּאַצירט מיט סאָניען. ער וואָלט זייער געוואָלט אויסגעפינען וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט יאָסלען. אָט אַזוי טראַכטנדיק וועגן זאַכן וואָס האָבן מיט דער רעוואָלוציע גאָר נישט צו טאָן, איז מען קריקגעקומען אין פּאַלאַץ, וואו אַן אָנבייס האָט שוין געוואַרט אויפן טיש—כיד המלך.

צום טיש זיינען געקומען די מיליציאָנערן מיט פאַרשוואָלדיקטע פּנימער. טראַכים, נאַסטיאַ און יאַקוב, האָבן אַלע געפּראַוועט אַ יום־טוב־דיקע סעודה. די געוועזענע פּני, האָט מען פריער אַריינגעטראָגן עסן אין אַ באַזונדער חדר.

נאָכן שווערן עסן איז משהל אַוועקגעפאַלן שלאָפן.

***

דער טאָג פאַר די פיר גאולה־ברייגער האָט זיך אָנגעהייבן פאַר־נאַכטלעך. אַלעס איז שוין ווידער געלעגן שטיל איינגעפרוירן. מען האָט ווידער געפּראַוועט אַ סעודה און דערנאָך אַרויס פאַר אַ שפּאַציר. מען איז געגאַנגען אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק.

— לאָמיר גיין שיסן פוקסן, האָט אַ מיליציאַנער פאָרגעשלאָגן.

— גייט אַייך און מאַכט ניט קיין טומל — האָט חבר קאַפּלאַן גע־וואָרנט איך וועל אַריין צום עקאָנאָם. מיר דאַרפן געוויסע זאַכן דערליי־דיקן.

ער, משהל, איז אַליין ווידער געגאַנגען צום אַלטן הויף. די דריי מיט די ביקסן, האָבן זיך געצויגן צום וואַלד.

ביי דער ווייס־ליימיקער הויז האָט אַ הונט, אָנגעבונדן אויף אַ קייט נעבן אַ ביידל, פאַרהילכט דעם הויף מיט זיינע קולות דערזעענדיק דעם פרעמדן. קאָוואַלסקי איז אַרויס אין אַ בלויזער העמד אָפן גאַניק און משהלען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. קאָוואַלסקי האָט געלאָזט וויסן אין קיך אַריין, אַז זיי האָבן געסט.

משהל האָט ניט נאָר דערקאָנט די הויז, ער האָט אַפילו געדענקט די אוזאָרן פון די טאָפּעטן וואָס ער האָט געקלעפּט מיט עלף יאָר צוריק. נאָר די מעבל און אַטמאָספערע זיינען געווען גאָר אַנדערע. אויף דער וואַנט וואו ס'איז געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון דר. הערצל, איז איצט געהאַנ־גען אַ הייליקע איקאָנע. אין ווינקל, איבער דעם ספרים־אַלמער, וואו דער ווילנער גאון איז געזעסן אין טלית און תפלין, איז איצט געהאַנ־גען אַן אומעטיקער דער יוזל, און אונטן האָט זיך געטונקט אַ רויט פייערל. אַ טערפּקער ריח פון זויערן קרויט האָט ממש דעם אָטעם נישט געלאָזט כאַפּן.

— רויכערט איר, חבר קאַפּלאַן? — נאַט, פאַרוויקלט אַ פּאַפּיראָס. אייגענער טאַבאַק, אַזוי גוט ווי סטאַמבאָוועער, און אפשר נאָך בעסער.

— זאָגט מיר, חבר, עס וואונדערט מיך: דאָ ביי אייך איז אַלעס נאָך ווי אין די אַלטע ציטן. ס'קומט אויס אַז איר זענט ערגעץ אויף אַ באַזונדער פּלאַנעט. ס'איז דורך די מלחמה, די באַנדעס, די גרויסע רע־וואָלוציע, און דאָ—פיר קילאָמעטער פון דער אייזנבאַן, צוועלף קילאָמע־טער פון שטאָט, וועלכע ליגט אַ חורבע און אַלע אימעניעס אַרום זיינען צעפּלינדערט און פאַרניכטעט, און דאָ?

איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, חבר קאַפּלאַן, איכ'ל אייך געבן אויף אַלעס אַ לאָגישן ענטפער, און דאָס וועט פירן צום געשפּרעך וואָס איך וויל מיט אייך פערזענלעך האָבן. איר האָט זייער קלוג געטאָן וואָס איר זענט געקומען אַליין. נאָר איידער מיר גייען צו צום עצם ענין, וויל

איך אַייך געבן אין קורצן מיין לעבנס־געשיכטע: זינט איך האָב אָנגע־הויבן צו געדענקען זאַכן, ווייס איך אַז אונטער די אומשטענדן אין וועל־כע איך האָב געלעבט ביי מיינע עלטערן אין הויז און פאָר זיך אַליין, האָבן צווישן אונז און דעם פאָלק אַלעמאָל געהערשט אַנטאַגאָניסטישע באַציאונגען. מיין פאָטער איז אויך געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ווירטשאַפט און האָט זיך זיין הארץ אויפגעגעסן, האַנדלענדיק מיטן ביי־טראַק און פויער. מיט זיי צו האַנדלען איז שווערער ווי מיט קליינע קינ־דער. ווי איר זאָלט ניט ריידן צו זיי, בלייבן זיי די זעלבע. אַייך דאַרף איך ניט דערציילן פון וועלכן ליים דער מוזשיק איז געקנאָטן, און איך זאָג: ביז וואַנען מען וועט אויספאָרמירן אַ נייעם מענטשן פון דער רויער מאַסע, וועלן נאָך געננג טייכן בלוט רינען.

— אַנטשולדיקט, חבר קאָוואַלסקי, מיר דוכט אַז איר זייט אַרונטער פון שליאַך. איר מיינט צו זאָגן, אַז איר האָט נישט קיין גלויבן אין די מאַסן.

— איך וויל נישט נוצן דאָס וואָרט גלויבן. כ'מיין, אַז אין דער קעגנוואָרט איז אַ שווערע אויפגאַבע אָוועקצושטעלן דעם איצטיקן דור אויף נייע יסודות. נאָר לאָמיר צוגיין צו דער אויפקלערונג ווי אַזוי דער הייף איז געבליבן גאַנץ:

— אין 1915,ביים צוריקטריט פון די רוסישע אַרמייען, איז דאָ אין פאַלאַץ געווען די הויפטקוואַרטיר פון דער דריטער אַרמיי. דאָ איז געזעסן דער גענעראַל־שטאַב, און ביזן פרימאָרגן ווען די דייטשן זיי־נען אַריין, איז קיין זאַך ניט געמינערט געוואָרן. די דייטשן, ווידער, האָבן אין אָנפאַנג גענומען כאַפּן, קאָנפעסקירן, אָבער גלייך אויפגעהערט, ווייל די קעניאַגינע האָט געהאַט אַ גוטן צוטריט אין די בערלינער הויכע פענצ־טער. און היינט צו טאָג איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג אַז דאָ גע־פינען זיך עטלעכע הונדערט ווייס־גוואַרדייער. מיר האָבן אַליין דעם קלאַנג פאַרשפּרייט. און זעט ווי קלוג דער פויער איז? ער האָט געגלויבט. איז טאַקע אַלעס געבליבן גאַנץ.

— ס'איז זייער אַ טשיקאַווע געשיכטע, ס'איז אָבער שווערלעך אַזעלכעס צו גלויבן. טיף אונטער זיין הויט איז דורכגעלאָפן אַ ציטער.

— חבר קאַפּלאַן, איך קען די פויערישע פּסיכאָלאָגיע. איך ווייס דעם פויערס קאָנצעפּציע. ער דענקט נאָר וועגן גנב'ענען און שיכורן. דערציילט אים אַ מעשה אַז אַ קו איז אַרויס דורכן קוימען, וועט ער אַייך גלויבן.

— וואָס דענקט איר וועט דאַרפן געטאָן ווערן צו אַנטוויקלען און דערהייבן דעם מין מענטש צו אַ העכערער מדרגה?

— פאַרלויפיק, ווי איך באַנעם, איז ווידער דער קנוט, ווידער צווינגען. מ׳מוז האָבן דיקטאַטור.

— דענקט איר ניט אַז מיט דערציען, אַנטוויקלען און בילדן, וועט מען דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן ווי מיט צוואַנג?

— חבר, האָט איר געלייענט וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? — איך האָב די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע שטודירט. דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז דאַן געשטאַנען אויף אַ העכער קולטורעלן ניוואָ, ווי דאָס רוסישע, און וואָס איז פאַרגעקומען?

— דאָס איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק.

אין טיר פון קיך האָט זיך באַוויזן סטעפאַנאָווע מיט אַ פאַרפלאַמט פנים, די הענט פאַרשטעקט אויף די אויפגעלאָפענע היפּטן. זי האָט דאַרפיש־שעמעוודיק געלאָזט וויסן, אַז וועטשערע איז גרייט.

ביים טיש האָט מען די וועלט פּראָבלעמען געלאָזט וואַרטן, און מען האָט זיך צערעדט וועגן שכנים, בעקאַנטע און אויך וועגן דער פאַמיליע מינץ.

— איר ווייסט, דער מינץ איז אַרונטערגעפאַרן גאָר אַ היפּשן מהלך. זייער אַן אינטערעסאַנטע פאַמיליע. זיי האָבן זייער פיל געליטן אין דער צייט פון אָקופּאַציע. מינץ איז פאַראַרעמט געוואָרן. מיר האָבן געגנוג לאַבנס ברויט אַהין צוגעטראָגן. זעט איר, ער איז אַ מענטש אויף וועמען מען קען בויען. ער האָט פּרינציפּן, ער האָט עטיק, מען דאַרף אים קענען אום צו פאַרשטיין.

— וואו האָט ער עס גענומען די אַלע זאַכן וואָס איר רעכנט אויס?

— וואָס הייסט? דער מענטש האָט ערודיציע, ער האָט געלערנט, געלייענט, ער האָט אָפענע אויגן צו דער וועלט.

— נו, וועלן מיר לערנען אַלע מענטשן, וועלן זיי אויך האָבן אָפענע אויגן, זיי וועלן אויך זען ליכט.

— אויב איר זייט אַזאַ אָפּטימיסט, ווינטש איך אייך אויסדויער און כּוח. איך בין גרייט אייך צו העלפן. אָבער, חבר, אַפילו אָט־די זייער וויכטיקע און נאָבעלע אַרבעט, וועט מען מוזן דורכפירן געצוואונגענערהייט.

— חבר קאַוואַלסקי, ס׳ווערט שוין שפּעט. ס׳איז מיר געווען זייער אינטערעסאַנט אונזער טרעפן זיך. מיר מוזן, אָבער, ניט פטרן אונזער צייט אויף רייד. איך וואָלט וועלן אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענקונפט פון אַלע מער באַוואוסטזיניקע פּויערים פון דעם קרייז דאָ אַרום. זאָלן מיר פּלאַנירן אַ געוויסן אָוונט מיט געוויסע אַטראַקציעס. זאָלן מיר זיך מיט זיי באַקאַנען, זאָלן זיי ווערן אַריינגעצויגן אין דער קאָלאָסאַלער אַרבעט.

— נו, איך וועל טראַכטן וועגן אַזאַ מין ספּעקטאַקל. דערווייל וועל איך אײַך צופירן צו אײַער קוואַרטיר.

זיי זיינען ביידע אַרויס אין ווייסן דרויסן. די לבנה איז געווען פול און קאַלט. ער, משהל, מיטן שינעל און רעוואָלווער אין זייט, האָט איצט אין דער זייט פון גרויסן סטעפּאַן מיטן גוטן טולעפּל, אויסגעזען ווי ער גייט פון א משמר מיט זיין מאַט־אויסגעבלייכטן פּנים פון בית מדרש אַרויס. אַי, ווי קומט דאָ דער גרויסער פּאַלאַץ פון דער קניאַגינע דאָל־גאָרוקאָוואַ?

די צוויי טונקעלע סילועטן אין דער ווייסער וועלט, האָבן זיך גע־זעגנט, און אָפּגערעדט מאָרגן „ביעפּרעמענאָ״, זיך טרעפן נאָך איינס מיטאָג.

דער טויער איז נאָך געווען אָפן, אָבער די הינט, די „מערזאַווו־צעס״, האָבן ניט געלייגט צופיל אַכט אופן סאָוועטישן פּאַרטרעטער, און האָבן אים ניט געלאָזט אַריבער די שוועל. טראַכים האָט במחילה גע־מוזט קומען פאַרנעמען די כלבים און פאַרשלאָסן דעם טויער.

אַריינקומענדיק אין קיך, האָט ער געטראָפן אַלע חברה, אי די מי־ליץ, אי די דינערשאַפט גאָר בגלופנדיק. דער ריח פון אַלקאָהאָל האָט זיך געשפּירט איבערן צוואַרעמטן חדר. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי ס׳איז געגאַנגען דער יאַגד און וואָס טוען די „טרויקע״; אָבער געטראַכט האָט ער פון קאַוואַלסקי׳ס רייד. און דאָס האָט אים געבראַכט צו אַ גע־דריקטער שטימונג. טיף אין די פאַרבאָרגענע קעמערלאַך פון זיין מוח, האָט געגנאָגט אַ ראַציאָנעלער חשבון: נישט איך האָב דאָ באַדאַרפט זיין, נישט איך טאָר דאָ זיין. ער איז, אָבער, נישט אָפּגעשטאַנען פון דער גרו־פּע. פאַרקערט, ער האָט נאָך מיטגעהאָלפן מיט אַ וויץ, אַנעקדאָט, און חברה האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן לאַכנדיק. און ווען מען איז ווידער געגאַנגען שלאָפן, האָט ח׳ קאַפּלאַן זיך גופא פאַרגעשלאָגן פאַר דע־זשורנעם.

איצט, ווען אַלע אין פּאַלאַץ זיינען שוין געשלאָפן, איז משהל גע־זעסן אין אַ ווייכן שטול, און אין געדאַנק געמאַכט פּלענער פאַר אַ מאַסן־מיטינג טאַקע דאָ אין דעם גרויסן זאַל. אויך האָט זיך אים געוואָלט קאָנ־קרעט באַשטימען, ווער דער קלוגער קאַוואַלסקי איז. אייגנטלעך האָט ער אים נאָך גאָר נישט געזאָגט, און אַרגומענטירן מיט אים, האָט ער נישט געקענט, ווייל וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אמת. ער, קאַ־וואַלסקי, האָט דאָך באַלד גערעדט מיט זיין, משהל׳ס מויל. און אַזוי דענקענדיק, האָט ער זיך אַליין געטאַדלט, דאַרף מען אויף אַ „קלאַטקע״ נישט וועלן איבערגיין אַ שטורמדיקן טייך, סיידן מען איז באַרוישט און באַהויכט פון אַ געוויסן היפּנאָז, אָדער פּשוט שיכור. איז ער ניט צומאָל

גאָר אַ שטער אַנשטאָט אַ הילף צו דער רעוואָלוציע? האָט ער אַ מאָראַלע רעכט ווי אַ באַוואוסטזיניקער מענטש צו פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע? אָנ־געלאָדן מיט שווערע באַשולדיקונגען קעגן זיך אַליין, איז ער, זיצנדיק, איינגעשלאָפן.

**
*

פון קאַלענדאַר האָט מען אַרונטערגעריסן נאָך אַ בלעטל, און ס'האָט אָנגעזאָגט אַז היינט איז שוין נאָאַבער דער פערצנטער. יאַקוב גרייט ווידער אַ יום־טובדיקן אָנבייסן. מען איז גאָר אויפגעלעגט. משהל האָט זיך געאײַלט זען קאָוואַלסקין, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אָפּ־גערעדט מיט דעם פאָרזיצער פון סאָוועט, אַז אַזוי גיך ווי זיי וועלן קריגן אינסטרוקציעס פון ראַיאָן, זאָל מען אים, קאָמיסאַר קאַפּלאַן, צוריקרופן אין שטאָט, און עמיצער אַנדערש זאָל דאָ פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ער האָט געגומען מיט זיך גריגאָרן און איז אַוועק צום אַלטן הויף. די אַנדערע צוויי האָט ער פאַרזאָגט זיי זאָלן נאָכקוקן ווי די ,טרויקע האַנדלט.

— זדראַסטוואַי, זדראַסטוואַי! — האָבן זיך די דריי וואַרעם באַ־געגנט.

— האָט איר עפּעס צוגעטראַכט וועגן דער געפּלאַנטער פאַרזאַמלונג?

— האָט חבר קאַפּלאַן געפרעגט ביי קאָוואַלסקין.

— איך דענק אַז דעם אַטראַקטיוון טייל האָב איך שוין, און דאָס איז מוזיק: אַ האַרמאָשקע און עטלעכע באַלאַלאַיקעס. מען וועט טאַקע טאַנצן אויך, אָבער אַ רעדנער מוזן מיר האָבן, וואָס זאָל פאַרן עולם דערקלערן די אַזבוקע (אַלף־בית) פון סאָציאַליזם.

— ס'איז וואונדערלעך פּראַקטיש. ווי מיר זעט אויס, קענט איר זיין דער יעניקער וועלכער וועט ריידן.

— אַנטשולדיקט, חבר, דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קאָמפּלימענטן. ערשטנס, בין איך אַן אייגענער, און, צווייטנס, האָבן זיי מיך אַלע פיינט. זיי האַלטן מיך פאַר זייער עקספּלואַטאַטאָר, און, דריטנס, דאָס מוזן מיר אַלע דריי רעאַליזירן. מיר דוכט, לויט ווי איך האָב געהערט, פאַרשטייט מיך, חברים, איז אונזער לאַגע דאָ ניט קיין צו זיכערע.

— וואָס מיינט איר מיט דעם, חבר? — האָבן ביידע מיט נערוועז־זיטעט געפרעגט.

—מען האָט מיר דערציילט אַז די פּוילישע לעגיאָנען האָבן פאַר־נומען ביאַליסטאָק, ראָזשענו און סלאָנים.

— „טשעפּוכאַ‟ — אונזערע זיינען שוין אין גראָדנע, ברעסט־לי־טאָווסק — האָט גריגאָר אָפּגעוואָרפן קאָוואַלסקיס רייד.

— איך זאָג בלויז וואָס איך האָב געהערט. מירן אָנגיין מיט אונ־

זער פראַגראַם. נאָר איך וויל זיין אויף געזונטן באָדן. זאָל עמיצער פון אייך ריידן.

— דער איינציקער — זאָגט גריגאָר — איז חבר קאַפּלאַן. ער איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער.

משהל האָט זיך אַביסל דערשראָקן פון די נייס. ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט צו פויגלדיק. ער האָט זיך מתקנא געווען אין סטעפאַנען מיט זיין סטאַביליטעט. ער ווייס וואָס ער וויל, ווייס וואָס ער וועט טאָן. ניט ווי ער איז אַריינגעפלאָנטערט געוואָרן, אונדעצעדירט. ער, סטעפאַן, איז ערלאַכער און געטרייער דער רעוואָלוציע, ווי ער, דער פירער.

— וועגן וואָס טראַכט איר, חבר קאַפּלאַן?

— איך טראַכט וועגן אַ סך זאַכן. שוין דער דריטער טאָג אַז מיר זיינען דאָ און מיר האָבן נאָך קיין זאַך ניט אויפגעטאָן. מיר האָבן נאָך אַפילו נישט באַוויזן אַ רעפּאָרט אַנצושרייבן. מיר האָבן שוין באַדאַרפט שאַפן דאָ אַ קאָמיטעט וועלכער זאָל פּראָוויזאָריש פאַרוואַלטן מיט דער באַלעבאַטישקייט, זאָלן זיי דעצעדירן וואָס צו טאָן מיט דער געוועזענער באַראָניע, מיט די אַלטע צאַרסקע גענעראַלן, א. א. וו.

— אַנטשולדיקט, חבר, וואָס אַנבאַלאַנגט דעם רעפּאָרט, דאָס איז אַלעס פאַרטיק, אַלץ איז פּינקטלעך פאַרצייכנט, פון אַ פאַרגאָן ביז צו אַ שפּינדל. וויפל דעסיאַטינעס קולטיווירטע, און וויפל פּאַשע, וויפל וואַלד, און וויפל היי, וויפל באַדינער, וויפל „סקאָט". איר קענט דעם רעפּאָרט גלייך האָבן. איבעריגנס, וויל איך טאַקע אַז איר זאָלט דאָס איבערקוקן. זאָלן מיר דאָס טאַקע באַלד טאָן. נעמט אייך און „פּאָווערייעט" דאָס וואָס איר קענט זען אין הייף; אויף די פעלדער וועט איר דאַרפן נעמען מיין וואָרט.

— דאָס איז גאָר־גאָר שיין פון אייך. מירן דאָס טאַקע טאָן. זאָלן מיר, איידער מיר גייען ווייטער, באַשטימען אַ דאַטום פאַרן אָוונט.

כ'דענק אַז דער זעכצנטער, שבת אָוונט, איז די בעסטע צייט. אַלעס וועט זיין צוגעגרייט. נאָר, טאָמער זעט איר מיך נישט דאָרטן, זאָלט איר זיך ניט וואונדערן. קומט אַריין אין שטוב, וועל איך אייך געבן די פּאַפּירן, און מירן האָבן אַ גלאָז טיי.

אין הויז האָט ער גלייך געבראַכט אַ פּאָר בייגן פּאַפּיר, פאַרשריבן מיט דריבנע ווערטערלאַך. גריגאָר האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף די פּאַפּירן. פאַר חבר קאַפּלאַן איז עס אויך געווען אַ שווערע „עברי".

נאָך דער טיי איז משהל מיט גריגאָרן אַוועק איבער די געביידעס און נאָכגעזוכט די אַרטיקלען וועלכע זיינען פאַרשריבן אין רעפּאָרט.

צופיל אַרטיקלען האָבן זיי ניט באַוויזן אָפּצוצייכענען. אין די סאַלאָשן איז געווען טונקל און ביטער קאַלט. דעם סיסטעם וואו און וואָס, איז געווען שווער אָנצעכאַפּן. האָבןביידע באַשלאָסן זיך אַריבערצוכאַפּן פאַר אַ שפּאַציר דורכן דאָרף. אַזוי האָט מען געטאָן.

די „אוליצא" איז געווען שיטער באַוואוינט. דער גרעסטער טייל כאַטעס זיינען געשטאַנען ווי קברים ניט קיין פאַרשאָטענע. אין די לע־בער פון געוועזענע פענצטער האָט געפייפט דער ווינט. און דאָס ביסל פון מענטשן באַוואוינטע הייזער, האָט מען אויך נישט געזען קיין ליכט. בלויז אין עק דאָרף, אין דער הויז וואו די מינצעס האָבן געוואוינט, האָט יאָ געבלאַנקט אַ פייערל. מען איז פאַרבייגעגאַנגען די שטוב, געוואָלט אַריינבליקן וואָס עס טוט זיך אינעוועניק. דערהויפּט האָט משהלען גע־צויגן אַ קוקצוטאָן דורכן פענצטערל אויף די מענטשן אין שטוב. זיי־נען, אָבער, די שייבלאַך געווען פאַרקאָוועט מיט אַייזיקע ווייסע בלעטער. בלויז אַ שאָטן האָט מען געזען זיך פאַרביישלייכן. און דער שאָטן וואָלט משהל געשוואָרן איז דעם אַלטן מינצעס.

ווען אַריינגיין אין הויז, האָט ער גיט אָנגעהייבן צו דענקען. ער ווייס די גאַנצע געשיכטע וואָס ס'איז פאַרגעקומען נאָכן אַרעסט פון זיין סאָניען. מען האָט אים דערציילט, אַז פון אויפרעגונג האָט ער לייב דעם גייער געזידלט אין מיטן מאַרק און אים פאַרזאָגט, אַז זיין פוס זאָל צו אים אין הייף מער ניט אַריינטרעטן. און משהל איז איצט אויף דעם כעסן מינץ ניט ברוגז. ער קען אים, יאָרן נאָכדעם, פאַרשטיין. און אפשר ווען זיי ריידן זיך איצט צוזאַמען, וואָלט ער, יאָסל, משהלען פאַרשטאַ־נען. ווען ער קען אים אין קורצע ווערטער איבערגעבן וואָס ער, משהל, איז שוין דורכגעגאַנגען, און אַז ביזן קעגנוואַרטיקן מאָמענט, איז סאָניע גע־ווען די, וואָס האָט אויף אים משפּיע געווען, ער זאָל זיך לאָזן קעגן שטראָם אויף נייע וועגן. און וויפל האָט ער, דער איצטיקער משהל, דער פירער חבר קאַפּלאַן, באַצאַלט, צאָלט נאָך איצט, און וועט נאָך צלאָן און צאָלן . . .

— ווי וויט גייען מיר? — האָט גריגאָר אַ פרעגעטאָן משהלען.— מיר זיינען דאָך שוין אַריבער די צערקווע.

— זאָלן מיר זיך אומקערן. מיר האָט זיך געוואָלט זען די צערקווע ווי זי ווייגט נאָך „צאַר באַטיושקאַ".

מען גייט צוריק. די גאַס איז ניט געענדערט. אין מינצעס הויז איז די ליכט אין אַ צווייטער זייט פאַרוקט. ביידע גייען מיט סאָלדאַטסקע טריט. משהל טראַכט: ווי צעשטערנדיק און אונטערגראַבנדיק איז דער כוח פון ניט פאַרשטיין זיך, פון נישט צוזאַמענריידן זיך.

מען איז געגאַנגען מיט דער אַלייע פון די נאַקעטע טאָפּאָליעס.

דער פראָסט האָט געסמאַליעט, דער הימל, ווי מיט מאָן באַשפּריגקלט פון שטערן, האָט געשפּיגלט אויפן ווייסן שניי. דורך משהלס לייב האָט דורכגעשטראָמט אַ מאָדנע וואַרעמקייט איצט, ווען ער האָט אין דער מחשבה זיך געזען ביי די ביימער שפּאַצירנדיק מיט סאָניען.

— חבר קאַפּלאָן, דו הערסט עפּעס?

— ניין, איך הער גאָר ניט. וואָס הערסטו?

— מיר דוכט אַז איך הער אַ סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו.

— וואָס?!

מען איז געבליבן שטיין. אָנגעשפּיצט די אויערן. מען האָט, אָבער, קיין שום רויש ניט געהערט.

4

דער פאַרשטערטער באַל

אין פּאַלאַץ איז אַלעס געווען, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. אַרום טיש אין קיך זיינען געזעסן די נייע באַלעבאַטים צעוואַרעמטע, זאַט, אין בלויזע העמדער, און פריילעך פאַרבראַכט. משהל מיט גריגאָרן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם גוטן עסן, נאָך אַזאַ מאַרשיראָווקע פון עטלעכע וויאָרסט אין אַזאַ קעלט. משהל האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן שטוב זאַכן, און וואָס טוען די „טרויקע". — קיינע ענדערונגען. זיי, די דריי, זיינען גלייכגילטיק צו אַלעס. אָדער זיי לייענען, אָדער זיי שפּילן אין קאָרטן. נאַטאַליאַ אַליין רעדט נישט קיין וואָרט. ברייגגט מען זיי עסן, באַדאַנקען זיי.

— נו, חברים, מאָרגן אָוונט וועט זיין פריילאַך דאָ. דער גרויסער זאַל וואָס האָט בלויז געדינט פאַר אויסדערוויילטע, וועט פון היינט און ווייטער דינען דעם פאָלק. מיר וועלן דאָ אייגריכטן אַ בינע, מיר וועלן ברייגגען אַרטיסטן, מען וועט דאָרט זינגען, שפּילן, ס'וועט זיין דעם פאָלקס קלוב, פאַר באַלייכטונג און אויפקלערונג.

— בראַוואָ! — האָבן אַלע געפּאַטשט. חוץ נאַסטיאַ.

— און דו, טראַכים, זע מאַך עפּעס עס זאָל זיין אַ רוח אין זייער טאַטן.

יאַקוב, דער אויסגעטריקנטער קוכאַר, איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט התלהבות פון משהלס רייד. ער איז נעלם געוואָרן, און גלייך געקומען צוריק מיט אַ פאַרחתמעטן פלאַש קאָניאַק.

— לאָמיר אויסטרינקען לכבוד דער רעוואָלוציע, לכבוד מאָרגנ־דיקן יום־טוב.

ביי אַלעמען האָט זיך באַוויזן אַ פּיערל אין די אויגן, און אויף זייערע צורות האָט געפּלאָטערט אַ ליכטיקע שיין.

מען האָט געטרונקען. חבר קאַפּלאַן האָט אויך געטרונקען. ער האָט עס געטאָן צוליב צוויי טעמים :

ערשטנס, טאָר מען זיך ניט אַרויסווייזן אַנדערש ווי אַלע. דו טאָרסט ניט אַפילו ווען דו ביסט אַנדערש.

און, צווייטנס, האָט ער בכיון געוואָלט ווערן אַן אַנדערער. ער האָט מיטן דרוק פון די ליקער, געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם משהל, דעם צעבערעקלטן אין טויזנטער געדאַנקען. ער האָט געוואָלט זיך אַליין זען ווי אַ גאַנצן געזונטן לידער — טאָוואַרישטש מאָיסיי קאַפּלאַן. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט פּרובירט דעם מיטל, האָט ער נישט געקענט זאָגן, אַז ס'האָט געווירקט, ווייל די נאַכט האָט ער ווידער נישט געקאָנט שלאָפן. אים איז געווען קשה וואָס פון סאָוועט איז מען ניט געקומען אים פאַר־בייטן. נאָר ווען ס'איז געקומען דער טאָג, האָט מען אַ סך מי אַוועקגע־לייגט אויפצובויען אַ בינע אין זאַל. און איידער מען האָט זיך אַרומגע־קוקט, איז שוין ווידער נאַכט געוואָרן.

נאָך דער וועטשערע, האָבן אַלע פיר געכאַפּט אַ שפּאַציר אין דער נאַכטיקער לופט; און אין דער שטילקייט פון דער אַיינגעשלאָפענער וועלט, האָט זיך געהערט אַן עכאָ פון אַ סאָפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו.

עפּעס נייס האָט פּאַסירט. אין דעם זיינען געווען אַלע פיר אַיינ־שטימיק. אָבער ווער האָט פאַרלייגט די רעלסן? קומט די באַן פון מזרח אָדער מערב? און אַז דער קלאַנג איז נאָך זייער ווייט, האָט מען געקענט פילן, בלויז דער מאַגנעטיזם פון נאַכטיקער אַטמאָספער, קען אַזעלכע עכאָס דערטראָגן.

— זאָלן מיר צוגיין אין אַלטן הויף, צום עקאָנאָם. אפשר ווייסט ער עפּעס נייעס.

דער איינפּאַל איז גראָד געקומען פון דעם שטילסטן. פון איוואַן זשוק.

— אַ גלייכע זאַך און — היידאַ.

חבר קאָוואַלסקי האָט אַלעמען ברייט אויפגענומען. שוין צייט לאַנג געווען צו באַקענען זיך מיט אַלעמען. מאָרגן וועט זיין אַ גרויסער טאָג, זעצט זיך.

אָנגעהייבן ריידן האָט מען פון מאָרגנדיקן אָוונט. ביז מען איז צו־געקומען וועגן דעם קלאַנג פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און צי האָט ער פילייכט געהערט נייס.

קיין באַזונדערע נייס האָט ער ניט געהערט. קיינער קומט ניט, קיינער גייט ניט. דער אָפּקלאַנג פון אַ לאָקאָמאָטיוו, זאָגט ער, קען זיין, ווען די פּאַראָווע מיל גייט אין שטאָט, און דער ווינט קומט פון דאָרטן, הערט מען ביינאַכט דייטלעך דאָס זשומען פון לאָקאָמאָטיוו.

אַלעמען איז געוואָרן גרינגער אויף די נשמות. נאָר משהלען האָט די דערקלערונג נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט דאָך געוואוסט, מה־דאָך— ס׳איז ניט געווען בייטאָג וואָס צו מאָלן — אַ פּשיטא־שוין ביינאַכט!

— איך קען אייך זאָגן, האָט קאָוואַלסקי גערעדט דורך זיינע שווערע וואָנסן, ס׳וועלן זיין מוזיקאַנטן און אַלע דערפער אַרום גרייט מען זיך פאַר מאָרגן. ס׳וואָלט געווען גוט עפּעס אַ שטיקל סצענע וואָס זאָל אַמוזירן דעם עולם.

חבר קאָוואַלסקי — האָט זיך גריגאָר אָפּגערופן — איר מיינט אַ פאָרשטעלונג? איך דענק אַז די בעסטע פאָרשטעלונג צו אַמוזירן דעם עולם, איז אַרויסצופירן די דריי געוועזענע אויף דער בינע, און זיי ווייזן ווי די אַלטע וועלט גייט אַוועק.

ביי משהלען און קאָוואַלסקין האָבן זיך אַ קרים געטאָן די ליפּן. די אַנדערע דריי האָבן שוין געקוואָלן און געפּאַטשט בראַוואָ.

— וועלן מיר אפשר מאַכן אַן איין און צוואַנציק? דער אָוונט איז נאָך לאַנג, האָט קאָוואַלסקי פאָרגעשלאָגן. מירן האָבן טיי. קיין צוקער איז טאַקע ניטאָ, וועלן מיר אייך מכבד זיין מיט טרוקענע באַרנעס.

מען האָט אַראָפּגעוואָרפן די שינעלן, פאַרשטעלט די ביקסן אין אַ ווינקל, און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. מען האָט דערלאַנגט טיי. יאָ צוקער, נישט קיין צוקער. מען האָט זיך געכאַפּט אַז דער זייגער איז שוין איינס.

גייענדיק פון אַלטן הויף צום פּאַלאַץ, איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע צווישן גריגאָרן און משהלען. מען האָט דיסקוטירט: צו וועלכער קאַטע־גאָריע אַזאַ מענטש ווי קאָוואַלסקי געהערט. ראשית, צי קען ער אַריין אין קלאַס פּראָלעטאַריער, און, צווייטנס, צי מעג מען אַזאַ עלעמענט אַנטרויען?

— יאָ דאָס איז אַ האַרבע שאלה — חבר גריגאָר. איך ווייס נאָך ניט צי האָט קאַרל מאַרקס, אָדער לענין, דערפונדן אַזאַ דעוויז, וואָס זאָל דינען פאַר אַזאַ סאָרט באַראָמעטער וואָס מען זאָל קענען צושטעלן צו יענעמס האַרצן, און ס׳זאָל אָפּרעגעסטרירן די אַקסיאָמע. כ׳וועל וואָגן צו

זאָגן אַז דאָס ווייזערל וואָלט זיך אויף איין פּלאַץ נישט אָפּגעשטעלט, ער וואָלט זיך אפשר אין גאַנצן צעבראָכן, שפּרינגענדיק פון איין זייט צו דער אַנדערער.

***

דער נומער אויף דעם קאַלענדאַר, האָט געוויזן 16, זעכצענטער נאָיאַבער. גלייך נאָך אָנבייסן האָט זיך יעדער איינער, (אויסער דער טרויקע) גענומען גרייטן פּאַרן יום־טוב. מען האָט זיך געוואַשן, גערייניקט, געגאָלט. טראַכים האָט יעדן איינעם פון די נייע באַלעבאַטים געגעבן אַ פּריש העמד. און איידער מען האָט נאָך געהאַט אָפּגעגעסן וואַרמעס, האָבן זיך גענומען יאָוועץ שקצים מיט שיקסעס אין זייער יום־טובדיקער הלבשה. די פון נאָענטע דערפער זיינען געקומען צופוס. פון ווייטער איז מען געקומען מיט שליטנס. די פערד האָט מען גלייך אַריינגעפירט אין סטיינע. ס'איז דאָך שוין עפּעס אייגנס.

ס'האָט גענומען טונקלען. די מוזיקאַנטן זיינען אויך אָנגעקומען. אַלע געסט זיינען געגאַנגען מיט די פּאַראַדנע טרעפּ אין פּאַלאַץ אַריין אַזוי ווי זיי פלעגן גיין אין קלויסטער. ס'האָט געשמעקט מיט פעלץ און יוכט. די פּאַרקעטענע דילן האָבן גענומען וויינען מיט שוואַרצע טרערן. משהל איז געווען נערוועז און צעטראָגן.

ס'האָט זיך באַוויזן דער עקאָנאָם, סטעפּאַן קאָוואַלסקי, ער איז די גאַנצע וואָך פון זייער זיין אין פּאַלאַץ קיין איינמאָל דאָ נישט געווען. ער האָט גראָד חבר קאַפּלאַנען געוואָרנט, אַז ער וועט ניט זיין צום אָוונט. קאָוואַלסקי האָט אַ וואונק געטאָן צו משהלען — ער וויל אים זען.

— איר האָט וואָס צו זאָגן חבר קאָוואַלסקי?

טוט עפּעס אָן אויף זיך און קומט מיט מיר אַרויס אין דרויסן.

אַרויפגעכאַפּט דעם שינעל, זיינען זיי ביידע אַרויס דורך דער קיך־טיר. קאָוואַלסקי האָט אים געפירט טיפער אין סאָד צו דער בעסעדקע. דאָרטן האָט משהל באַמערקט אַ מאַן וואַרטנדיק אויף זיי. ער איז צוגעקומען נאָענט מיט אַ קלאַפּנדיקע האַרץ. עפּעס איז אים דער מענטש געווען יאָ און ניט קענטלעך.

— דאָס איז חבר מינץ, און דאָס איז חבר קאַפּלאַן. זייט בעקאַנט.

ביידע האָבן זיך געגעבן די הענט, אָבער ריידן האָבן ביידע ניט געקאָנט, אין משך פון די פאַרגאַנגענע עלף יאָר האָבן ביידע זיך שטאַרק געענדערט. אַן עלעקטרישער ציטער האָט דורכגעשטראָמט פון זייער האַנטדרוק.

— וואָס וועט איר זאָגן, בירגער מינץ? — האָט משהל אַרויסגעשטאַמלט.

מינץ האָט געסאָפּעט, ווי דער אָטעם וואָלט אים געווען קורץ. ער איז געווען פּאַראַליזירט, בלאַסיק און פול מיט צייכענס פון קלעפּ. ענדלעך האָט ער, קוקנדיק צו דער ערד, אַרויסגעפּישטשעט זייער שטיל: אַנטלויפט פון דאַנען! אייערע לעבנס זיינען אין געפאַר.

— וואָס אַזוינס איז דאָ פאָרגעקומען? האָט משהל מיט אומגעדולד געפרעגט.

— איך בין היינט פרי באַפרייט געוואָרן דורך די פּוילישע לעגיאָנערן פון קאָברינער תפיסה. זייערע פאַרפאַסטנס זיינען שוין היינט געווען אין נאַגאַריע. ראַזוועדטשיקעס זיינען היינט געווען אין שטאָט. איך האָב זיי אַליין געזען. זיי האָבן שוין מיט אַ לאַקאָמאָטיוו און געפּאַנצערטע וואַגאָנעס דערגרייכט לולענעץ. די באָלשעוויסטישע טוער שיסט מען אָן אַ משפט. איך וואָרן אייך, פאַרלירט נישט קיין צייט. איך האָב מיין חוב דערפילט. מיר טאָרן דאָ נישט שטיין. אַ גוטע נאַכט. און ער איז אַוועק צום דאָרף אין גרויס איילעניש.

— וואָס זאָגט איר צו דעם חבר קאָוואַלסקי, און וואָס איז אייער עצה?

— לאָזט וויסן די אַנדערע דריי און באַשליסט וואָס צו טאָן. איך גלויב יאָסלען יעדעס וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט. די לאַגע איז זייער ערענסט און געפערלעך.

משהל איז געלאָפן צוריק, זיך צוזאַמענגערעדט מיט די אַנדערע דריי. זיי האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַ דונער זאָל טרעפן אין אַזאַ קאַלטער נאַכט.

— חברה, איך זע אַז איר זענט צומישט, איר זענט פאַרלאָרן. מיר טאָרן דאָ מער ניט זיין. מיין מיינונג איז, אַז מיר זאָלן לויפן טיפער קיין רוסלאַנד, אויב מיר ווילן לעבן.

— כ'ווייס ניט צו וואָס מיר דאַרפן אַנטלויפן. מיר האָבן די פּאָליאַקן גאָר נישט געטאָן. מיר קענען זיין מיליציאָנערן ביי זיי אויך. — האָט גריגאָר דערקלערט.

משהל האָט דערפילט אַז ער איז דאָ איינער אַליין. זיי זיינען גאָר אַ באַזונדער וועלט. זיי דענקען און פילן אַנדערש. דער איינציקער, מיט וועמען ער קען זיך איצט באַראַטן, איז נאָר קאָוואַלסקי.

ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אומבעמערקט פון עולם, און זיך געלאָזן צום אַלטן הויף צו קאָוואַלסקין. אַרויסגייענדיק פון טויער, איז ער דערשראָקן איבעראַשט געוואָרן זעענדיק אַ סילועט פון אַ מאַן ביים פאַרקען.

דאָס בין איך, חבר קאַפּלאַן. איך האָב געפילט אַז איר וועט דאָרט מער נישט בלייבן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק חבר קאָוואַלסקי.

ער האָט איצט געוואָלט אַרומנעמען קאָוואַלסקין און אים קושן. ער וואָלט מיינצן אויך געקושט. ער האָט געפילט אַ מין דערהייבונג, ווי מענטשן פילן פאַרן טויט, אַ געפיל פון מחילה וסליחה.

— וואָס איז אייער עצה, חבר קאָוואַלסקי?

— פאַרלירט נישט קיין צייט און ווערט ניט אָן אייער באַלאַנס. נעמט אַרויס אייער רעוואָלווער און פירט מיר צום סטיינע. און צווינגט מיך מיטן סטאַיענטשיק — מיר זאָלן אייך אָנזאָטלען אַ פערד. איר פאַרשטייט?

— פאַרשטאַנען. — לאָזט מיר אייך... ——

— מיר ריידן נישט מער. מיר זיינען קעגנער, שונאים.

משהל איז געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין האַנט און באַפוילן אָנצוזאָטלען אַ גוט פערד. זיינע ליטקעס האָבן אים געציטערט, און ווען דער פאַרשלאָפענער קוטשער האָט געזאָטלט דאָס פערד פאַר דער לאַמטערנע, האָט קאָוואַלסקי אים אַריינגערוימט אַ סוד, — שטעל זיך אָפּ ביי מיין שטוב וועל איך דיר מיטגעבן עפּעס עסן און דיר אָנצייכענען דעם וועג.

וואָס אייגנטלעך קומט דאָ פאָר? איז עס וואָר, אָדער איז עס נישט מער ווי אַ קאָשמאַרנער חלום? ס'קען דאָך נישט זיין אַזאַ בליציקע טראַנספאָרמאַציע. פאַר וואָס איז ער דער איינציקער וואָס דאַרף לויפן? ער איז דאָך בלויז געווען א שליח פאַר אַ גרויסן טייל פון פאָלק. מען האָט דאָך אים דערוויילט, פשוט געצוואונגען צו זיין זייער פירער! אָבער וועמען קען ער עס דערציילן? ווער וועט אים גלויבן? וואוהין לויפט ער? און צו וועמען וועט ער קומען? אים קומט אויס — אַז זיינע אַלע גילגולים, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, קומען אַלץ על־פּי־כרחו.

איצט זיצט ער שוין אויפן פערד, אין זאָטל, און וואַרט ביי קאָוואַלסקיס טיר. אפשר וועט ער קאָוואַלסקי גאָר אַרויסקומען מיט אַ ביקס און זאָגן: „קאָמעדיאַ לאַ פיניטאַ". דאָס האָב איך דיר געוואָלט צייגן די אמתע לעבנס־דראַמע. אייגנטלעך האָט אים טראַכים געזאָגט אויף קאָוואַלסקין, אַז ער איז אַ הונט, אַ מערזאַוועץ. אָבער דאָ קומט קאָוואַלסקי מיט אַ טאָרבעטשקע, און זאָגט אים: אַרום איין און צוואַנציק וויאָרסט צו צפון וועסטו אָנקומען אין שטעטל כאָמסק. היט דעם שטערן — אָנווייזנדיק צום הימל.

משהל איז געווען צורודערט. איין וואָרט האָט ער געהאַט אין זינען אים אָנצוזאָגן, און נישט געקענט כאַפּן וואָס אַזוינס דאָס וויכטיקע וואָרט איז. ווען קאָוואַלסקי איז שוין געווען קריק ביים טיר, האָט ער זיך דערמאָנט.

— סטעפאַן, איך וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די ערשטע געלעגנהייט וואָס איר וועט האָבן, גיט איבער אַ גרוס מיינע עלטערן. זאָגט זיי אַז איך לעב.

ער האָט גענומען טרייבן דאָס פערד — מעשה קאַוואַלעריסט. אָבער דאָס ברוינע פערדל האָט זיך ניט געלאָזט נאַרן: האָט נישט געוואָלט איצט די נסיעה. ער האָט געריסן צוריק צום סטיינע. מיט פיל מי און אויפרעגונג איז אים געלונגען אָפרייסן דאָס פערדל פון זיין היים־שטאָל; און, מאָדנע, משהל האָט איצט פאַרשטאַנען דעם פערדס געדאַנקען. דער חיהשער אינסטינקט האָט אים געזאָגט: מען רייסט דיך הינט אַוועק פון דאַנען אויף שטענדיק. אַך, ווי ניט צוגעפּאַסט און ממש אַן אַבסורד דאָס פאָלקס־ווערטל: „ער זיצט אין זאָטל" איז איצט צי משהלס זיצן אין זאָטל.

עס האָבן זיך דערהערט טענער פון דער האַרמאָשקע איבערן ברייטן פעלד. איידער משהל איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד, האָט ער זיך אומגעדרייט און געזען ווי אַלע פענסטער פון פּאַלאַץ זיינען באַלויכטן און דער עולם יובלט. ער האָט געהערט דאָס געלעכטער און קוויטשעריי.

וואָהין פאָרסטו, משה בר׳ יהודה לייב? וואָס איז דער צוועק, און וואו איז דער ציל? — זאָל דער רעוואָלווער, כל־זמן ער איז אין מיין האַנט, אָפּפּייערן איין שאָס, און חבר קאַפּלאַן, דער קאָמיסאַר, דער גע־וועזענער מושל, וועט זיך אויפהערן אַליין פּלאָנטערן אין די אייגענע פיס. ער ציט די האַנט צום שייד, שפּילעט אויף די האַקע, און נעמט אַן דאָס הענטל.

האָט זיך עס אים געדוכט, אָדער עס איז ווירקלעך געווען אַזוי?

— ווען ער האָט גענומען ציען דעם רעוואָלווער, האָט דער ברוינער, נאָר וואָס נישט פאָלגעדיקער סוסל, עפּעס מאָדנע אַ קוקגעטאָן פון דער זייט אויף זיין רייטער, ווי ער וואָלט זאָגן: — טו דאָס ניט, ווען איך טראָג דיך צום לעבן. און גענומען אימפּעטיקער, פעסטער שטעלן פיס.

משהל איז געבליבן אָפּהענטיק. ער האָט נאָכגעלאָזן די האַנט פון רעוואָלווער־הענטל, און זיך פאַרטיפט אין וועלט און מענטש. וואו קען מען אָנצייכענען די ליניע וואָס טיילט אָפּ פריינט פון פיינט? ווי קען מען דעפעגירן גוטס אָדער שלעכטס? דערהויבן אָדער דערנידעריקט? איז ער אַליין נישט אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ ציקלאָן, וואָס האָט אים פון דער ערד אַ הויב־געטאָן צום הימל, און ווידער אַ שליידער געטאָן אין שאול־תחתיה? אָט אַנטלויפט ער פון מענטשן וועמען ער האָט קיינמאָל נישט געזען, און זיי גאָר ניט געטאָן, ווייל זיי ווילן זיין לעבן צונעמען ביי אים. פאַר וואָס? דאָ קומען מענטשן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר שונאים, און שטעלן איין זייער אייגענעם לעבן — כדי ער זאָל בלייבן

לעבן. ווער פירט עס, און ווער דיקטירט עס? ווער טרייבט אָט דאָס שטומע באַשעפעניש, וואָס איז אַזוי צעוואָרעמט און לויפט, ווי אין אַ באַשטימטער ריכטונג?

פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שיסעריי. ער האָט זיך גראָד נישט דערשראָקן. ער האָט געפילט אַז דאָס קומט פאַר גאַנץ ווייט. דאָך פון דעם פלאַץ וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרלאָזן. עס האָט ווידער אָפּגעקנאַלט ביקסן־שיסעריי. און דער הימל האָט זיך גענומען צינדן רויט.

ווען ער איז אַריבער דעם לאַנגן וואַלד, האָט ער געזען פלאַמען העכער פון די וואַלד־בוימער. יאָ, עס ברענט דער טורעם פון פאַלאַץ וואָס האָט אַלע יאָרן אַרויסגעשטעקט זיין קרוין איבער די בוימער, און פונדער־ווייטנס האָט מען עס דייטלעך געקענט זען.

משהל האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערדל, ווי ער וואָלט זיך מיט אים וועלן אַן עצה האַלטן, אים פרעגן, — וואָס האָט דאָרט אַזוינס פּאַסירט? ווער וועמען האָט דערהרגט? דאָס פערדל האָט שטום געשוויגן. משהלען האָט זיך בולט אָפּגעמאָלן די בילדער, ווי ער וואָלט איר געזען אויפן עקראַן פון אַ סינעמאַ פאַר זיינע אויגן. ער האָט געזען ווי דער המון איז צעיושעט געוואָרן, זיך אַנגעשיכורט. קיין פירערשאַפט איז ניט געווען, האָבן זיי דערשאָסן די דריי געוועזענע אַדעליִיט, און אונטערגעצונדן דעם פּאַלאַץ, ווייל אויב די פּוילישע לעגיאָנערן וואָלטן דאָרטן עמיצן געשאָסן, וואָלטן זיי דעם פּאַלאַץ זיכער ניט פאַרברענט.

משהל איז אַרונטער פון זאָטל, אַרומגענומען דעם פערדס וואָרעמע האַלז, געדריקט דעם פערדס פעל צו זיינע אויגן. געוויינט מיט הייסע שווערע טרערן און גערעדט צו זיין איינציקן פריינט:

— ס'איז ברוטאַל! ס'איז באַרבאַריש! פייער און בלוט פאַרצערט די וועלט. — פאַרוואָס?! און צוליב וואָס?!

דאָס פערדל האָט איבער משהלס אַקסלען ווי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דו ביסט גערעכט. ס'איז אַ מיאוסע וועלט.

5

וואוהין איצט?

— מיר גייען ווייטער.

— יאָ מיר גייען ווייטער, — האָט דאָס פערדל זיך גרייט געמאַכט— שטיין אויף איין פלאַץ אין אַזאַ צייט איז ניט רעכט.

דער הימל איז געווען פּורפּור־רויט. דער שליאַך ניט קענטיק. אַ דריבנער שניייעלע האָט גענומען זיפּן און דרייען. מען האָט נישט געקענט

וויסן צו דאָס קאַלטע פוך קומט פון אויבן צי פון אונטן. דער רויטער פלעק אין הימל איז פאַרשוואונדן. דער צפון־שטערן האָט זיך באַהאַלטן. מען גייט קעגן אַ בלינדער וואַנט.

ענדלעך האָט מען בעמערקט סימנים פון אַ ישוב. ביי דער ערשטער באַוואוינטער כאַטע, האָט משהל אָנגעקלאַפּט אויסצוגעפינען וואו ער געפינט זיך איצט.

אַ מיטליאָריקער פויער האָט אים געענטפערט. און פאַרבעטן אין שטוב. — דאָס איז קראַסנע־יאַסלע. און דאָס נאָענסטע שטעטל — איז קאָסעווע — האָט אים דער פריינטלעכער פויער אינפאָרמירט.

— וואָס איז ווייטער פון קאָסעווע אויף דעם זעלביקן וועג? — כ׳מיין אַ שטאָט.

— אַ שטאָט איז באַראַנאָוויץ.

— ווער איז דאָ די וולאָסט (מאַכט)?

— ניטאָ קיינער. געווען עפּעס אַ סאָוועט פון אייגענע מענטשן, זיינען זיי זיך צעלאָפן. מען זאָגט, אַז די פּאַניעס האָבן גענומען סלאַנים.

— וואָס הייסט? מען האָט זיך דען געשלאָגן פאַר סלאָנים?

— ווער וועט זיך שלאָגן? מען זאָגט אַז די רויטע אַרמיי וועט דאָ באַלד קומען. איך זע, אַז דו ביסט דאָ אַ פרעמדער. ווילסטו דאָ איבער־שלאָפן די נאַכט?

משהל האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, און געזען דעם זייגער אויף זיין געלענק. ס׳איז געווען פונקט צוועלף.

— אויב ס׳איז נישט פאַר דיר צופיל קלאָפּאָט, וועל איך דאָ איבער־שלאָפן עטלעכע שעה. אָבער מיין פערד דאַרפסטו אויך געבן אַ שטיקל אָפּרו.

— ס׳איז פאַראַן פּלאַץ פאַר דיר און דיין פערד. כ׳וועל אייךביידן ניט אַרויסלאָזן הונגעריק. גיי דו אַריין אין שטוב, גיב מיר דאָס פערד. איך וועל באַלד זיין צוריק.

— איך וויל זען די שטאַל, וועל איך דיר שפּעטער נישט דאַרפן באַלעסטיקן נאָך עטלעכע שעה אָפּרו.

אין דער קליינער כאַטע איז געווען אַ קאָנדענסירטע וואַרעמקייט. מען האָט געהערט ווי הינטערן אויוון אָטעמען שלאָפנדיקע מענטשן. דער מכניס־אורח האָט דעם גאַסט אָנגעוויזן אויף דעם ברייטן „טאַפּטשאַן״. און משה האָט זיך איבערגעדעקט מיטן שינעל, און ליגנדיק אויף דער האַרטער ברעט, געטראַכט פון מאָרגן. ער איז אָבער איינגעשלאָפן און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך שוין דער טאָג געריסן דורך די קליינע פענסטערלאַך. די שטוביקע הויזגעזינט איז געווען זונטיקדיק אָנגעטאָן.

משהל האָט זיך אַרומגעוואָשן, זיך אָפּגעפרישט, און איז פאַרבעטן געוואָרן צום טיש.

— אויב דו עסט נישט וואָס מיר עסן, וועל איך דיר מאַכן געבאַקטע קאַרטאָפל מיט מילך — זאָגט די באַלעבאָסטע מיטן רייִנעם פאַרטוך.

— זי האַלט נאָך פון דער אַלטער מאָדע — פאַרענטפערט איר דער מאַן.

— ס'איז זייער פיין פון איר. באַמיט זיך ניט פאַר עקסטרע אַרבעט. אַ גלאָז מילך מיט ברויט איז אויך אַ גוטער אָנבייסן. מייַנע שוועסטער און טאַטע מאַמע האָבן קיין מילך ניט געזען פאַר זייערע אויגן, שוין יאָרן.

— אָרימע מענטשן, רופט זיך אָפּ די פויערטע. דער ייִדישער מענטש לייַדט אין דער צייט מער פון אַלעמען. מייַן האַרץ טוט מיר ווי קוקנדיק אויף זיי. איך זאָג אַז אַלע מענטשן זייַנען גאָטס קינדער. און איינער דעם אַנדערן דאַרף העלפן.

משהל האָט געקוקט אויף דער האַרציקער פרוי, און געזען אין איר דער וועלטס־מאַמע. און אויב עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע מענטשן — איז נאָך דער מין מענטש ניט פאַרלאָרן אין גאַנצן, און די הימלען וועלן נישט זייַן שטענדיק פלאַמיק רויט.

— איך גלויב, — האָט די פויערטע ווידער גערעדט שאַרנדיק געבראָטענע קאַרטאָפל פון אויוון, אַז יעדער מענטש, דאַרף זייַן פריי אין זייַן גלויבן. און נישט דאַרפן זייַן פרימושעט צו פאַרלייקענען זיך אַליין. און ווען מען באַצווינגט איינעם, ס'מאַכט ניט אויס דורך וועלכע מיטלען, צי טאָן אַנדערש ווי ער גלויבט, איז עס שוין אויס סוואָבאָדאַ (פרייהייט).

פאַר משהלס אויגן האָט אַ בליץ־געטאָן אַ שלל פון נייַע געדאַנקען. אַ דאָרפס פרוי מיט איר פשטות רירט אָן אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים. ווי מענטשלעך־וואונדערבאַר זי טייטשט אויס דעם טערמין פרייהייט.

— זאָג מיר, מוטערל, וואָס מיינסטו פראָמושעט?

— איך מיין: אָט ביסטו אַ פרעמדער, גייסט ערגעץ, דאַרפסט איבערשלאָפן, דאַרפסט עסן. קייו פלעצער אַזעלכע זייַנען דאָ נישטאָ, אפילו ווען דו וואָלסט געוואָלט און געהאַט געלט צו באַצאָלן. דאַרף איך, אויב איך קען דיר העלפן, ניט פרעגן, וואוהין און צו וואָס דו גייסט און דיר מאַכן באַקוועם ווי נאָר מעגלעך. און איך דאַרף קיינעם ניט צווינגען, ווען ער איז הונגעריק, עסן דאָס וואָס איז קעגן זייַן רעליגיע.

— מוטערל, ווען די וועלט וואָלט שוין אַזוי געהאַלטן, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט רעוואָלוציעס.

— מיינע גלויבט נישט אין רעוואָלוציעס, — האָט זיך דער גוטמוטיקער מאַן אַריינגעמישט. זי זאָגט, אַז מענטשן דאַרפן איינער דעם אַנדערן העלפן, און אַלעמען געבן אַ רעכט צו לעבן. רעוואָלוציעס, איז ווי מלחמות, זאָגט זי: איינער דעם אַנדערן קוילעט.

די לעצטע ווערטער האָבן משהלען אַ גרילץ געטאָן ביים האַרץ. ס'איז געווען באַקעטער אמת וואָס טוט וויי. דאָך האָבן די פשוטע רייד פון האַרציקע מענטשן אים אָנגעפילט מיט נייעם אינהאַלט. און דער נייער וועלט'ס פּערספּעקטיוון האָבן אויסגעזען וואונדערלעך אינטערעסאַנט. דער מרה־שחורה געפיל צו באַנוצן דעם רעוואָלווער, כדי די תהומיקע וועלט ניט צו זען, איז פון אים אינגאַנצן פאַרשוואונדן. ער האָט זיך געזעגנט מיט די גוטע מענטשן, און זיך געזעצט רייטן אויף זיין אויסגערוט אָנגעפּאַשעט פערדל. און ער איז געפאָרן צו אַ נייעם טאָג.

אָך, ווי רעלאַטיוו דאָס לעבן גייט, ווי פאַרשידנאַרטיק די מענטשן זיינען. איינער דאַרף דורכגיין אַ שולונג כדי צו באַנעמען און אַקצעפּטירן אַ געדאַנק. ערשט דערנאָך נישט קענען אַרויסברייגען קלאָר און דייטלעך. ער דאַרף בויגנס פּאַפּיר פאַרשרייבן. אַ צווייטער, אַ מענטש אָן פּרעטענזיעס, אַ דאָרפס־פּויער, איינגעוואַקסן אין דער ערד, דריקט אויס אַ גאַנצע וועלט־אידייע אין צוויי ווערטער. און וואָס האָט גערעדט אין איר? — נישט דער קאָפּ, נישט קיין טעאָרעטישע באַגרידונגען, נאָר דאָס האַרץ. די וועלט דאַרף האָבן אַ האַרץ.

ס'איז אים געקומען אַנטקעגן, ערשט נעבכטיקער אָוונט. און ער האָט אַלעס וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט אים אַליין, און וואָס נאָכדעם ווי ער איז דאָרט ניט געווען, פאַרטריבן פון זיינע מחשבות. ער האָט בלויז געזען יאָסל מינץ, שטיין לעם דער „בעסעדקע", און ווי ער זאָגט אים אָן די נייס. „איך טאָר דאָ נישט שטיין. אָבער איך טו מיין מענטשלעכן חוב". און ווי קאָוואַלסקי כאַפּט אים אַרויס פון פייער, זיך היטנדיק ניט צוצוברענען זיינע אייגענע הענט. און דאָס האָט געטאָן האַרץ, מענטשלעכע האַרץ. איצט, אַט אַזוי זיך וויגנדיק אויף דעם רוקן פון געטרייען פערדל, אין אַ האַפנונגפולער שטימונג, האָט אַ מעשענע זון געלויכטן אויפן ווייסן שניי, און אַ געדאַנק איז געבאָרן געוואָרן: אַז דאָס פאַרבלאַנדזשען פון חאָמסק צו קאָסאָווע, איז געווען לטובה. און ער וועט פאָרן מיט דער באַן פון באַראַנאָוויטש קיין מינסק.

***

עס איז פאַרשוואונדן דער טאָג, ס'איז געקומען נאַכט. ס'איז אוועק די נאַכט, און ס'איז ווידער טאָג. משהל גייט איצט איבער דער פאַר־

אַרעמטער מינסק. ער גייט אין „אַדרעסנע סטאָל"* נאָכזוכן די ליפּ־שיצעס. מען האָט אים געזאָגט ווען ער איז אַהיים געקומען, אַז די ליפּשיצעס געפינען זיך אין מינסק. אין דער דאָרטיקער צייטונג האָט ער שוין געלייענט די שלעכטע נייעס, אַז דער גאַנצער געגענט ביז פּינסק איז פאַרנומען געוואָרן דורך די פּוילישע לעגיאָנען, און זיי שטויסן זייער פאַרמאַרש צו באַראַנאָוויץ. איצט האָט ער געפילט אַז ער איז שולדיק עמיצן אַ גרויסן חוב. ער איז געגאַנגען מיט אַ פאַרביטערט האַרץ צו דער קוואַטיר פון די „בעזשענצעס" (היימלאָזע) ליפּשיץ. אויף איינע פון די הינטערגאַסן אין אַן אָרעמע דירה, האָט ער געטראָפן די ליבע אַריסטאָקראַטן פון זיין היימיש שטעטל, וועלכע האָבן אים מדריך געוועזן צו העכערע ספערן. די באַחנטע מאַדאַם ליפּשיץ האָט אים געגעבן לעקציעס אין רוסיש, דייטש. זיי זיינען געוועזן די וועלכע האָבן אים דערצויגן, ער זאָל קענען פאַרשטיין סאָניא מינץ.

— וואָס טוט זיך דאָ? — איז דער נערוועזער ליפּשיץ געלאָפן פון איין ווינקל צום אַנדערן. — ווי קומט איר אַהער? מאָויסיי לייבאָוויץ קאַפּלאַן.

זי, די אַלטע, מיט איר מוטערלעכער צערטליכקייט און געלאַסנקייט, האָט זיך אומעטיק געפרייט מיטן גאַסט, און געבעטן:

— לאָז אים כאַפּן דעם אָטעם. ער קומט פון אַ וויטן וועג.

— ווי קומט איר אַהער? מיר זיינען דאָך געוועזן זיכער אַז איר האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין צייט אויף דער אַנדערער זייט.

— ניט אויף דער אַנדערער זייט און נישט אין צייט. ווערטער זיינען ניט בכוח אַלעס איבערצוגעבן. ערשטנס וויל איך וויסן וואָס איר מאַכט. וואָס טוען די קינדער?

— מיר אַלע וואַרטן נאָך אויף בעסערע טעג. איך וועל מאַכן אַ גלאָז טיי, וועלן מיר קענען בעסער ריידן.

משהל האָט געזען, אַז מאַדאַם ליפּשיץ פילט זיך ניט אינגאַנצן גוט. עפּעס פעלט איר אויפצונעמען אַזאַ טייערן גאַסט.

— מאַדאַם ליפּשיץ, שטעלט צו דעם טיי, איך האָב ברויט מיט געריכערטן פלייש. מיר וועלן טאַקע פייערן אונזער באַגעגעניש.

ביידע, דער אַלטער ליפּשיץ, מיט די באַראָן הירש וואָנסן, און די באַחנטע מאַדאַם, האָבן אַרונטערגעלאָזט די קעפּ, זיי האָבן זיך ווי פאַרשעמט איינער פאַרן אַנדערן.

מען האָט פאַרבראַכט אין גערעדט פון אָנהויבס אָן סופן, פון סופן אָן אָנהויבס. דער צוזאַמענגענומענער סך־הכל איז געווען: אַנטוישונג.

* אַדרעסן ביוראָ.

דאָס שטיקל אַלט־געבאַקן ברויט, און דאָס שטיקל פאַרויכערט פלייש האָבן נישט געשאַפן קיין שטימונג. משהל האָט געוואָלט אויפמונטערן די מענטשן, וועלכע האָבן אַזויפיל יאָרן און קרבנות מקריב געווען פאַרן געדאַנק פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער נישט געפינען קיין פאַסיק וואָרט צו טרייסטן זיינע רביים.

— ווייסט איר פּיליכט עפּעס וועגן פריילן סאָניע מינץ?

— צי מיר ווייסן? — זי וועט דאָ זיכער זיין מאָרגן אָוונט. זי געפינט זיך איצט אין מינסק. זי האָט זיך געקליבן פאַרן אַ היים. משהל'ס מאַטאָווער פּנים איז געוואָרן געל. זיין האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן שטאַרקער. וואָס פאַר אַ צופאַל.

מאַדאַם ליפשיץ האָט מיט אירע ליכטיקע אויגן באַמערקט משהלס איבעראַשונג, און, זי האָט מיט מוטערליכער וואַרימקייט, דערציילט ווי וואונדערלעך שיין און ליב סאָניע איז. זי סאָניטשקאַ, טראָגט דורך די שווערע צייט מיט אַ זיסן שמייכל.

דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער, הייסט עס, באַשטעטיקט די זאַך גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

— נו, אַ פיינער צופאַל. — האָט חבר קאַפּלאַן געוואָלט אונטערדריקן זיין אייגענע אויפרודערונג.—איך וועל איר טאַקע אָפּגעבן אַ גרוס פון אירע עלטערן. ערשט מיט דריי טעג קריק געזען איר פאָטער. די מוטער האָב איך אויך געזען מיט עטלאַכע וואָכן קריק.

ס'איז געווען שווער איבערצורייסן דעם פאַרוויקלטן, טויזנט־פּעדימדיקן געשפּרעך. מען האָט אָבער געמוזט. ווייל ס'איז שוין געווען שפּעט. און ביידע, ער און זי, דאַרפן אינדערפרי זיין ביי דער אַרבעט.

— שפּעטיקט זיך ניט מאָרגן אָוונט. מיר וועלן האָבן וועטשערע פאַר אייך.

משהל איז אַוועק אין שטאָטישער קוואַרטיר פאַר בעזשענצעס און איבערגעלעגן די נאַכט. קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ס'איז געווען אַ נאַכט פון לאַנגע וואַנדערונגען. עפּיזאָדן און אינצידענטן האָבן אים גענומען קריק צו זיין קינדהייט. און שפּעטער אַן אַרבעטער אינגל וואָס קומט אַריין פאַר לעקציעס צום אַפּטייקער. ער ווערט אין סאָמע בלי פון זיין יוגנט — דער איינזאַמסטער בחור אין שטעטל. פון זיין גרופּע חברים ווערט ער אָפּגעפרעמדט, און מיט אַנדערע גרופּעס שליסט זיך ניט קיין פריינטשאַפט. עס נעמט ניט לאַנג און ער ווערט אַנגעצונדן מיט ברען און פלאַם — פאַר דער רעוואָלוציע. ער שטייגט פון שטאַפּל צו שטאַפּל. דאָס שטעטל איז פאַר אים צו קליין. ער ווערט געשיקט פון קאָמיטעט קיין „דאָנבאַס". און ווי די ליפשיצעס זיינען דאַן געווען גליקלעך צי זען די פרוכט פון זייער מי! זיי האָבן אים דאַן אויסגעשטאַט מיט אַלעס נויטיקן, ווי מען

שטאָט אויס אַן אייגענעם זון וואָס פאַרט אין דער פרעמד אין אַן אוני־וועדזיטעט צו שטודירן. און אַביסל שפּעטער, במשך דעם קורצן וויזיט פאַר די ווינטער חדשים, ווערט ער בעקאַנט מיט סאָניען און די אַרבעט גייט אַוועק אויף אַנדערע וועגן. זי פאַלט אַריין און ווערט פאַרשיקט אויפן בייקאַל. ער בלייבט שטעקן מיט אַ פרעמדן פּאַס און דינט פּאַניען — נישט אַלס משהל קאַפּלאַן, נאָר ווי וואַסיל פּעטראָוויץ. וויפיל זיינען זיי ביידע דורכגעגאַנגען, און וואָס איז דער פּרייז וואָס זיי האָבן ביידע באַצאָלט, און וואָס זיי וועלן נאָך דאַרפן צאָלן אין די יאָרן פון פייער און בלוט!

**
*

אין דרויסן איז שוין געווען גוט ליכטיק. דורך די אָנגעפּראָרענע פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ מאַטע שיין. דער היימלאָזער עולם אין דער שטאָטישער געביידע איז שוין געווען פאַרטאָן מיטן ביסל „קיפּיטאָק" און טעגליכן „פּאַיאָק". אים האָט גראָד נישט געהונגערט. זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען אין דעם פרימאָרגן מיט זיין הלבשה. ער האָט זיך ביים אַרומוואַשן דערזען אַן אַ אויבערהעמד. אַ אונטערהעמד האָט אים טראָכים געגעבן פרייטיק ביינאַכט. אָבער דאָס סאָלדאַטסקע כאַקע־העמדל איז געווען שמוציק און צעשאָסן. — ווי קען ער באַגעגענען סאָניען אין אַזאַ הולך? אמת, ס'איז טאַקע קליינבירגערליכע פּסיכאָלאָגיע אָבער, ווי קען מען פאַרט באַגעגענען אַ פריינדינע אין אַזאַ גאַרדעראָבע?

משהל האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום מאַרק פון אַלטוואַרג. ער האָט העלפט פון זיין גאַנצן פאַרמעג באַצאָלט פאַר אַ העמדל. זיך געלאָזט אָפּשערן און ראַזירן, און געקומען אַ יום־טובדיקער, אַ פרישער צו די ליפּשיצעס אין צייט. זי, די באַחנטע מאַדאַם, מיט דער גרויער קאָפּ האָר האָט זיך געדרייט ביים פּליטע, און זי האָט אויסגעקוקט — ווי אַ פּרינצעסין מיט אַ ספּעציעל־זילבערנער קרוין, בלויז פאַר דעם אָוונט. ער, דער אַלטער, איז געווען פאַרטיפט אין דער צייטונג, אָבער גוט געשטימט. ווייל ווי נאָר ער האָט דערזען משהלען, האָט ער גאָר האָפּערדיק דערקלערט:

— היינטיקן אָוונט וועלן מיר באַצייכענען ווי די פייערונג פון חברשער פּאַראייניקונג.

— מאַכט אייך באַקוועם, חבר קאַפּלאַן. — האָט די מאַדאַם אַן אויפ־געלויכטענע געבעטן משהלען — סאָניאַ וועט דאָ באַלד זיין. און אַ סעודה וועלן מיר האָבן: אי הערינג, אי קאַשע און אויך קאַווע.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט און אַ קלאַפּ אין דער טיר.

— דאָס איז זי — האָט מען שטיל איבערגעגעבן דעם גאַסט.

— קומט אַריין.

די טיר האָט זיך געעפענט, און א רגע פון קאַמפּלעטער שטילקייט האָט באַהערשט די צוויי צימערלעך. סאָניא האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר אַזאַ שטילקייט. זי איז מיט צאַפּל אַפּגעטראָטן הינטערווייַלעכס צוריק צום טיר.

— וואָס איז דאָ אַזוי שטיל? — האָט זי קוים געכאַפּט דעם אָטעם. דער אַלטער האָט געשמייכעלט. ביי דער מאַדאַם האָבן געגליט די אויגן פון פרייד.

— מיין טייערע סאָניאַ. — איר דערקענט ניט אונזער גאַסט?! זי האָט מאָדנע צעשפּרייט אירע הענט, עפּעס ווי פאַרלאָרן געזוכט, און, אַנעמענדיק גענוג לופט אין אירע לונגען, האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— אוי גאָט מיינער! — מאַוסיי קאַפּלאַן!

משהל האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ טריט פאָראויס. זי איז אים אַ פאַל געטאָן אין זיינע אָרעמס.ביידע האָבן זיך אַרומגענומען, געקוקט איינער אין דעם אַנדערנס אויגן און זיך דערנאָך צעקושט. סאָניע די שטריינג־פרינצעפּעלע רעוואָלוציאָנערין, די ריכטערין פון ציווילן געריכט, האָט אַרויסגענומען אַ ווייס־טיכעלע, און געווישט זילבער־לויכטערע טרערן. דער אַלטער האָט אָפּגעקערט זיינע אויגן אין אַ זייט. אים איז איצט געווען שווער זיך אַליין צו קאָנטראָלירן. די מוטער האָט זיי ביידן אַרומגענומען, און מיט וואַסער־ליכטיקע אויגן ביידן אָפּגעדריקט אַ קוש.

— איצט, קינדערלאַך גייען מיר צום טיש.

— היינט פּראַוועון מיר אַ סדר־נאַכט — האָט דער אַלטער אַלעמען געגעבן זיין שטול — היינט וועלן מיר טרינקען אַ טאָוסט פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר די געסט, און פאַר אַ בעסערן מאָרגן. ער האָט צוגעטראָגן אַ פלאַש מיט משקה, און מען האָט פאַרזוכט אַ ביסעלע ליקער. די סעודה האָט געדויערט ביזן ווייסן טאָג אַריין. ניין חלקים האָט פאַרנומען די הגדה. איין חלק, און אפשר דאָס אויך ניט, האָבן פאַרנומען די משטיינס־געזאָגטע קנייידלעך. דער פּועל־יוצא פון צוזאַמענקונפט איז געווען: — מער קוראַזש, מער צוטרוי, מער גלויבן אין דעם נייעם מאָרגן, מער גלויבן אין די אידיעאַלן און אין זיך אַליין.

נישט געקוקט וואָס די נאַכט איז פאַרשוווּנדט געוואָרן אָן שלאָף, זיינען, דאָך אַלע געווען פריש. די פרויען האָבן זיך איינגעוואַשן, צוגעקעמט די האָר, באַפּודערט דאָס פּנים, און אַוועק צו זייערע שטעלעס. דער אַלטער האָט געהאַט זיין פרייען טאָג, האָט מען ווידער געטרונקען טיי, און פאַרטגעזעצט דעם שמועס. מען איז צוגעקומען צו דער פאַזע אין דער נייער ווענדונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. דאָ האָט דער אַלטער אַסימילאַטאָר און קאָסמאָפּאָליט געצאָרנט קעגן לעניניען. דאָס, זאָגט ער, פירט צו שאָוויניזם. אַלע פעלקערשאַפטן וועלן זיך נעמען

גרויסן מיט זייער אָפּשטאַם. מיר יידן דאַרפן זיין די לעצטע אונטערצו־שטיצן אַזאַ פּאָליטיק. מיר ליידן שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר פאַר אונזער יחוסן זיך.

משהל, ווידער, האָט געניצט דער פויערטעס ווערטער. פאַרוואָס יענעם „פּרימושען״? צו וואָס יענעם באַרויבן פון זיין אייגנאַרטיקן לעבענס־שטייגער און צונעמען אַלע זיינע קולטור ווערטן? רופט איר דאָס אַן פרייהייט? — דאָס איז צוואַנג, דאָס איז רעגעמענטאַציע.

דער אַלטער ליפשיץ איז דאָ געוואָרן אויפגערעגט און זיך צעשריגן אויף גאָר הויכע טענער. — אפשר וועט איר וועלן אַן אייגענע רעפּובליק אין דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטן?

— אויב אזא זאַך וואָלט נאָר געקענט פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלט עס געווען זייער ווינשנסווערט, חבר ליפשיץ. מיר קענען ניט אָפּרייסן דעם נעכטן פון היינט, און דעם היינט פון דעם מאָרגן. ס׳איז אַ צו גע־פערליכע אָפּעראַציע. עס קען זייער טרעפן אַז די אָפּעראַציע וועט גע־לינגען, אָבער דער פּאַציענט אַליין וועט בלייבן טויט.

— חבר קאַפּלאַן, איר זענט מיין גאַסט, און איך וויל ניט שאַפן צווישן אונז אַ מחיצה. אָבער דער פאַרגלייך. די אַנאַלאָגיע, איז אַזאַ פּרי־מיטיווע, אויב ס׳איז ניט קאָמיש, איז עס טראַגיש.

— חבר ליפשיץ, איך שטים איין מיט אייך, אַז מיר טאָרן ניט שאַפן קיין אַנטאַגאָניזם צווישן אונז. אָבער דאָס לעבן האָט מיך געלערנט — גאָר אַנדערש, ווי די טעאָרעטישע באַגרינדונגען. איך האָב געלעבט מיט די מאַסן אין קאַזאַרמע, אויפן שלאַכט פעלד, אין געפאַנגענשאַפט. און איך האָב געזען זאַכן אין רעאַלן לעבן — פיל אַנדערש ווי אין געשרי־בענעם וואָרט. איר חבר, זיינט דאָך מיט די פאָלקס־מאַסן קיינמאָל ניט געקומען אין באַרירונג.

— נו, לאָזט אָפּ, „טשעפּוכאַ״. איר מיינט צו זאָגן, אַז — — — — זאָלן מיר בעסער גיין זיך צושפּאַרן. דער טאָג איז באַלד אַריבער.

— פאַר דעם פאַרשלאַג, שטים איך מיט אייך.

ווען מען האָט זייביידן אויפגעוועקט, איז שוין ווידער געווען דער טיש געגרייט. דאָס מאָל האָט סאָניא זיך געפּלייסט און געבראַכט לוקסע־ריעזע שפּייזן, ווי שפּראָטן, קעז, אויך צוקער. ס׳איז געווען אַ מין דופּלי־קאַציע פון פייערליכקייט. נאָר די פרויען זיינען געווען שטאַרק מיד און אויסגעשעפּט. פונדעסטוועגן האָט מאַדאַם ליפשיץ אויסגעפּלאַנירט, אַז די יונגע פאָר זאָלן כאַפּן אַ שפּאַציר אַליין, און פּילייכט זיך נאָך אַריינ־כאַפּן אין אַ קינאָ.

— חבר קאַפּלאַן, זאָגט מיר וואו איז אייער קוואַרטיר? ווי לאַנג קלייבט איר זיך דאָ צו פאַרבלייבן? און וואָס זיינען אין אַלגעמיין אייערע

פלענער ? וואס איך פארלאנג פון אייך, — וואס איר זאלט ניט טאן, גיט מיר צוויי דריי אויפדערנאכטן. פריער פון אלץ וויל איך א גרוס פון דער היים. איר זאגט אז מיינע עלטערן לעבן ? וואס טוען די שוועסטער, און דער ברודערל. און דערנאך וועלן מיר ריידן פון אונזערע פארלארענע טעג.

— וואס איז עס פארא אויסדרוק פארלארענע טעג ?

— וועגן דעם וועלן מיר נאך ריידן. היינט פירט מיך צו אויף מיין קווארטיר און מיר וועלן זיך מארגן אויפדערנאכט זען. אויב איר בויטיקט זיך אין עפעס, חבר, שעמט זיך ניט. איך וועל זיין איבערגליקלאך אייך צו העלפן. — איר זאגט אז מיינע עלטערן לעבן ? — איז שוין גוט. איך וועל האבן א רואיקע נאכט. אט־א־דא, אין דער געביידע, וואוין איך. איר זעט דעם אדרעס ? — א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט, סאניא. זייט וויסן, אז איך האב זייער א סך צו ריידן מיט אייך. אז דער גורל האט שוין מיר יא געבראכט צו אייך, האב איך, און אפשר האבן מיר ביידע — זייער פיל צו ריידן.

די טיר האט זיך צוגעמאכט, און משהל איז ווידער געבליבן אליין מיט זיך. ער גייט אויף דער צייטווייליקער קווארטיר, לייגט זיך אויף זיין „קויקע" אבער קיין שלאף קומט ניט. ער איז זיך מתוכח מיט זיך אליין, אויף די אלע צופאלן און געשעענישן.

— ווער האט עס פארקערעוועט דאס פערדל אין יענער פאטאלער נאכט ? ווער האט עס א דרייגעגעבן אין דער ריכטונג פון קאסאווע־באראנאוויץ ? ווער האט עס אנגעצייכנט פאר אים — ער זאל זיך אפשטעלן אין מינסק ? משהל האט אינטואיטיוו געפילט, אז עפעס א קראפט, א פארבארגענע, האט אים געפירט אויף אט־דעם וועג און ניט קיין אנדערן. ער האט אבער נישט געוואלט צולאזן דעם געדאנק, אז א געטליכער כוח האט עס קאנטראלירט. דער געדאנק אליין איז שוין א רעגרעס, א צוריק־טרעט צו די אלטע זאבאבאנעס. און ער וויל זיך פון דער פלאג בעפרייען. ער רייסט איבער די זיגזאגן פונם קאמפליצירטן וועג און נעמט טראכטן וועגן די רייד, וואס ער וויל מארגן אויפדערנאכט ריידן צו סאניען. און דא קומען ווידער אריין די ערשטע ווערטער : אויב דער גורל האט מיר געבראכט צו אייך". — וואס איז גורל? ווער האט אים אנגערעגט און פארפירט ער זאל אליין גיין קאנפעסקירן דעם הויף? דאס איז דאך געווען א דעגראדאציע קעגן זיין „טשין"? ער דרעמאנט זיך ווי זיין טאטע פלעגט אמאל דערציילן אומגלויבליכע מעשיות, וואס האבן צו אים אליין געטראפן. ער, דער פאטער, האט נישט געהאט קיינע ספקות. — אזוי האט גאט געפירט, און ער איז געגאנגען אויף א ברייטן שליאך מיט א פארטרויענסווערטן שומר. אבער ווי קומט גאט לויט זיין פאטערס באַ־

גריף־צום אָפּלייקענער, אַטעאיסט — משהל? איז דאָך דאָס ניט מער ווי אַ קוריאָזער אינצידענט.

— ווי וועל איך רײדן צו סאָניען אַלס אַן אַריינפּיר צו דעם וואָס איך האָב אין געדאַנק? — וועט זי דאָס ניט באַטראַכטן אַלס בטלנות. אין אַזאַ צייט ריידן וועגן פּערזענליכע אינטערעסן? זי די ריכטערין, וועלכע משפּט, וועגט און מעסט, אַלץ, לויטן סאָציאַליסטישן קאָדעקס; ביי וועמען די רעוואָלוציע איז פּסיכיש איבער אַלעס און אַלעמען, וועט אים, פּסיכאָ־אַנאַליטיש, מיט וואָרוואורף אָפּמעסטן.

משהל פילט אַז די שעה איז שוין אַ שפּעטע. ער מוז זיך דורכשלאָפן. וואָס איז דאָ פאַראַ פּלאָנטער פון אַנלויפענדיקע געדאַנקען. ס׳זיינען געווען צייטן ווען ער פלעגט אַדרעסירן מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון טויזנטער מענטשן, און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אַזויפיל נאָכגעטראַכט ווי אַזוי צו ריידן — ווי דאָס מאָל.

ס׳איז אים געקומען אַ ווערטל, וואָס זיין געוועזענער באַלעבאָס האָט אים אַמאָל אויסגערעדט: פאַר ניט טאָן די מלאכה צו גוט.

— אַז מען גייט מיט אומוועגן, — נעמט עס לייגנעד, און ס׳קומט אַן שווערער. איז נישט זיין טראַכטן איצט אַ פּועל־יוצא פון אומוועגן? ער קען דאָך סאָניען זאָגן פּשוט און דירעקט, — איך האָב אַלעמאָל געדענגט וועגן אייך, און איך ליב אייך היינט צו טאָג. קענען מיר ריידן וועגן קעגנזייטיקן גליק — אָדער ניט?

די דערמאָנונג האָט משהלען פריי געלאָזן פון דעם געדאַנקען־פּלאָנטער, און ער איז פאַרזונקען אין שלאָף מיט זיסע חלומות.

אויפגעשטאַנען איז משהל שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. אין דער קיך איז שוין גאָר נישט געבליבן פון דעם מיטאָג מאָלצייט. ס׳האָט אים שטאַרק געהונגערט, און געשטערט זיין פאַרברייטונג פאַרן אַנטשידענעם אָוונט. ער האָט זיך גענומען פאַר דער וואָנט־צייטונג און געלייענט די נייס ווי די פּוילישע לעגיאָנען שפּאַרן זיך צו אוקראַינע, און ווי די מיליטערישע מאַכט, אויסגעשטאַט מיטן אַליאירטן געווער, באַהאַנדלט די דאָרטיקע באַפעלקערונג און איבערהויפּט די אידישע איינוואוינער. אַ געוויסע ידיעה פון אַ פאַרנומען שטעטל האָט משהלען אויסגעניכטערט פון ליבע חלומות, און ער האָט באַשלאָסן, אַז נאָך היינט זעגענט ער זיך אָפּ מיט סאָניען, מיט די ליפּשיצעס, און שליסט זיך אָפּיציעל אָן אין דער יונגער רויטער אַרמיי. וועט ווידמענען זיין באַשערטן לעבן פאַר אַ גערעכטער וועלט.

נאָך דעם אָוונט־מאָלצייט וואָס מען האָט סערווירט פאַר די היימ־לאָזע, איז ער אַוועק צו סאָניעס קוואַרטיר, געגאַנגען איז ער ווי אַ רעקרוט, מיט אַ שטייפן טראָט, און דעצעדירטן געדאַנק. ער האָט פאַר זיך ווידער

געזען די שלאַכט־פעלדער, נאָר דאָס מאָל אייגענע פאַרטיידיקונגס־פּאָזי־ציעס, נישט קיין פרעמדע. ס'איז לעבן אָדער טויט.

ווען ער איז אַריין צו סאָניען, האָט זי גלייך געזען אַ צערודערטן חבר. און זי האָט כיטרע־דיפּלאָמאַטיש, דערצו מיט ווייבערשן רייץ, אים געפרעגט:

— חבר קאַפּלאַן, מיר האָבן דאָך אַזויפיל צו ריידן, וואָס זייט איר אַזוי נערוועז? איך וויל טרעפן אַז מיינע געדאַנקען זיינען פּונקט ווי אייערע. און זאָלן מיר צוטרעטן דירעקט צו אונזער אייגענער פּראָבלעם.

— חברה מינץ, איך האָב געהאַט אַזויפיל צו ריידן. אָבער די צייט, די אומשטענדן דיקטירן עפּעס אַנדערש. איך האָב אַלע מיינע יאָרן גע־בענקט נאָך אייך, און איצט אין דעם מאָמענט ווען מיר האָבן זיך צוזאַ־מענגעטראָפן, וואָלט געווען אַ מאָראַלער פאַרברעכן ווען מיר ריידן אפילו וועגן דעם.

— אין קעגנטייל?

— ניין, חברה! אין יאָרן פון פייער און בלוט, טאָר מען נישט דענקען וועגן פּערזענלעכע אינטערעסן און פאַרגעניגנס. אונזערע טרוימען און האָפנונגען שטייען אין קאָן. אונזערע אַלע יאָרן מי און מסירות נפש קענען אָפּגעווישט ווערן, — אויב מיר וועלן זוכן פּערזענליכן גליק!

— וואָס, איז עס געוואָרן אַ פּלוצלונגדיקער שריט? אָדער איר האָט עס פּלאַנירט? זאָגט וואָס ווילט איר טאָן? וואָס פאַרלאַנגט איר איך זאָל טאָן?

— איך שליס זיך אָן אין די קעמפענדיקע רייען פון דער רויטער אַרמיי און מאָרגן וועל איך זיין מיט זיי.

— ווען איר האָבן דאַקעגן, — אַז איך וועל זיך אָנשליסן אין דעם רויטן אַרמייער?

— סאָניאַ! — וואָס מיינט איר? שפּאַסט איר, אָדער איר רעדט עס ערענסט.

— איך שפּאַס ניט, פון היינט אָן וועלן מיר זיין צוזאַמען. מיר וועלן זיין דער אַוואַנגאַרד פון די גערעכטע קעמפער. מיר וועלן פאַרטרייבן די שונאים פון דער ליידענדער מענטשהייט. דאָס איז אונזער היסטאָרישער גורל. מיר וועלן קומען אַהיים. איך וויל, אַז מיין טאַטע מאַמע זאָלן מיר פירן מיט פאַקעלן, מיט ליכט צו דער אַלטער חופה, מיט פיר שטענגלאַך.

ביידע האָבן זיך אַרומגענומען, ס'איז געפאַלן קאָפּ אויף אַקסל. אין פאַרגליווערטקייט האָבן טרערן צוזאַמענגעשמאָלצן צוויי מענטשן אין איין בונד....

דריי ניגונים

שוין דריי וואָכן זינט די רויטע אַרמיי האָט זיך באַפעסטיקט אויפן מזרח ברעג פון שמאָלן טייך „פינא" און האַלט אָפּ די שטאַרקע אַטאַקעס פון שונא.

טאָג און נאַכט דונערט מיט ווילדן פייף דעם שונא'ס קאַנאָנען און באַפאַרבן די הימלען רויט און בלוי. גרין־ווייסע וואָלקנס בלאָזן אויף, און צעשווימען הרחבותדיק אונטער לויטער קלאָרע הימלען. דער וואַלד שפיגלט זיך מיט זיינע גאָלדיג ברוינע בלעטער. אין דער האַרבסטיג גאָלדענער זון, און ענטפערט מיט הילכיגן עכאָ פון אויפרייסנדיקע שראַפּנעלן, וועלכע טרייסלען אויף דעם גאַנצן אוניווערז. אויף דער בלוטיקער ערד קריכן צושראָקענע מענטשן אין גראָז־גרינע „יוניפאָרמס". דורך באַהאַלטענע וועגן כאַפּט מען זיך אַריין אין וואַלד זיך צו שיצן פון שונא'ס אויג און פון זיינע מעכטיקע עראָפּלאַנען וועלכע רעגענען מיט קוילן און מענטשלעכע גלידער. הונדערטער באַשפענישן אין גראָז־גרינע יוטיפאָרמס פאַרשלינגט דער וואַלד, און דאָרט: רוישט מיט שטאָל, בליי און פייער, וועלכער לעשט אויס צענדליקע לעבנס יעדע מינוט.

אין שטעטל האָט זיך דער לעבנס פּולס אָפּגעשטעלט. ביינאַכט ליגט מען אין באַהעלטענישן, און בייטאָג נעמט מען רעכענונג פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, שטיל, קיין באַוועגונג פון דער ציווילער באַפעלקערונג. ס'איז שווער אויסצוגעפינען — וואָס אויף דער צווייטער גאַס האָט פּאַסירט. דער איינציקער פּריוועליגירטער — איז דער פאַרשאָלטענער סאָלדאַט, ער מעג, ער גייט דורכן שטעטל צום טייך דורכן וואַלד, אים, דעם סאָלדאַט, אָדער מען טראָגט אים צוריק אָדער ער שלעפּט זיך אַליין. אַרומגעוויקלט מיט באַנדאַזשן פאַרברענט פון פייער. וועגעלאָך מיט'ן רויטן קרייץ, סאַניטאַרן לויפן הין און צוריק מיט איינגעהאַלטענער שטילקייט, און מען זעט אַז די וועלט ראַנגלט זיך אין אירע לעצטע גסיסה־שעה'ן. און באַלד הויכט זי אויס איר לעצטן אָטעם־צוג. און אַלץ ווערט שטיל פאַרגליווערט אין אייביקע אייביקייטן.

אַט אַזוי ציען זיך פינסטערע נעכט. שווערע טעג, איינער נישט אַנדערש פון אַנדערן. יעדן טאָג פרישע קברים. מיט סאָלדאַטסקע היטלען אויף שטעקענס אויפגעהאַנגען. עס ווערט אַ טאָג טעגליכע דערשיינונג. און די לעבעדיקע וועלכע האָבן זיך שוין פון אַלץ מיאש געווען, הויבן אָן טראַכטן וועגן דאָס ביסל זריעה וואָס ליגט אין דער ערד, און די היישעריקן, (די רויטע אַרמיי) עסן אַלעס אויף. זאָלן קנאַלן קוילן, זאָלן פּלאַצן שראַפּנעלן — מען מוז דאָס ביסל האָב און גוטס אויפזאַמלען אונטער אַלע אומשטענדן.

זייער שווער איז געווען דער ערשטער שריט אין פעלד אַריין. מיט דערוואַרטונג פון טויט יעדע מינוט האָט מען זיך צולייגט אויף די פעלדער גראַבן קאַרטאָפל, אַרונטערנעמען אַנדערע זאַכן וואָס זיינען שוין צופוילט געוואָרן אויפן פעלד. די עראָפּלאַנען האָבן ניט געמאַכט קיין אויסנאַם, זיי האָבן באַהאָגלט מיט קוילן די ווייבער מיט קינדער, וועלכע האָבן ווי וואַנזיניקע געלאָפן אין דער וועלט אַריין. מינוטן פון פּאַניק און פאַר־צווייפלטע געשרייען האָבן אונטערבראָכן דעם מאָנאָטאָנעם הילכן פון „פולעמיאָטן" און ביקסן שיסעריי. אָבער פאַרטרייבן די מענטשן פון פון דער ערד, וועלכע האָט געגעבן אַביסל שפּייז האָבן די מאָדערנע טייוואָלים נישט געקענט.

דעם טאָג פון ערב ראש השנה, האָט זיך דערהערט אַ נייער קלאַנג פון אַ הילכיקן דונער, ווי ער זאָל זיך אָנשלאָגן אין קופּערנע בלעכן, די רויטע אַרמייער, דערהערנדיק דעם קלאַנג, זיינען פרייליכער געוואָרן, איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעזאָגט — „בראָנאָוויק", ד.ה. אַ געפּאַנצערטע באַן איז צוגעקומען, וועלכע שטייט אויף די רעלסן און באָמבאַרדירט דעם שונאס פּאָזיציעס. שטילער און שוואַכער זיינען געוואָרן דעם שונאס האַר־מאַטן. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַר עטלעכע קילאָמעטער. אין שטעטל האָט מען גענומען קלייבן בעל תפלות, צו דאַוונען בציבור.

ס'איז אָבער געווען אַ זייער שווערע און קאָמפּליצירטע הלכה. זיך צונויפקלייבן אונטער די אומשטענדן ווייל די מאַכט האָט פאַראָרדנט — קיין מאַסן־צוזאַמענקונפט.

— איר קענט אייך דאַוונען וויפיל איר ווילט, אָבער אין קליינע גרופּעס. — מאַכט מנינים — האָט אַ אידישער קאָמיסאַר גע'עצה'ט.

שווער האָבן געזיפצט די עלטערע אידן — קיין סליחות ניט געזאָגט. און ווער ווייסט צי מען וועט קענען דאַוונען בציבור.

און שופר בלאָזן? וועט מען טאָרן? — האָט איינער מיט גרויס אימפּעט אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט געפונען אַ זאַך וואָס די גאַנצע עדה האָט געזוכט.

אַ טרויעריקער שמייכל האָט זיך פאַרצויגן אויף אַלעמענס ליפּן, און מיט ביטול געקוקט אויף דעם איינעם — ווי זיי וואָלטן זאָגן — אַ שוטה בלייבט אַלעמאָל אַ שוטה.

די זון האָט זיך גענומען רוקן צום ראַנד וואו דער טייך פּינא ליגט. דער וואַלד האָט זיך געצונדן פייערדיק רויט און געשראָקן מיט הילכיקע עכאָ׳ס פון דעם „בראַנוויק״ וועלכער איז געשטאַנען דאָרט ביי דער גרינער בריק, און באַשאָסן דעם אָפּטרעטנדיקן שונא.

שטיל, מיט פּחד, האָבן זיך געקליבן מנינים אידן. צו מעריב דאַרף מען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע בעל תפלות. ס׳איז נישט געווען וויכטיק דער נוסח, דער ניגון. די הערצער זענען געווען פול, און צום ערשטן ברכו האָבן זיך שוין געגאָסן טייכן טרערן. אַ פאַרשטיקטער געוויין האָט אַרויסגעכריפּעט פון שליח ציבור. ווען ער האָט זיך אויסגעטענה׳ט און געבעטן ביים ד׳ צבאות. און נאָכן דאַווענען האָבן מענטשן ווי פאַרשעמטע זיך געוואונטשן איינער דעם אַנדערן: לשנה טובה תכתבו — ווי מען וואָלט געפילט אַז דאָס איז אַ פאַלשער וואונטש.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אפילו דער „באַראַוויניק״ — האָט אויך אַרום האַלבן נאַכט איינגעדרעמעלט... קיין ראַקעטן אויפן הימל האָט מען נישט געזען, און עס האָט זיך געפילט דאָס דער שונא איז שוין באַזיגט געוואָרן און צושלאָגן. דערפאַר האָבן זיך צונויפגעקומען מער מענטשן צו די מנינים, און מען האָט זיך צוגעגרייט בעטן דעם כביכול אַ גוט יאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ארום מוסף זיינען די מנינים פול געוואָרן מיט יונגוואַרג, ס׳איז געוואָרן ענג און דושנע, דער בעל תפילה האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ צום בעל הרחמים. עטליכע רויטע אַרמייער האָבן זיך אריינגעג׳גנב׳עט אין די הייזער וואו מען האָט געדאַווענט. און אַן חרפה האַרציק געוויינט. אַלע־מענס בליקן זענען געפאַלן אויף די פּאָר אידן מיט רויטע „שטערענס״ אויפן היטל. אַ פרישן שטראָם פון טרערן האָט אַרויסגערופן, דער רירנדיקער פאַרבענקטער געוויין פון די פרעמדע, וואָס וואַלגערן זיך ווייט פון זייער היים. און דער בעל תפלה וויינט אויס פּסוק נאָך פּסוק. היום הרת עולם, היום יעמוד במשפט כל יצורי עולמים, אם כבנים, א.א.וו.

פון מאַרק הערט זיך דאָס געזאַנג. פון אַ אָפּגעהענדיקן שאַלן צום פּראָנט, זיי זינגען גראַדע פּריילעך. אַ פריילעכע סאָלדאַטסקע לידל, נאָר מאָדנע טרויעריק קלינג עס און דריקט ווי מיט קלאַמערס אויף דער נשמה. מען הערט פון די טענער ווי עס שרייט — מי במים, מי באש מי בחרב, מי ומי... נאָכן דאַווענען, איז נישט געווען קיין סימן פון יום טוב׳דיקייט ניט אין הויז ביים טיש. נישט אין דרויסן. גרויע וואָכעדיקייט מיט אָפּ־געריסענע לאַטעס. פון צוריסענע הייזער זיינען געשטאַנען ווי אָפענע

וואונדן און צושטערט דאָס ביסל יום טובדיקע גייסטיקייט, וועלכע מען האָט נאָר וואָס געשאַפן בציבור. וואָלטן שוין שטום געוואָרן די האַרמאַטן וואָלט שוין במילא ליכטיקער געוואָרן אין טונקעלע טרויער טעג. קומט אָבער ווידער שלעכטע נייעס — דער שונא האָט זיך פאַרשטאַרקט און אונזערע פאָזיציעס וועלן ווידער מוזן זיין די „פינא״ און אַזוי איז טאַקע געווען, ליכטיקער איז בלויז געוואָרן די פאָר טעג פון יום טוב. ווי נאָר ראש השנה איז אריבער, האָט ווידער אָנגעהויבן דאָס שטענדיקע קאַנאָנאַדע און צומאָל שווערער ווי פריער. איצט פאַלן שוין די גראַנאַטן און שראַפּנעלן אין און אַרום שטעטל, ווידער קיין סימן פון ציווילע, בלויז סאָלדאַטן און פערד הין און צוריק. שווערע רעדער קלאַפן אויפן ברוק אויף און אָפּ, נאַכט און טאָג. דער „בראָנאָוויק״ שטייט שוין איצט הינטערן שטעטל און שיסט אַריבער, רעגענבויגנדיק איבערן שטעטל. און מען זעט ווי שוואַרצע שטיקער קיילעכן זיך און רייסן די לופט מיט אַ מוראַדיקן פייפן!!! ביז עס עקספּלאָדירט. האָט דער אויפרייס אויסגעלאָשן עטליכע מענטשלעכע לעבענס, אָדער ניט. דאָס לאָזט מען איבער צום ביטערן גורל. היום הרת עולם....

ליגנדיק אין די קאַלטע גריבער, אין די לאַנגע פינסטערע נעכט, האָט מען געפירט וויכוחים, וועגן נייע וועלט אַנשויאונגען, און נביאות געזאָגט: אַז פון דעם גערעַנגל וועט אויפשטיין אַ נייע בעסערע וועלט.

פלעגט אָבער אין דער סאַמע היציקער דעבאַטע אויפרייסן אַ באָמבע ניט ווייט פון גרוב, און אָנמאַכן אַ שטורעם. אָפּברעקלען שטיקער ערד פון דער „אָקאָפּע״ וועלכע האָט געגעבן דעם לעצטן סיגנאַל — דאָס איז אייער אַלעמענס סוף. און אויפפלאַצן איינמאָל און נאָך אַמאָל, נאָר די מענטשן מיט אויף טויט צושראָקענע אויגן האָבן נאָך איינער דעם אַנדערן געזען. פלעגט מען זיך נאָך דערביי אַ וויצל טאָן — „לעילא ולעילא״... און פאַר־זעצן דעם געשפּרעך. טאָמער האָט איינער באַגאַנגען אַ שטיקעלע עולה, מיט האַנדלונג, אַ וואָרט, אָדער אין דער מחשבה, האָט יענעם שוין מער ניט געפעלט. קיין עולות האָט מען ניט געוואָלט פאַרליידן. אין אַזאַ צייט ווען די וועלט קוילעט זיך אויס איינער דעם אַנדערן, ליגן עטליכע אידישע משפּחות אין איין לעבעדיקן קבר, און זוכן יושר, אַנשטענדיקייט, און מענטשליכקייט.

אָט האָט איינער אַ גלויביקער איד, אַ זאָג געטאָן: — מיר האָבן נאָך אַ גרויסן גאָט, אָט זעט איר דאָך בעשיינפּערלעך — אַז אויף יום טוב האָט מען דעם פראָנט אָפּגעטריבן פון שטאָט, און מיר האָבן געקענט דאַווענען בציבור.

— זאָג מיר נאָר, וואָס ביסטו בעסער ביי גאָט ווי די אידן פון ק—ן?

איז דאָ געוואָרן אַביסל שטילער, איז דאָרטן געוואָרן שלעכט. וואָס דאַרף מען ריידן נאַרישקייט אַז מען באַקלערט זיך ניט וואָס דאָ קומט פאָר.

דער ענטפער איז געקומען פון דעם חכם יוסף יעקב, וואָס איז אַלעמאָל שטרענג און בייז אויף די אַרומיקע. די איבעריקע וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין פון יוסף יעקב׳ס סאַרקאַסטישע באַמערקונג, האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער זאָגט, גערעכט, זייער גערעכט.

אין די אַכט טעג פון ראש השנה ביז יום כפור, איז דאָס שטעטל כמעט חרוב געוואָרן. יעדע נאַכט, נייע חורבנות, מיט טויטנפאַלן. דער טויט האָט צושפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען און איינגעדעקט דעם גאַנצן געגנט מיט אַ שוואַרצן שלייער, און געשראָקן מיט אונטערגאַנג.

טעג פון אַגאָניע, נעכט פון לעצטע מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן, די שלאַכטן זענען געהאַנגען ווי אויף אַ וואָגשאָל עטלעכע טריט צוריק, עטליכע טריט פאָראויס, די לאַגע איז געווען זייער אַ פאַרצווייפלטע. דאָך האָט עס נישט אָפּגעהאַלטן דער „פּאָליט ־ ביוראָ״ אָפּצוהאַלטן מיטינגען יעדן פאַרנאַכט אויפן מאַרק, און פּראָפּאַגאַנדירן די הייליקייט און וויכטיקייט פון קאַמף פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע וואָס וויל באַפרייען די מענשהייט, פון טיראַנאַי און פּאַראַזיטן. אונטער די קולות פון האַרמאַטן שיסעריי פלעגט אַלעמאָל אָפּהילכן אַפּלאָדיסמענטן און בראַוואָ פּאַטשערייען. ס׳זאָל לעבן די רעוואָלוציע ! . . .

אָט איז דער טאָג פון ערב יום כפור. דעם גאַנצן פרימאָרגען איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע באָמבאַרדע. די מענטשן אין די גריבער האָבן שוין ענטוויקלט אַ חוש פאַר מלחמה אָפּעראַציעס: לויטן שיסן, האָבן זיי שוין געקענט אורטיילן — צי דער שונא איז אַריבער דעם טייך, אָדער — פאַרטריבן געוואָרן פון ברעג. איצט האָבן אַלע אײַנגעשטימט — אַז דער שונא איז גאָר נאָענט, און די געפאַר איז זייער גרויס.

נאָך האַלבן טאָג איז עפּעס שטילער געוואָרן די שיסעריי ווי פּלוצלונדיקער איבעררייס. געל ברודיקע פּנימער מיט אויסגעלאָשענע אויגן, האָבן זיך גענומען רוקן פון די גריבער אַרויס, און מיט חיה׳שן אינסטינקט גענומען אויסשפּירן, וואו דער מלאך המות האָט זיך באַהאַלטן. זייער שרעקלעכע נייעס איז פאַרשפּרייט געוואָרן, פון מויל צו מויל, וועלכע האָבן אַלעמען צעטומעלט:

— אַ גאַנצע „אָקאָפּע״ איז אויפגעריסן געוואָרן און פיר משפחות זיינען אומגעקומען — און צווישן זיי דער בעסטער בעל תפילה פון שטעטל, ר׳ חיים ראָזענקראַנץ! דער וואָס האָט געשפּאַלטן די הימלען צום בעל הרחמים און די ראש השנה׳דיקע מוספים. און געבעטן „וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך״.

נייע יללות, און טענות צום רבש״ע האָבן געבראָכן די געמיטער, און מען האָט זיך פאַרגעסן וואו מען איז אין דער וועלט. אָבער יוסף יעקב דער חכם, וועלכער איז אַלעמאָל זאַכלעך און פּראַקטיש: האָט אַ זאָג געטאָן — אידן! ס'איז באַלד צייט צו זאָגן „כל נדרי״.

שטילער און טרויעריקער איז געוואָרן אין דרויסן, די זון האָט ווי אַ פאַרשעמטע זיך באַהאַלטן הינטער די רויכן פון ברענענדיקע חורבות. און זיך אַריינגעגנב'עט אין וואַלד דאָרט אפשר אויך אומקומען. אויפן ברוק האָט שוואַך געקלאַפּט די צוויי־רעדלדיקע וועגעלעך מיט פאַרוואונדעטע, האַלב טויטע סאָלדאַטן, וועלכע מען האָט געפירט צום פעלד לאַזאַרעט. אין מאַרק האָט מען זיך גענומען קלייבן צו די פאַרנאַכטיקע מיטינגס, פאַר אויפקלערונג, און פאַרשפּרייטן ליכט. אידן מיט טליתים אונטער די אָרעמס זיינען געגאַנגען על קידוש השם, צו די מנינים צו זאָגן „כל נדרי״. אונטער די טונקעלע שאָטנס פון די יחידים. וועלכע זיינען פון דער ערד אַרויסגעקומען, געלייטערט און געהייליקט, האָבן זיך געשפּרייט סילועטן פון קדושים פון הונדערטער דורות, וועלכע זיינען אויך געגאַנגען דעם זעלבן וועג, אין די זעלבע פוס־טריט, און טרעטן צוזאַמען אין מאַרטירער וועג.

אין מאַרק פון דער פּלאַטפאָרמע, האָבן די רעדנער געשטורמט קעגן גאָט, קעגן די אַלטע מנהגים, קעגן די אַלטע געוואוינהייטן, וועלכע דער הערשנדיקער קלאַס, האָט אַרומגעוויקלט און פאַרבונדן די אויגן, פון דער מאַסע וועלכע טראָגט דעם אומגערעכטן יאָך. הילכיק האָבן געקלונגען די קולות אין דער פאַרנאַכטיקער שעה, און זיך אַריינגעריסן דורך די אָפענע טיר און פענסטער צו די מנינים, און דערטרונקען דעם „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״, וואָס דער בעל תפילה האָט אַזוי טרויעריק אויסגערופן. איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן פרעגן — וואָס טוט מען צו דעם? מען לעסטערט דאָך גאָט בפרהסיא !

וואו ניט וואו האָט אַ באָמבע אויפגעריסן, און געשטערט דעם געראַנגל פון באַזונדערע קולות, באַזונדערע רופן, באַזונדערע ניגונים.

— על דעת המקום, ועל דעת — — האָט דער חזן געמורמלט. דער אָרקעסטער אין מאַרק האָט אויפגעשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״.

כל נדרי — האָט דער בעל תפילה מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגעברומט מיט אַ צעבראָכן, אומעטיק קול. די ביסל מתפללים האָבן גענומען נאָכברומען: „ואסרי, ושבועי״ — — זיך איבערגעדעקט מיט די טליתים איבער די קעפּ, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט הערן דעם פרעמדן ניגון וואָס רייסט זיך איצט פון אַ טויזנט קעפּעדיקן עולם. ווען דער שליח ציבור האָט מיט אַלע כחות אויסגעשריען „ודארסנא על נפשתנא״, איז אים געוואָרן אוממעגלאַך ווייטער אָנצוגייך.

שאַרף און שטורמדיק האָבן זיך אַריינגעריסן די ווערטער: קיינער וועט אונז ניט אויסלייזן, ניט גאָט און ניט קיין העלד, מיט אונזערע אייגענע כלי זין, באַפרייען וועלן מיר די וועלט.

אומבאַהאָלפן איז געשטאַנען דער בעל תפילה, ווייל דאָרטן האָט ער געהערט די שטימע פון זיין זון. אומבאַהאָלפן, איז געשטאַנען די גאַנצע עדה, ווייל די יוגנט איז פון זיי אַוועק.

— און דאָס איז דער לעצטער און אַנטשיידנדיקער קאַמף — האָט ווידער אויפגעטרייסלט דאָס טונקל באַלויכטענע הייזל, דאָס שאַלן פון עטלעכע טויזנט שטימען, און אָנגעפילט יעדן חלל מיט פרעמדע גייסטער, וועלכע האָבן געשראָקן און געריצט, גערופן אין אַנדערע וועלטן.

— מיט וועמען זיינען מיר געבליבן — האָבן די דאַוונער געמור־מעלט. — מיר זיינען געבליבן אָן קינדער.

מיום כפורים זה, עד יום כפורים הבא עלינו לטובה: — האָט דער בעל תפילה אָפגעשריען אַלע קולות, און אַ הארמאַט האָט מסכים געווען, בום! בום!

די עכאָס פון די דריי ניגונים האָבן זיך צעזאַמענגעשטויסן, אויפ־געטרייסלט דעם גאַנצן אַרום, און דערנאָך צעשוואומען אין גאָר באַזונ־דערע ריכטונגען . . .

אין פייער

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען דאָרט אויבן אָנגעגע'חת'מעט: דאָס ר' אליה מ"ס זאָל ווערן אַ פירער, אַ פאָרשער, אַ אַנזאָגער און אַ אָנווייזער.

ווער אין שטעטל האָט ניט געקענט ר' אליה מ"ס? וועלכער האָט געוואוינט אַטקעגן דער אַלטער פּאָטשט, מיט דעם גלעזערנעם גאַנעק, וואָס האָט געדינט אַ גאַנץ יאָר פאַר אַ וועראַנדע, און סוכות פאַר אַ סוכּה.

ווער האָט ניט געהאַט קיין דרך ארץ פאַר ר' אליה מ"ס? — אַלע יונג און אַלט, קליין און גרויס, האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט צו אליה מ"ס. ווייל ביים ערשטן קוק אויף דער פּערזאָן האָט מען געזען די אַריסטאָקראַטיע אַרויסשיינען פון זיין פּאַטריאַרכאַלישן געזיכט.

געדאַוונט האָט ר' אליה אין פריצישן בית מדרש, אַרונטער אויף דער קאַברינער גאַס. געווען איז ער דאָרט דער שפּיגל פון אַלע דאַוונערס כאָטש קיין דעות האָט ר' אליה קיינמאָל ניט געזאָגט. — דאָך איז מען אַלעס געגאַנגען פרעגן ביי ר' אליה'ן.

האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל שאלה ביי דאָרטיקע שכנים און אליה איז נאָך געווען אין בית מדרש; פלעגט מען שוין ניט גיין אין שטאָט אַריין צום שול־הויף — ער פלעגט עניבות'דיק אָן אויטאָריטעט דאָס פאַר־ריכטן — נו נישט קשה. מען קאָן דאָס נוצן — פלעגט ער זאָגן.

שבת איז ר' אליה געווען אין גאַנצן אַן אַנדער מענש. ער איז געווען לויטער נשמה יתירה. פשוט די שכינה האָט גערוט אויף אים.

אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קאָלנער, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, אַ לאַנגען סורדוט און אָפּגעפּוצטע קאָמאַשן, רייך, ציכטיק, ענלעך צו דר. הערצל, נאָר אַביסעלע עלטער.

פון וואַנען קומט עס צו אַ ליטווישן ניט קיין פאַרמעגלעכן אידן אַ האַרטע הוט, מיט אַ ווייסן קאָלנער? — דאָס לאָז איך איבער צום לעזער, ער זאָל זיך אָנשטויסן: — געווען מסתמא אין אַמעריקאַ. און אַז איר הערט זיך צו ווען ר' אליה רעדט וועגן וועלט זאַכן, זעט איר אַז דער מענטש ווייס אַ וועלט. ער ווייס גאַנץ ניו יאָרק, ברוקלין, בראַנזוויל, אַפּטאַון, דאַנטאַון. ער ווייס פון בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז. הכלל, ער איז באַקאַנט

מיט די גרעסטע וועלט שטעט. דערפאַר ווייסט ר׳ אליה ניט די קלענסטע דערפלעך וואָס רינגלען אַרום זיין שטעטל, וואו זיי ליגן און ווי זיי הייסן.

פון וואַנען זאָל טאַקע ר׳ אליה וויסן פון דערפער. אַז הייסן, הייסט ר׳ אלהי מ״ס „מוכר ספרים״. און ספרים דאַרפן ניט די פויערים פון די דערפער.

מיט די אידן וואָס ער לערנט משניות, רעדט ער יאָ אַמאָל פון געוויסע דערפער מיט אומגעלומפּערטע נעמען. נאָר ווער דאַרף וויסן און ווער קען דאָס געדיינקען?

ויהי היום, מאַכט זיך אַ מעשה אַז ניקאָלאַי מיט ווילהעלעמען גלייכן זיך ניט אויס און פאַרפירן אַ מלחמה. אַ מלחמת גוג ומגוג. און די דייטשן לאָזן זיך אַרונטער פון די קאַרפּאַטן בערג אַזש ביז אויף יענער זייט פּינסק, לוצק, באַראַנאָוויטש. און עס ווערט פאַר אַלעמען אַ נייע וועלט. און פאַר ר׳ אליה׳ן אַ ניי לעבן.

געוועזן איז עס אַזוי: די פויערים פון די דערפער האָבן נישט געוואָלט בלייבן ביים אידישן פעטער ווילהעלם. האָבן זיי אין גרויס איילעניש געכאַפּט דאָס נויטיקסטע, און איבערגעלאָזן פאַרזייטע פעלדער, אָנגעפּילטע שייערן, און זיך געלאָזן צו דער „מאַטושקאַ ראַסיאַ״. און ווען די דייטשע מיליטער האָט אָקופּירט דעם געגנט זיינען קיין פויערים ניט געבליבן צו ברייינגען שפּייז פאַרן שטעטל. דאַן האָבן שטאָטישע בעלי בתים מער ניט געקאָנט וואַרטן און זיך אַרויסגעלאָזן איבער די דערפער. אויך איבער די פעלדער און ברענגען אַהיים פאַרשידענע שפּייזן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט פאַר׳יתום׳ט וואו אַ פוס האָט נאָר געטראָטן. דאַן האָט אויך ר׳ אליה שוין אַ בן שבעים מיט אַ שטעקן אין האַנט געגאַנגען יעדן פרימאָרגן אין די נאָענטע דערפער מיטן זעלבן שטעקן; אָנדרעשן אַביסל תבואה און פאַרנאַכט דאָס ברענגען אויף די אַלטע דאַרע פּלייצעס אַהיים. און אַט אַזוי האָט זיך ר׳ אליה אין יענע טעג דערוואוסט די נעמען פון די דערפער וואָס רינגלען אַרום זיין שטעטל.

מאַכט זיך ווידער אַ מעשה אויף וועלכן קיינער האָט מער ניט ערוואַרטעט. — מען האָט געמיינט אַז עס איז שוין געקומען אַ סוף צו מלחמות. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַרשריבן פערצן פונקטען. און עס וועט זיין שלום ושלוה אויף דער וועלט.

קומט אויף אַ ניי פּוילן, און וויל שוין פאַרכאַפּן אַ האַלבע רוסלאַנד, און פירט מלחמה מיט דער רויטער אַרמיי און ר׳ אליה׳ס שטעטל איז ווידער אויפן פייער.

אויסגעקומען איז עס פונקט אין חודש אלול, ווען די נאַטור איז אַזוי שיין. די זון יובעלט אירע לעצטע זומער טעג, די לופט איז ריין, דורכזיכטיק, שמעקט מיט ריחות פון צייטיק־געוואָרענע פרוכט. דער מענטש

פילט זיך פריש, מונטער, גרייט די אַלע צייטיק געוואָרענע פרוכטן אויפצו־זאַמלען, פּרעזערווירן, פאַר די טעג ווען די גאַנצע וועלט ווערט פאַרדעקט מיט אייז און שניי. אין יעדע טעג איז מען געלעגן אין פייכטע גריבער, און געשמעקט רויע ערד און ערוואַרטעט דעם טויט יעדע מינוט.

געווען איז עס שמיני עצרת פאַרנאַכט. דאָס פּייפּעריי פון ביקסן און פּולמיאָטן קוילן האָבן געשניטן די לופט. הייזער האָבן זיך געוויקלט אין פייער און רויך, די פּוילישע חיילות האָבן פאַרטריבן די „באָלשעווי־קעס" צום אַנדערן עק שטאָט. האָבן זיי די פּוילישע פאַרביילויפנדיק די גריבער אַרייגעשריען: — גייט לעשט די הייזער! אַז ניט וועט אַלעס פאַר־ברענט ווערן. דאַן שטעקט ר' אליה אַרויס זיין ווייסע באָרד אַ קוק צו טאָן וואו האַלט עס מיטן פייער.

— סטאָי! — הערט ער אַ געשריי, „כאָדז זאַ נאַמי" קום מיט אונז — הערט ער אַ שטרענג באַפעלעריש קול. — ווייז אונז דעם וועג צו סוועקליטש!

— נו מענשן פרעגן דעם וועג, טראַכט ר' אליה. און ער ווייס דאָך טאַקע. פאַר וואָס ניט? ער וועט זיי מעלדעווען דעם וועג, מיט וועלכער גאַס זיי זאָלן גיין. און דאָרטן איבערן ליניע זיך נעמען לינקס. און דער ערשטער דאָרף איז סקוועליטש.

ער גייט צו צום אָפיצער פון באַטאַליאָן און וויל עס אים זאָגן.

— ניין! ניין! — קום מיט אונז — מאַרש!

ר' אליה דערפילט אַ פאַר שטאַרקע הענט גיבן אים אַ טרייסל.

— זעסט די ביקסן? אויב דו גייסט ניט . . .

ר' אליה הויבט אָן גיין, ער וועט זיי אַרויספירן פון שטאָט, אָנווייזן אויפן דאָרף, און גיין צוריק.

ר' אליה'ן הייסט מען גיין דער ערשטער, ער זאָל זיין דער פירער. אָט איז מען שוין אַרויס פון שטאָט. ער וויל עפּעס זאָגן. גיט מען אַ גע־שריי פשאַקרעוו. — מאַרש, אָט איז מען שוין אַריבער די באַן־ליניע. נאָר ער מוז גיין. ער פילט אַז ער איז אַ פאַרלאָרענער.

די שוואַרצע נאַכט האָט זיך אַראָבגעלאָזט מיט איר גאַנצער פינס־טערקייט. די ערד ציט אַרויף אויף זיך אַ שלייער פון סודות'פולער שרעק. אַפילו די שטאָלצע טאָפּאָלען בוימער שטייען איצט אַזוי שווייגנדיק און צעשראָקן — ווי זיי וואָלטן זיך פאַרטייען, נישט ווייזן קיין סימן פון לעבן, כדי מען זאָל זיי אויך ניט אַריינשלעפּן אין טייוולס קאַראַהאָד.

ר' אליה גייט פאָרויס. ער איז דער פירער, ער איז דער „ראָזוועס־טשיק". אין קאָפּ מישט אים זייער שרעקלעכע געדאַנקען. — וואָלטן זיי אין דערהיים כאָטש וויסן וואו ער איז אַהינגעקומען? ער גיט אַ גלעט זיין ווייסע לאַנגע באָרד, און ס'הויבט אים אָן קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן.

ער דערפילט דעם שאַנדהאַפטן פאַרלוסט, פון דעם הייליק־טייערן אַרטיקל, מיט וועלכן ער האָט אַזוי פיל יאָרן שטאָלצירט.

אָט דערזעט ער פון ווייטן די שאָטנס פון די „כאַטעס". עס ווערט אים לייכטער — אָט איז שוין דער דאָרף — טראַכט ער. ער גייט שוין באַלד אַהיים.

אָט איז שוועקליטש — רופט זיך אָפּ ר' אליה צום אָפּיצער. מיט אַ טאָן ווי איינער וואָלט געזאָגט — פּטור געוואָרן.

— דאָבזשע, רופט זיך אָפּ דער אָפּיצער. ער נעמט אַרויס אַ לאַנד־קאַרטע, מען רייבט אָן אַ שוועבעלע. מען באַטראַכט צי דאָס איז דער ריכ־טיקער פּלאַץ. — יאַ דאָס איז ריכטיק, באַשטעטיקט ער. ווייסטו וואָס מיר וואָלטן דיר געטאָן? — פרעגט אים איינער — ווען דאָס איז ניט שוועק־ליטש? ר' אליה שווייגט, ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן. ער וואַרט מען זאָל אים שיקן צוריק.

— איצט רופט זיך אָפּ דער אָפּיצער. — גיי זשידאָק אַריין אין דאָרף, און זע צי דאָרטן זיינען ניט פאַראַן קיין באָלשעוויקעס, און קום גלייך צוריק.

ר' אליה גייט מיט שוואַכע טריט. די פיס ווערן אונטערגע־בראָכן. זיי ווילן מער ניט דינען. ער גייט איבערן פוסטן דאָרף, ווי אין אַ חלום. די הייזלעך מיט די שוואַרצע לעכער פון די אויסגעבראָכענע פענס־טער שרעקן אים ניט מער. ביי אים איז אָפּגעשטאָרבן יעדער חוש. ער איז מער ניט ווי אַ שטיק ליים וואָס באַוועגט זיך.

ער קומט צוריק, זאָגט אַז ער האָט גאָרנישט ניט געזען.

— „כאָדז זנאַמי" הערן זיינע אויערן ווי מען באַפעלט. — קום וויַז אונז וואו איז טאַטאַרנאָוויטש.

ר' אליה הויבט אָן בעטן רחמים,יושר, אָבער עס העלפט ניט. ער מוז גיין ווייטער.

מען גייט, ר' אליה ווידער פאָרויס, ווידער דער פירער. ר' אליה דערמאָנט זיך, דאָס ער האָט נאָך קיין מעריב ניט געדאַוונט, און עס קומען אים אויפן געדאַנק געטלעכע רעיונות, און מען קאָן קיין שאלות דעם רבונו של עולם ניט פרעגן. דאַוונט ער הארציק מעריב. ער פאַרטיפט זיך אין דער תפילה, און די וועג ווערט אים גרינגער, און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז מען שוין געשטאַנען ביים דאָרף טאַטאַרנאָוויטש.

דאָ ווערט איבערגע'חזר'ט פּונקט דאָס זעלביקע ווי ביים ערשטן דאָרף. — און — און מען הייסט פירן ווייטער צום דאָרף אָסיפּאָוויטש.

ר' אליה פּרובירט שוין מער ניט בעטן. ער גייט שוין ווי אַן אַלטער סאָלדאַט.

מען גייט, די סאָלדאַטן ווערן פרייליכערראַוןפּרעכער.

— ווייזט אויס צולאָפּן די הינטישע זין — ריידן זיי איינער צום אַנדערן. און מען הויבט אָן זיך צו טשעפּן צום זשידעק וואָס קען ניט געפינען קיין באָלשעוויקעס.

פאַר ר׳ אליה׳ן זיינען די רייד ניט געווען קיין איבעררראַשונג. ס׳האָט אים בלויז געוואונדערט וואָס עס האָט גענומען אַזוי לאַנג.

ביים דריטן דאָרף ווייסט שוין ר׳ אליה וואָס ער דאַרף טאָן, אָבער דאָ אין דעם דאָרף ווייסט ער אַז ס׳איז פאַרבליבן איין פויער. „מיקיטאַ דער באָד גוי״. פאַרן קריג איז ער געווען אַן אָרעמער פויער, ניט געהאַט מיט וואָס צו אַנטלויפן. היינט איז ער רייך ווי קרח. אָנגעשלעפּט וואָס ער האָט געוואָלט.

ר׳ אליה גייט גלייך צו מיקיטאַ׳ן. וועקט אים אויף, און פרעגט אים, וועגן באָלשעוויקעס. מיקיטאַ ענטפערט אַז ביינאַכט זיינען זיי יאָ געווען, איצט ווייסט ער ניט.

ר׳ אליה קומט צוריק, דערציילט וועגן דעם גוי און וואָס ער האָט אים געזאָגט. איצט האָט ער אויסגעפירט די שליחות ריכטיק. מען וועט אים שוין פריילאָזן.

— דאָבזשע, אָלע מאַרשירן אַריין אין דאָרף. מען הייסט מיקיטאַן אויפשטיין. ער זאָל גיין מיטן זשידעק ווייזן דעם וועג קיין האַלאַוויטש. מיקיטאַ קראַצט די פּאַטילניצע. וואַרפט אַרויף דעם ווייסן פעלץ, פאַרבינט זיך מיטן רויטן גאַרטל, און מען הייבט אָן ווידער מאַרשירן.

אָפּגייענדיק אַרום צוויי קילאָמעטער פון דאָרף, האָט זיך דער באַטאַליאָן אָפּגעהאַלטן, און געלאָזט די פּאָר פאַראויס.

כטאָ טאַם — הערט זיך אַ געשריי פון דער ערד אַרויס.

— סוואָי — ענטפערט מיקיטאַ, אייגענע מענשן.

— די פּוילישע זיינען פון הינטן — ווייזט אָן מיקיטאַ.

— לייגט זיך אויף דער ערד! באַהאַלט זיך! גיך! — מיר שיסן!

מיקיטאַ האָט ר׳ אליה׳ן אַ שלעפּ געטאָן צו דער ערד, און געהייסן קריכן צו אַ טיפן גראָבן.

פייערן האָבן זיך געעפנט פון ביידע זייטן. אַ גראַגעריי פון פולע־מיאָטן מיט פייער־שפּייענדיקע צינגלאַך פונקט ווי שלאַנגען דרייען זיי זיך אויף אַלע זייטן. ר׳ אליה געפינט זיך דאָ אויפן עולם התוהו. ער איז אין גאַנצן צומישט. ער ווייסט ניט וואוהין איז בעסער. מיקיטאַ אָבער שלעפּט אים — קום קריך מיטן גראָבן — מיט דעם גראָבן וועלן מיר קו־

מען צוריק אין דאָרף. ער פאָלגט. ער קריכט אין דער בלאָטע. זיי הערן מען שרייט הורא! מיקיטאַ זאָגט אים: — דאָס גייען זיי „נאַשטיך". ער הערט פאַרצווייפלטע געשרייען. מוראדיק יאָמערן. דער קאָפּ מישט, ווערט שווער, און די פיס קענען זיך מער ניט בויגן אין דער טיפער בלאָטע. נאָר מיקיטאַ לאָזט אים ניט אָפּ. ער האָט אים געבראַכט אין דאָרף. דאָ האָט ער אים אָנגעוויזן אַ זייטיקן וועג דורך פעלדער, מיט וועלכן ער וועט אויסמיידן דעם ברייטן שליאַך און קומען אין שטעטל.

איצט איז ר' אליה איינער אַליין געגאַנגען צווישן שמאָלע שטעגעלעך אויף שטילע פעלדער. פאַר זיינע אַלטע אויגן האָבן געבליצט פייערלעך, און אין זיינע אויערן האָבן געהילכט די הורא געשרייען, מיטן יאָמער פון פאַרוואונדעטע.

ווען ר' אליה איז צוגעקומען צום שטעטל, איז שוין באַלד ליכיק געווען. זיין פנים געל ווי וואַקס, פאַרשמוצט פון בלאָטע. שווער געווען זיך אַליין צו דערקענען.

אין הויז האָבן די קינדער אים באַגעגנט, מיט געשוואָלענע פנים'ער און אויסגעוויינטע אויגן.

— טאַטע! טאַטע טייערער! — וואו ביסטו געווען? האָבן זיי אים געפאַלן אויפן האַלז. טאַטע טייערער!

— שאַט קינדערלעך פרעגט ניט צופיל — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. ער שיקט די רפואה פאַר דער מכה. וואָלט ניט געווען קיין וועלט מלחמה, וואָלט איך דאָך ניט געדאַרפט גיין אין די דערפער, און איך וואָלט דאָך ניט געוואוסט, וואו די דערפער זיינען? — און וואָס וואָלט געווען מיין סוף?

איצטער קינדערלעך, זאָל זיין שטיל, דאָס איבעריקע וועל איך דערציילן, אַן אַנדערש מאָל. איך קום פון יענער וועלט. פון „קיינעמס לאַנד". איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער פון פייער. ווער האָט עס אין לעבן אַמאָל געטראַכט, אַז מיקיטאַ, דער באַד־גוי, זאָל פאַרדינען עולם־הבא ?

וואָרצלען

שוין קרוב צו פערציק יאָר אַז בערל גלעזער האָט פאַרלאָזן נויאָרק, און זיך באַזעצט אין דער „סאוט". בערל געדענקט זייער גוט יענע קריזיס־יאָרן גרינערהייט וועלכע האָבן אים געצוואונגען פאָרן ווייטער, זוכן אַ פּלאַץ וואו מען קען זיך עטאַבלירן און „מאַכן אַ שטיקל לעבן".

געווען צייטן ווען בערל, דער איצטיקער בערל גלאַסער, האָט שטאַרק געבענקט נאָך נויאָרקער איסט־סייד, מיט איר שפּרודלדיק אידיש־לעבן, וואָס איז געווען פאַר אים אַזוי ניי און אינטערעסאַנט. געווען אָבער אויך צייטן, ווען בענקען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן נויאָרק.

נאָך דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, און נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט וואָס די דייטשע בעסטיעס האָבן אָפּגעטאָן אין דער אַלטער היים, איז ביי בענען דערוועקט געוואָרן אַ שטאַרקע בענקעניש נאָך נויאָרק. ער האָט געפילט ווי אַ קראַנקהייט איז אים באַפאַלן: נויאָרק, נויאָרק, נויאָרק.

אייגנטלעך האָט בעני קיין נאָענטע בלוט־קרובים אין נויאָרק ניט געהאַט. אין זיין אונטערבאוואוסטזיין האָט עפּעס אַנדערש געמאָנט, נאָר געדוכט האָט זיך אים, אַז נויאָרק וועט אים באַפרייען פון דער שווערער בענקעניש וואָס האָט אים די לעצטע צייט געדריקט.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די „נויאָרק" מאַניע איז געקומען פון שווערע שטימונגען, האָט מען דאָך די רייזע קיין נויאָרק אַסאָציאירט מיט עפּעס אַן „ענעווערסארי", אַ „פּלעזשור־טריפּ". אַזוי האָבן די קינדער אויס־געפּלאַנירט.

שוין זייענדיק אין נויאָרק, האָט בעני אָפּגעזוכט אַ פּאָר לאַנדסלייט. די פון זיין צייט געקומענע, האָט ער שוין געטראָפן זייער ווייניק. ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער פאַראיין פון זיין היים־שטאָט, וועט האָבן אַ גרויסן באַנקעט צו דער פייערונג פון דער פערציק־יאָריקער עקזיסטענץ אַלס פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע.

מר. גלאַסער האָט זיך פאַרזאָרגט מיט צוויי בילעטן, פאַר אים און זיין פרוי, און געוואָרט מיט שפּאַנונג אויף דעם שבת אָוונט, ווען ער וועט זיך טרעפן מיט זיינע לאַנדסלייט, חברים, און אַלטע באַקאַנטע. די פּאָר טעג וואָרטן אין דער נויאָרק, וואָס ער האָט בוכשטעבלעך ניט דערקענט, זיינען געווען לאַנג ווי דער גלות.

די טעקסי איז שטיק געבליבן פאַרן האָטעל. אַ פּאָרטער מיט אַן אויסטערלישן אוניפאָרם האָט זיי פריינדלעך אַרויסגעהאָלפן צו די טרעפּ פון דער רייך־אויסגעשטאַטעטער לאָבי. זיי קוקן זיך איבער אַביסל פאַר־לאָרן. און אָט האָבן זיי זיך געפונען אין דעם גרויסן „באַל־רום", מיט די מאַסיווע קאַנדעליאַברעס, וועלכע האָבן שימערירט מיט רעגנבויגן־קאָ־לירן פון די קריסטאַלענע הענגלאַך, און געוואָרפן שאָטנס פון יום־טוב׳־דיקן אומעט — אויף די רייך־געדעקטע און באַבלומטע טישן וואָס האָבן געוואַרט אויף די געסט . . .

אַ פּאָר פאָרשטייער פון דער „רעסעפּשאָן קאָמיטע" מיט לענטעס און ווייסע רויזן אין די לאַצן, האָבן די גלאָסערס מיט פאָרשנדיקע אויגן אויפגענומען און זיך פאָרגעשטעלט: דזשאָ רעם, יאָסל רימער פון דער היים, און דער אַנדערער אויך דאָס זעלבע: — איציקל משה מרדכי׳ס.

האָ? דו ביסט איציקל? — איך בין בערל זלמנ׳ס.

ביידנס הערצער האָבן גענומען שטאַרק קלאַפּן. ביידע האָבן זיך אַ ציי געטאָן אויף צוריק, כדי איינער דעם אַנדערן צו דערקענען. נאָר איי־דער דאָס אויג האָט געקענט דורכדרינגען די עטלעכע און פערציק יאָר, האָבן זיי זיך ביידע אַרומגענומען און שטאַרק געדריקט. זיי האָבן זיך פריי געמאַכט, באַטראַכט איינער דעם אַנדערן, און געשמייכלט מיט פאַר־טרערטע אויגן, ביידע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי ביידע וואָלטן עפּעס צוגעגעבן . . .

„האָ, אַלט געוואָרן? האָט איציקל געפרעגט.

בעני איז געשטאַנען אַן לשון. געקוקט אויף זיין יוגנט־פריינט, שכן און בעסטן חבר. געקוקט אויף זיין פרוי מיט אויגן, ווי ער וואָלט וועלן זי זאָל אים דאָס מאָל אַרויסהעלפן. זי איז געשטאַנען אינגאַנצן ווי אַ פרעמדע, און אַביסל מטושטש. ענדלעך האָט בעני אַרויסגעזיפצט: „מיר זיינען דאָך די זעלבע יאָרן".

דער זאַל איז פול געוואָרן מיט יום־טוב׳דיקן עולם. מענער אין טאָקסידאָס, פרויען אין באַל־קליידער, באַצירט מיט דימענטן און רובי־נען, אוירינגלעך, בראַסלעטן מיט פאַרפיומירטע לייבער, וועלכע זיינען נאָר וואָס געקומען פון די שיינהייט׳ס סאַלאָנען, זיינען מיט טריאומף גע־גאַנגען באַקאַנטע אַנטקעגן: — אָט דאָס בין איך, און ווער צעפּלאַצט . . .

בעני האָט געקוקט אויף דעם גרויסן פאַרנעם פון זיינע לאַנדסלייט. ער האָט געזוכט, גענישטערט מיט די אויגן באַקאַנטע. ער איז אָבער גע־שטאַנען ווי אַ פרעמדער. מען האָט אים פאָרגעשטעלט: דער איז דעם און דעמ׳ס זון, די איז דער און דער׳ס טאָכטער. ער איז געווען ווי צעמישט. — וואָס איז דאָ געוואָרן מיט אונזערע לאַנדסלייט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן דעם רייכן מאָלצייט, און די פּני פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן אָפּגעזאָגט זייערע פייערלעכע דרשות, האָט בעני אויפגעזוכט זיין פריינט איציקל, אים אָוועקגענומען אין אַ ווינקל אוןביידע האָבן געוואָלט דורכבלעטערן די עטלעכע און פערציק יאָר פון זייער לעבן וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען.

דער אָנהויב איז געווען: ביידע האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, און ביידע האָבן גלייך אָפּגעזיפצט. אָבער ריידן האָט גערעדט בלויז בעני, זיין שטימע איז אים שווער געוואָרן, און עס האָט זיך געפילט אַ ציטער־דיקער סקריפּל אין זיין האַלז.

„דו געדענקסט מיין בת־יחידה? — באַ אונז אין סאָד ?

איציקל איז ווי מבולבל געוואָרן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געוועזענעם חבר'ס רייד. ער האָט מיט געמאַכטער קאַלטקייט געקוקט אויף מרס. גלאַסער, געוואָלט זען איר רעאַקציע, און בעני האָט ווידער גע־רעדט:

„דו געדענקט ווי מיין טאַטע ע״ה האָט אָנגעקוואָלן פון מיין בת־יחידה?״

איציקל זיצט ווי אויף קוילן. אויף וויפל ער געדענקט — איז ער, בערל, אַוועק קיין אַמעריקע נאָך אַלס בחור, און דערצו אַ שטילער שעמעוודיקער יונג. זאָל ער האָבן געהאַט זינדיקע ליבעס, און דער טאַ־טע זיינער זאָל נאָך זיין צעפרידן פון דעם ?

„דו געדענקסט ברודערל, די פיר וועלעשענע ניס וועלכע איך האָב פאַרזייט? און געדענקסטו אַז איינע איז געבליבן לעבן?״

„דערציייל וועל איך זיך אפשר דערמאָנען״. און עס איז אים גע־וואָרן ליכטיקער אויף דער נשמה. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז ער מיינט דאָ עפּעס אַנדערש.

„דער טאַטע האָט פון אַ הויף געבראַכט פיר וועלעשענע ניס, און האָט מיר געזאָגט: בערל, דאָס איז זאָמען פאַר אַ בוים. ווילסטו האָבן וועלעשענע ניס־בוימער אין סאָד, — טו אַזוי און אַזוי.

— איך האָב אויסגעפאָלגט דעם טאַטנס אינסטרוקציעס. ס'איז גע־ווען חו״המ סוכות. איך האָב עס פאַרזעצט, אָנגעבעט די גריבלעך מיט טרוקענע בלעטער. און ווען ס'איז געקומען „ווֹעסנע״ און אַלעס האָט גענומען ווידער לעבן און וואַקסן, האָב איך דערזען פיר וואָרצלען שפּראָצן פון דער ערד. איך האָב זיי געכאָוועט, געצערטלט, ווי אַ מאַמע אירע קרענקלעכע קינדער. מיין גאַנצער איך, איז צוגעבונדן געוואָרן צו די וואָרצלען פון דער ערד. אָבער ניט אַלע האָבן זיך געקענט צופּאַסן צום קלימאַט. דריי זיינען באַ מיר אַוועקגעשטאָרבן. איינע האָט זיך געמאַטערט

צוויי יאָר. די אַנדערע אַביסל לענגער. נאָר איין בת־יחידה האָט זיך גע־האָדעוועט און געוואַקסן שיין.

איציקלס אויגן האָבן געקוקט שטאַר אין הינטערגרונט פון יענע זאָרגלאָזע יאָרן, זיין קאָפּ האָט זיך מעכאַניש געשאָקלט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט דאָס גאַנצע בילד. ער האָט דערפילט ווי טיף אין האַרצן רייסן זיך אים איצט אָפּ וואָרצלען, מיט וועלכע ער אַליין איז געווען איינ־געוואַקסן, אין זיין היימישער ערד, זייער גרויסן גאָרטן, זייער טיפער גראַבן מיט הושענה־בוימעלעך. די פרייע פרייטיקס נאָך האַלבן טאָג, אי־בער די פעלדער מיט זיינע חברים. עס האָט אים אָ שלעפּ־געטאָן צוריק אין זייער שבת־מנוחה'דיקער שטוב. ער האָט שוין ניט געהערט זיין פריינט ריידן. נאָר פּלוצלונג האָט ער דערזען בערלען וויינענדיק. בערלס וויב האָט אויך געווישט די אויגן. האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און ווי־דער זיך איינגעהערט וואָס בערל דערציילט.

„כ'וויס אַז מענטשן וועלן מיך אָנקוקן ווי משוגע. איך קען עס פאַר אַלעמען ניט דערמאַנען. איך בין שוין אין אַמעריקע 45 יאָר. אַ בירגער 40 יאָר, דאָ געהאָדעוועט און חתונה געמאַכט קינדער. דאָך, אַזוי לאַנג ווי אונזער נחלה איז געווען באַ מיין שוועסטער, באַ אירע קינ־דער, האָב איך געפילט אַז איך בין אַ טייל פון יענעם באָדן, וואָס איז מיט שטאַרקע וואָרצלען טיף איינגעוואָקסן אין דער ערד, וועלכע איך האָב צייטווייליק פאַרלאָזן. דענקסטו אַז איך האָב געטראַכט אַמאָל פון פאָרן צוריק? ס'הויבט זיך ניט אָן. נאָר לעצטנס גיי איך אַרום אַ קראַנקער, אַ פאַרשעמטער. כ'פיל אַז מען האָט דעם באָדן פון אונטער מיינע פיס אַוועקגענומען . . .

דער אָרקעסטער האָט זיך צעוואָרעמט מיט אַ „טרומבאַ", פאַר־לעך האָבן געזשוויגעט מיט די קערפּערס, צוגעמאַכט די אויגן אין אַ ברע־נענדיקן עקסטאַז, ווי מאַריאָנעטן אויף ספּרוזשינעס, די ווענט מיט די שיינע מיורעלס, די שווערע קאַלאָנען, האָבן זיך געדרייט אין אַ ווירוואַר, ווי אַ צעברויזטער ים.

„איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, און פיל מיט דיר מיט, דו האָסט ביי מיר אויפגעריגט אַ ניט ־ פאַרהיילטע וואונד. אונזער אומגליק איז גרויס און די טראַגעדיע נאָך גרעסער. מיר האָבן ניט קיין ווערטער אַרויס־צושרייען אונזער גרויל. מיר זיינען אין אַלגעמיין אַ טראַגישער דור. אונזערע וואָרצלען וועלכע האָבן געשטעקט אין דער אַלטער היים, האָט מען ברוטאַל אָפּגעהאַקט. אונזערע אייגענע צוויגן זיינען אונז פרעמד, ווייל זיי ציען זייער יניקה פון דער לופט. מיר אַליין זיינען ווי אָפּגעזעגטע שטאַמען. זעסט די מערהייט: זיי לאָזן זיך מיטן שטראָם — זיי טאַנצן דער וועלט אַנטקעגן".



איך זיץ און טראַכט פון דיר מײַן שטעטל
וואו איך האָב געוואַרצלט, פון וואַנען איך בין געקומען.
דאָרט איז דאָך געשטאַנען מײַן קינדער בעטל,
דאָרט בין איך געוואַקסן — צווישן מיט בוימער
און בלומען

איך טראַכט פון דײַנע פּראַכטפולע סדר — —
איך הער נאָך דעם קלאַנג פון שולהויף, בתי־מדרשים,
דײַנע שיינע יידן, פון רב ביזן בעדער.
איז דאָס אַלעס ניטאָ שוין?!

ביז מײַן אָטעם־ציג דעם לעצטן,
אויף מײַן פאַרוואָרפן עלנט בעטל,
אייביק שעפּטשען וועלן מײַנע ליפּן —
ק ד י ש נ אָ ך מ ײַ ן ש ט ע ט ל . . .

צוגעשיקט פון מײַן יוגנט חבר ברוך גאַרפינקל
(ברוך שלומס) אַרגענטינאַ

בעני האָט איצט נישט געהערט וואָס איציקל האָט גערעדט צו אים. ער האָט אויך ניט געזען די טאַנצנדיקע, ער האָט איצט גאָר געזען, דורך פאַרמאַכטע אויגן, זײַן טאַטן, די שטעטל, ווי ער האָט איר פאַרלאָזן מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק.

אבא־אלען

יוחנן, דוד דעם הורטאָוויקס בן־זקונים, איז געווען גאָר דער היפּוך פון זיינע ברידער און שוועסטער. דוד׳ס שטוב איז געווען דער צענטער פון דער קליינבירגערלעכער יוגנט אין שטעטל. דורך דאָרטיקע טיר און פענצטער האָט אַלעמאָל אַרויסגעהילכט געזאַנג, געלעכטער, טאַנץ, שבת נאָך וואַרעמס. אַפילו דוד אַליין, מיט דער צעקעמטער קאַשטאַן באָרד, איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דער חברה מיט אַלע זייערע אונטערהאַלטונגען. דער איינציקער וואָס האָט זיך געפילט פרעמד אין דעם פריילעכן געזינדל, איז געווען יוחנן. דער יוחנן, איז ווי פון גאָר אַן אַנדער וועלט געקומען. עפּעס האָט ער געטראָגן אויף זיינע ברייטע אַקסלען אַ קאָמפּלעקס פון מינדערווירטיקייט, פון שרעקלעכן אומעט און איזאָלאַציע. און דערפאַר האָט מען אים צוגעטיילט יתרו׳ס נעמען . . .

צו די אַלע צונעמען וועלכע מ׳האָט אים אין דער היים גערופן: מארוק, תם, באָק, ווילדער אָקס — האָבן די קינדער אין חדר צוגעפּאַסט אַ נאָמען וואָס איז געווען אויף אים אָנגעמאָסטן, און ווי פון באַרג סיני גענומען. און דאָס איז דער צונאָמען: „יוחנן בן זכאי” וואָס איז פאַרבליבן מיט אים ביז צום אַמעריקאַנער ברעג, ווען ער איז שוין געווען אַ באַווייבטער, און מיט אַן אייגן קינד . . .

***

וועמען וואָלט עס איינגעפאַלן, און ווער וואָלט עס טראַכטן פון אַזאַ שפּיצל! דעם בעסטן לץ, דעם גרעסטן פאַנטאַזיאָר, און דעם שאַרפסטן ציניקער, וואָלט עס בשום אופן ניט געקומען אויפן געדאַנק? אָבער אַז אַזוי איז עס געשען, און אַזוי האָט עס פּאַסירט — דאָס האָבן אַלע געמוזט אַנערקענען . . .

געווען איז עס אין יענע טעג, וועלכע מען האָט היסטאָריש באַצייכנט מיטן נאָמען „דאָס פאַרבייסן”, ד. ה. דער קאָמפּאָט, די נאָכווייען פון דער גרויסער מלחמה פון ווילהעלמ׳ען און ניקאָלאַיען. דאָס זיינען געווען די טעג, ווען די נאָר וואָס געבוירענע פּוילן האָט זיך פאַרמאָסטן

איינצושלינגען די „רויטע", און ווי האָבן דאָן קלוגע מענטשן געזאָגט: „די קאַמפּאַט איז געקומען אין זייער אָן אומרייניגעם טעלער".

געווען איז עס אַ פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. די זון האָט קרענקלעך געשיינט דורך אַ גרויען טול פון שיטערע חשון־וואָלקנס. די הייזער זיי־נען געשטאַנען שטיל, ווי נאָך אַ שטורם, די קוימענס זיינען געווען איינ־געהייקערט, אין די דעכער, ווי צעפוילטע ציין אין קראַנקע יאַסלעס. באַ־לעבאַסטעס האָבן געקוקט צום הימל, אפשר רויכערט ערגעץ אָן אויוון, מאַכט עמיצער שבת? און ווי איבעראַשט און דערשטיינט די שכנים פון לייבע דעם קצב זיינען געוואָרן, אַז ס'האָט זיי דעם אָטעם אָפּגענומען. זיי האָבן זייערע אייגענע אויגן ניט געגלויבט.

וואָס קומט דאָ פאָר? — האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געפרעגט. — איז דאָס טאַקע אַ חופה ביי לייבען אין הויף? אָדער איז עס עפּעס אַ פאַר־שטעלעניש? זיי הערן אָבער דייטלעך די שטימע פון לייזער דעם שמש ווי ער לייענט די כתובה, די ברכות, און מען שרייט: מזל טוב! מזל טוב!

עס האָט לאַנג ניט גענומען. מען איז דערגאַנגען וואָס דאָ איז אַזוינס פאָרגעקומען, און נאָכמער איז געווען דער שטורם פון דער שטילער חופה. וואָס דער חתן איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי „יוחנן בן זכאי", דער ברייט אַקסלדיקער „פּרוש" וואָס ניט נאָר האָט ער ניט געהאַט קיין מיי־דעלשע פריינט, ער האָט דאָך אַפילו קיין בחורים פריינט אויך ניט גע־האַט, און דאָ, נאָך אַ צולאָג, די שיינע ראָכטשע לייבעס, כמעט די שענ־סטע אין שטעטל, האָט חתונה געהאַט מיטן מרוק.

מען האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז די מעשה איז גאָר קיין נייס ניט. אַ סך האָבן געוואוסט, אַז יוחנן, אויף זיין שטילן איזאָלירטן שטיי־גער, פירט אַ ליבע מיט דער שיינער פריילעכער ראָכטשע אַ לאַנגע צייט. און ער זיצט דאָרט, ביי לייבען, אויף דער מעסטשאַנסקער גאַס — טאָג ווי נאַכט. און אַז אין די לעצטע פאָר חדשים, זינט דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס מיטן פּוילישן מיליטער, וואָס איז פאָרגעקומען אין און אַרום שטעטל, האָט זיך „יוחנן בן זכאי" אויסבאַהאַלטן אין לייבעס „אָקאָ־פּע", אין איינער פון יענע נעכט, ווען די באָמבאַרדע איז געווען שרעקלעך. אין „אָקאָפּ" איז געווען שטאָק פינצטער. לייבעס גאַנצע משפחה און שכנים, האָבן אָנגעפילט די „אָקאָפּע", און מיט קלאַפּענדע ציין זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. זיינען דאָן, יוחנן און ראָכטשע, פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ הייליקער שבועה אויף די צוזאַמענגעדריקטע ליפּן — פאַר איי־ביקער ליבע.

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס, — האָבן געטענה'ט די ווייבער, שוין וואָכן שפּעטער, — זי שעמט זיך גאָר ניט די חצופה, זי שעמט זיך גאָר ניש מיט'ן בויך פאַר מענטשן . . .

מאַנסבילן האָבן געשוויגן, ווייל גלייך אין די ערשטע טעג נאָך דער חופה, איז מען צוגעשטאַנען צו לייזער דעם שמש, ער זאָל זיי אָלעס דערציילן. האָט ער זיי אָפּגעענטפערט מיט אַ גמרא־וואָרט, וואָס האָט זיי געמאַכט צו פאַרשטיין, אַז שווייגן איז גלייכער . . .

כאָטש לייבע און אויך דוד זיינען געווען צופרידן מיטן שידוך, דאָך האָבן ביידע טאַטעס ביי זיך אָפּגעמאַכט: אַזוי גיך ווי ראַכטשע וועט געהאָלפן ווערן, וועלן די קינדער פאָרן קיין אַמעריקע אָדער קאַנאַדע. — דו וועסט זען — האָט דוד געזאָגט צו לייבען — יוחנן וועט נאָך לאַכן פון אַלעמען.

ס׳איז געווען אַ ברית, נאָך וואָס פאַר אַ ברית. ס׳איז געקומען דער רב, דער חזן, משפחה גוטע פריינט. צו לייבען אויף אַ שמחה קומט מען. דער רב איז געווען ,סנדק״, דער חזן איז געווען דער מוהל. דער חזן האָט אויסגעזונגען ,,זה הקטן גדול יהיה״ מיט מער פאַטאָס ווי אויף אַנדערע ברית׳ן. די מחותנים האָבן גענומען צו גלעזלאַך און זיך געוואונטשן אויף צו להכעיס דער וועלט: זאָלן מיר נחת האָבן.

די מומע טייבעלע קאַזאַק האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל טאָרט און אַרונטערגעשלונגען מיט אַ ברכה: — אַזעלכע זיבעלאַך אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן . . .

*\
* *

פון יענעם טאָג ווען לייבע האָט געשפּאַנט זיינע אייגענע פערד און אָפּגעפירט די קינדער צו דער באַן, האָט קיינער ניט געוואוסט וועגן ליי־בעס שווערן געמיט. אַז נאָכאַלעמען איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין: — פאַר וואָס דאַרף ער זיך דאָס שיידן מיט זיינע קינדער, און צו וואָס דאַרף ער נאָך זיי אַליין אָוועקפירן? זיין שווערער גוף איז געווען אָנגעלאָדן מיט מחשבות, ווי אַ בינשטאָק מיט בינען. און ווי ער האָט ניט געוואָלט זיך אויספּלאָנטערן פון די געדאַנקען, האָט אים דוקא געצויגן זיין בליק צום עופעלע...

ער געדענקט נאָר איין זאַך וואָס ס׳איז אים געבליבן אין זכרון פון יענער רייזע צום באַן: אַז ער האָט זיי אָנגעזאָגט למע״הש שרייבן בריוו־לעך, למ״הש!

קיינער האָט ניט געוואוסט וואו די יונגע פאָר זיינען אַנטרונען געוואָרן, וואוהין זיי זיינען געפאָרן, וואו זיי געפינען זיך, אויסער אַ פּאָר ראַכטשעס אינטימע פריינדינעס און די עלטערן.

אין דעם נייעם לאַנד וואו זיי האָבן נאָך אַ שווער־לאַנגן וועג זיך באַזעצט אין דעם שטאַט ראוד איילענד, האָט יוחנן דורכגעמאַכט דעם

פּראָצעס פון אויסגרינען זיך — גאָר שנעל. ער האָט אָנגעהויבן מיט פּעדלעריי, אַ סטאָרקע, און אַ גרויסע סטאָר, ביז ער איז געוואָרן דער גרויסער האָלסיילער, ווי דער טאַטע אין דער אַלטער היים, אַ הורטאָווניק. און דוד איז טאַקע געווען גערעכט ווען ער האָט געזאָגט דעם מחותן לייבע, אַז יוחנן וועט לאַכן פון אַלעמען.

יוחנן, דער איצטיקער מר. דזשעק קרעימער, פירט אַ שיינעם באַלעבאַטישן לעבן. ראָכטשע איז אַ ליבע טרייע פרוי, קינדער האָט זי אים געהאַט דריי, ווי שיינע בלומען. דער עלטסטער, דער בכור, איז אַ יונג אַ ברען. אַבעלע, ווער קאָן נישט אין שטעטל אַלען קרעמער? אין שולע איז ער דער ערשטער, אין דער תלמוד תורה, איז ער דער בעסטער, אין באָל־שפּיל—דער פּעהיקסטער. טיילט מען ערגעץ אויס אַ פּריז און אַלען נעמט אַנטייל, ווייסט מען שוין אַז דער פּריז וועט גיין צו אַלען קרעימער.

וואָס וואָלט געפעלט די קרעימער פּאָר, ווען אַלעס גייט ווי עס זעט אויס אויבנאויפיק? גאָט און לייט דאַרפן זיי דאָך מקנא זיין. האָט אָבער אין זאַך צעשטערט די פרייד פון זייער לעבן, און דאָס איז געווען די קאַפּריזן און אַיינגעשפּאַרטע וועגן, וואָס דער שיינער, געראָטענער אַלען איז באַזעסן . . .

אַלען האָט אַלעמאָל געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פון זיינע שפּילעריען, נאָר אין סאָלדאַטן, מלחמות, קאַנאָנען. אין זיין שפּיל־חדר, אויפן בוידעם, האָט מען געפונען גאַנצע אַרמייען פון בלייענע סאָלדאַטן, ביקסן, קאַנאָנען און אָן אַ צאָל אַליין געמאַכטע פיל קאָלירטע עראָפּלאַנען. קיינער פון פריינט און באַקאַנטע האָבן ניט געשענקט קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט. מאַלע וואָס אַ קינד שפּילט זיך? דזשעק'ן האָט עס עפּעס געשראָקן. אַזאַ מין סאָרט ליבשאַפט צו מלחמה־כלי־זין. ער פלעגט זיך אַמאָל צוהערן פאַר דער טיר ווי אַלען מושטשירט זיינע סאָלדאַטן, ווי אַן אמת'ער גענעראַל. דאַכט זיך ביי זיי, אין ביידע משפּחות, זיינען אַפילו ניט געווען קיין געדינטע סאָלדאַטן . . .

ווען אַלען האָט געענדיקט „פּאָבליק סקול" מיט די בעסטע צייכנס, האָבן די קרעימער'ס געמאַכט אַ דאָפּלטע „פּאַרטי": אי ס'איז געווען בר־מצוה, אי גראַדואירונג פון עלעמענטאַרער שולע. כאָטש די קרעימער'ס האָבן נישט געהאַט אין דעם שטעטל קיין קרובים, קיין משפּחה, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ סך פריינט, און גוטע פריינט. און הוליען, האָט מען געהוליעט ביז'ן ווייסן טאָג אַריין. דער איינציקער וואָס איז ניט געווען איבעריק פריילעך, איז געווען — דער טאַטע אַליין.

פריינט האָבן דאָס צוגערעכנט ווייל ער איז עלנט דאָ, דער מר. קרעימער. נאָר פרעגט דזשעקן אַליין, וואו דריקט אים, וואו ליגט די

סיבה, וואָס ער פאַרשטערט זיך אַליין די שמחה — ווייסט ער אַליין ניט וואָס צו ענטפערן.

**
*

ווי נאָר אַלען איז אַוועק אין „היי־סקול", האָט זיך גלייך אָנגעהייבן צרות. די ערשטען זאַך וואָס אַלען וויל, איז אַריינטרעטן אין „אַר.אָ.טי.סי", דאָס הייסט, אין „רעזערוו אָפיסערס טרעיניגג קאָרפּוס". צו אַלע טענות, מיט גוטן און בייזן, איז געקומען איין ענטפער — „אַי לייק איט". דער סוף איז געווען, אַז דער טאַטע האָט באַדאַרפט באַצאָלן פאַר אַ מיליטערישן יוניפאָרם און אַלען איז געווען אין זיבעטן הימל.

— וואָס גייסטו אויפנעמען? — האָט מען געפרעגט אַלען׳ען.

— איך וועל גיין אין „וועסט פּאָינט" — איז געקומען דער גיכער ענטפער.

אויף דער עצה פון פראָמינענטע ביזנעסלייט און פון אייגענער דער־פאַרונג ווי דערציען קינדער, האָט שוין קרעימער זיך נישט געמישט אין אַלען׳ס פּלענער. זיי, די עצה געבער, האָבן דזשעקן כמעט פאַרזיכערט, אַז אַלענס פּלענער וועלן זיך איבערוואַקסן און אויסוועבן, און ער זאָל ניט האָבן פון דעם קיין יסורים.

דעם געדאַנק וואָס אַלען האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ דוקא צו זיין אַ מיליטער מענטש, האָט אויף די עלטערן שטאַרק געווירקט. דאָס איז ניט געווען זייער דערוואַרטונג, און ביידע, יוחנן און ראַכטשע, האָבן אַ סך נעכט וואַך געווען ריידנדיק וועגן זייערע גרעאַטענעם און שלעכטן אַלען. און ביידע האָבן אויף גלייך געגומען דעם חלק זינד פאַר אַלענס שלעכטן וועג . . .

ווען אַלען האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן „היי־סקול", האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ בריף פון קאָמישאַן אָפיצער צום טאַטן, מיט בעסטע רעקאָמענדאַציעס, גראַטולירט די עלטערן מיט זייער גרויסן מיליטע־ריש באַגאַבטן זון, און געבעטן די עלטערן זאָלן דורך זייער קאָנגרעס־מאַן זען קריגן אַן „אַפּאָינטמענט" פאַר אַלענען אין „וועסט פּאָינט".

צו קריגן אַן אַפּאָינטמענט דורך אַ קאָנגרעסמאַן, אַפילו אַ סענאַ־טאָר — איז געווען פאַר מר. קרעימער איינע פון די לייכטסטע זאַכן. אָבער געבן זיין צושטימונג צו דעם, איז שוין געווען איינע פון די שווער־סטע פּראָבלעמען.

און דאָ, ביי די קרעימערס, איז מיט אַלענען געקומען די קללה פון איבערגעראַטנקייט, איבערמאַסיקע מעלות, צופיל פאַר איין מענטשן צו טראָגן... און ווי מעגליך איז עס טאַקע אַרונטערצושלינגען אַזאַ פעטן ביסן, ווייל בסך הכל האָט אַלען געקראָגן זעקס בריף פון קאַלעדזשעס

איבערן לאַנד מיט פרייע סקאַלערשיפּס, און נאָך אַ פּרעמיום דערצו. די אַלע קאַלעדזשעס האָבן אַלענ׳ען געוואָלט אויסשליסלעך פאַר זייערע פוט־באָל טימס, אין וועלכע אַלען איז געווען אַ „סטאַר" שפּילער און געוואונען גרויס אויפזען איבערן לאַנד. און טאַקע ביים ערשטן קוק אויף אַלענען, האָט מען גלייך געזען אַז דאָס איז ליבע דעם קצב׳ס אַן איי־ניקל . . .

צו וואָס טייג רייד, וואָס העלפט דאָס טראַכטן און פּלאַנירן, פון די אַלע קאַלעדזשעס האָט ער געהאַט איינעם וואו מען רופט אים ניט און מען בעט אים ניט, און וואו עס קומט אַן גאַנץ שווערלעך אַריינצו־קומען, און אַהין האָט שוין דער טאַטע בעל כרחו געמאַכט אַלע צוגריי־טונגען. און ביים ערשטן עקזאַמען און אינטערוויו, האָט אים דער קאַ־לאָנעל גראַטולירט און אַלען איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער מילי־טערישער אַקאַדעמיע.

**
*

ביי די קרעימערס אין דער גרויסער רעזידענץ, איז געוואָרן ליי־דיקער, שטילער. אין די ערשטע טעג נאָך אַלענ׳ס אַוועקפאָרן, האָט ער אַלעמען געפעלט: דעם קליינעם ברודערל, דער שוועסטער, דער מאַמען, און אַפילו דעם טאַטן אויך. דער אימפּולס פון דער הויז, האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. דער טעלעפאָן איז כמעט ווי אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס טיר־גלעקל אויך דאָס זעלבע. אין די אָונטן, ווען אַלע פריינט אַלענ׳ס פלעגן זיך צוזאַמענקומען, איז די גאַנצע הויז געווען אַ־לאַ—ביי דוד הורטאָוו־ניק, כמעט מיטן זעלבן אינהאַלט, נאָר די פאָרמע אַן אַנדערע. איצט איז עס שאַ שטיל. אָבער צו אַלץ געוויינט מען זיך צו, מען פאַרגעסט ביס־לעכווייז, ס׳קומען אויף אַנדערע פּראָגעס, בייע פּראָבלעמען, דאָס יונג־וואַרג וואַקסט, ווערט עלטער, און די שטוב ווערט ווידער פול מיט לעבן, מיט יוגנט־פרייד. אַלען שרייבט בריף, שיקט בילדער אין גרויע יוני־פאָרמס, קומט אָפּט אויף אַ יום־טוב אַהיים, און דאָס לעבן רוקט זיך.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס אַלען איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, זייענדיק אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, איז ביי טאַטע־מאַמע געווען פונקט פאַרקערט. זיי האָבן ניט געזען אין די „מיליטערישע קנעפּלעך" פאַר זייער קינד קיין תכלית, קיין צוקונפט, און זיי האָבן שטילערהייט צווישן זיך גערעדט און ווידער גערעדט און גע־דאגה׳ט . . .

דער וועלט־שטורם, און אַמעריקעס אַריינטריט אין דעם גלאָבאַלן קאַמף, האָט נאָך מער דערשלאָגן די קרעימער׳ס. זיי האָבן מורא געהאַט אַז אַזוי ווי אַלען איז שוין אַ פאַרטיקער לייטענענט, וועט ער זיין דער

ערשטער אויפן פייער. און דאָס איז טאַקע פאַר וואָס זיי האָבן זיך גע־שראָקן די גאַנצע צייט. און די שרעקלעכע נייס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ פון די קרעימערס, ווי אַ פינצטערער וואָלקן, וועלכער האָט צוגענומען זייער רו.

ס׳זיינען אַוועק טעג פון שטילן טרויער אין דער גרויסער רעזי־דענץ פון די קרעימערס. אין יעדן חדר האָט זיך אַריינגעקליבן טונקעלער טרויער, ווי נאָך אַ לויה. אַלע האָבן געשוויגן, אַפילו די לוסטיקע חברה, די צוויי קינדער מיט זייערע חברים, האָבן אויך ערנסט געשוויגן.

אין איינעם פון די שווערע טעג ווען אין דעם גרויסן הויז האָט אויסגעוויזן — שלאָגט די לעצטע שעה, איז אַ „בייסיקל״ צוגעפאָרן צום שטיינערנעם פאָרקאָן. אַ בחור׳ל פון דער „וועסטערן יוניאָן״ האָט פון הינטערן היטל אַרויסגענומען אַ קאָנווערט, באַטראַכט דעם אַדרעס, און אָנגעקלונגען אין דער מאַסיווער טיר, גרייט מיט זיין בלייפּענדל עמי־צער זאָל אונטערשרייבן . . .

דערהאַלטנדיק די טעלעגראַמע, אַז אַלען איז „פּראָמאָטעד״ גע־וואָרן צום ראַנג פון קאַפּיטאַן, האָט יוחנן שטום אַ מאַך געטאָן מיט די הענט צו ראָכטשען, ווי ער וואָלט זאָגן: — וואָס קענען מיר טאָן ?

אין שטעטל איז די לאָקאַלע צייטונג אַרויס מיט אַלענס בילד, מיט לויב געזאַנגען פאַר דעם מיליטערישן זשעני. דער טעלעפאָן ביי די קרעי־מערס איז צעריסן געוואָרן קלינגענדיק מיט גראַטולאַציעס פון פּריינט, באַקאַנטע, און אַפילו דער מעיאָר פון שטאָט האָט אַליין פּערזענלעך באַ־גריסט די „גליקלעכע״ קרעימער עלטערן.

אין שפּעטער אָוונט־שעה, נאָך דעם טומלדיקן טאָג, ווען דער גאַנ־צער געגנט אַרום איז געלעגן שטיל פאַרשלעפערט, די שוואַכע עלעק־טרישע ליכט פון די שטילע גאַסן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שי־טערע בלעטער פון האַרבסט־פאַרוויאַנעטע ביימער, און געהיימניספול דערמאָנט דאָס פאַר צו ווען קיין שלאָף איז ניט געקומען אין פילע האַרבסטן, און דערהויפּט אין יענעם האַרבסט, ווען בלעטער און קוילן זיינען געפאַלן צוזאַמען... האָבן ביידע, יוחנן און ראָכטשע, אינטיאַוטיוו געפילט דעם אָוונט, ווי עפּעס אַ קריזיס מאָמענט. און רייד, ווערטער פאַסיקע פאַר דער שטימונג, וואָלטן פאַרלייכטערט זייער געמיט.

— קום נאָר אַהער — האָט זיך יוחנן אָנגערופן צו ראָכטשען, — זעץ זיך דאָ אַוועק, לאָמיר באַטראַכטן וואָס אַזוינס דריקט אונז, און מיט וואָס זיינען מיר בעסער פון אַנדערע מענטשן. וואָס פאַראומערן מיר זיך אַליין דאָס לעבן. איז ער איינער? צענדליקער טויזנטער קינדער, מי־ליאָנען, גייען איצט פריוויליק זיך שטעלן קעגן ברוטאַלן שונא. זיי פאַר־

לאַזן פּראָפּעסיעס, גיבן אויף אָנגעצייכנטע פּלענער פּאַר זייער צו־קונפטיקן לעבן און גייען צום זעלבן טאַנץ ווי אונזער אבא, אַן דערפּאַ־רונג אין מיליטערישע ענינים. קוק זיך איין אַז מענטשן קענען קיין זאַך נישט אויסרעכענען. מ׳קען ניט וויסן וואָס ס׳איז קרום אָדער גלייך, וואָס ס׳איז פּראַקטיש און אומפּראַקטיש.

אָט האָבן מיר זיך אָפּגעיאָדעט אונזערע אַלע יאָרן צוליב אבא׳ס וועגן. מיר האָבן געמיינט אַז מיר קענען דרייען די ראָד פון לעבן ווי מיר ווילן, ווי מיר פאַרשטייען. זעען מיר ניט בעשיינפּערלעך, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרעסערער כוח וואָס באַשטימט זאַכן איבער דעם מענטשנס שכל? אפשר האָט אָט דער פאַרבאָרגענער כוח באַשטימט אין דער „ערש־טער" מיגוט דעם גורל פון אונזער אבאן? קוק זיך נאָר איין וויפל כבוד ער האָט אונז געבראַכט און ברייגנט אונז איצט? זיינען מיר ניט שטאָלץ מיט אונזער געראָטענעם זון, האַ?

ראָכטשע האָט אַ וואָרט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אינסטינק־טיוו צוגעטוליעט צו דזשעקן, צוגעמאַכט אירע גרויסע ברוין־פּייערדיקע אויגן, צופרעסנדיק אירע ליפּן צו איר מאַנס שטערן. זי האָט זיך צוגע־הערט צו די קלוג־האַרציקע ווערטער ווי זיי וואָלטן געקומען פון הימל דורך אַ מלאך, אַ נביא. איר דמיון האָט איר פאַרטראָגן צוריק אַהיים, אין יענער „אָקאָפּע" אין איר טאַטנס הייף מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, און אַ טיפע בענקעניש האָט געמאַניעט: — היילקע, טייערע, רגע׳ס — ציט זיך איביק.

—חיים, ביסט נאָך דאָרטן? האָבן זיך מיינע ליבע און טייערע ווידער געראַטעוועט אין אַ אָקאָפּע? זי האָט איצט, טראַכטנדיק פון זייער הייף מיט דער באַשיצנדיקער אָקאָפּע, איבערגעלעבט יענעם ציטער, פון יע־נער נאַכט וואָס האָט באַשאַפן אַ ניי־לעבן. און דאָס האָט גורם געווען זיי זאָלן פאַרלאָזן די ליבע וואַרעמע היים. און אַזוי אַרום געוואָרן איצט פון די גליקלעך געראַטעוועטע.

— דזשייק טייערער, זאָג מיר „דאַרלינג", איז נאָך אונזער היים דאָרטן דאָ?

דזשייקאָב האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט בלויז אַ ציטער געטאָן מיט די אַקסלען, אוןביידע זיינען געבליבן זיצן שטיל, פאַרגליווערט, פאַרטראָגן אין רעיונות . . .

א גרויסע מצוה

אַלעס הענגט אָפּ פון מזל. — אַפילו ווען שטאַרבן, דאַרף מען אויך האָבן מזל. ד. ה. מען דאַרף אויסשטעלן אַ געוויסן דאַטום, אין וועלכן טאָג די אידן פון קאָונטרי שטעטל וועלן זיין פריי פון געשעפטן און האָבן אַבסאָלוט צייט צו קומען אָפּגעבן דעם פאַרשטאָרבענעם זיין לעצטן כבוד.

אַזאַ צייט האָט זיך אויסגעקליבן דער אָרימער „פלאַסטערער" גווירצמאַן, דער איינציקער אידישער בעל מלאכה אין שטעטל.

אין שול, איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען, האָבן זיך גרו־פירט קופּעס מענטשן, גערעדט, געשאָקלט מיט די קעפּ, געוואָרפן מיט די הענט. עפּעס אַ קלייניקייט? אַזאַ נייס, אַזאַ נייס!

דער אַלטער לעווין, וואָס איז דער איינציקער למדן אין שטעטל, האָט פאַרלאָזן זיין טיש, צוגעמאַכט דעם סופר און צוגעקומען צו איינער פון די גרופּעס, אָנגעשפּיצט די אויערן, נאָך מער פאַרקנייטשט דעם אַלטן פאַרמעט אויף זיין פּנים, אַריבערגעהייבן די גרויע שיטערע בערדל איבער די אַקסלען פון די טומלדיקע אידן. נאָר הערן האָט ער במילא גאָר ניט געהערט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז געשען.

— וואָסי — גיט ער אַ שלעפּ איינעם פאַרן אַרבל. פון וואָס רעדט מען דאָס?

— גאָר נישט — ענטפערט אים יענער — גווירצמאַן דער פלאַ־סטערער איז געשטאָרבן.

— ברוך דיין אמת — פאַרגלאָצט דער אַלטער לעווין די אויגן.

— טאָקע היינט געשטאָרבן? פרעגט דער אַלטער איבער באַכאַמאַל. טאָקע היינט? איי איי, קרעכצט ער אַרויס מיט איבעראַשונג און מיט־געפיל — אַזאַ זכיה! אַזאַ זכיה! פּ־ס־ס־ס־אַ אַזאַ זכיה, שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו זיך אַליין.

דער עולם וואָס איז געווען יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן, פריש געוואַשן און געראַזירט, זיינען נאָך לעווינ׳ס ווערטער שטיל געבליבן. לעווינ׳ס איבעראַשונג האָט אויף זיי געמאַכט אַ מאָדנע ווירקונג, און אַלע האָבן

זיך ערנסט פֿאַרטראַכט — וואָס קען עס מיינען — אַזאַ זכיה? און אויף עטלעכע געזיכטער האָט זיך אַרויפֿגעצייגן אַ פּחד. — אַז דער אַלטער לעווין זאָגט, מסתמא ווייס ער עפּעס.

ווער איז געווען די גרופּע צו וועלכע לעווין איז גראָד צוגעקומען? דאָס זיינען געווען די סאַמע קאַרפּן קעפּ. אַלרייטניקעס, „ריל עסטייט" מאַגנאַטן, ביי וועלכע גווירצמאַן האָט קיינמאָל קיין טאָג אַרבעט ניט גע־קראָגן.

— מיר ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט אַ אידן — פֿלעגן זיי אים אַליין ענטפֿערן. און ער, דער פֿאַרשטאַרבענער גווירצמאַן פֿלעגט פֿון אַזאַ ענטפֿער געפּלעפֿט ווערן.

— ווען איך האָב אַ ביקס, שיס איך זיי אַלע אויס! (ער איז אַ גע־וועזענער סאָלדאַט).

— איר מיינט איך וויל ביי זיי אַרבעטן, ביי די מנובלים? פֿלעגט ער טענה'ן, איך קאָן זיי דאָך פֿון דער היים די פֿערד גנבים! — איר מיינט אַז איך וויל אַרבעטן פֿאַר די אַ אידן? — ניין! מיינע שונאים זאָלן האָבן צו טאָן מיט זיי. נאָר וואָס זאָל מען טאָן — פֿלעגט ער ווערן ביי זיך ווייכער, אַז אַ גוי כאַפּט זיך ניט געבן אַ אידן קיין דזשאָב, און אידן ווילן נישט געבן קיין דזשאָב — נו, וואָס זאָל איך טאָן — פֿלעגט ער זיך ווענדן מיט בעטנדע אויגן צו דעם וואָס ער האָט אויסגערעדט זיין ביטער האַרץ.

און געווען איז ער טאַקע אַ קבצן אין זיבן פֿאַלעס, מיט אַכט קינ־דערלעך. קיין שטיקל ברויט צו זאַט איז אין הויז קיינמאָל ניט געווען. דערפֿאַר אָבער האָבן „די לײדיס אוקזילערים" פֿון די זעלבע אַלרייט־ניקעס צו זייערע מיטינגס באַשלאָסן אַוועקצושיקן אַ „באַנדל" צו דער גווירצמאַן פֿאַמיליע. און געטאָן געוואָרן איז עס בסתר. כדי ער, גווירצ־מאַן, זאָל פֿון דעם ניט וויסן, ווייל ער איז געווען זייער שטאָלץ ביי זיך — איך האָב גאָלדענע פֿינגער — פֿלעגט ער זאָגן, גיט מיר אַרבעט וועלכע איר האָט אַזוי פֿיל! און אפשר האָט ער זיך אָנגעשטויסן דאָס מען העלפֿט דער פֿאַמיליע, טאַקע צוליב די טענות וואָס ער האָט אַלעמאָל פֿון דעם געערעדט, אָבער אין הויז איז ער זעלטן געווען. אַלע מאָל געווען פֿאַרנו־מען מיט זוכן אַרבעט. און דעם „באַנדל" האָט מען שוין אַריינגעשיקט ווען ער איז אין הויז ניט געווען.

**
*

מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען. דער טויטער גייסט פֿון גווירצ־מאַנען האָט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. דער בעל תפֿילה האָט עפּעס אומע־טיקער ווי אַלע מאָל אויסגעלאָזן די פּסוקים. אויגן האָבן זיך באַגעגנט

מיט מיטלייד און חרטה, ווי זיי וואָלטן זאָגן: וואָס טייג דער גאַנצער האַווען און יאָגן זיך? אַז דאָס איז דער סוף פון אַלעס . . .

און דער ראַביי האָט זיך געשטעלט „דעליווערן זיין אַדרעס", איז עס געוואָרן מאָמענטאַל שטיל. מען האָט געפילט אַז היינט וועט זיין „סאָם ספּיטש". און עס איז טאַקע געווען אַ „סוקסעספול ספּיטש". אַזוי פיל פרישע צאַפּלדיקע מאַטעריאַל. ער האָט אַלעמען גערירט די הערצער, ביי אַלעמען אַרויסגערופן טרערן. און צום סוף האָט ער, אויף שוואַכערע טע־נער, געבעטן דעם עולם צו קומען דריי אַזייגער צו דער לויה פון פאַר־שטאָרבענעם. — עס איז אַ גרויסע זכיה צו שטאַרבן אום ראש השנה און ס'איז אַ גרויסע מצוה צו באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו.

דער בעל מוסף, וועלכן מען האָט געדונגען שוין אין די לעצטע טעג פון ערב יום־טוב, און אויף וועמען מען האָט געלייגט קנאַפּע האָ־פענונגען אויף זיין חזנות, איז אויך אינספּירירט געוואָרן פון דער פאַ־סירונג, און צו ונתנה תוקף געשפּאָלטן הימלען. אַלע האָבן זיך פאַסמאַ־קעוועט און געשאָקלט מיט די קעפּ, אַפילו די יונגוואַרג וואָס וויסן נע־בעך גאָר ניט וואָס דער „גאַי" וויל, האָבן אויך געזאָגט: — „הי איז אָל־רייט". אַזאַ דאַוונער, האָבן זיך די עלטערע געקוויקט. — שוין לאַנג ני געהערט.

אומעטיקע, צעבראָכענע, האָט מען פאַרלאָזן די שול, ווי צעשראָ־קענע שעפּעלעך איז מען געגאַנגען ווי פאַרשוילדיקטע. אַלע האָבן געהאַט איין געדאַנק — צו גווירצמאַנ'ס לויה.

***

אַרום דריי אַזייגער בייטאָג האָבן זיך גענומען קלייבן מענטשן פון אַלע וועגן וואָס פירט אויף גרין סטריט, אַרונטער באַרג, וואו עס שטייען פאַבריקן און סאָפּען מיט פאַרע און זשומען מיט פאָסן איבער דער ערד, וואו גווירצמאַנ'ס שטיבל שטייט איינגעהויקערט ביים ברודיקן טייכל, וואָס ציט אָפּ די שמוץ פון די פאַבריקן. פון דעם איינשטאָקיקן הייזל הערט זיך אַלע מאָל אַ אָפּגעהאַקטער געוויין, וועלכער ווערט פאַרטויבט פון די מאַשינען אין די גרויסע מויערן, וואָס וויסן גאָר ניט אַז היינט איז יום־טוב. ראש השנה אויף דער וועלט, און אַז זייער שכן, מר. גווירצמאַן, איז געשטאָרבן.

דער עולם ווערט געדיכטער פון מינוט צו מינוט, קיינער פון די אידישע איינוואוינער פעלט ניט דאָ ביי גווירצמאַנ'ס לויה. — ס'איז אַ גרויסע מצוה — האָט דער ראַביי געזאָגט.

אונטער א פארצויגענעם פאָרהאַנג

שוין באַלד צוויי יאָר, אַז לואי „די רויטע קאַפּ״ אַרבעט אַלס דע־קאָראַטאָר אין דעם אַריסטאָקראַטישן אַפּאַרטמענט־האָטעל אויף דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס, און ס׳איז אים נאָך קיין איינמאָל נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דעם אַפּאַרטמענט פון דעם אַלטן מר. ראָזען.

דער אַלטער מר. ראָזען, וועלכער פאַרנעמט איינער אַליין דריי חדרים, איז אַ שטילער אָפּגעזונדערטער מענטש וואָס מישט זיך מיט קיינעם ניט, קומט קיינמאָל נישט אַרונטער אין דער רייך־אויסגעשטאַטע־טער לאָבי און פאַרברייינגט זיין צייט אָדער אין פּאַרק — אָדער אין זיינע דריי חדרים.

וועגן דעם שטילן מר. ראָזען, וועלכער האָט ניט מיט קיינעם קיין מגע ומשא,ריידן אַלע און סוד׳ן זיך אין דער שטיל, ווי וועגן אַ פּערזאָן מיט אַ געוויסער פאַרגאַנגענהייט.

פאַר לואין, דעם דעקאָראַטאָר, איז די ערשטע צייט, ווען ער איז אָנ־געקומען אַרבעטן אין דעם האָטעל, געווען אויפפאַלנדיק די שטילע געשפּרעכן וועגן דעם מר. ראָזען. כאָטש צו אים און צו זיין אַרבעט האָט עס גאָר ניט קיין שייכות געהאַט. דאָך האָט עס לואין געצויגן צו דערגיין וואָס און ווער מר. ראָזען איז.

לואי איז אין אַלגעמיין אַ טשיקאַווער מענטש. קומט ער ערגעץ פאַר איין טאָג — דאַרף ער וויסן פון אַלץ און אַלעמען. ער האָט שוין פיל מאָל געקראָגן אויסגעזידלט פאַר רוקן זיין נאָז איבעראַל, נאָר ווי זאָגט לואי אויף זיך אַליין — „אַזאַ מין סאָרט מענטש בין איך, און אַזאַ נאַטור האָב איך״. איז דאָך נישט קיין פראַגע אַז לואין איז עס געגאַנגען אין לעבן אויסצוגעפינען וועגן דער מיסטעריעזער פּערזאָן, דעם אַלטן צוריקגעצויגענעם מר. ראָזען.

און וואָס האָט לואי אויסגעפונען? גאָר נישט מיט נישט. לואי האָט זיך ווי פאַר זיך אַליין פאַרשעמט דערוויסנדיק זיך גענוי ווער און וואָס מר. ראָזען איז. און ס׳איז ניטאָ וועגן וואָס זיך צו סוד׳ען, וועגן אַן עלטערן שטילן מענטשן. „און אַז ער איז געווען אַ שניידער איז וואָס? און אַז זיינע קינדער זיינער די אייגנטימער פון דעם רייכן האָטעל איז וואָס?

אָט אַזוי פלעגט לואי טענה׳ן מיט זיך אַליין און ברענען מיט כעס אויף די זאָגענאַנטע בלוי־בלוטיקע יחסנים פאַר וועלכע מר. ראָזען פאַר־

אומווירדיקט דעם שיינעם פראַכטפולן האָטעל, און טייטלען אויף אים מיט די פינגער ווי אויף עפּעס אַ שרץ.

— אַ באַנטש אומויסנדיקע קאָרטן־שפּילער.

און מערקווירדיק! לואי האָט די גאַנצע צייט ניט אויסגערעדט מיטן אַלטן מר. ראָזען׳ען קיין צוויי ווערטער. דאָך האָט ער אינטואיטיוו געפילט צום אַלטן אַזאַ נאָענטקייט ווי צום אייגענעם זיידן. אַפילו שלאָגן זיך וואָלט ער געווען גרייט ווען עמיצער זאָל דעם אַלטן פאַרטשעפּן.

היינט האָט לואי געקראָגן אַ נאָטיץ ביים דעסק אַז מאָרגן דאַרף ער אַרייַן אין אַפּאַרטמענט נומער 503.

לואי האָט באַטראַכט דעם נומער איינמאָל און נאָך אַמאָל. 503 — האָט ער געגרעדט צו זיך אַליין, פאַרמאַכנדיק די אויגן פון שווערן נאָכטראַכטן: — איז דאָס ניט מר. ראָזען׳ס אַפּאַרטמענט? — יאָ, מר. ראָזען׳ס אַפּאַרטמענט — האָט ער זיך אַליין פאַרזיכערט, און אַ ציטער איז אים דורכגעלאָפן איבערן לייב פון עפּעס אַ מאָדנעם פאָרגעפיל פון איבעראַשונגען. לואי איז געווען אַ שטאַרקער מאַמין פון „געפיל־זאַכן״. דאָס האַרץ איז מיין אמת׳ער זייגער, פלעגט לואי טענה׳ן.

די נאַכט האָט לואי געהאַט אַ אומרואיקע, כמעט אַ שלאָפלאָזע. ס׳האָט זיך אים געפלאָנטערט אין געדאַנק דער אַלטער, די צימערן, קאַלירן, דאָך דער טאַטע פון די אייגנטימער.

אין דער פרי איז לואי אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער אַ נערוועזער. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין ראָזען׳ס אַפּאַרטמענט מיט אַן אומרואיקן געמיט. דער אַלטער אַליין האָט געעפנט די טיר מיט אַ ליבלעכן גוט־מאָרגן און אָנגעקוקט לואי׳ן מיט זיינע שטאַרע אויגן.

— דאָס ווילט איר פאַרבן מיין אַפּאַרטמענט ?

— יעס סיר, מר. ראָזען — איז געקומען אַ האַסטיקער ענטפער.

— נו, „העלפּ יורסעלף״ — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט.

לואי איז געבליבן שטיין ווי אַ תם. ער האָט עפּעס אַזוי פיל דערוואַרט, אַזוי פיל צרה׳דיקע געדאַנקען, און דאָ — „העלפּ יורסעלף״.

— וואָס פאַר אַ קאָלירן ווילט איר האָבן? — איז לואי געוואָרן דרייסטער. און מיט שטאָלץ אויף זיינע מאַליאַרישע פעאיקייטן געפרעגט דעם אַלטן ראָזן.

— מאַכט וועלכע קאָלירן איר פאַרשטייט און ס׳זיינען אייך גרינגער.

לואי׳ן האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון רחמנות אויפן אַלטן און פון די טיפענישן פון זיין נשמה האָט גערופן אַ צו׳להכעיס פאַרלאַנג, עמיצן אויף צופּוקעניש צו מאַכן דעם אַפּאַרטמענט וואָס שענער, וואָס איינגענעמער. אין געדאַנק איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמבינאַציע פון קאָלירן, וואָס זאָלן האַרמאָנירן מיט דער אַטמאָספערע אין וועלכער מר. ראָ־

זען לעבט. לואי האָט מיט זיינע קינסטלערישע אויגן דורכגעדרונגען די צי־מערן, און פלאַנמעסיק באַשטימט קאָלירן. אין איין חדר, אין דעם גאַר־דעראָב צימער, האָבן זיך לואי׳ס פלענער אָפגעשטעלט. עפּעס אַ פאַרצוי־גענער פאַרהאַנג פון ביליקן שטאָף צעטיילט דעם חדר אויף צוויי העלבע.

—דאָס חדר׳ל וועט איר מאַכן צולעצט — איז אים דער אַלטער פאַר־לאָפן דעם וועג.

— וואָס הייסט? — האָבן זיך ביי לואי׳ן אַרויסגעכאַפּט די ווערטער וועלכע ער האָט גאָרניט באַדאַרפט, ווייל אינסטינקטיוו האָט ער גלייך דערפילט אַז דאָ איז דער אוצר, דער פאַרבאָרגענער עלעמענט וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ נערוועזע אומרוהיקייט.

לואי האָט זיך געמאַכט גרייט צו דער אַרבעט, נאָר איידער ער האָט געקענט צופירן די הענט ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט ער פריער געמוזט בגנבה כאַפּן אַ קוק הינטערן קווייטלדיקן פאַרהאַנג. אָבער ווי אָפּגענאַרט און פאַרשעמט לואי איז געבליבן פון דעם וואָס ער האָט דאָרט געזען, אַז ער האָט אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. הום — האָט לואי גע־ברומט צו זיך אַליין — אַ ניי־מאַשין און אַ מענער מאָדל? — צו וואָס דאַרף דאָס דער אַלטער מיט זיך? אָבער אַזוי גיך ווי דער אַלטער איז אַרויס פאַר זיין טעגלעכן שפּאַציר — האָט לואי ברייט אַן עפן געטאָן דעם פאַרהאַנג און גוט אַריינגעקוקט, באַטראַכט אַלעס וואָס דאָרט געפינט זיך און גע־שטוינט.

אַן אמת׳ער שניידער שאַפּ — האָט לואי צו זיך אַליין גערעדט — אַ שטאַנג מיט מלבושים צום פאַריכטן, אַ גרויסער פּרעס־אייזן און אַנ־דערע קלייניקייטן.

לואי׳ן האָט געמישט אין קאָפּ דער גאַנצער אויפשטעל אין דעם רייכן אַפּאַרטמענט האָטעל, וואו מען צאָלט פון דרייסיק ביז פופציק דאָלאַר אַ צימער. וואָס איז דאָס אַזוינס און וואָס קומט דאָ פאַר? האָט לואי זיך געוואונדערט. און דאָס בילד איז אים נאָכגעגאַנגען וואוהין ער האָט זיך גערירט און די אַרבעט איז געגאַנגען שווער און קאַפּויר.

נאָכדעם ווי לואי האָט דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר טעג און דער אַלטער מר. ראָזען האָט זיך מיט אים אויפגערעדט און אים דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע, און אויסגערעדט פאַר לואי׳ן זיין האַרץ, איז לואי געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, מיט אַ נייער פילאָזאָפיע. אַלעס האָט ער געטיילט אין צוויי חלקים: איינער אַ פאַרדעקטער, איינס אַן אָפענער. אין יעדנס מענטשלעכער טיפעניש געפינט זיך אַ פאַרהאַנגל אונטער וועלכן עס ליגט פאַרבאָרגן אַ גרויסער טייל פון זיין לעבן.

וואָס האָט דער אַלטער דערציילט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף לואי׳ן?

— פשוטע, איינפאַכע ווערטער פון אַ פשוט'ן מענטשן, וואָס זעט דאָס לעבן דורך יאָרן פון דערפאַרונג, ווי דאָס לעבן איז אין דער ווירקלעכקייט, נישט ווי עס זעט אויס אויבן־אויף.

די ערשטע ווערטער זיינען געווען — איר זעט, אין די שיינע צימערן וואוין איך און אין דעם קליינעם צימערל — לעב איך. מענטשן זיינען מיר מקנא, אַזאַ עלטער, אַזאַ עלטער זאָגן זיי. — קיינער שטעלט זיך ניט פאָר אַז דער אַלטער ראָזענבערג לעבט אויס זיינע עלטערע יאָרן אין אַ דזשייל. געראָטענע קינדער, טרייע קינדער, אָבער אין תוך זיינען מיר איינער דעם אַנדערן פרעמד, פרעמד פון דער ערשטער מינוט זינט זיי זיינען אַוועק אין שולע. אַז איך וויל נישט וואוינען צווישן אַריסטאָקראַטן בעט איך זיך. זאָגן זיי — דאָס איך מוז. עס פאַסט נישט פאַר זייערע פריינט איך זאָל זיך געפינען ערגעץ אַנדערש. איר זעט די מאַשין, די שער און אייזן. איך מוז זאָגן ס'איז מיר אָך און ווי — קיין אַנדער זאַך אין לעבן האָב איך נישט. איך זאָג אייך עס לוינט זיך נישט. פריער געהאָרעוועט פאַר אַ פרעמדער וועלט, —איצט לעב איך אין אַ פרעמדער וועלט. ווען איך זאָל דאַרפן דורכגיין צוריק די ביסל יאָרן, וואָלט איך אַנדערש געהאַנדלט...

אפשר איז אייך שווער צו פאַרשטיין מיינע רייד. עס לייגט זיך ניט אויפן שכל. איך בין דער איינזאַמסטער מענטש אין דער וועלט. די איינציקע וואָס נעמען אויף מיינע געפילן, איז דאָס שער און אַייזן, אונטערן געזאַנג פון דער ניי־מאַשין פאַרגעס איך אַלע מיינע מאַטערנישן און איך פיל זיךווידער ניי געבאָרן. יעדער איינער דאַרף זיין וואָס ער איז. זיינע מיטמענטשן דאַרפן זיין זיינע גלייכע, אַפילו זיינע קינדער דאַרפן זיין נישט צו וויט אַוועק פון זייערע עלטערן, דאַן וואָלט נישט נויטיק געווען קיין פאַרהאַנג.

זינט דער באַגעגעניש, זעט לואי בלויז אַ האַלבע וועלט, און דאָס וואָס ער זעט, זאָגט ער, זעט ער אויך נישט אינגאַנצן. אַז זיין זון איז אויך אַ מאָלער — איז ער דען צופרידן?

פאַר דער וועלט מאַכט ער זיך דאָס ער איז צופרידן, פשוט גליקלעך. אָבער טיף אין האַרצן איז ער מקנא זיין חבר ווֶעמענס זון שטודירט פאַר דאָקטאָר! לעבט ער ניט אין זיין פאַמיליען לעבן, וואָס שייך צו דער וועלט, ווי אונטער אַ פאַרשטעלטן פאָרהאַנג? לעבן ניט זיינע פריינט און באַקאַנטע, האַלבע לעבנס ,אויסערלעך צירליך־מאַנירליך מיט טייערן שטאָף אַלס פאַראַוואַן, אָבער הינטער דעם שיינעם ווענטל, צעפוילטע, צעלעכערטע שמאַטעס פון לעבן.

איצט, זינט לואי האָט פיזיש און פסיכאָלאָגיש אַריינגעקוקט אונטערן פאַרצויגענעם פאָרהאַנג, איז די וועלט געוואָרן פאַר אים טונקל און אומעטיק.

זיין לעצטע אויסשטעלונג

באַגעגנט צום ערשטן מאָל ביל'ן האָב איך מיט אַ יאָר צוועלף צו־ריק. דאָס איז געווען אין געשעפט „פון פאַרבן פאַרן קינסטלערישן גע־ברויך". דאָרט האָט דער אָנגעשטעלטער מיר פאָרגעשטעלט—דאָס איז ביל ליטש.

גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט מיר ביל איינגעלאַדן צו אים אין סטודיאָ פאַר אַ באַזוך. און איך האָב עך גערן אָנגענומען.

באַטראַכטנדיק בילס קונסט־ווערק האָב איך געזען, אַז דער ביל, וואָס איז שוין אין די טיפע זעכציקער, געהערט טאַקע צום אַלטן חדר. כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פריידענקער און קיינמאָל אין „טשוירטש" ניט געגאַנגען, זיינען דאָך זיינע בילדער געווען רעליגיעזע. און צוויי פון זיינע קירכן־בילדער האָבן געוואונען פרייזן. פונדעסטוועגן האָט ביל גע־האַלטן אין איין רעדן, אַז מאָלן דאַרף מען בילדער וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן, וואָס רופן און רעגן יעדן טאָג, יעדע מינוט. און וויפל פאַרזוכן ביל האָט געמאַכט צו מאָלן אַ בילד מיט אַ וועלט פּראָבלעם; איז דורכאויס געווען אַ דורכפאַל. און נאָך יעדן ניט געלונגענעם בילד, פלעגט ביל ווערן אַזוי אויפגערעגט, אַזש ביז משוגעת. — ווען ניט די צוויי בילדער וואָס האָבן געוואונען די פּרייזן, וואָלט ער אַלע מאָלערייען אַרויסגעוואָרפן און זיי פאַרברענט. — אַזוי פלעגט ער הייליק שווערן.

צו פיל דיסקוסירן מיט ביל'ן האָב איך ניט געקענט אין יענע טעג. מיין ענגליש איז באַשטאַנען אין אַ פּאָר צענדליק ווערטער. אויף אַלע זיינע טענות, פלעג איך צושטימען מיט יעס, ד. ה. ער איז גערעכט כאָטש אין געדאַנק איז ביי מיר געלעגן גאָר אויבן אויף, גוטע, אויפריכטיקע אַרגומענטן פאַר זיין נייגונג צו רעליגיעזער לעגענדאַרישער קונסט. נאָר געבליבן בין איך ביים יעס.

ביל פלעגט אויף מיר אין כעס ווערן. און אויך רחמנות האָבן פאַר מיין אומבאַהאָלפנקייט. און אַזוי ביסלעכווייז זיך אָפּגעקילט צו מיר, און מיר מער ניט בעטן אַרויפצוקומען אין סטודיאָ. דאָך האָט אַ דינינבקער פאַדים אָנגעהאַלטן אונזער באַקאַנטשאַפט ,און דאָס איז געווען אונזער באַגריסן זיך אויף דער גאַס.

ביל פלעגט פאַרבייגיין מיט זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און פלעגט אַ דריי טאָן דאָס פולע מויל טאַבעקאַ: — „האיו!". צו דעם „האיו" בין איך אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן פאַר אַ גאַנצן צענדליק יאָרן, דאָס אַז דער „האָיו" איז ביי מיר געוואָרן אַ טייל פון די דערשיינונגען וואָס מען טרעפט אין גאַס: ווי אַ סטריט קאַר, אויטאָמאָבילן, מענטשן, און לופט.

איינמאָל ווי פון עמיצן אויפגעוועקט, איז געקומען צו מיר אַ געדאַנק און מיר געמאָנט: „דו האָסט בילן שוין לאַנג ניט געהערט", דו האָסט אים שוין לאַנג ניט געזען! עפּעס האָט מיט בילן פּאַסירט. איך האָב זיך גלייך איבערצייגט, דאָס איך האָב שוין טאַקע בילן לאַנג ניט געטראָפן. און גלייך באַשלאָסן צו באַזוכן דעם אַלטן ביל.

גייענדיק מיט די גאַסן וואָס פירט צו בילס הויז, האָב איך געטראַטן אויף אָפּגעפאַלענע קאָלירלאָזע הערבסט בלעטער. אַ ווינטעלע האָט קיל געבלאָזן און געריסן די איינציקע טרוקענע בלעטער פון די צווייגן, און אין גאַנצן נאַקעט געמאַכט די ביימער. אַ ציטער איז מיר דורך מיין גאַנצן קערפּער, ווען איך האָב אין יעדן בוים דערזען דעם סילועט פון בילן. אין האַרצן האָט מיר אָנגעהויבן צו האַמערן ווען איך בין אַרויף די פּאָר טרעפּלאַך וואָס פירט צו בילס טיר. אַ דריק דעם עלעקטרישן גלעקל און גלייך אַריין אין הויז וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיט דער סטודיאָ.

אַ שוואַכע פויגל שטימע האָט זיך געלאָזט הערן פון קיך אַרויס.

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך ביל. זיי רואיק.

—אָה מיין גאָט! ווער האָט דיר געבראַכט אַהער? — האָט דער אַלטער אַרויסגעקרעכצט.

— נעם אַ שטול און זעץ זיך. האָט ער אָנגעוויזן מיטן שטעקן אין דער געל ביינערדיקער האַנט. אויפן שטול וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט.

ביל איז געזעסן טיף אין פאָטעל, איבערגעבעט מיט לופט קישנס פון אַלע זייטן. דאָס פּנים ווי אַ פאַרטריקנטער שוואָם. אויגן אויסגעלאָשענע ליכט. דער מויל אַ פאַרשנורעוועטער. מיט צוויי וואָנסן ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער, באַוועגן זיך גיך, ווי ביי אַ יונג וועווערקעלע ווען זי קייעט גראָז. די טונקלקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון דער גאַנצער שטוב האָט נאָך מער צוגעגעבן טויטן קאָליר צו בילס אויסזען.

— ווי פילסטו ביל?

— ווי ווילסטו זאָל איך פילן, ווען איך בין שוין אַכט און זיבציק יאָר אַלט. איך צייל מיינע לעצטע טעג. מיין זון טראָגט מיר אין אָונט אַרויף צו בעט, און באַגינען טראָגט ער מיר אַראָפּ אַהער, גרייט צו מיינע מעדיצין, און גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

— דו האָסט אַ פיינעם זון ביל.

— יאָ . . . ער וואַרט שוין צו פאַרנעמען די הויז . . .

צו פיל רעדן צו אים האָב איך ניט געוואָלט, ווייל ער איז געווען צו שוואַך צו ענטפערן. בין איך געזעסן שווייגנדיק אַ שטיקל צייט, ביז מיי־נע אויגן האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די בילדער וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן ווי ברוך. איך האָב מיר אויפגעשטעלט, אַוועק אין צווייטן און אין דריטן חדר. איך האָב זיך פאַרטראַכט אויף געוויסע בילדער, און גע־דענקט וועגן סוף פון מייסטער.

און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב פאַר מיינע אויגן דערזען בילן שטיין אין טיר פון דריטן חדר.

—ביל! האָב איך ווי ניט מיט מיין קול אַ געשריי געטאָן, — וואָס טוסטו דאָ?

— „נעווער מיינד" האָט מיר געענטפערט גאָר אַן אַנדער ביל. אויף זיין פאַרמעט צורה איז געלעגן אַ דערפרישונג, אַ ליכטיקייט פון דער־הויבונג. זיין שטימע איז געוואָרן ברייטער נאַטירלאַכער.

— און דעם בילד האָסטו געזען?

— און אָט יענעם בילד האָסטו געזען?

ער בויגט זיך אַראָפּ און זוכט אויף איין בילד נאָכן צווייטן.

איך שטיי אַ פאַרגאַפטער. איך באַטראַכט דעם כח פון אינספּעראַציע, וואָס שאַפט אַ אינטענסיווע אויפלעבונג.

— ביל, בעט איך זיך ביי אים, גיי רו זיך אָפּ, עס איז שווער פאַר דיר.

— ניין, איך מוז דיר באַצאָלן פאַר דיין פריינדלעכקייט.

דו ביסט דער איינציקער וואָס איז מיר געקומען באַזוכן. און איך וויל דיר געבן אַן אָנדענק פון מיר. קלייב אויס איינע פון די צוויי בילדער.

איך האָב אים באַדאַנקט, און צוגעזאָגט צו נעמען אַ בילד, אָבער ניט היינט, נאָר אַן אַנדערס מאָל, אַז איך וועל זיין ביי אים. איך האָב פאַר־לאָזן בילס הויז מיטן געפיל אַז דער אַלטער פילט בעסער. און ער וועט נאָך אויפן שטול פאַרברייגגען אַ היבשע צייט.

אויף מאָרגן פרי האָב איך געלעזן אין דער לאָקאַלער צייטונג די לעבנס באַשרייבונג פון וויליאַם ליטש. געשטאָרבן עלנט, איינזאַם. אין עלטער פון אַכט און זיבציק יאָר.

שטאַרקער פון טויט

די עקסקורסיע באַן איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויפן זעלבן פּלאַץ, און געוואַרט אויף די פּאַסאַזשירן, האָט אַ בליץ געטאָן מיט ליכט דורך די פענסטער, און דער גראַטן־טויער האָט זיך אַ פּראַל געטאָן, און אַ שטראָם פון וואַרטנדיקן אויסגעמאַטערטן עולם, האָט זיך גענומען שפּאַרן צו דער לאַנגער וואַגאָנען־קייט, און פאַרשלונגען געוואָרן אין די אָפענע לעכער.

אינגוויניק אין די וואַגאָנעס האָט געדישעט מיט אַ הייסער דעמפּער לופט. מענטשן זיינען געוואָרן לאַנגווייליק, זיך געווישט דעם שוויס, און זיך געפעכערט מיט טיכעלעך, געקוקט אויף די זייגערס און באַמערקט איי־נער די אַנדערע, וועלכע האָבן זיך נישט געפונען קיין פּלאַץ אין די פון גאַנצן טאָג אָנגעברענט וואַגאָנס. שוין לאַנג געוועזן צייט צו פאָרן, די באַן, אָבער, איז געשטאַנען ווי אַן איינגעוואַקסענע אין דער ערד און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— וואָס שטייט איר לאַנדסמאַן? וואָס קוקט איר אַרויס דורכן פענסטער? די באַן וועט זיך „עניהאו״ ניט דערשרעקן פאַר אייך! קומט, עס פעלט אַ האַנט ! — האָט מען גערופן.

דער נערוועזער יונגערמאַן האָט מיט אַ פאַרקרימטן פּנים און אַ פאַרלעגן שמייכעלע באַטראַכט די איינלאַדער, און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם ליידיגן זיץ־פּלאַץ, קאָרטן האָבן גענומען מעכאַניש לויפן פון געשווינדטע הענט, און וועגן דער באַנ׳ס אָפּפאָר האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן.

— צוויי הונדערט און פופציק !

— דריי הונדערט!

— דריי הונדערט און פופציק !

מען האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט, אַז קיין זאַך איז שוין זיי ניט אָנגע־גאַנגען.

די באַהן איז אָפּגעפאָרן. די קילע לופט האָט אַריינגעשטראָמט דורך די אָפענע פענסטער. מענטשן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. און די באַן האָט זיך צעלאָזט מיט איר ריטמישן קלאַפּן — טשו, טשו, טשו . . .

דער עולם איז רואיקער געוואָרן. ווער עס איז איינגעשלאָפן, און ווער עס האָט זיך געהוידעט ווי פאַרטשאַדעט, האָפנדיק באַלד צו זיין אין דער היים.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, די באַן האָט געשניטן מיט אימ־פּעט דורך באַרג און טאָל, פאַרבייגעלאָפן רוישנדיקע וואַסערלעך, און

נאָך שטאַרקער אָפּגעהילכט דעם שטאָלענעם קלאַנג.

פּלוצלונג האָט זיך דערפילט אַ זייער שטאַרקער שטויס. שלאָפנדי־קע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, וואַכנדיקע האָבן זיך דערשראָקן. די וואַ־גאָנעס האָבן געגומען דריקן איינס דאָס אַנדערע. די רעדער האָבן געסקרי־פּעט און געשריען אויף די רעלסן. די באַן האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט.

אַן עקסידענט! אַן עקסידענט! — איז געוואָרן אַ טומל איבער די וואַגאָנעס. מענטשן זיינען געלאָפן צו די טירן, געקוקט דורך די פענסטער, נאָר די פיר „העגט", פאַרנומען מיט די קאָרטן, האָבן גאָר נישט געהערט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

— צוויי הונדערט פּופּציק!

— דריי הונדערט!

דאָס דינגעניש גייט אָן . . .

— איבערגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל! — ווערט באַקאַנט די נייעס.

אַלע ווי איינער האָבן זיך געלאָזן צום לאָקאָמאָטיוו, זען ווי עס הענגט אַ הויפן שפּענדלעך מיט שטיקלעך בלעך. עטלעכע הונדערט מענטשן זיינען געשטאַנען און פיבערדיק געציטערט אין דער הייסער נאַכט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען דאָס ביסל ברוך פון דעם לאָקאָמאָטיווס אָפּקלאַפּער.

— אַ העט, אַ העט! — האָבן איניקע גענומען שרייען — אַ מענער־שע העט!

אַ שוידער קעלט גייט דורך אַלעמענס לייבער. די פרויען קלאַמערן זיך אין זייערע באַגלייטער און עס פאַלן זיי די ציין פון מויל אַרויס. דער לאָקאָמאָטיוו שטייט מיט זיינע מעכטיקע רעדער, ווי אַ שטאָלענער גולם און מען ווערט פאַרטויבט פון זיין קרעכצן מיט פּאַרע. ער איז שטיל דער־שלאָגן ווי ער וואָלט זאָגן: אַ שטאָלענע שלאַנג, אָבער שולדיק בין איך נישט . . .

מענטשן, יונג און אַלט, אַלע האָבן זיך געדרייט צווישן הויכע גראָזן. אפשר וועט מען דערהערן אַ געשריי, אַ קרעכץ.

אומזיסט איז געווען די פּאָר שעה זוכעניש. געפונען האָט מען גאָר נישט. אַלע זיינען אַריין צוריק אין די וואַגאָנעס ווי שולדיקע. אַזוי פיל מענטשן זוכן און געפינען נישט, פילט מען זיך עפּעס ווי באַליידיקט . . .

אין צעווישן וואַגאָן איז געשטאַנען אַ יונג פּאָרל, מיט די פּנים'ער געווענדעט צו דער וואַנט, און זיך געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען, געווען פאַרטראָגן אין די עולמות . . . און אין מיטן וואַגאָן זיינען זיך געזעסן די פיר „העגט", און מיט דער זעלבער פרישקייט געשטיגן די פּרייזן — צוויי הונדערט מיט פּופּציק, דריי הונדערט, דריי הונדערט מיט פּופּציק...

אין דער שטילער נאַכט

„לימאַ!״ — האָט אויסגערופן דער איבערגעוואָקסענער טרייבער, מיט די בלוי־וואַסערדיקע אויגן. אָפּרו, דרייסיק מינוט.

ער האָט פאַרנומען זיינע מטלטלים. אַ אָפּגעריבענע רענצעלע, זיין צעזאַמענגעדרייטן אויבער־מאַנטל, און דאָס שילדל וועלכע האָט עס געלאָזט וויסן די מיטפאָרער — דאָס דעם טרייבערס נאָמען איז: ס. בראַון. און מיט שווערע טריט זיך קוים דורכגעשפּאַרט די טיר, וועלכע איז פאַר אים געווען אַביסעלע צו שמאָל.

דער מאָטאָר האָט ערגעץ אונטערן דיל געהוזשעט, און געטרייסלט דעם גאַנצן וואַגאָן. פון וועלכן די פענסטער האָבן געציטערט. דער פרייגעבליבענער רודער האָט זיך געצאַפּלט, געוואָרנט און געשראָקן. די האַלב פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן: — זאָל זיך צו מיר קיין פרעמדע האַנט ניט צורירן?! — איך קען אין איין רגע אייך אַלעמען אומברענגען . . .

אַ פרישער טרייבער אין אַ געפּאסטן יוניפאָרם, ווי אַ מיליטער מאַן פון הויכן ראַנג, באַשטראַלט מיט אַ לבנה־צורה וואָס פרעגלט זיך אין נחת פון גאָט׳ס שיינער וועלט, און פון זיך אַליין, וואָס ער איז אַזאַ אדם חשוב, וואָס די וועלט אַנערקענט אים און גיט אים אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן . . .

ער האָט פינקטלעך און קאָרעדט אַוועקגעלייגט זיין אָפּגעפּוצטן רענצעלע, אויפגעהאַנגען אַ אָפּגעלאַקירטן שילדל, פון וועלכן ס׳האָט בולט אַרויסגעשיינט די ווערטער: על עס קינג.

ער האָט פינקטלעך און קאָרעקט אַוועקגעלייגט זיין אָפּגעפּוצטן רענלעבאָס״ איבער די הויכע שטולן, וואו האַלבע און גאַנצע קעפּ, שלאָפנדיקע און וואַכנדיקע, האָבן אַרויסגעשטעקט. ער האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און אַלעמען באַגריסט — „עי מערי קריסטמעס טו יו״.

ער איז אַרונטער און ווידער געקומען. אַריינגעלייגט פּאַפּירן אין ריכטיקע קאָמפּאַרטמענטס, אָפּגעוואַשן דאָס רעדל פון רודער, נידעריקער געמאַכט דעם טרייבער׳ס שטול. אַרויפגעצויגן אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס, געקוקט אויפן זייגערל איינמאָל און נאָכאַמאָל, און דער באָס מיט

די שויך אויסגעמאַטערטע פּאַסאַזשירן האָט זיך ווידער גענומען וויגן אין דער טיפער נאַכט אַריין.

דער באָס האָט זיך געדרייט דורך די גאַסן וועלכע זיינען געווען אילו־מינירט מיט צענדליקע טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלאַך: רויט, גרין און ווייס. באַפּוצטע יאָלקעס האָבן שימערירט פון די פענסטער און ווערענדעס, און אַריינגעשריען דאָס גרויסע גליק מיט וועלכע די וועלט איז באַשאָנקען: מיט פרידן און רו . . .

די נאַכט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין טונקל בלויע האָריזאָנטן. ווייס באַשנייטע פעלדער, מיט ברוינע קוסטעס, האָבן געוועבט אידילישע חלומות. דער געפּלאַסטערטער וועג איז געלעגן מאַיעסטעטיש, איבער די פלאַך־ווייסע פעלדער, ווי א גרויער טעפּיך איבער ווייסן סאַמעט, און מיט זיין אונענדלעכן שניט דערגרייכט די סודות־פולע ווייטקייטן. דאָס איינ־ציק פירעקיקע פינטעלע וואָס רופט זיך „באָס" מיט אַ פּאָר צענדליק מענשן איז געשוואומען אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט און מאָטאָר, צוזאַ־מען מיט די מאַסיווע גומענע רעדער, האָבן געזונגען אַ מעלאַנכאָלישן גע־זאַנג צו די געטער און טייוואָלים — פון רו און שלום . . .

— „שטילע נאַכט, הייליקע נאַכט, אַלץ איז אַזוי רואיק און ליכטיק", — האָט דער טרייבער גענומען זינגען אין שטילע טענער מיט זיך אַליין, האַלטנדיק זיינע אויגן אויף דעם שמאָלן פּאַס וועלכע זיין מאַשין שלינגט איין צענדליקער מיילן, ער האָט שטיל געברומט דאָס ניגון פון „שטי־לע נאַכט".

אָבער ניט לאַנג האָט דער טרייבער מר. קינג אַליין געזונגען. ספּאָנטאַן זיינען אַרויסגעשפּרונגען שטימען, וועלכע זיינען באַלד פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גוט איינגעשטודירטן כאָר. מר. קינג איז אַריין אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז. ער האָט איבעראַשט אַלעמען מיט זיין שיינער לי־רישער שטימע און איז געוואָרן דער פירער פון כאָר.

מען איז אַריבער פון איין ליד צום צווייטן, פון די קריסטמעס קע־ראָלס. אַלע האָבן מיט פאַרכט און פּינקטלעכקייט נאָכגעזונגען יעדעס וואָרט. אַפילו דאָס זייטיק שיטער ווערדל, מיט די נאַקעטע בוימער, האָבן אויך הייליק צוגעברומט און פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן קאָסמאָס אין איין גרויסן קלויסטער. אָבער צוויי פון די פּאַסאַזשירן, וועמעס אויסזען און קליידונג מען האָט ניט געקענט אונטערשיידן פון די אַלע אַנדערע — זיי־נען געזעסן און געשוויגן, און פון זייערע אויגן האָט געגליט אַ אונזעבאַ־רער פייערל, וועלכע האָבן זיי ביידן צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין שטיק. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי זיינען געזעסן ווייט איינער פון אַנדערן און זיי האָבן זיך אין זייערע לעבנס קיינמאָל ניט געטראָפן . . .

אַ שטראָם פון דאַנקען און קאָמפּלימענטן צו דעם טרייבער, וועלכע

אַלע האָבן אים אַדרעסירט — מר. קינג פאַר זיין שיינעם זינגען און פאַרן שאַפן די אמת'ע קריסטמעס אַטמאָספערע.

אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און מר. קינג האָט מיט צעגאָסענער ליבע און אָפּהאַרציקייט דערציילט זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין קעגנוואָרט און אויך זיין צוקונפט. דערווייל, צו דעם ווי ער איז איצט פאַרנומען אַלס „באָס דרייווער" — איז ער אַ „סאַנדעי סקול פריטשער" אין דער באַפּטיסטישער קירך פון זיין היימישן שטעטל.

אַ זייער טשיקאַווער געשפּרעך האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דעם שוין איצט ,סאַנדעי סקול פריידיקער" און אַ גרופּע סטודענטן, וועלכע זיינען געפאָרן אַהיים פאַר וואַקאַציע. די סטודענטן האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט אַזאַ דורשט צו וויסן און דערגיין פון דעם טרייבער די ריכטיקע אמת'ן וועגן קינד פון בית־לחם. דערהויפּט האָט איינער אַ בחור מיט דיקע ברילן גע־שלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון טרייבער'ס מויל — מיט אַזאַ אויטאָריטעט, מיט אַזוי פיל פּינקטלעכקייטן, טאַקע ווי ער זאָל נאָר וואָס קומען פון בית־לחמ'ער יאַריד.

מען איז אַריבער פון „קינד' צו די אַפּאָסטאָלן. מר. קינג האָט זיך ניט פאַרלאָרן. געקוקט מיט די אויגן וואוהין דער באָס איז געלאָפן, און אין דערזעלביקער צייט אַרויסגעוויזן זיין בקיאות און קאָמפּעטענץ אין די אַפּאָסטאָלן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען זיינע שכנים, פון זיין דאָרף. אַלע־מאָל האָט זיך דערהערט אַ זיפץ פון תענוג, און ווי אַ ליכטשטראַל אויפ־געלויכטן געוואָרן אין דער פינסטערער נאַכט. נאָר די צוויי וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן — די צוויי, האָבן זיך געשטיקט און געוואָרגען מיטן באַרג אמת'ן פון וואונדער איבער וואונדער. פאַר וועלכע די מענטש־הייט איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן פון זייערע זינד.

ריידנדיק וועגן אַלע אַפּאָסטאָלן האָט מען אויך דערמאָנט יודאסן. אָבער דאָ האָט זיך די ווייכע צאַרטע שטימע און ווייכער טאָן פון מר. קינג'ס שטימע גלייך געביטן. פונ'ם יודאָס איז ער גלייך אַריבער צו מר. ליוואַי פון זיין שטעטל, און דער קול איז גלייך געוואָרן מיט סם און גאַל, און אָנ־געצונדן מיט רציחה פייערלעך אין די אויגן פון אַלע טשיקאַווע צוהערער, אין דער נאַכט פון שלום אויף דער ערד . . .

„פּיטסבורג! — האָט מען אויסגערופן.

די צוויי שווייגנדיקע זיינען אַרונטער, אוןביידנס בליקן האָבן גע־וואָלט זיך אַביסל אויסריידן. דער ערשטער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך אונזער בעל עגלה? און דער צווייטער האָט גע־ענטפערט: מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע:

— ווי געפעלן אייך עפּעס אונזערע סטודענטן? און ביידע זיינען זיך צעגאַנגען אין באַזונדערע וועגן . . .

דער לעצטער

שוין זיבן יאָר אַז דער ראַבאַי זיצט אויף דעם כסא־הרבנות אין אַמעריקאַנער שטעטל, וואו אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן זיינען קאָנצענטרירט אַרום שול, וואו אַפילו שבת איז שווער אויפצוקלייבן אַ מנין, און וואו די ספאָרטלער מיט האַרט־אויפגעלאָפּענע מוסקולן האַלטן אין דער צענטער־געביידע אונטער זייער קאָנטראָל דאָס גאַנצע קהילה׳שע לעבן.

עס זאָגט זיך בלויז, אַז דער ראבאי זיצט שוין זיבן יאָר אויף דעם כסא הרבנות, וואָס דאָס אַליין מיינט אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג! נאָר, אין דער רעאַליטעט, טאָר מען דעם טערמין ז י צ ן ניט באַנוצן. ער זיצט נישט, נאָר ער פליט. אַלעמאָל איז ער פאַריאָגט, פאַרנומען. ער איז ווי זיי, די באַלעבאַטים, רופן אים „אַ מיקסער, אַ פּראָמאָטער״ — אַ צוגעלאָזענער, אַ גוטער ברודער מיט אַלעמען. און דערצו טאָקע אַ יודע־הכל. פון דורכפירן אַ „סוירמאַן״ איז דאָך אָפּגערעדט. האַלטן אַזוי סתם אַ לעקציע איבער אַ געוויסן סוביעקט, איז ער אַלעמאָל אויסגעצייכנט. קומט „די ברידערלעכע וואָך״ רעדט ער אין די קירכעס וואו מען לאַדט אים איין. ער רעדט אויך פאַר די ריין־קריסטליכע קלובן. און אַלע האָבן צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דעם געלערנטן ראַבאַי. דערפאַר זיינען אַלע יידישע איינוואוינער פון שטעטל זייער שטאָלץ אויף זייער ראַבאַי. און זיין רעפּוטאַציע שטייגט פון טאָג צו טאָג. גיט, למשל, אַ פרעג איינעם פון דער קאָנגרעגיישאָן, אַזאַ איינעם וואָס פאַרשטייט אַן ענין וואָס ער דענקט וועגן זייער באַליבטן ראַבאַי? וועט ער אייך זאָגן אויבערפלעכליך:

—ער איז אַלרייט, דער ראַבאַי, נאָר איין שוואַכן פונקט האָב איך ביי אים אַנטדעקט — ווען ער קומט צו הספדים, איז ער ניטאָ אינדערהיים. און אַלע האָבן שוין געוואוסט דורכן משך פון די זיבן יאָר אַז ווען ער איז מספּיד איינעם, קען מען נישט דערוואַרטן צופיל. מען האָט שוין גע־וואוסט אַז דאָס איז זיין שוואַכער פונקט. און מען האָט עס אַרונטערגע־שלונגען. כאָטש די זאַך איז געווען גאָר גאַנץ פּאַראַדאָקסאַל. אַ מענטש

מיט אַזאַ מויל, מיט אַזאַ געמבע, אַזאַ הסברה, סיי אין ענגליש, סיי אין יידיש, איז אין דער אַנוועזנהייט פון טויטן מיטן אָרון — גאָר קיין רעד־נער נישט.

***

ס'איז געווען מאַנטיק פרי, חמשה־עשר־בשבט, תש״ט. אין דרויסן איז געווען קיל, נאָר די זון האָט געשיינט ליכטיק. ערגעץ ווייט האָט זיך געעפנט אַ ניי־בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. אין ישראל איז דער־עפנט געוואָרן דער נייער פּאַרלאַמענט, די „כנסת״. דער גרויס יום־טוב'־דיקער מאָמענט האָט משפּיע געווען אויף אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט, האָט דערמוטיקט און געשטאַרקט מיט גלויבן דעם יידישן מענטש. אָבער דאָ אין פאַרוואָרפענעם שטעטל אין אייאָוואַ שטאַט, האָט זיך דעם מאָנטיק פרי צוזאַמענגעקליבן אין דעם טשאַפּל, די ביסל אידישע איינוואוינער צו באַגלייטן צו זיין אייביקער רו דעם געשטאָרבענעם סטאָליאַר, מר. קאַרש. אויף אַלעמענס פּנימער איז געלעגן אַן אויסדרוק פון אומצופרידנ־קייט און פּראָטעסט, ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט מיט איין טענה:

— אויסגעקליבן אַ צייט ווען צו שטאַרבן! פאַרשטערט די פייערלעכקייט, טונקל געמאַכט די שיק. אויך אויפן ראַבאַי'ס פּנים האָט מען באַמערקט צורודערטקייט. ער איז דאָס מאָל געווען מער צעטראָגן ווי ביי אַלע אַנדערע לוויות. און ווען ער האָט זיך געשטעלט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן נפטר האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס מאָל וועט זיין עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל. ער האָט מיט שטילע ווערטער אָנגעהויבן:

רבותי! היינט איז ראש־השנה, ראש השנה לאילנות, דער ניי־יאָר פון בוימער. היינט איז געפאַלן אַ גרויסער בוים אין אונזער עדה! איך ווייס אַז איר אַלע קאָנט אים אַ סך לענגער ווי איך. מ'האָט מיר געזאָגט, און ער ע״ה האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער וואוינט שוין דאָ 46 יאָר. איינער פון די עלטסטע יידישע תושבים דאָ אין שטאָט. צו זיין איינער פון די עלט־סטע תושבים מיינט נישט קיין סך. צו זיין איינער פון די פּראָמינענטסטע, איינער פון די רעספּעקטאַבעלע בירגער פון שטאָט, מיינט זייער פיל. און נאָך גרעסער, וויכטיקער, און חשוב'ער ווערט די זאַך — ווען דער מענטש האָט זיך ביז זיין לעצטן־טאָג אין לעבן געהאַלטן ביים זעג און הובל. ער האָט נישט דערוואָרבן קיין רייכטום, זיך נישט געיאָגט נאָך רייכטום, נאָר געשטאַנען באַוואוסטזיניק אויף זיין פּרינציפּיעלן פּאָסטן, פּאַרטיידי־קנדיק דעם יידישן כבוד.

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך מיט וואונדער אין די אויגן איבערגע־קוקט, ווי זיי וואָלטן דאָ אין דעם טונקעלן טשאַפּל אַנטדעקט אַ מיסטער־יעזן גייסט, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אומגעריכט.

„רבותי. איר ווייסט אַלע, אַז קיין יונגערמאַן איז מר. קאַרש שוין נישט געווען... זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט געווען צו שלעכט. זיי־נע פיינע קינדער האָבן דעם טאַטן שוין לאַנג געבעטן: — גיב אויף די אַר־בעט, ס'וועט דיר קיין זאַך ניט פעלן. און זיי האָבן מיך אַפילו געבעטן צו רייקן מיטן פאַרשטאָרבענעם. ווייסט איר וואָס ער האָט מיר געזאָגט?!—

„רבי, איך אַרבעט נישט ווייל איך דאַרף כ'האָב שוין בה"ש פאַר־זאָרגט די קינדער, זיך אויך אַביסל. איך אַרבעט ווייל מיר, מ י ר י י ד ן ד אַ ר פ ן ! איר פאַרשטייט, רבי, איך זע אונזער לעבן צווישן גוים, מען טייטלט אויף אונז מיט די פינגער פון אַלע זייטן. מיר פאַרכאַפּן אַלע לייכטע פּראָפעסיעס, מיר פאַרנעמען אַלע סטאָרס, מיר ספּעקולירן מיט „ריעל עסטייט", מיר קאָנטראָלירן געוויסע אינדוסטריעס, און — און — און . . . איך דאַרף איך עס זאָגן? איך ווייס ניט ווער ס'איז שולדיק אין דער לאַגע. אָבער אין דער אמתן איז דאָך דאָס נישט קיין נאָרמאַלע אַנט־וויקלונג. איך ווייס אויך וואויל אַז קיין איין שוואַלב קען קיין זומער נישט מאַכן. מיך פאַרדריסט און ס'טוט ווי וואָס איך בין פאַרבליבן איין און איינציקער יידישער אַרבעטער. ס'זיינען דאָ געווען מיט פילע יאָרן צו־ריק אַ היבשע צאָל יידישע בעלי־מלאכות: דער גרעסטער טייל איז אַוועק אין ביזנעס, אַביסל זיינען זיך צעפאָרן. און אַ פּאָר זיינען געשטאָרבן. די יוגנט, נישט נאָר גייט מער נישט צו אַרבעט, נאָר מען שעמט זיך שוין מיט די וואָס אַרבעטן. איך בין אויף קיינעם נישט אין כעס, און טראָג נישט קיין ברוגז אויף עמיצן, יעדער איינער גייט זיך זיין וועג, — איך וועל מיר גיין מיין וועג ביז וואַנען מיינע כוחות וועלן מיר טראָגן. גלויבט מיר, רבי, — ווען איך גיי מיט מיין קאַסטן געציניג איבער דער גאַס, פיל איך אַז איך פאַרשטעל אַ סך פון אונזערע ברידער, פון פאַרלוימדע־רישע אַטאַקעס. און איך פיל בחוש אַז איך פאַרמאַך אַ סך שימפּיקע מיי־לער פון אונזערע שונאים.

„רבותי! באַגרייפט איר דעם „סאַקריפייס", באַגרייפט איר דעם העראאיזם פון שטיק אויף אַזאַ פּאָסטן?!

„איך בין זיך מודה פאַר אייך און פאַרן מת, אַז איך בין שוין אַרויס פון זיין שטוב אַ פאַרשעמטער! און פון דאַן האָב איך געקוקט אויף דעם אַלטן מר. קאַרש, ווי אויף אַ פּערל וואָס איז פאַרשאַרט אין זאַמד. הונ־דערטער מענטשן גייען פאַרביי און ווייסן ניט אַז אַרום זיי ליגט אַ פּערל".

דער ראַבאַי האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און זיך געווישט די אויגן. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל וואָס דער ראַבאַי האָט געוויינט ביי אַ הספד. צום סוף האָט ער מיט געוויין געזאָגט:

„מיר אַלע האָבן פאַרלאָרן אַ וואונדערבאַרן פּערל, אונזער היזק איז אומגעהייער, אומערזעצבאַר, ווייל מיר האָבן מער ניט אַזאַ עקזעמפּלאַר".

עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער כליפּן איבערן שטילן טשאַפּל. מענער האָבן געווישט די טרערן וועלכע האָבן זיך געקייקלט איבער די רייך־פּריש־ראַזירטע באַקן. און דער ראַבאַי האָט ווייטער דערציילט פון דער באַשיידענער שטוב פון די קאַרשעס, וואו מען האָט געקאָנט געפינען אַן אַלטן ספר, אַ מאָדערנעם בוך; וואו יידישע טראַדיציעס און כשרות האָבן געשפּינען די גאָלדענע קייט פון עבר. און וועגן אונזער גרויסן פאַרלוסט וואָס מיר מעגן באַוויינען, — וואָס ער, מר. קאַרש איז דער לעצטער. דער ראַבאַי האָט פאַרגליכן קאַרשן צו אונזערע זעלנער אין לאַנד ישראל, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד אויפן שלאַכטפעלד און ער, מר. קאַרש, איז אויך געפאַלן אויף זיין פּאָסטן פאַרטיידיקנדיק אונזער נאָמען צווישן אונזערע שכנים.

אַלע זיינען אַרויס פון טשאַפּל, און נאָכגעגאַנגען דעם אָרון פאַרשעמט און ליידיק.

פאַרשפּעטיקט

ווען דער אַלטער מר. קאַנטאָר האָט אָן די קינדערס ערלויבניש אָנגעשלאָגן אַ מזוזה אויף דעםביישטידל פון דעם טונקל־דעמבענער טיר ביים „פּאַראַדנעם אַריינגאַנג פון דער נייער דירה, האָבן אַלע אין הויז אַראָפּגעלזט די אויגן און געשוויגן, כאָטש דאָס שווייגן האָט זייער פיל גערעדט.

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען זייערע אומעטיקע בליקן, און ס'האָט אים געשטאָכן ווי גליענדיקע נאָדלען.

„וואָס צאַרנט איר אַזוי פאַרביסן מיט ווייטיק? — האָט דער לעצ־טער געפרעגט דעם זון מיט דער שנור צוזאַמען. אויב איך בין אייך אַ שטער, און אויב עס פּאַסט אייך ניט די מזוזה — וועל איך מיך אַרויסצי־ען?!"

„כעס זיך ניט, טאַטע! דו פאַרשטייסט, דו אַליין זאָגסט דאָך אין וואָסער שול מען קומט אַזאַ קדושה שפּרינגט מען.

„וואָס הייסט? — איך זאָל" — — — —

„ניט דו זאָלסט. נעם באַ זיך אין „רום" און קלאַפּ אָן וויפל מזוזות דו ווילסט.

„און דאָ ביים טיר ווילסטו ניט?!"

„ביין, איך וויל ניט. קאָך זיך ניט טאַטע, דאָס איז ניט סלאָבאָדקע. עס פּאַסט דאָ ניט פאַר די שכנים.

„וועלכע שכנים? דו האָסט דאָך אַ הויז פאַר זיך אַליין?!"

„די שכנים מיין איך פון ביידע זייטן אַריינפאַר".

„וואָס זיי זיינען ניט קיין אידישע?"

„ווער ווייס?

נאָך יענעם איבעררייד, האָט דער אַלטער קאַנטאָר, נאָכגעקוקט יעדן טאָג צי די מזוזה איז נאָך דאָ; און געפאָרשט ווער די שכנים זיינען. אין איין זייט וואָס גייט אַרויס צו זיין צימער — זעט ער כמעט קיינעם ניט. מען קומט אין אַ מאַשין, וועלכער פאָרט אַרונטער אונטער דעם דעכל איבער די זיילן, און מען פאָרט אַוועק מיטן אויטאָ.

אין דער צווייטער זייט: זעט ער עפּעס אָן אַלטן יעדן באַגינעון וואָס פּירט אַ פּוילן הינטל פאַר אַ „שפּאַציר״, און די יונגע מענטשן, זיינען אין די מאַשינען, מיט די מאַשינען אַרויס, אַריין, אַזוי דאָרטן, אַזוי באַ אים. און ער קאָן נישט דערקאָנען ווער זיי זיינען, וואָס זיי זיינען.

אַט אַזוי, איז אַריבער דער גאַנצער ווינטער. דער אַלטער האָט נישט געקענט דערגיין ווער זיינע שכנים זיינען. אַז ס'איז געקומען דער ליבער פרילינג, האָט דער אַלטער אויסגעפּאַרשט די גאַנצע געגנט, אויסגעפּור־נען אַ שול צען בלאָק אַוועק און גענומען גיין יעדן שבת דאַוונען.

איינמאָל אַזוי גייענדיק שבת צום דאַוונען באַגעגנט מר. קאַנטאָר זיין שכן דעם אַלטן מיטן כלב שפּאַצירנדיק, גיט ער אים אָפּ אַ „גוד־מאָרנינג״. אַ מענטש, אַ שכן, מעג מען און מען דאַרף אים גריסן, יענער אָבער פירנדיק דעם הינטל באַם ציימל, איז עפּעס ווי מבולבל געוואָרן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. גראָד אין דעם איבעראַשנדיקן מאָמענט האָט אים דאָס הינטל אַ צי־געטאָן צום ריכטיקן פּלאַץ. און דער מר. קאַנ־טאָר האָט שוין געדרונגען אַ סך השערות . . . חוץ דער אומפריינדלע־כער באַגעגעניש מיטן שכן, האָט דער אַלטער קאַנטאָר געפילט איינזאַם און אומהיימלעך אין דער פּראַכטפולער געגנט, וואו דריי אָדער פיר פריי־וואָטע היימען פאַרנעמען אַ גאַנצן בלאָק, און אַלץ איז איינגעטונקט אין גרינס, בלומען און צוויט, אַז דער מענטש זעט זיך ניט אָן. אויב דאָס האָט דער נביא געמיינט: יעדער איינער אונטער זיין פייגנבוים און וויינשטאָק, איז ער זיי מוחל.

אין דרויסן איז געשטאַנען טיפער זומער. די זון האָט געגאָסן היץ פולע טאָגען. אין די גערטנער פון דער נאָכבאַרשאַפט, וועלכע זיינען גע־ווען אָפּגעטיילט מיט שווערע שטאָלענע שטאַנגען און פאַרבלומטע קוס־טעס, זיינען געווען אויסגעשטעלט גאָרטן מעבל, וויג־שטולן, הענג־בעטן, גליטשערס פאַר קינדער און הוידעלקעס פאַר קליין און גרויס.

דער אַלטער קאַנטאָר איז געזעסן אונטער דעם שאָטן פון די צווייגן מיט שווערע בלעטער און געדעכעט פון היץ, דער בריוונטרעגער איז צו געקומען, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ גוט מאָרגן „פּאָפּ״, און אים אָנגעציילט אַ דוצן בריוו. און — דעם „מאָרגן זשורנאַל״.

„סיט דאון אַביסל״, האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אויף אַ שטול, „ס'איז הייס און דער טאָג איז נאָך גרויס״.

דער בריוונטרעגער האָט זיך ניט געלאָזט שטאַרק בעטן און ביידע האָבן גענומען פירן אַ שמועס.

„וואָס שרייבט מען אין די ניו־יאָרקער פּייפּערס״? האָט דער גוי געפרעגט מיט תמימותדיקער נאַאיוויטעט.

„דו מיינסט אין דעם פּייפּער? וואָס זאָל מען שרייבן? דאָס איי־גענע ווי אין אַלע פּייפּערס״.

„איך מיין, אַז ס׳איז עפּעס דיפרענט. — דו ביסט דער איינציקער אין גאַנצן בלאָק וואָס קריגט אַזאַ פּייפּער פון ניו יאָרק״.

„ווער נאָך האָסטו געוואָלט זאָל קריגן אַזעלכע פּייפּערס״?

„וואי? — זיי זיינען אַלע פון דיין דענאָמינײשאָן״.

„וואו? האָט זיך דער אַלטער אַ כאַפּ געטאָן. דו מיינסט . . . ״

„יאָ, האָט דער בריוונטרעגער באַשטעטיקט:

דאָ וואוינט מר. קאַמין, געווען קאַמינעצקי. יענער אַלטער רעדט ער־גער ענגליש פון דיר.

אין דער דריטער הויז וואוינען די האַמער׳ס, און אין ווינקל — איז דער באַוואוסטער לויער מר. עפּשטיין.

„הום־מאַ־מאַ, האָט זיך דער אַלטער געחידושט. איז „דאַט אָל?״

„יעס סיר!״

ער האָט ווידער גערעדט און דערציילט ווי אַזוי די געגנט האָט אויס־געזען מיט פופציק יאָר צוריק. און ווער עס האָט אַנטוויקלט די פּריירי און ווער עס האָט געבויעט די הייזער. און ווער עס האָט פאַרקויפט און ווער עס איז געשטאָרבן. און ווער עס האָלט זיך דאָ, נאָך פון די ערשטע סעטלערס, אים, אַרט ניט ווער עס קלייבט זיך דאָ אַריין . . .

„גוד דעי „פּאָפּ״ . . .

**
*

נאָך דעם געשפּרעך, האָט דער אַלטער גענומען גלעטן די גאָמבע ווי עס וואָלט דאָרט געווען אַ באָרד — אויב אַזוי, איז דאָך גאָר עפּעס מאָד־נע? הייסט עס, אַז דער אַלטער מיטן כלב, וועלכער גייט שוין אויך לעצטנס מיט אַ שטעקן, איז מאחינו. און האָט מורא פאַרבייטן אַ וואָרט מיט אַ שכן. — און אפשר ? . . . דאָך דערוויסנדיק זיך די געשיכטע, ווער זיינע שכנים זיינען, איז די אָנגעשטעלטע מחיצה ווי צערונען געוואָרן. אויב יענער איז אַ „בעזלידוניק״ דאַרף עס אים אָנגיין? נאָר פון דער אַנדער זייט טראַכט ער: „כי לא טוב היות האדם לבדו״ . . . יענער אַלטער איז דאָך אין דער זעלבער לאַגע ווי ער. טאַקע ביי קינדער, דאָך עלנט. — וואָס זיינען זיי איצט? — ליידיקגייערס, אומנוצלעכע, אויסגעשפּיגענע פון לעבנס־ים, נישט מער דער שטראָם האָט זיי פאַרשליידערט אויף אַ באַקוועמען פּלאַץ. און ווידער פאַרקערט: וואָס טויג דער קאָמפאָרט, אַז מען איז געצאָמט ווי אין אַ שטייג? פּלוצלונג האָט אים עפּעס אַ קלאַפּ גע־טאָן אין דער פורטקעלע פון זעאונג, און געפרעגט:

„שוטה איינער, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט חקירה'ן, וועגן יענעם, ווייל דו פילסט זיך אויסגעלייזדיקט איינזאַם, ביזטו זיכער אַז יענער איז אויך אין דיין לאַגע?"

די מחשבה האָט דעם אַלטן אַרויסגעפירט פון דמיונות־פלאָנטער. ער האָט צעשפרייט זיין ציייטונג און זיך פאַרטיפט אין לייענען. ער שלינגט וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה, און מערקווירדיק: די געשיכטע איז כמעט אַן אָפּשפּיגלונג פון אים אַליין. איינער אַ צוריקגעצויגענער על־טערער מענטש באַקלאָגט זיך און רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. ער דער־ציילט אין קורצן זיין לעבנס געשיכטע. מיט שווערע מי האָט ער אָפּגע־שפּאָרט אַ פיינעם פאַרמעגן. איצט ווען דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט אַז ער טאָר שוין מער ניט זיין אַקטיוו, ער דאַרף זיך זייער פּינקטלעך אָפּהיטן, פאַרשטייט ער שוין וואָס דאָס מיינט . . . און ער פרעגט באַ דער האַווע־דיקער וועלט —

וואָס איז מיר מיין רייכטום ווען איך לאָז ניט איבער קיין יורשים? ער האָט גראָד דריי זין, צוויי טעכטער, נאָר קיין איינציקן יורש, וועמען ער זאָל קענען איבערגעבן די גייסטיקע ירושה וואָס זיין טרייער טאַטע, דער שניידער האָט אים איבערגעלאָזט.

מר. קאַנטאָר פאַרטראַכט זיך ווידער און מאַכט אַ פאַרגלייך צו אים אַליין. אמת, ער האָט טאַקע קיין פאַרמעגנס און רייכטימער ניט געשאַפן. זיינע קינדער האָבן זיך אַליין אַרויפגעאַרבעט. אָבער, לאָזט ער איבער אַ ממלא־מקומו? שוין דורות אַז עס ציט זיך אַ פאָדים פון נגינה אין דער משפחה קאַנטאָר. זיי זיינען אויך געווען בעלי־מלאכות. דאָך אַז ס'פלעגט קומען אַרום ימים־נוראים, פלעגן שוין בתי־מדרשים, שטיבלעך, באַשטעלן זייך טאַטן. וואו אַ שחרית, וואו אַ מוסף. די הויז איז געווען אָנגעפילט מיט קדושה און נגינה. ער מיט די ברידער פלעגן דעם טאַטן העלפן. אַפילו די שוועסטער האָבן דאָך געקאָנט אויסזינגען געוויסע תפילה־מעלאָדיעס. ער געדענקט אויך, ווען ער, נאָך אַלס בחור, האָט געדאַוונט זיין ערשטן מוסף אין אַ דאָרפס־מנין. אַ מיט וויפל רוחניות ער האָט אַנגעזעטיקט די דאָרפס־אידן. נו? — זיין זון, דער בן יחיד? — קען אַפילו קיין ברכה אי־בער דער תורה ניט מאַכן. ווער רעדט שוין צוגיין צום עמוד?!

ער האָט פאַררוקט די ברילן אויפן שטערן, און געקוקט צום הימל אַרויף ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס זוכן. ער האָט מער אויף דעם וויג־שטול ניט געקענט זיצן, אַן אומרו האָט זיך אָנגעיאָגט אויף אים ווי אַ שטורם. ער האָט אַ צעוויייטיקטער זיך אויפגעהויבן פון שטול, און צאַרנדיקער גענומען גיין אויף און אָפּ, אויף דעם געפלאַסטערטן אַריינפאָר ביים הויז.

וואָלט אים עמיצער אָפּגעשטעלט, און עפּעס אים אָנרירן, וואָלט ער זיך צעשריען און אויסגעלאָזן זיין ביטערע שטימונג צו יענעמס קאָפּ,

און לייב און לעבן. ער קומט אַרויס אויף דער ראָג־גאַס. דאָ דערזעט ער די פראַלנדיקע זון וואָס זיצט אין ראנד פון הימל. די גאַס איז שטיל, זווי־בערדיק מיט די ציכטיקע לאַונגען פון וועלכע עס רעפלעקטירט ליכט און שאָטן. די ציילן בוימער באַם טראָטואַר וויגן זיך שטיל סומנע ווי אַ לויה פּראָצעסיע וואָלט ערגעץ וואו געשוועבט אין דער בלויקייט פון די הימלען.

וואָס איז דאָ אַזוי אומעטיק אין אַזאַ שיינעם טאָג — פרעגט ער זיך אַליין? . . .

ער האָט זיך געלאָזט צוריק אין שטוב. פון קאַמינס הויף האָט זיך געהערט אַ געלעכטער, אַ שטיפעריי. ער האָט געכאַפּט אַ קוק דורך די שטאַנגען און געזען ווי מיידלעך אין באָד־קאָסטיומען שפּריצן זיך מיט וואַסער. דער אַלטער שטייט אין אַ פּאָר מייטקעס, און באַקט זיינע דאַרע ביינער אויף דער זון, וואו ניט וואו גיט ער זיך אַ צאַפּל פון אַ וואַסער שפּריץ, מיט וועלכע זיינע אייניקלעך זיינען אים מזכה. ער האָט הנאה וויזט אויס. ניין, ניין — ער איז ניט מיין שכן, ניט מיין גלייכן, דאָס איז היב־טישע עולם הזה.

באַ דער דעמבענער טיר, האָט ער באַטראַכט צי די מזוזה זיצט נאָך, פּונקט ווי ער האָט איר אָנגעשלאָגן. ער איז אַריין אין זיין חדר. און געבו־מען איבווענטאַר פון זיין אייגענעם לעבן, און געצויגן סך־הכל'ן פון זיין פּירונג. מיט דער מזוזה צי אָן דער מזוזה. פאַר זיין איינזאַמקייט איז ער אַליין שולדיק. ס'איז אַביסעלע צו שפּעט זיך איינעקשענען אָנצושלאָגן אַ שטילע מזוזה . . .

דורכגעלאָזן צוליב פּרנסה, צוליב סביבה אַ סך זאַכן וועלכע ער האָט באַדאַרפט „אָנשלאָגן" אין זיין הויז. זאַכן וועלכע מען וואָלט ניט געקענט אַרונטעררייסן. גלייך נאָכדעם ווי ער וועט שוין דאָ ניט זיין.

איצט זעט ער, אַז פאַרשפּעטיקט האָט ער אַלעס, געבליבן אָדם־ליי־דיק אין אַ פרעמדער וועלט . . .

שמע ישראל

דעם צונאָמען „אלמן" טראָגט ער נישט חלילה ווייל ער זאָל האָבן געבליבן אַן אַ ווייב ר"ל. מיט דעם נאָמען האָט מען אים נאָך געקרוינט בחורווייז. דער נאָמען „אַלמן" האָט זיין הינטערגרונט און זיינע רמזים. און ווען מען באַקאָנט זיך מיט דעם היינטיקן איק אַשראַף—זעט מען אַז דער צונאָמען איז ניט קיין פאַלשער.

מר. איק אַשראַף, דער היינטיקער פּרעזידענט פון דער גרויסער פּראָדוקטן־פירמע „אַלייענס פּראָוויזשאָן קאָ." — האָט זיך געמאַכט אַ גע־וואוינהייט יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג, צו פאַרלאָזן זיין אָפיס, און ווערן פריי צוויי און אַ האַלב טעג. ווער רעדט אין פרילינג אָדער זומער, ווען מען קען פאַרברייגען די פאָר טעג אויף גאָטס שיינער וועלט אין „קאַונ־טרי" אין זיין פּראַכטפולער זומער־היים? — דאָס איז דאָך שוין ביי אים אַ „חק ולא יעבור". ס'איז ביי אים באַלד געוואָרן, ווי ביי עכט־פרומע אידן אין דער אַלטער היים; גלייך פרייטיק נאָך האַלבן טאָג — אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די וואָכעדיקייט, און זיך נעמען מכין זיין פאַר דער מלכה שבת, פאַר דער נשמה יתירה. ביי „סרוליק אלמן" ביי די אַשראַף'ס וואָלט מען געקאָנט אויפנעמען דער פּרינצעסין שבת אין דעם רחבותדיקן קאָ־טעדזש, וואָס איז אַלעמאָל געווען צוגעגרייט פאַר שבת־יום־טובדיקייט, נאָר פאַר „מלאכי השרת מלאכי עליון"—געווען פאַרריגלט און פאַרשלאָסן.

ווער איז אייגנטלעך געווען שולדיק אין דער דיקער וואַנט, וואָס די אַשראַף'ס האָבן געבויט אין זייער סביבה, אָפּצוטיילן זיך, דערווייטערן פון אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן יידישן אינהאַלט, מיט יידיש־לעבן? ס'איז ניט געווען קיין פּלאַנירטע, אָדער טעאָרעטיש־דורכגעטראַכטע קאָנ־

צעפּציע פון רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע באַגריפן. ס׳איז געווען מער אַ בלאָנדזשעניש, אַן אָפּגעפרעמדטקייט, צוליב דעם הויכן שטאַנד צו וועלכן די עקאָנאָמישע לאַגע האָט אים אַרויפגערוקט און געווען איז ער ביי זיך זיכער אַז ער האָט זיך פאַרנומען אויפן ריכטיקן וועג.

דעם פרייטיק ווי אַלע פרייטיקס פון פרילינג און זומער, האָט איק זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיינע עקזעקוטיווע פליכטן אין אָפיס, און זיך געלאָזט מיט זיין מאַסיוון „פּעקאַרד״ אויף דעם פיר־ליניעדיקן טראַקט וואָס פירט צו זיין „קאָטעדזש״ אין די בערג נישט ווייט פון ים ברעג.

אין דרויסן האָט געשיינט אַ ליבע וואַרעמע זון. די בוימער האָבן געשפּאַרט דורך מעוברת׳דיקע קנאָספּן — פריש־זאַפטיקע, יונג־גרינע בלעטעלעך, ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויס פון מוטער׳ס טראַכט. די גראָזן האָבן שפּילעווריק געכוואַליעט ביים זייט וועג, און ווילד־געבלומטער וואַלד־צוויט האָט שמייכלענדיק געשיינט אַנטקעגן די גליקלעכע מענטשן וועלכע זיינען געקומען פון דער גרויסער אימפּעטיקער שטאָט זיי באַוואונדערן.

דער וועג איז אַשראַפּ׳ן אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש, אים דוכט, אַז אָפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן וואָלט ער שוין דעם וועג געטראָפן. די מאַשין אַליין ווייסט שוין יעדן בערגל, יעדן טאָל. און זי, די „קאַר״ אַליין וואָלט אים שוין צוגעפירט צום קאָטעדזש און זיך אָפּגעשטעלט.

די מאַשין האָט מיט אַ שטילן ברומען געשלונגען שטיקער לאַנד־שאַפט, וואו ביט וואו, האָט זיך אַ פאָרם אויסגעדרייט ווי אין אַ האַלב־צירקל און געבליבן הענגען אין דער אומענדלעכקייט. די רייד מיט זיין סערעהן האָט זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט, אים איז געקומען אין זינען די רייד פון זיין דאָקטאָר וועלכער האָט גערעדט צו אים, ווען ער איז געווען ביי אים פאַר אַן אונטערזוך. ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן די געדאַנקען וועל־כע זיינען אים ביט געווען צום האַרצן. עפּעס האָט ער אים געגעבן אַ גאַנצן צעטל מיט געבאָטן. וואָס אַ דאָקטאָר קען איינפאַלן. ער פילט זיך אַזוי גוט ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק. כדי צו צושטערן די אומגעבעטענע מחשבות האָט ער אָנגעשטעלט די ראַדיאָ און זיך צוגעהערט צו מוזיק.

פלוצלונג איז דער אָרקעסטער שטיל געוואָרן. און ספּעציעלע נייעס איז אַנאָנסירט געוואָרן.

ס'איז היינט דער גרעסטער טאָג אין דער יידישער געשיכטע. אַ י י ד י ש ע מ ל ו כ ה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן! דער נאָמען פון דער יידישער מלוכה איז ישראל — „איזראַעל".

— סערעה, דו הערסט? הערסט וואָס ס'האָט געטראָפן?

— איך האָב געהערט, האָט זי קאַלט געענטפערט, ווי דאָס זאָל גאָר ניט האָבן צו טאָן מיט איר.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט עטלעכע מינוטן און ווידער איז געקומען אַ ספּעציעלע ידיעה:

„פּרעזידענט טרומאַן אַנערקענט מ ד י נ ת י ש ר א ל" און נאָכדעם אַ רייע קאָמענטאַטאָרס, איבער דער פּאַסירונג. אַזוי און אַזוי. פון די אויסטייטשונגען און דערקלערונגען האָט זיך מר. אַשראָפן פאַרדרייט דער קאָפּ. אים דוכט אַז ער איז אַזוי גרינג געוואָרן, אַזוי לייַדיק, ער שוועבט אין דער לופטן. אים דוכט אַז ער האָט אָפּגעלאָזן דעם רודער פון דער לויפנדיקער מאַשין. ער האָט ניט מער דעם קאָנטראָל. האָט ער פאַרלאַנג־זאַמט דאָס לויפן פון מאָטאָר, אָפּגעצויגן אָן אַ זייט פונעם טראַקט און געבליבן שטיין.

— וואָס האָט פּאַסירט? האָט זיין סערעה אָביסל צושראָקן גע־פרעגט. עפּעס טראָבל מיט דער קאַר, אָדער דו פילסט ניט גוט.

— ניין, טייערע, איך פיל פיין, האָבן זיך זיינע אויגן צעלויכטן. איך פיל אָבער אויסערגעוויינלעך. איך קען דיר דאָס איצט ניט דערקלערן. איך פיל אַז אַ גרויסע זאַך האָט געטראָפן. פאַר אונז איז דאָס אוממעגלעך צו פאַרשטיין. מיר זיינען צו דעם צו נאָענט. און אפשר — צו ווייט . . . ווי די זאַך איז: דערווײַלע קען איך ניט טרייבן. איך מוז קומען צו זיך.

זיין ווייב האָט אים משונה אָנגעקוקט. און דאָסמאָל געשוויגן, ווי זי וואָלט זאָגן: גלייכער אין אַזאַ מינוט צו שווייגן. אַיק איז אַרויס פון מאַשין, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איינ־

מאָל אין משך פון די יאָרן וואָס ער פאָרט אויף דעם זעלבן טראַקט — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אויף דעם זעלבן פּלאַץ. דאָס איז געווען ווען ס׳האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ שטורם. הימל האָט זיך צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן, און וואָלקנס וואַסער, מיט דונער און בליץ האָבן זיך צונױפֿ־מענגעגאָסן אין איין שוואַרצן שטיק שטורם. איצט ניט עס דונערט אָדער בליצט, דער הימל איז לויטער, די זון שיינט אַזוי ליבלעך, פֿויגלען פֿלי־ען און שטיפן זינגען און שפּילן דאָך שטייט ער מיט מער ציטער אין האַרצן ווי דאַמאָלסט. ער האָט אין די עטלעכע רגע׳ס פֿון דענקען זיך איצט דערפֿילט ווי אַן „אַלמן״. איצט דאָ אויפֿן גלאַטן גלייך־לינעדיקן וועג, האָבן פֿאַר אַיקס אויגן זיך פֿאַנאַנדערגעצווייגט צוויי באַזונדערע וועגן, אַ מין פּרשת־דרכים. איינע פֿאַר אַיקן און די צווייטע פֿאַר ישׂראל. . . עפּעס האָט אים אַ געפֿיל אונטערגעזאָגט: — פֿאָר צוריק, גיי איצט בעסער אין שטאָט אַריין. וואָס ווּעסטו זיך באַהאַלטן דאָרט איינער אַליין, ווען דיין נאָ־מען איז אָנגעטאָן געוואָרן דיין גאַנצן פֿאָלק? אים איז געווען שווער נאָכ־צולויפֿן די בילדער וואָס זיינע געדאַנקען האָבן פֿאַר אים געמאָלן. ער האָט גאָר אַזעלכע מחשבות קיינמאָל נישט געהאַט.

אַיק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. אַריין אין קאַר און די מאַשין האָט געשלונגען דעם ברייטן מלוכה־טראַקט. געקומען צום „קאָונטרי ראָוד״, זיך פֿאַרדרייט און געשלענגלט דורך שמאָלע אַלייען און זייטיקע וועגן, וואו אַנדערע קאָטעדזשעס זיינען נאָך געשטאַנען איינגעהילט אין אַ מין היב־ראַנישן שלאָף מיט צוגעמאַכטע טיר און לאָדן, און מיט קאַלטקייט אויפֿגע־נומען די שטאָט־געסט. ביי זייער קאָטעדזש איז שוין געווען אַ סימן פֿון לעבן. דער גערטנער האָט שוין געשאָרן די לאָנקע. די פֿיינעס האָבן זיך געריסן פֿון דער שוואַרצער ערד. ער, אַייק, איז אָבער דאָס מאָל ניט געלאָפֿן באַטראַכטן יעדע קוסטע, יעדן בוימעלע, ער האָט איצט פֿון דער ברייטער וועראַנדע, אין זיין וויג שטול געקוקט צום הימל ברייט און ווייט.

ס׳האָט גענומען טונקלען צווישן די ביימער, אַ קילע לופֿט האָט אָנ־געאָיגט פֿון ברעג. ער איז אַריין אין הויז וואו סערעה האָט געגרייט דעם טיש פֿאַרן אָוונט־מאָלצייט. זיי ביידע אין דעם גרויסן קאָטעדזש זיינען גע־ווען ווי שאָטנס. אַיק האָט אָנגעצונדן איין לאָמפּ נאָך אַ לעמפּל, ליכטיק געמאַכט דעם עס־צימער, דעם זאַל, אָנגעשטעלט די ראַדיאָ צו הערן נייס.

נאָכן עסן האָט ער גענומען זיין שטענדיקן שפּאַציר. ער איז געגאַנגען מיט זיין באַליבטן שטעקן, דעם ליכט־וואָרפער אין קעשענע, און באַטראַכט די אַלע קאַטעדזשעס, געדענקט וועגן די באַלעבאַטים, פון זייערע געשעפטן, פון זייער רייכטום. און ווי זיי וועלן איצט ריידן וועגן מדינת ישראל.

שטיל איז געווען דער גאַנצער אַרום, וואו ניט וואו האָט זיך געהערט אַ צווישטשער פון אַ פויגל, אַ פּיסטש פון אַ שרץ, און די שווערע טריט פון אים אַליין.

וואָס?! — גיט ער זיך אַליין אַ פרעג, און ווערט צוטראָגן. הער איך ניט עפּעס אַ באַקאַנטע מעלאָדיע? זיין סאָלידער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן. זיינע קני האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעשטרענגט זיין געהער. יאָ, ער הערט מע זינגט, אימעצער זינגט אַזוי צאַרט, אַזוי תחנונימדיק — — —

„שומר ישראל, שומר שארית ישראל, ואל יאבד ישראל. ואל יאבד גוי אחד. ער הערט עס איינמאָל און נאָך אַמאָל, און אַ דריטן מאָל.

ווער זינגט עס? זינגען עס די בערג, די טאָלן, זינגט עס דער ים אָדער וואַלד, זינגט עס אימיצער פון אַ פאַרשטעלטן וויטן קאַטעדזש, איינער וואָס איז טיף געריררט פון דער היסטאָרישער פּאַסירונג? און דאָס קול קומט ווי אַ בת־קול, ווי אַ סיגנאַל צו אים און דער וועלט,—ואל יאבד גוי אחד. איז עס ניט אַמאָל אַ גלגול פון אַ ניגון, וועלכער איז געקומען צו אים פון זיידעס און עלטער זיידעס, היינט פּרייטיק באַנאַכט?

נישט געקוקט אויף דער מיסטעריעזער אימה וואָס דאָס געזאַנג האָט אויף אים אָנגעוואָרפן, איז ער געשטאַנען ווי צו דער ערד צוגעוואַקסן. און געוואָלט הערן, הערן און הערן.

די מעלאָדיע און ווערטער איז שטופּנוויז שוואַכער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן אָפּפאָרן מיט אַ שווימענדיקער שיף. ער האָט מיט פּאַוואָליע טריט און קלאַפּנדיקער האַרץ זיך געלאָזט צו זיין קאַטעדזש, וואָס איז געשטאַנען דער איינציק באַלויכטענער אין טאָל. ער האָט זיין ווייב ניט דערציילט פון דער איבערלעבונג. די גאַנצע נאַכט האָט ער מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. דער געזאַנג האָט אים געקלונגען אין די אויערן. און די ווערטער האָבן גערופן, געמאָנט — ו א ל י א ב ד ג ו י א ח ד .

ו א ל י א ב ד י ש ר א ל . . .

פאַרבלאָנדזשעט

עס איז געווען אַרום 8 אין אָוונט. אַ פייכטע בייסנדיקע קעלט איז אין אַ שיטערן טומאַן אַריבער די ברעגן פון לעיק, און אינוואַדירט דעם גאַנצן אַרום.

דער פּאַרק איז געשטאַנען אומעטיק איינגעהילט, און מיט סבלנות אויפגענומען דעם אָנקומענדיקן ווינטער. אויפן ברייטן „דרייוו" וואָס שלענגלט זיך פּאַזע לעיק, זיינען איצט געשוואומען טויזנטער פאַרזשמורעטע ליכט־שטראַלן פון די „אויג־לאָמפּן" אין די מאַשינען, וועלכע האָבן איינס דאָס אַנדערע געיאָגט, ווי פאַרצוקנדיקע חיות. די שפּאַציר־וועגן און נאַקעטע אַלייען, האָבן ווי פרעמדע זיך דאָ געשלענגלט און זיך שפּורלאָז פאַרלוירן אין דעם בוימערדיקן לאַבירינט. די רייען פאַרלאָזענע בענק — זיינען געשטאַנען ווי מצבות פון געשטאָרבענע זומערס.

דער פּאָליציימאַן, וועלכער קומט דאָ יעדן פאַרנאַכט צו קאָנטראָלירן דעם געדרענג פון אויטאָמאָבילן אין „ראָש־אַורס" — האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, האָט אַריינגעקוקט אין דער אומענדלעכער פינסטערניש פון לעיק, און זיך צוגעהערט ווי די כוואַליעס שלאָגן אָן אין שטיין און שוימען אַריבער דעם ברעג.

— ווער באַוועגט עס די כוואַליעס? — פרעגט ער זיך אַליין. ס'איז דאָך אַזוי שטיל, נישט קיין צייכן פון אַ ווינט! דאָך ברויזט און שוימט דאָס וואַסער, און קאָרטשעט זיך אין אַנגסטן, און שלאָגט שטורמדיק דעם ברעג, ווי מען זאָל אים האָבן געצוימט זיין וועג.

אַן אומרואיק געפיל האָט איצט באַהערשט דעם אוניפאָרמירטן מענטש מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער אויף דער זייט. ער איז געשטאַנען צוגעקאָוועט צום פּלאַץ און אין זיינע געדאַנקען זיינען פאַרבייגעשוואומען זיינע אַלע 48 יאָר, וואָס איז אַ טייל פון דעם שוימענדיקן וואַסער. ער וואָלט געקענט ביכער אָנשרייבן, פון אַלע זיינע איבערלעבונגען אויף דעם רוקן פון לעיק. אָ, וויפיל געהיימנישן ראַנגלען זיך אין דעם איינגעווייד פונם ברויזנדיקן וואַסער?

— „לעטס גאָו" — האָט ער ווי זיך אַליין אַ צי געטאָן פאַר דער

פּאָלע. — איז עס דעם ערשטן מאָל וואָס דו ווערסט פאַרכישופט פון לעיק? איז איצט די צייט? — ער האָט צוגעטראָגן דעם האַנט־זייגערל צו די אויגן, און זיך פריי געמאַכט פון זיין פּאָסטן. איבערגעלאָזט די לויפנדיקע אויטאָס אויף זייער אייגענער אחריות: פּאַרט, פליט, שטופּט זיך, שלאָגט זיך, איך האָב מיינס גע׳פּטר׳ט.

ער האָט זיך געלאָזט צו דער פון שטאָל־געוועבטער הענג־בריקל, וואָס דינט זומער פּאָר שפּאַצירער און באָדער צום אַריבערשפּאַנען דעם מיט מאַשינעס געפּאַקטן „דרייוו״. און ווי איבעראַשט ער איז געוואָרן — דערזעענדיק אַ מענטשלעכן סילועט, אין דרייען געבויגן, ציט צום לעיק, אַ ציטער האָט דורכגעשטראָמט זיין געשטייפטן קערפּער. — איז עס טאַקע אַ מענטש, אָדער אַ שטן?

ער האָט געשטעלט פעסטע טריט, און כהרף־עין אָנגעיאָגט אַ לאַנגן קאַראַקולענעם מאַנטל, וועלכער האָט זיך געשאַרט ווי אָן אַ קאָפּ, און געגאַנגען ווי אין אַ טראַנס.

„וועהער אַר יו גאָאינג, מאָטהער?״ — האָט ער איר איבערגענומען דעם וועג.

זי, די ווייס־האָריקע זקנה מיטן רייכן הוט אויף דעם פּאַרזונקענער קאָפּ,האָט איר גאַנג ניט אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט אים ניט באַמערקט, אָדער געהערט.

„וועיט אַ מינוט, מאָם״ — האָט ער איר אָנגענומען פּאַר דער האַנט.
„וועהער אַר יו גאָאינג אין דהיס דירעקשאָן, אין דהיס לעיט אָור״?

זי האָט מיט געבעט אין די אויגן, ווי אַ פאַרשולדיקט קינד, געקוקט אויף אים, און אָן ווערטער אַ שפּרייט געטאָן די הענט, ווי זי וואָלט זאָגן: זי ווייסט ניט.

— „נאָ ספּיק ענגליש״ — האָט זי מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט.

— „יו ספּיק דזשערמען? איטאַליען? אידיש? פּאָלסקי?״.

— אידיש! — האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט — איך רעד אידיש.

— אָלרייט באָבע — האָט דער פּאָליציימאַן מיטן רויטלעכן פּנים אַ שמייכל געטאָן — מירן ריידן אידיש.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און געבליבן הענגען אין זיינע אָרעמס. אירע אויגן האָבן זיך האַלב פאַרמאַכט. איר מויל האָט זיך אַ קרום געגעבן, און אויס אָטעם.

ער האָט איר צוגעטראָגן צו אַ באַנק, געריבן אירע הענט. זי האָט ווידער אָנגעהויבן אָטעמען, און געבענטשט דעם מלאך, אין פּאָליצייסקן אוניפאָרם, וואָס גאָט האָט איר דאָ צוגעשיקט.

— גאָט האָט דיר דאָ געבראַכט. גאָט האָט דיר דאָ געשיקט. זיי געַ־בענטשט.

— אַודאי גאָט. זיכער גאָט. און דערווייל אין דעם אויגנבליק האָבן דורכגעבליצט די טונקעלע געדאַנקען, וואָס דער שווארצער וואָסער האָט נאָר וואָס אַנגעווייעט אויף אים. איז עס ניט געווען אַ גייסטיקער כוח, וועל־כער האָט אים סיגנאַליזירט, נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען? פילע מאָל טראַכט ער, אז די נאַטור וויל זיך באַהעפטן מיטן מענטשן, וויל אים דער־ציילן אַ סך פאַרבאָרגענישן, אָבער דער מענטש איז ניט קאַפּאַבל אויפצו־נעמען.

— פילסט בעסער, באָבע?

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן, אַ דאַנק דיר.

— ווי רופט מען דיר? וואָס איז דיין פאַמיליע־נאָמען? און וואו וואוינסטו?

— כ׳האָב פאַרגעסן. — האָט זי מיט די דאַרע פינגער אָנגעוויזן אויפן שטערן. ד. ה. דער קאָפּ אַרבעט ניט, און דער זכרון דינט ניט.

— שוין לאַנג פון דער היים?

— פון נאָך וואָרמעס.

— וואו איז דיין היים?

— ביי די קינדער.

— ווי הייסן דיינע קינדער?

זי האָט אָנגעשטעלט אירע שטאַרע אויגן, געזוכט מיט זיי, ווי עפּעס זיך צו דערמאָנען; און געבליבן ווי פאַרטשאַדעט.

— איך ווייס ניט, זונעלע, כ׳האָב פאַרגעסן — האָט זי ווידער אויס־געשפּרייט די הענט מיט אונטערטעניקייט, ווי זי וואָלט זאָגן: טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, איך בין ניט מער ווי אַ שטיק ליים.

— קום באָבע. — ער האָט איר געהאָלפן מאַכן עטלעכע טריט. זי האָט זיך געוואַקלט, ווי ניט מיט אירע אייגענע פיס וואָלט זי געגאַנגען, נאָר ווי מיט אָנגעהאַנגענע העלצער. דער פּאָליציימאַן האָט אַ פייף געטאָן צו אַ לויפנדיקער מאַשין און געבעטן דעם פאָרער: זיי צוצופירן צום נאָ־ענטסטן „דראָג סטאָר״.

— „העלפּ דהיס אָלד ליידי״, האָט ער געבעטן דעם דראָגיסט. „גיוו האָר סאמטהינג וואָרעם ענד גוד״.

— איר ווילט קאַפע אָדער טיי, באָבע?

זי האָט זיך ווידער פאַרקלערט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— איכ׳ל איר געבן די בעסטע זאַך פאַר איר — האָט דער דראָגיסט געזאָגט מיט אַ טאָן פון אויטאָריטעט אין די ענינים. ער האָט איר צוגע־טראָגן אָראַנדזש זאַפט, אַריינגעטריפט אין גלאָז אַ פּאָר טראָפּן פון אַ גרין

פּלעשעלע, און דער פּאָליציימאַן האָט זיך דערווייל פאַרמאַכט אין דער טעלעפאָן בודקע און ראַפּאָרטירט.

ארויסקומענדיק מיט פולע אינפאָרמאַציע וועגן דער אַלטערס בלאָנדזשען זינט דריי נאָכמיטאָג און זעענדיק ווי זי קוויקט זיך מיט וואַרעמע קאַפּע און צובייסן, האָט זיך אויף אים אַ ליכט באַוויזן.

— פילסט בעסער, באָבע? איך דיך ביט. ווילסט נאָך עפּעס? איך וועל דיר באַלד נעמען צו דיין היים.

אַ דאַנק. אַ גרויסן דאַנק דיר. — און מיט אַ זיפץ דערשלונגען אַ פּאָר ווערטער — מיין היים? . . .

דער „היטער" און דראַגיסט האָבן געהאָלפן דער אַלטער מיטן מאַנטל, און דער איצט אינפאָרמירטער פּאָליציימאַן, האָט אַריינגערוימט דעם דראַגיסט אין אויער: — דאָס איז מיסעס שעכטער, וואוינט צוויי בלאָק פון דאַנען. — די אַלטע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם סוד, און זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ביידע מענער דינגען זיך.

— איכ'ל באַצאָלן, זונעלע . . . זאָג אים . . .

— ט'צאָלרייט, מאַ. — האָט דער דראַגיסט מיט צערטלעכקייט אַרויס־באַגלייט דער אַלטער, מיר וועלן זיך נאָך צורעכענען.

דער צופרידענער פּאָליציימאַן מיט דער אַלטער האָבן לאַנגזאַם גע־מאָסטן די טריט. איצט האָט זי צוריקגעוואונען איר זכרון און זי האָט שכל'דיק געענטפערט אויף אַלע פראַגן.

— אָט איז דיין הויז, באָבע.

— יאָ, עס קוקט אויס ווי די שטוב. איך בין דאָ פריער געוועזן. עפּעס איז דאָ אַ טעות. דאָ וואוינט דאָך אימיצער אַנדערש. זעסט, דאָ שטייט דאָך אַ יאָלקע.

ער האָט איר אַרויפגעפירט די עטלעכע טרעפּ, אַ דריק געגעבן דעם עלעקטרישן קנעפּל און אַ קלונג פון קלויסטער־גלעקער האָבן זיך צעזונגען. אַ יונג מיידל אין „סלעקס", מיט אַ מואווי מאַגאַזין אין האַנט, האָט געעפנט די מאַסיווע טיר. — אָ! גרענדמאַ!! — האָט זי מיט אַ קוויט־שיקן געשריי געלאָזן ווייסן אין דער טונקעלער שטוב אַריין, וואו דער קריסטמעס בוים איז נאָך געשטאַנען אַ הוילער. נאָך אַ מיידל האָט זיך באַוויזן אין טיר, און קאַלט, געשעפטסמעסיק אויסגעפרעגט דעם פּאָליציי־מאַן אַלע איינצלהייטן פון דער פּאַסירונג. די אַלטע איז געשטאַנען פאַרן טיר און ניט געקאָנט אַריבער די שוועל. דער קאָפּ איז איר געוואָרן שווער און דאָס האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט אין אַגאָניע, און דער אַכציק־יערי־קער קערפּער, פון דער שיינער, שטאָלצער געוועזענער אשת חיל פון ר' זונדל שעכטער, פון שאָולע, איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרן.

— פירט מיר אויבן אין מיין חדר. איך האָב אַ שטאַרקן קאָפּווייטאָק. איך וויל מיין בעט.

דער צופרידענער אָרדנונגס־היטער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט אַלעמען און אַן אויפגעלויכטענער זיך געלאָזן צו זיינע „קוואַדערס״.

די אייניקלעך, וועלכע זיינען איצט געווען די איינציקע אין הויז, ווייל די עלטערן זיינען געווען אויף זייער וואַקאַציע אין פלאָרידאַ, זיינען אַרונטער אין גרויסן „פּאַרלאָר״, זיך פאַרקנייטשט אין אַ ווינקל פון די טיף־געבעטע שטולן, און געלייענט.

שוין דריי חדשים ווי זי וואוינט אין דער נייער היים וואָס איר זון האָט געקויפט. דאָס וואָס איז שוין געווען ביי איר אַזוי היימיש, באַקאַנט, האָט איצט געקוקט צו איר מיט אַ ווייטער פרעמדקייט. די „צי־שטאָרן״ האָבן געוויזן קאָנטורן פון קלויסטערשן אַלטאַר. און פון דער האַנט־געמאָל־טער בילד פון איר אינגסטן אייניקל אויפן וואַנט, האָט זי געזען אַ הייליקע איקאָנע. איין שופלאָד פון איר „דרעסער״ איז געווען היימיש. דאָרט איז געלעגן איר אַלטע קרבן־מנחה. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון שאָול. זי איז פּאַמעלעך צו צום דרעסער, אַרויסגענומען דעם סדור. אַרי־בערגעצויגן אַ קאָפּ־טיכל איבער שטערן, ווי דער מאַן אירער ביים עמוד צו כל נדרי — דאָרט אין דער אַלטער היים. זי האָט אויפגעמישט דעם תהילים, און אין שטילער האַרציקייט אויסגעוויינט קאַפּיטל נאָך קאַ־פּיטל, און הייסע טרערן האָבן געוויקט בלאַט נאָך בלאַט.

***

אויף מאָרגן האָבן די לאַנגיעריקע שכנים און פריינט, וואו די שעכ־טערס האָבן פריער געוואוינט, זיך דערוואוסט פון דער לאָקאַלער פּרעסע, דעם צופאַל מיט מיסעס שעכטער, וועלכע האָט געבלאָנדזשעט אין פּאַרק פינף שעה נאָכאַנאַנד, און ווי אַזוי מען האָט איר געפונען ביים ברעג פון לעיק. האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידן און איבעררריידן, ווער די רייזע איז געווען, וואָס ס׳איז פון איר געוואָרן. אַ־אַ, וואָס עלטער טוט אויף! — האָט איינע שטאַרק באַדויערט דער אַלטער. — דאַכט זיך אַזאַ נחת, אַזאַ רייכקייט פון קינדער.

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער אַלטער ר׳ יעקב, ר׳ זונדל שעכ־טערס אַ בית־מדרש חבר דאָ אין אַמעריקע, מיט ביטול אויס־געשריען. — איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט! אַז איר ווייסט ניט וואָס איר לייענט! ס׳שטייט דאָך בפירוש געשריבן: זי איז געווען לעבן הויז, זי האָט איר זונס׳ הויז ניט דערקענט. פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט ער שוין אַליין געענטפערט. — רייזע האָט ניט געבלאָנדזשעט — האָט ער מיט אַ רמז אָנגעדייטעט. — ניין, ניין! די קינדער האָבן פאַרבלאָנדזשעט, די קינדער . . .

מיסעס גרינהיל

אין דער קילער אָקטאָבער־לופט איז געשטאַנען דער פּריש־גע־פאַרבטער מיניאַטור־פּאַלאַצל, און אַ פאַרבענקטער זיך געבאָדן אין אַ גאָלדענער זון וועלכע האָט געשאָטן מיט בונטע שטראַלן; און פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן אַרום אין אַ גרין־גאָלדענעם צויבער.

אין דער ליידיקער שטוב האָבן צווייען געוואַרט. זי — מיסעס גרינ־היל, די נייע באַלעבאָסטע, אַ יונגע, אַ בלאָנדע, מיט בלוי־נאָרדישע אויגן, שלאַנק ווי די סאָסנעס אין די נאָרוועגישע וועלדער.

ער, אַרום אַ זעכציקער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. די האָר ווייס, און זיינע מאָגערע פיס געבויגן ווי דועס, אי פון עלטער, אי פון שווערער אַרבעט.

— איך זע איר זייט אומגעדולדיק, מר. „קאַרפּעט־מען״, וואַרטנדיק אויף אייער באָס.

— האַ! — האָט ער זיך אַרומגעקוקט — איר מיינט מיר?

— „יעס סער״.

— ניין איר מאַכט אַ טעות. איך בין גראָדע אַ געדולדיקער מענטש. איך האָב ניט ליב דאָס וואַרטן. איר פאַרשטייט? דער באָס וועט נאָך פאַר־לאַנגען היינט אַ סך אַרבעט. דאַרטן וואַרט מען אויף מיר. און די מענטשן, היינטיקע צייטן, יאָגן אָן אויף זיך אַ בהלה. און מען יאָגט איינער דעם אַנדערן. וואָלטן זיי זיך באַדענקען: וואָס יאָגט מען זיך, און וואוהין לויפט מען? — וואָלטן מיר געהאַט אַ בעסערע וועלט.

— איר זייט גערעכט. ריכטיק ווי גאָלד. מיר געפעלן זייער אייערע באַמערקונקען. איר רעדט ווי אַ „סעינט״.

— וואָס? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — ווי אַ „סעינט״? — און געוואָרפן זיינע בליקן אַרום זיך, ווי ער וואָלט דאָ פאַרבלאָנדזשעט.

— וועל, האָט ער ווי אין פאַרטיידיקונג געענטפערט: — ניט נאָר בין איך ניט קיין „סעינט״, קיין הייליקער, איך בין אַפילו ווייט פון זיין רעליגיעז. און איך טראָג אויף זיך אַזויפיל זינד ווי יעדער בשר־ודם.

— זעט איר, אַט־די־אָ רייד אייערע, מיט אייער באַנעמונג, מאַכן אייך צו זיין אַנדערש ווי אַנדערע. איר טראָגט עפּעס אין זיך אַ געטלעכן ציטער.
— האָט זי מיט עקסטאַז אַרויסגעזאָגט די לעצטע פּאָר ווערטער.

— איך טראָג אין זיך — האָט ער אַ שווערן זיפץ געטאָן.—איך טראָג אין זיך מיין פאָלקס גורל פון טויזנטער יאָרן.

— צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט געהערט איר? — האָט זי מיט ביי־גער געפרעגט.

וואָס הייסט?! איר ווייסט ניט אַז איך בין אַ איד?

— ניין, ניט געוואוסט. איך האָב אייך אָנגענומען פאַר אַ דייטש.

— פאַר אַ דייטש?! פאַרשעמט מיך ניט, און צעראַזשעט ניט מיינע וואונדן. מיין נאָמען איז סויפער.

זי איז בלייך געוואָרן. די גאַנצע שטוב האָט זיך געמיניעט אין קאַ־לירן. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ גלאַנץ, און איר ברוסט האָט זיך געהויבן העכער און שווערער.

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַ איד זאָל טאָן אַזאַ שווערע אַרבעט. אַז אַ איד אַרבעט ביי אַ באָס?

די פּאָר רגע׳ס, ווען זי האָט גערעדט, האָבן אין מר. סויפער׳ס גע־דאַנק דורכגעבליצט פאַרשיידענע קאָשמאַרן, און אַ שלל פון גיפט האָט גע־בריט זיין צונג: זאָל זי נאָר ענדיקן וועט ער איר דערטרינקען אין סם. די רייד האָט ער שוין אַזויפיל מאָל געהערט — זיי קריכן אים שוין פון האַלז.

— אָבי די קריסטן זאָגן אַז אידן זיינען אַלע באַנקירן, אידן ווילן ניט אַרבעטן.

מר. סויפער האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער . — וואָס רעדט זי? וואָס מיינט זי אויסצעברייען? אוודאי סימפּאַטיע. נאָר פּלוצלונג האָט דורך זיין מויל דורכגעלאָפן עטלעכע ווערטער, וועלכע ער איז ניט גרייט געווען צו פרעגן:

— וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט ביסטו?

— זיכער בין איך אויך אידיש און אַפילו מיין מאַן איז אויך אידיש.

— פון וועלכן לאַנד קומען דיינע עלטערן?

— איך בין שוין דער פערטער דור. מיינע זיידעס קומען פון דייטש־לאַנד. אונזערע פאַמיליעס זיינען פופציק־פופציק.

— וואָס מיינט פופציק־פופציק? — האָט ער כלומרשט אַ נאַאיווע פראַגע געשטעלט, ווי ער, הייסט עס, זאָל ניט וויסן די באַדייטונג פון 50־50.

— מיר זיינען אויסגעמישט, דורך געמישטער הייראַט.

— איך פאַרשטיי אַז דו ווייסט זייער ווייניק וועגן אידן וועגן איי־דישקייט.

— מיר טוט זייער לייד. דו ביסט גערעכט וואָס דו זאָגסט. אָבער?

— אָבער וואָס? — האָט ער אונטערגעהאַלפן.

— ס'איז ניט מיין שולד. עס איז די שולד פון מיינע עלטערן, פון דער סביבה, פון דער קאָנצעפּציע אין זייערע קרייזן וועגן רעליגיע און נאַציע.

— ביזט איבערצייגט אַז דיינע עלטערן האָבן געמאַכט אַ טעות?

— יעס סער, הונדערט פּראָצענט איבערצייגט.

— טוסטו עפּעס אויסצובעסערן, אָדער פאַרריכטן, דעם טעות? און זאָג מיר וואָס איז די „לעקציע" וואָס דו האָסט געלערנט?

— מיין טייערער פריינט מר. סויפער, — איך ווייס אייגנטלעך ניט ווי דאָס צו דערקלערן. און צו־וואָס אויפקלערן? — אַז מען שטויסט זיך אַן אין גאַנצענע בערג מיט דערנער וואָס שטעכן דורך דאָס האַרץ מיטן מאַרך. אין די קרייזן, וואו מיר האָבן זיך דערצויגן, האָב איך ניט געוואוסט וואָס עס מיינט איד אָדער קריסט. מיר גייען אין טעמפּל זונטיק, זיי גייען אין טשוירטש זונטיק. אַז מיר לעבן מיטן חסד פון די קריסטלעכע טאַנ־טעס און אָנקלס — האָב איך ניט געוואוסט ביז דער היטלער וואַקכאַנאַליע. זייער טראַגישע אינצידענטן זיינען פאָרגעקומען אין אונזער פאַמיליע. עס איז געווען פיינלעך, און שאַנדפול, ווען פאַרלעך פון דערוואַקסענע קינ־דער האָבן זיך צעריסן, און די וועלכע האָבן מיט רחמנות געקוקט אויף אונז, און געטראָגן מיט אונז אונזער צער — האָבן מיר באַדאַרפט דאַנקען און לויבן יעדע רגע פאַר זייער טאָלעראַנץ. איר ווייסט דאָך, אַז פון צו־פיל זיס ווערט ביטער אויפן גומען . . .

ס'איז איר ענג געוואָרן אין קעל און דערוואָרגן עטלעכע ווערטער אין האַלז.

— די לעקציע וואָס מיר'ן געלערנט פרעגט איר?

— איך זאָג: אַז דאָס ערשטע דאַרפן מיר זיין וואָס מיר זיינען. און שטיין באַזונדער. זיך ניט אויסמישן. ווייל מיר ווערן פאַרשלונגען. ניט געמישט. דער עקספּערימענט איז אַ דורכפאַל. דערפאַר בין איך געווען אַזוי שטאָלץ אונטערצושטרייכן אין אָנהויב פון אונזער שמועס, אַז מיין מאַן איז אויך אַ אידישער.

מר. סויפערן האָט געקלונגען אירע רייד ווי אַ שטימע פון הימל

וואָלט גערעדט צו אים. אַוואו נעמט מען זיינע באַקאַנטע, וועלכע דיסקו־טירן אַלעמאָל דעם אינהאַלט — יאַ אויסמישן, אַ סאָציאַליסטישע וועלט, אַ וועלט פון בירגער בלויז, א. אַז. וו.? זי האָט פאָרטגעזעצט:

די צווייטע זאַך איז: מיר דאַרפן אַ היים. זאָל זיין וואו עס איז, אַבי אַן אייגענע היים. זאָל אונז די וועלט געבן אַ היים!

אירע בלויע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

— א־ו־ו! — האָט אַן אויטאָ טרובע גענומען רופן.

מר. סויפער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין געצייג־רענצל, אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל, און זיך פריינטלעך געזעגנט מיט דער ליבער מרס. גרינהיל.

די מאַשין האָט געשלונגען דעם אַספאַלט. סויפער האָט געקוקט אויפן פּאַלאַצל און זיך געוואונדערט: פון אַזאַ היים — וויל זי אויך אַ „היים"?... ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער הערט די רייד פון דעם קלאַס מענטשן. זי, דער פערטער דור אַמעריקאַניזירטע, פיזיאָנאָמיש אַסימילירטע — וויל אַ „היים" מיט איר פאָלק, איז כדאי זיך אַריינצוטראַכטן. דאָס ערשטע ביי איר — איז זיך ניט אויסמישן. דאָס צווייטע איז ביי איר אַ היימלאַנד. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אירע פערזענלעכע איבערלעבונגען: — צוליב דעם היטלעריזם. נאָר, לויט סופר'ס פילן און דענקען, איז די „היים" פראַגע איבער אַלע פראַגן — די היים וועט פאַרהיילן אַ סך וואונדן.

אַ גאַגצער מענטש

די „אַדלער־באַן" מיט די געזילבערטע פּאַלדן פון „שטראָם־ליניעס", האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אימפּעטיק פון די הויכע ראַקי־בערג, אין בלוילעכקייט פון ערב־נאַכט און געבליבן שטיין ביי דער קליינער באַן־סטאַנציע, פּ. ק.

דער הויך־הילכער האָט מעטאַליש פאַרדומפּפן געלאָזט וויסן די פּאַרזאַמלטע אויף דער פּלאַטפאָרמע:

— אַלע מענער און פרויען אין יוניפאָרם — זיינען די ערשטע אַריינצוגיין אין די וואַגאָנען.

עס האָבן זיך געהייבן מיליטערישע גרין־גרויע זעק. טשעמאָדאַנעס און סאָלדאַטסקע פּיס און קעפּ, זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער לאַנגער וואַגאָנעקייט. דערנאָך זיינען געקומען די ציווילע, ווי אומגעבעטענע געסט צו אַ רייכער שמחה . . .

די באַן האָט זיך גערירט, די פּלאַרעסן־לאָמפּן האָבן ווי לאַנגע סטרינגענע ליכט געשימערירט און אָנגעפילט דעם וואַגאָן מיט ווייסער ליכט ווי צו אַ פייערלעכער אילומינאַציע.

אַלע זיץ־פּלעצער זיינען געווען אָנגעפילט מיט מיליטער פון פאַרשידענע ראַנגען. די דורכגאַנגען זיינען געווען אָנגעלייגט מיט זעק, וואַליזעס, און אויף זיי זיינען געזעסן און געלעגן סאָלדאַטן, מאַרינען, און זיך אַיינגעמאָסטשעט, — צו קענען אַזוי אַרום אָפּ׳פטר׳ן די נאַכט. אייניקע האָבן געשאָלטן דעם טייוול, אַנדערע האָבן זיך געוויצלט אויפן אייגענעם מזל, און דערביי פאַרצויגן אַ סיגאַרעט.

אויף איין באַנק איז געזעסן אַן אַמעריקאַנער כינעזער מיט שמאָלע מאַנדל־אויגן. דאָס פּנים ווי אונטערגעשוואָלן, די פעך־שוואַרצע האָר זיינען געלעגן אָנגעהורבעט ווי דינע ריטלעך צום נאַקן אַרויף. ער און זיין „פּאַרטנער", דער בלאָנד־העלער סאַרדזשענט, זיינען שוין געווען איינגעזעסענע פון לאַנג, תושבים אין דער „פּאַרנדער וועלט".

דער כינעזער האָט אַרונטערגענומען אַ קליינעם פּאַקעט פון דער פּאָליצע און צווישן פּאַפּירן אונטערגעבעט אַ מאַגאַזין, און זיך גענומען שרייבן אַ בריוו.

זיין דיקע פאונטן־פען האָט געגומען שפּריצן שורות. פון אויבן אַרונ־טער ווערטיקאַל. אַלע ארום האָבן אַריינגעגראָבן די אויגן און מיט באַוואונדערונג געשלונגען די געשיקטקייט פון געל־הויטיקן, ווי ווער־טער פליען און לייגן זיך אַזוי געקינצלט אויפן פּאַפּיר.

די פאַרחידושטע פּאָר אויגן פון זיין־שותף האָבן אָנגעשטעקט דעם אַרומיקן עולם, און אַלע האָבן גענומען ציען זייערע בליקן צום שוואַרץ האָריקן, וועלכער איז מיט גאַנצקייט, אָן שום ברעקל מינדערווירדיקייט, אָדער אינפעריאָריטעט, געווען פאַרטיפט אין זיין שרייבן. פון הינטערשטן „סיט" האָבן אַ פּאָר אַפּיצערן אויך אַריבערגעבליקט — זען וואָס איז אַזוי די נייגעריקייט פון אַלעמען אַרום. זיי האָבן געזען דעם וואונדער וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט חידוש, און זיך אַראָפּגעלאָזן אין די שטולן.

— צו וועמען שרייבסטו דאָס דעם בריוו? — האָט אים געפרעגט דער בלאָנד־האָריקער זיין־חבר.

— צו מיין געליבטער.

— ווארום שרייבסטו אין כינעזיש? — דיין „סוויטהאַרט" קען ניט קיין ענגליש?

— מיין „סוויטהאַרט" איז אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע. זי גייט אין וואסאר אוניווערזיטעט.

— טאָ וואָרום שרייבסטו איר אין „טשייניז?" כדי איך זאָל ניט קענען לייענען ?

— נאָ, סער, די שפּראַך צו אַ „סוויטהאַרט" איז איין שפּראַך. דאָס וואָס דו שרייבסט צו דיין מיידל, שרייב איך צו מיין מיידל.

— וואָרום שרייבסטו איר ניט אין ענגליש? ס'איז דאָך אַ שענערע שפּראַך.

דער געל־הויטיקער איז נאָך געלער געוואָרן. אין זיין פּנים איז דורכגעלאָפן אַ שטורם פון טיפן אויפברויז.

— ווער האָט דיר געזאָגט אַז ענגליש איז אַ שענערע שפּראַך ווי כינעזיש?! — ווי ווייסטו דאָס אַזעלכע זאַכן ? !

— ביקאָז.

— זעסטו, — איז דער כינעזער געוואָרן געלאַסן ווי אַ לערער צום תלמיד. — ערשטנס, בין איך אַ כינעזער און דאָס איז מיין שפּראַך. און צווייטנס, וואָס איך קען זאָגן מיין געליבטער אין אונזער שפּראַך, קען איך אויף אַן אַנדער לשון ניט אַרויסזאָגן. יעדע שפּראַך האָט איר קלאַנג, איר קאָליר, איר ווייכקייט, אירע אידיאָמען, סינאָנימען און פראַזעלאָ־גיעס.

דער העל־הויטיקער האָט זיך תמעוואָטע איינגעהערט און צוגע־שמייכלט ווי אַ געשלאָגענער באָק. „באָט, — האָט ער זיך אָפּגערופן — ווייז מיר די איי בי סי פון אייער לשון".

דער כינעזער האָט ווידער אַראָפּגענומען דעם פּאַקעט פון דער פּאַליצע, אַרויסגענומען אַ דיקן בוך, אויפגעעפנט און אים געזאָגט: דאָס איז אַ כינעזיש־ענגלישער ווערטער־בוך, „דיקשיאָנערי" אָט איז די איי. בי. סי.

דער אַמעריקאַנער האָט איינגעגראָבן די אויגן, געקוקט, געטייטלט מיטן פינגער, און דער כינעזער האָט מיט אים געקנעלט. ער האָט אים דערקלערט דעם אורשפרונג פון דער כינעזישער שפּראַך, ליטעראַטור, קולטור. דער בלאָנדער חבר האָט אַלעמאָל אויסגערופן מיט איבעראַשונג — איז דאָס אַל? איז דאָס אַל?

דער זייטיקער עולם, וועלכע זיינען געשטאַנען און געזעסן אַרום, האָבן זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט איינגעהערט, און איי־נער דעם אַנדערן האָט איינגערוימט אַ סוד:

— ער איז אַ אינטעליגענטער מאַן, דער כינעזער.

צווישן די צוהערער פון גאַנצן געזעמל אַרום, איז געזעסן אַ ליו־טענאַנט, מיט געקנייטשטע האָר, און פון זיינע אויגן האָט געבליצט אַ פייערל פון קנאה. זיינע גלידער האָבן גערעדט:

— דאָס איז אַ גאַנצער מענטש. אַ געזונטער מענטש, אַ נאָרמאַ־לער, שטאָלץ אויף זיך, זיין פאָלק, זיין שפּראַך, זיין קולטור, טראָגנדיק אַן אַמעריקאַנער יוניפאָרם, זייענדיק אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער.

מען האָט דאָך מיר אויך געלערנט מיין שפּראַך. מען האָט דאָך מיר געשיקט אין אַ אידישער שול!

וועל איך אַזוי האַנדלען? וועט עמיצער אַנדערש פון מיינע ברי־דער אַזוי האַנדלען?

דער כינעזער האָט פאַרלייגט דעם ווערטער־בוך. דער בלאָנדער איז געבליבן זיצן שטיל און זיך גענומען איינגורען צום שלאָפן. דער כינע־זער האָט ווידער גענומען שרייבן.

דער שיינער ליוטענאַנט מיט די געקנייטשטע האָר און שיינעם ווינקל־שטערן, אַ ירושה פון עלטער־זיידעס לומדים, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט איבער די אויגן, און זיך פאַרטיפט אין דענקען.

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעדרייט די ליכט. צוויי קליינע לעמ־פעלעך האָבן פאַרזשמורעט זיך געטוקט אין רויך, און די באַן איז גע־לאָפן אַנטקעגן אַ פינצטערער נאַכט . . .

אויפן וועג צוריק

געווען איז עס שוין אַ שיינע עטלעכע מייל אויסער ניו יאָרק. דער אויטאָבאָס האָט פריי געשניטן די יוני לופט אויפן ברייטן צעמענטענעם שליאַך, און אַריינגעזויגן דורך די האַלב־אָפענע פענסטערלאַך פריש־געזונטע לופט, וועלכע די פּאַסאַזשירן האָבן געשלונגען און זיך דערפרישט.

—„איזנט דאַהט גראַנד?״ — האָט געזאָגט יאָסל׳ס שטול־שכן און זיך צוריקגעצויגן פון פענסטער, געבנדיק אים אַ געלעגנהייט די וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע צו אָבזערווירן.

יאָסל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט מען אים. ער האָט זיך צוגעבויגן צום פענסטער, געקוקט, געגישטערט, אָבער קיין אויסערגעוויינלעכעס נישט געזען. מסתמא שוין אַריבערגעפאָרן — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

— „איזנט דהאט וואַנדערפול?״ — האָט דער יונגערמאַן מיטן גרויען קאַפּ אַ צעפּלאַמטער ווידערהאָלט דעם זעלבן פּזמון.

די עטלעכע ווערטער, דער שאַבלאָנער נוסח פון בעקאַנט ווערן, זיינען געווען דער נוקליאַס פון אַ פאַרוויקלטן קנויל, וואָס האָט פאַרשלונגען יאָסל׳ס צייט בשעת׳ן פאָרן, און געווירקט אויף אים אַזוי, אַז זיינע פריינט, פאַך־קאָלעגן, האָבן זייער יאָסלען נישט דערקאַנט זינט ער איז געקומען צוריק פון זיין וואַקאַציע־רייזע. ס׳איז, זאָגן זיי, יאָסל׳ס קול, אָבער נישט דער אייגענער יאָסל. ס׳איז גאָר אַן אַנדער לשון, אַנדערע אויגן, נישט דערזעלבער!

איינמאָל, אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג, האָט מען זיך מיט אַ כיון, ווי אַ מין סטראַטעגיע, אַרומגעזעצט אין פּאַרק אַרום יאָסלען, און גענומען מאַנעווורירן יאָסל זאָל דערציילן די געשיכטע פון זיין רייזע, וואָס ער האָט באַטיטלט „אויפן וועג צוריק״.

יאָסל איז דאָס מאָל געווען אין דער בחינה פון ריידן. ער האָט אָנגעהייבן מיט זיין אַלטער געוויינהייט: פריער אויסקלאַפּן מיט די פינגער אויפן ברעג טיש קלאַנגען זייער ווייט פון מוזיקאַלישן ריטם. אָבער ביי אים איז עס געווען אַ מין סטימול פאַר געדולד, פאַר קאָנצענטראַציע.

ער האָט מיט אַ טיפן זיפץ און אויפשטראַלנדע אויגן אָנגעהייבן ריידן פּאַמעלעך, געציילט און געמאָסטן יעדן וואָרט:

„פאַרשטייט איר מיר, ברידער, ס׳איז געווען אַזוי — גלייך ווי איך האָב דערזען דעם חברה־מאַן לעבן מיר אינעם באָס, איז מיר געווען אַ גרויס וואונדער — ווי קומט אַזאַ חברה־מאַן, מיט אַזאַ הלבשה, מיט אַזאַ פּנים אין באָס?! מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אים ערגעץ געזען אין די מואוויס, אָדער אין די מאַגאַזינען. די חברה פליען דאָך מיט עראָ־פּלאַנען, אָדער זיי פאָרן אין די פּולמאַן־באַנען... און גלייך ביי די ערשטע ווערטער פון אונזער באַקאַנט־ווערן, האָב איך דערשפּירט, אַז איך האָב זיך ניט גענאַרט. איצט פאַרשטיי איך וואָס ער האָט מיר געוויזן אין פענסטער, אָבער דאַן האָב איך זיך ניט געכאַפּט.

ביי דער ערשטער סטאַנציע, ווען דער באָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער מיר פאַרגעשלאָגן אַן אייז־קרים.

„פּאָפּ, קען איך דיר טריטן מיט אַן אייז־קרים?״

איך האָב אים זייער שיין באַדאַנקט, און זיך דערפילט צו אים עפּעס נעענטער.

ווען דער באָס האָט ווידער געריררט אין וועג, האָבן מיר זיך שוין צערעדט. ס׳הייסט, ער האָט גערעדט. איך האָב בלויז געענטפערט אויף זאַכן וואָס איך האָב געוואוסט. דאָס איבעריקע האָב איך געשטומט ווי אַ פאַרשעמטער גולם.

דאָס ערשטע איז געווען — וואוהין מען פאָרט, פון וואַנען מען קומט, וואָס מען טוט, און צו וועלכער נאַציע מען געהערט זיך אָן. איך האָב אים געזאָגט אַז איך וואוין דאָ, אין סט. לואיס, און בין אַ פּרעסער פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. ער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען, וואָס איך האָב ניט געכאַפּט ריכטיק, און אַז ער מאַכט דעם „באָס־טריפּ״ איבערן לאַנד, כדי צו קלייבן מאַטעריאַל. און שטאַמען שטאַמט ער פון שפּאַני־אָלישע אידן, שוין דער פינפטער דור דאָ אין אַמעריקע.

— וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל? — האָט איינער אַ ציניקער געוואָלט איבעררייסן די ערנסטקייט פון דער מסיבה. ער האָט אינסטינקטיוו ניט פאַרגונען יאָסלען אַזאַ אוידיענץ. חברה האָבן אויף אים אַ שפּרונג געטאָן.

— פאַרשטייסט ניט וועלכע מאַטעריאַל? קענסט ניט זען אַז יענער איז אַ שרייבער?

— כ׳ווייס ניט ווער ער איז, פאַרענטפערט יאָסל אַלעמען.

— ער האָט מיך געפרעגט צי האָב איך אַ פאַמיליע, וואָס טוען די קינדער, צי דענק איך הייראַטן נאָכאַמאָל, צי בין איך אַ יוניאָנמאַן.

איך האָב אַלעס געענטפערט. וואָס האָב איך מורא אַז ער וועט וויסן? און ווען איך האָב אים געזאָגט אַז אין דער „יוניע״ צאָל איך בלויז „דיוס״,

האַט ער מיט מיר אײַנגעטענהט, אַז איך טו ניט די ריכטיקע זאַך, און בין אונגערעכט צו זיך אַליין. וואָס הייסט אַ מענטש זאָל נישט זײַן פאַר־אינטערעסירט אין זיך אַליין? ער האָט אָנגערופן עטלעכע נעמען פון די יוניאָן פירער און איך האָב געזאָגט אַז איך קען זיי ניט, קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען. ניין, זאָגט ער, — פּאַפּ, זאָלסט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן — פון אַלע שטאַנדפּונקטן דאַרף איך זען זעלבסט־פּרעזערווירונג, ווי ער רופט עס אָן, דאַרף איך זען אַז מען זאָל נישט אַרונטערשאָבן דאָס ביסל פּוטער פון מײַן ברויט.

— טײַערע ווערטער, הייליקע ווערטער — האָבן זיך אַ פּאָר צו־הערער אָפּגערופן.

יאָסל האָט ווידער אַ קלאַפּ־געטאָן מיט די פינגער. מען האָט געזען אַז ער גייט איבער פון איין טייל צו אַ צווייטן, און ער האָט פאַר־געזעצט:

— דאָ, ברידערלאַך, גלויב איך, קען איך אײַך אויך אַרײַנעמען אין קאָן. ווען ער האָט מיך געפרעגט מײַן מיינונג וועגן ישראל — וואָס דענק איך וועגן דעם אויפבוי פון ישראל, וואָס פאַר אַ סיסטעם רעגירונג וואָלט איך געוואָלט, און וואָס טו איך צו העלפן בויען ישראל? האָב איך מיר דערפילט ווי ער וואָלט מיר געכאַפּט ביים האַנט אַפּטועניק, אַ שטיקל מלאכה וואָס ס׳פּאַסט ניט פאַר אַ מענטשן אין מײַנע יאָרן, האָב איך אים געגעבן פאַרשידענע תרוצים: אים געזאָגט אַז איך בין געווען פאַר־יאָגט אַלעמאָל, אַוועק זייער יונג צו דער אַרבעט, נישט געלערנט פיל, און איצט, האָב איך אים געזאָגט, איז שוין אַביסל שפּעטלאַך. איך בין שוין אויפן וועג צוריק.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט. — צו בייזיין די פּאַסי־רונגען און נישט זען וואָס עס קומט פאַר, דאַרף מען דאָך זײַן פּשוט בלינד. דאַרף מען דען דורכגיין אוניווערסיטעטען די קלייניקייטן צו וויסן? די אַלע זאַכן וועלכע מיר באַרירן דאָ, קען מען לערנען פון אַ צייטונגס אַר־טיקל, אַ זשורנאַל. מען דאַרף נאָר אַרײַנקוקן אין זיי. דענקסטו נישט אַמאָל, ווען דײַן אייניקל וועט דיר פרעגן: זיידע, וואָס האָסטו געטאָן צו העלפן בויען ישראל? וואָס וועסטו אים ענטפערן?

— און דאָס וואָס דו זאָגסט אַז דו גייסט אויפן וועג צוריק, איז „נאָנסעס". אַ מענטש טאָר איבערהויפּט נישט טראַכטן אַז ער גייט אויפן וועג צוריק, יעדער מענטש מוז קוקן פאָראויס, אין זינען האָבן דעם מאָרגן, מאַכן פּראָגרעס, צוגרייטונג. דאַן האָט דאָס לעבן אַן אינהאַלט, אַן אינטערעס, ווײַל מיטן קוק צוריק, בלייבט מען פאַרגליווערט ווי לוט׳ס ווייב . . .

ער האָט מיר אָוועקגעלייגט אַ צעטל פון וועלט־באַרימטע מענטשן וועלכע האָבן אָנגעהייבן שוין אין טיפן עלטער, און באַוואונדערט די וועלט מיט זייערע דערגרייכונגען. ער האָט אַפילו דערמאָנט איינעם אַן אפּרייטאָר אברהם לעווין, דעם גראַד געדענק איך.

— פּאַפּ, זאָגט ער, באַלד גייסטו אַרונטער, איך פאָר ווייטער, נאָך דעם טריפּ וועל איך פאָרן קיין ישראל. איצט פּאַפּ, איז ביי דיר די בעסטע צייט צו קענען אויסנוצן די גרויסע פּריווילעגיע צו ווערן אַ מיטבויער, אַ מיטהעלפער. דיינע קינדער זיינען שוין פאַרזאָרגט, חתונה האָבן נאָך אַמאָל, ווילסטו ניט — מאַך זיך נוצלעך, פאַרשווענדט ניט דיין צייט אין פּוסטקייט.

איך האָב געגומען באַגרייפן און פילן, אַז דער ליבער מענטש איז זייער גערעכט. אַ ליבע האָב איך דערפילט צו אים. כ'האָב געגומען טועם זיין זיינע ווערטער, זיך געוואָלט אָנזעטיקן מיט אים, איז דער באָס גע־בליבן שטיין. ער האָט מיר געדריקט די האַנט: „גוד באַי, פּאַפּ״. דאָס איז סעינט לואיס . . .

יאָסל איז געבליבן שטיל. אַלע אַרום אים זיינען געזעסן מיט אָפּגע־נע מיילער און געוואַרט אויף נאָך. עפּעס איז נישט געווען פאַרענ־דיקט. נאָר דער זעלבער ציניקער וואָס איז אַלעס מבטל, וואַרפט מיט פּסוקים ווען מען דאַרף, און נאָך מער, ווען מען דאַרף ניט.

— מאַי־קאַ־מש'מע־לן ר' יאָסל? — וואָס האָסטו געלערנט?

— משוגענער! — האָבן כמעט אַלע אַ פּירכע געטאָן אויף דעם פרעגער, — אַלע מאָל איז ביי אים אין צייט.

יאָסל האָט שווייגנדיק, מיט אַ בייזלעכן בליק דורכגעגומען דעם שטערער. ער האָט ווידער אויסגעקלאַפּט אויפן טיש טעמפּע קלאַנגען.

— און וואָס איך האָב געלערנט? — האָט יאָסל אויסגעצויגן די ווערטער. — פון אויפן וועג צוריק, האָב איך געביטן מיין מאַרשרוט. כ'האָף צו זיין שטאַרק גענוג אויפצומישן אַ ניי־בלאַט . . .

יאָסל האָט זיך אויפגעהייבן, געבעטן אַנטשולדיגונג, ווייל ער דאַרף ערגעץ צוגיין. אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און נאָכגעקוקט זיינע טריט. ס'איז געווען אַ מאָדנע שטילקייט אַרום זייער טיש. נאָר דער „בעל דרשן״ איז אויפגעשפּרונגען: —

— וואָס זייט איר אַזוי נתפּעל געוואָרן? איר האָט דאָך אַלע געלערנט אין פּרק — עשה לך רב וקנה לך חבר!

עס איז געוואָרן אַ האַמפּעריי. דאָס געזעמל אַרום זייער טיש האָט זיך פאַרגרעסערט. פון די טעשלאַך קאָרטן אין די קעשענעס האָט מען יענעם פאַרנאַכט איינגאַנצן פאַרגעסן.

יאָסל דערקלערט

זינט יאָסל האָט זיך פאַרנומען אויף אַנדערע וועגן, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. אין שאַפּ צו „לאַנטשעס" וואו חברה כאַפּן אַ וואָרט אין מויל נאָכן איבערבייס — זיצט ער מיט אַ פאַרשלאָסן מויל; אָדער ער האַלט די אויגן איינגעטראָפּעט אין אַ צייטונג, אָדער ער טעלעפאָנירט.

אין אָנהויב אין אין שאַפּ צווישן די געזעלן געוואָרן אַ גאַנצע סומאַ־טאָכע; „וואָס זאָגסטו ניט צום בעל־תשובה'ניק? געוואָרן אַ גאַנצער מורנו ורבנו". וואַלט ער געווען אינגער, וואָלטן אים חברה דורך פאַרשידענע שטיק ענג געמאַכט דעם פּלאַץ. זיי האָבן שוין די מיטלען פאַר איינעם וואָס טיילט זיך אויס פון דער מחנה. איז אָבער יאָסל אַ בן ששים, און איז דער עלטסטער פּרעסער אין שאַפּ, לאָזט מען אים צורו.

עס רעדט זיך בלויז אַזוי — מען לאָזט אים צורו. דאָס איז בלויז לפנים וועגן. אים, אין זיין אָנוועזנהייט, וועט קיינער ניט האָבן די העזה צו פאַרטשעפּן.טרעט ער אָבער אָפּ פון זיי, הויבט זיך אָן אַ חכמה'נען אויף יאָסלס חשבון. איינער גיט אַ פרעג: — ווֶעמען, למשל, רופט ער היינט ר' יאָסל? קומען שוין ענטפערס פון פאַרשידענע וואַריאַציעס:

„יאָסל חתנ'ט זיך. דאָס מאַכט ער אַ דייט — זאָגט איינער.

„מאַכסט אַ טעות: דאָס רופט ער איצט מאָרגעטאוען — בעסערט אויס אַ צווייטער. און אַ דריטער לאַכט זיך פאַנאַנדער: דאָס רעדט ער וועגן אַ שטעלע מיט בן־גוריונ'ען. אַלע אַרום האָבן הנאה.

פונדעסטוועגן, נאָך אַלע ליצנות, וואַרטן אַלע צו הערן אַמאָל אַ וואָרט פון יאָסלען. מען ווייסט שוין אַלע, אַז יאָסל וועט ניט סתם אַרויסוואַרפן רייד. ווען ער וועט שוין יאָ עפּעס זאָגן, וועלן אַלע אין שאַפּ נאָכדעם זיך גוט פאַרטראַכטן.

דעם פרימאָרגן איז אין דרויסן געווען כמורנע,וואָלקנס זיינען געהאָנ־גען צילאָז: ניט זיי האָבן געגעבן רעגן, ניט זיי האָבן דורכגעלאָזט די זו־נען־שטראַלען צו דער אַזוי אויך טונקעלער וועלט. צווישן די „הימל־קראַצערס אין שאַפּ אויפן צוועלפטן גאָרן, האָט זיך געטומלט מיט שפּאָגל־

נייע נייס. היימע, וועמען מען האָט אויך גערופן „דער אַפּעטיטנער" — איז געקומען צו דער אַרבעט יום־טוב'דיק אָנגעטאָן אין מיטן מיטוואָך.

וואָס עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט אין מיטן־דרינען? — האָבן עטלאַכע פאַרוואונדערט געפרעגט — איז עס אַ חתונה אָדער אַ לויה?

— מיר האָבן היינט אָוונט אַ מיטינג פון אונזער קוזין־קלוב, און איך גיי מיר אַהין גלייך נאָך דער אַרבעט מיט מיין נייעם „פלימוט".

— אַ! מיטן נייעם פלימוט? וואָס זאָגסטו ניט צו קאַלאַמבוסן?

יאָסל האָט מיט זיין אויער אויפגעכאַפּט די נייס. און מען האָט שוין געקענט זיין זיכער, אַז היינט צו „לאַנטש" וועט שוין יאָסל עפּעס זאָגן. מען האָט געקענט זען דייטליך אויף זיין פּנים, ווי ער קנייטשט זיך פון טריבע מחשבות, און זיין פּרעס־אייזן לויפט האַסטיקער, אימפּעטיקער, ווי ער וואָלט געוואָלט, מיטן טעמפּאָ פון דער אַרבעט, עפּעס פון זיך פאַר־טרייבן.

אין די פיר שעה וואָס די ניי־מאַשינען האָבן געהוזשעט, געשלונגען און אַרויסגעוואָרפן שטיקער מלבושים, די פּרעסן זיינען געגאַנגען, גע־סיקעט און געקרעכצט, געקלאַפּט און געטראַסקעט, האָט מען זיך ווי עס איז אין טומל דורכגעוואָרפן מיט אַ וואָרט, אַלץ אויפן רעכענונג פון אַפּעטיט־נעם. דאָס איז געווען אַ מין פאַרבאַרייטונג פאַר אַן אַמוזירנדן מיטאָג־צייט. און ווען די באַוועגנדיקע קראַפט איז מיט איין צי פון אַ ליווער אָפּגעשטעלט געוואָרן, ס'איז מיט איינמאָל אַלץ שטיל געבליבן, די ניי־מאַשינען זיינען געבליבן ווי גע'חלש'טע מיט שטיקער וואַרע אין זייערע דערשטיקטע מייַ־לער, האָט יעדער פון די לאַנטש־ברייַנגערס גענומען זיין איינגעוויקלטן שפּייז פּעקל און זיך געלאָזן אין „דרעסינג־רום" וואו ס'איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט אַנגעהאַנגענע בענק, טאַקע ספּעציעל געבויט פאַר די אַרבעטער וואָס גייען ניט אַרונטער עסן. און דאָ אַרום טיש, איז פאַרגעזעצט געוואָרן דער פריערדיקער שמועס.

— נישט אומזיסט רופט מען דיך, היימע דער אַפּעטיטנער; דו האָסט דעם אַרעמאַנס אַפּעטיט. אַלעס ווילסטו: האָסט געוואָלט אַ הויז, איז געקויפט אַ הויז; געוואָלט נייע מעבל, איז נייע מעבל; אַ טעלעוויזשאָן סעט, איז אַ טעלעוויזשאָן סעט; איצט אַ נייע קאַר, איז אַ נייע קאַר.

היימע האָט געביסן די „סענדוויטשעס" און געשמייכלט, ווי איינער רעדט: אַבי איר ווייסט די אַלע זאַכן און איר ערגערט זיך.

— איך זע ניט איין וואָס מען דאַרף אַזעלכע זאַכן אויפוואַרפן יע־נעם? — האָט זיך איינער פאַר היימען אָנגענומען. איך גלויב אַז ס'איז גאָר אַ מעלה, ווען אַ מענטש שטרעבט, ווען אַ מענטש וויל. און מיר אַרבעטער דאַרפן זיין צופרידן, ווען איינער פון אונז בעסערט זיך אויס דאָס לעבן.

— ווי געפעלט אייך דער נייער בעל־דרשן? הער נאָר סאָראַ הויכע ווערטער ער נוצט? שטרעבן, מיר אַרבעטער, מענטש, — האָט זיך אַריינ־געמישט אַ דריטער. די לופט איז געוואָרן הייסער. מען האָט גענומען אַרגו־מענטירן אויף גאָר הויכע טענער. מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז אַלע די וועלכע זיינען געזעסן ביים טיש האָבן זיך באַטייליקט אין ויכוח. געווען אייניקע, אַזעלכע וואָס האָבן אַפילו ניט געהערט וואָס מען רעדט אַזוינס. אָבער, ווען מען דער נוסח פון שמועס האָט פאַראינטערעסירט, האָבן גע־קוקט צו יאָסלס ווינקל, און געוואַרט אויף זיינס אַ וואָרט. און געקומען איז יאָסלס וואָרט ווען די אַרגומענטן האָבן פאַרלאָרן זייער אינהאַלט. ס'איז שוין געווען ניט מער ווי אַריינזאָגן, אַריינשטעכן אַן אַ ריזאָן. און געהאַמפּערט האָבן זיך דרויסנדיקע. היימע אַליין האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט ברייט געשמייכלט, ווי ער וואָלט גאָר הנאה געהאַט פון דעם ספּעקטאַקל.

— איר הערט? — האָט יאָסל שטיל אַ מורמל געטאָן. זיינען אַלע שטיל געוואָרן.

— איך זאָג: אַז דער גאַנצער דיספּוט איז געקומען — ניט סתם אַזוי, אָן אַ פּרוואָס, און אָן אַ פּאַרוועך. עפּעס אַ כוח האָט עס אַרויסגערופן. ס'קען זיין אַז קיינער פון די דעבאַטאַנטן וועלן ניט קענען דערקלערן ווארום זיי קאָכן זיך. עפּעס אַ קראַפט אין אונזער אַלעמענס אונטערבאַוואוסטזיין האָט אויפגעברויזט, געוויס צוליב אַ אונזעבאַרער סיבה וואָס איז פאַר אונז אַ סוד. ווער פאַרגינט ניט היימען זיין האָב און גוטס? איך וועל שווערן ביי אַלעס וואָס ס'איז הייליק — אַז מיר פאַרגינען היימען, בערלען, שמערלען, חיים, אָבער, אָט זאָג איך אים אין די אויגן — האָט אויף זיך אַ חטא, און ער ווייזט אַ שלעכטן סאַמפּל פאַר אַנדערע. און די פּגימה, האָט ספּאָנטאַן אַרויסגערופן דעם הייסן ויכוח. וויסנשאַפטלער וואָלטן עס מסתם גערופן — פּסיכישע רעאַקציע.

די ווערטער פון יאָסלס מויל האָבן נישט געקלונגען ווי אין אַ „דרע־סענג רום" אין אַ שאַפּ, נאָר ווי אין אַ קלויז פון מוסר'ניקעס, וואָס פילן אָן דעם גאַנצן חלל מיט יראה און קדושה. אַלע עסערס, וועלכע פאַרשטיי־ען יידיש זיינען געזעסן מיט די מיילער אָפן און געוואַרט — וואָס וועט יאָסל אַרויסברייגען.

— און חיים, ברידערלעך, איז ניט איינער. אַ סך פון אונז באַגייען דעם חטא, צו דורך אויסגערעכנטער הפקרות, אָדער פּשוטער איגנאָראַנץ. איך ווייס וואוהין היימע גייט היינט אָונט. איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל גע־רעדט מיט אים. איך מאַך פון דעם ניט קיין סוד. „ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד", און גלויבט מיר, אַז מיר אַרט נישט צו חיים פּאָרט מיט אַ נייעם אויטאָמאָביל אָדער ער גייט צופוס, ווען ער גייט פאַר עפּעס אָדער גייט נאָך עפּעס.

אָט האָט ער מיר אַליין דערציילט די פונקציע פון זייער קוזין־קלוב, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אָנדענק פון זיינע עלטערן. און הערט מיט קאָפּ, וועט איר שפּעטער פאַרשטיין, און ס׳וועט אייך קלאָר ווערן ווער ס׳האָט אַרויסגערופן דעם דיספּוט. גיט נאָר אַ טראַכט פאַר איין מאָמענט ווי אַזוי מען טיילט צו כבוד, ערלאַכע גאָטספאָרכטיקע טאַטע מאַמע אין גן־עדן!

— יעדע צוויי וואָכן האָט מען אַ מיטינג ביי איינעם פון דער משפּחה. די ערשטע זאַך פאַרברייגגט מען ביי דעם משקה־טישל (באַר בלעז) מען זעט זיך. מען כאַפּט זיך אַרום. דערנאָך גייט מען צום טיש, וואו מען גע־פינט וואָס דאָס האַרץ גלוסט. איין קרוב דעם אַנדערן שטייגט אַריבער מיט די איבערגעפילטע טישן. ס׳ווערט געפּראַוועט אמת׳ע באַנקעטן. דער־נאָך, אַז די פאָרמע איז אַריבער, גייט מען צו צום אינהאַלט — מ׳שטיינס געזאָגט. אין גרויס בהלה עפנט מען דעם מיטינג. דער סעקרעטאַר לייענט פאָר דעם באַריכט פון אָפּגעטאָנענע אַרעבט: —

אַ פּרעזענט צו די „יאָנג מעריד קאָפּל״ אַ מאַסטער קאָפּע מייקער. אַ „סקייל״ טודי ניו־באָרן בייבי, אַ סילווער טרעי צו די קאָזינס אין זייער נייער היים, א. א. וו. צום סוף ראַפּאָרטירט יעדער באַזונדער גרויסע נייס אין דער פאַמיליע: חתונות, געבורטן, לויות. און דער מיטינג איז געשלאָסן אַלאַ אָנהייבנס. דער אויפגעלייגטער עולם זיצט ביי טישלעך, און ס׳גייט אַוועק אַ גאַנג. מטבעות קלינגען. טאַטע־מאַמע אין גן־עדן שמעלצן זיך פון נחת — פון צעוואַרעמטער משפּחה־קרובה׳שאַפט ביי זייערע קינדער. פרעגט היימען, אָדער אַנדערע אַזעלכע. — האָט מען אַמאָל ביי זייערן אַ מיטינג באַרירט די געשעעענישן פון דער צייט? האָט מען אַמאָל פאַרביטן אַ וואָרט, אַז דאָס איז ניט דער צוועק, און זיכער נישט דער כבוד פאַר די פאַרשטאָרבענע — בלויז קומען און הנאה האָבן?

אַוואַדע, ברידערלאַך, איז דאָ נישט דער פּלאַץ אָנצורירן אַזאַ טיפן ענין ווי פאַרהייליקן, פאַרערן דעם אָנדענק פון עלטערן. אָבער ווען מען איז ממש מטמא די קדושה — טוט עס וויי. און נאָך מער טוט מיר וויי, ווייל איך האָב גראָד געקאָנט היימע׳ס שווער און שוויגער. דער אַלטער איז געווען אַן ערלעכער ייד. אַ ירא־שמים. אמת נישט קיין למדן, נאָר ווען ער פלעגט שטיין ביים עמוד, פלעגט ער אַלעמאָל צום ולירושלים — זיך צעוויינען. זיין גוט האַרץ פלעגט אים צוגיין פון בענקשאַפט צום צוגע־זאָגטן לאַנד. פרעגט זיינע זין, טעכטער, אייניקלאַך. וויפיל האָבן זיי בייגעשטייערט אויסצולייזן — זייער פאָטערס טרערן? ווייסט איר וואָס אַזאַ אייגער האָט מיר געענטפערט ווען איך האָב אים געפרעגט — וויפיל האָט זייער קלוב „דוד ורבקה״ בייגעשטייערט פאַרן „קאָמביינד אַפּיל״?

— כ׳גלויב אַז ס׳וועט זיין געזינטער צו שווייגן.

אַלע אַרום האָבן געוואַרט צו הערן נאָך. ס׳איז שוין אָבער געווען צייט ווידער פאַרצוזעצן דעם טאָג־אַרבעט. איז מען זיך צעגאַנגען איטלעכער אויף זיין שטעל.

די סירענע האָט אַ הילך־געטאָן. רעדער האָבן זיך צעיאָגט. מענטשן ווי שאָטנס, האָבן געווימלט געלאָפן. ווי דאָס וואָלט געווען די לעצטע מי־נוט פון פאַרענדיקן אַ זייער וויכטיקן ענין.

אין דעם ווירוואַר און רעש, וואו דער אימפעט פון לויפנדיקע מאַשי־נען האָט געטרייסלט די ווענט, — האָבן יאָסלס רייד ביי אייניקע פון די צוהערער זיך געצונדן ווי „נעאָן שילדן" אין זייער נאָכדענקען און זיי האָבן ביי זיך געטראַכט: ווי שיין, ווי קלוג יאָסל רעדט. דאַכט זיך דער זעלבער פרעסער, דער זעלבער למדן. וואו האָט ער עס גענומען? מ׳דאַרף דאָך דאָס קענען אַזעלכע געדאַנקען אַרויסצוברייגען. זיי זיינען אַזוי אמת׳דיק, אי סטוט ווייל, אי מען האָט הנאה. אי זיי מאָנען.

פארלארן

דאָס איז געווען אין דער „וואַלדיקער פּרעזערוואַציע" וואָס די שטאָט האָט באַשטימט פאַר „פּיקניק גראַונדס". אין יענעם לויטערן זונטיק, וואו די לופט איז געווען מחיה׳דיק וואַרעם און ריין, איז דער גאַנצער שטח פון די עטלעכע הונדערט אַקער לאַנד, וואו מען האָט געלאָזן אומבאַרירט די אויסדערוויילטע בוימער — פאַר די מענטשן הנאה צו האָבן, — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משנה׳דיקן יאַריד. אַלאַ „פעיר". יעדע גרופּע, יעדער נאַציאָנאַליטעט, האָבן פאַרנומען זייערע נומערירטע פּלעצער. מיט די טישן און איוונס. מען האָט געקאָכט, געבראָטן, געפּרעגלט. אויף די טישן האָט מען געגעסן געטרונקען. אין אייניקע ווינקלען האָבן קאַפּעליעס געשפּילט. ס׳איז געווען פריילעך יום־טוב׳דיק.

נאָכדעם ווי דער עולם האָט זיך אונטערגעלעגט דאָס האַרץ, זיינען כמעט אַלע טישן פאַרנומען געוואָרן פון קאָרטן־שפּילער. וואו מען זאָל ניט אַ וואַרף טאָן אַן אויג — האָט מען געזען קאָרטן פלאַטערן פון צוואָרעמטע הענט. די אַלטע יחסנים דעמבעס, און ווייַנענדע ווערבעס, זיינען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענער שטילקייט און איינגעזאַפּט אין זיך איבערגעשטאַלטונג פון דערהויבענער יום־טוב׳דיקייט — צו וואָכעדיקער ליידיקייט. ערגעץ ווייט אין אַ ווינקל אויף אויסגעפלאַכטן קאָנקריט, האָט אַ האַרמאָשקע געדריפּעט. און אַ סלאַווישער עולם אין זיינע נאַציאָנאַלע קליידער האָבן געטאַנצט און פאַרטרונקען מיט קאַלטן ביר.

ביי איין טישל, ווייט אָפּגעזונדערט פון רעשיקן עולם, זיינען געזעסן צוויי יונגעלייט און געקוקט מיט טיפן ערנסט אויף די צערוקטע שטיינער פון זייער שאַך ברעט. פון ווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי דער גאַנצער געזעמל ביים ווייטן טישל איז ווי פאַרגליווערט, אי די מענטשן, אי די קליינע פיגורן אויף דער קעסטלדיקער ברעט. מר. זייען אַ געוועזענער שאַךשפּילער, האָט דעם איזאָלירטן אינזעלע באַמערקט, און ער איז צוגעקומען צו די צוויי פאַרטיפטע שפּילער און געבליבן שטיין פון דער זייט. די צוויי, האָבן אים באַמערקט, אָבער נישט געשענקט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. איינער האָט געמאַכט זיין אויסגעטראַכטן צוג, און אַלעס איז ווידער שטיל געוואָרן.

נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט דער צווייטער געמאַכט אַ צוג. און דאָ האָט ער שוין אַריבערגעקוקט צום פרעמדן וועלכער שטייט ווי איינגעוואַקסן שוין אַרום אַ שעה צייט, און נעמט ניט אַרונטער די אויגן פון דער ברעט.

מיר זעען אַז איר זענט אויך אַ שאַך־שפּילער — האָט זיך אָפּגע־רופן דער וואָס האָט נאָר וואָס געמאַכט דעם גאַנג. — אפשר וועט איר זיך זעצן. מיר האָבן נאָך אַ שטול.

— אַ גרויסן דאַנק. איך וועל מיך טאַקע צוזעצן.ס'זעט אויס צו זיין אַ אינטערעסאַנטע פּאַרטיע.

— אַ דאַנק אייך פאַר דעם קאָמפּלימענט — האָבן ביידע געענטפערט.

די פּאַרטיע האָט זיך געצויגן לאַנג און שווער. ס'איז געווען אַ שווער געראַנגל. מר. זייען האָט ביידנס קריטישע לאַגע עמאָציאָנעל דורכגעלעבט. צו יעדער דילעמאַ וואָס איינער האָט געהאַט—האָט זיך מר. זייען געווישט דעם שווייס. און געוואָרט מיט שפּאַנונג אויפן אויסגאַנג. ביי געוויסע אָנ־געשטרענגטע מאָמענטן, האָט זיך זייענען געוואָלט אַ כאַפּ טאָן יענעמס האַנט, און נישט לאָזן מאַכן דעם פאַטאַלן צוג. ער האָט זיך אָבער קאָנטראָ־לירט. און דער סוף פון דער פּאַרטיע איז געווען רעמי. ביי אַלע דריי האָט זיך באַוויזן אַ צופרידנשטעלנדיקער שמייכל, און אַלע דריי האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. ערשט איצט, האָט מען זיך איינער פאַרן אַנדערן פאָרגע־שטעלט. און זיך געדריקט די הענט.

**
*

— וואָלט איר געגליכן שפּילן אַ „גיים" מר. זייען?

—יאַ אַוואַדע וואָלט איך געגליכן. נאָר איך שפּיל ניט.

ביידע שפּילער האָבן מיט פאַרווירונג אָנגעקוקט. עפּעס איז דאָ געווען אַ רעטעניש, אַ קוריאָז.

— קינדערלעך, איך זע דאָך ווי איר זענט שאָקירט פון מיין דער־קלערונג — האָט מר. זייען גערעדט געלאַסן. איז אויב איר האָט געדולד און צייט, וועל איך אייך דערקלערן — ווארום איך שפּיל ניט. און לאָזט מיר אייך אין אָנהויב זאָגן: איך שפּיל נישט מער, ווייל איך האָב דווקא גע־וואונען, און געוואונען פון אַ טשעמפּיאָן!

ביידע יונגעלייט האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן בליק. ווי זיי וואָלטן זאָגן: וואָס איז דאָס פאַראַ מין פויגל? נאָר לפנים וועגן, כדי צו זיין העפלעך, האָבן זיי געזאָגט: — דערציילט אונז די געשיכטע ס'איז זייער אינטערעסאַנט. ס'איז כדאי צו לערנען ווי אַזוי געווינענדיק — הערט מען אויף צו שפּילן. דאָס זאָל הייסן, אַז איר האָט געווינענדיק פאַרלאָרן!

דאָס איז זייער קאָרעקט. איר האָט אָנגעשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן,

און איר נוצט די עכטע פּראַזעלאָגיע. ווייל דער באַגריף געווינען איז זייער רעלאַטיוו. די וועלט ווייסט שוין פון אַזעלכע פאַלן. וואו אַ געווינס לאָזט זיך אויס — מיט פאַרלירן. איך וויל נישט אַריינגיין אין היסטאָרישע מלחמות, וואו מען האָט געוואונען די שלאַכטן, און פאַרלאָרן די מלחמה. טרעפט נישט אין פּערזענלעכן לעבן, מען געווינט די ליבע פון אַ מיידל. און ס׳לאָזט זיך אויס אין אַ טרויעריקן פאַרלוסט. אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו דעם ענין פון וועלכן מיר גייען דאָ ריידן, דאָס באַלאַנגט שוין צו די פילאָזאָפן.

— ווי לאַנג איז עס אַז איך האָב אויפגעגעבן מיין באַליבטע און אינטערעסאַנטע שפּיל? — נישט מער ווי פיר יאָר. אָנגעהויבן שפּילן האָב איך דורך אַ מאָדנעם צופאַל. וואָס דאָס איז אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט. און דאָס איז שוין אַ קימאַ־לן פון פינף און דרייסיק יאָר קריק, דאָס איז נאָך געווען אין בית־מדרש אין דער אַלטער היים. דאָרטן אין דער ווייבער שטיבל, האָבן מיר בחורים באַדאַרפט לערנען פאַר זיך. אָבער נישט אַלע זיינען געווען מתמידים, זייער ווייניק האָבן געלערנט לשמה. די איבעריקע חברה פלעגן פאַרברייננגען די צייט אין פאַרשידענע שפּילן. מען האָט געשפּילט אין קוויטלאַך, אין קאָרטן, אין דאַמקע, און אויך שאַך. כאָטש איך בין געווען אַן עקספּערט אין די אַלע דערמאָנטע שפּילערייען. דאָך האָט עס מיר געצויגן צום שאַך. ס׳קען זיין דערפאַר אַליין, ווייל שאַך איז שוין זייער אַן אַלטע שפּיל, אַפילו אין דער גמרא איז שוין דערמאָנט די שאַך־שפּיל. קיין שאַך פיגורן האָבן מיר נישט פאַרמאָגט. פון האָלץ אָדער אַנדערע מעטאַלן. האָבן מיר בחורים אויף שטיקלעך טאָוול, ד. ה. קאַרדאָן — אָנגעשריבן די נעמען פון די באַטרעפנדע פיגורן, און מיט דעם האָבן מיר געשפּילט. איך וועל אייך זאָגן, אַז די שאַך האָט מיר געגעבן אַ סך פאַרגעניגן. דאָ אין דעם לאַנד, בין איך געווען פאַרטראָטן אין טורניר־מעטשעס. און ס׳איז מיר אַלעמאָל געלונגען צו שלאָגן מיין אָפּאָנענט. זאָל עס ניט קלינגען פאַר אייך ווי גרויסהאַלטעריי. — איך האָב אַלע מיינע וויכטיקע פאַרטעס געוואונען.

איצט דאָ וויל איך מאַכן די אינטאָנאַציע, ווייל איר זענט נאָך ביידע יונג, און איר ציינט זיך אַרויס צו זיין זעלטענע שפּילער. זייט וויסן, אַז נישט אַלעמאָל מוז מען דוקא געווינען. ס׳איז פאַראַן אַ צייט וואָס ס׳איז אַ מוז — פאַרלירן. און דאָס גייט נישט בלויז אין שאַך שפּיל.

ווי איר באַנעמט שוין איצט, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך בין געווען אַ ליידנשאַפטליכער שאַך־שפּילער. און איך האָב מיט אַלע מיינע פעאיקייטן און חושים געוואָלט פאַרשפּרייטן די „גיים״. כ׳האָב צווישן מיינע בעקאַנטע זיך געמיט אַז די שפּיל זאָל זיך אָננעמען, זאָל אַרויסרופן אַן

אינטערעס. אָט זעט איר דאָך דאָ אין דעם פּאַרווייַלונגס פּלאַץ, וויפיל טויזנטער מענטשן שפּילן אין קאָרטן, און וויפיל שפּילן שאָך. אַ דאַנק גאָט פּאַר אייך צוויי פּרושים.

איך האָב דאָ דאַביי אין אַ שטעטל מייַנעם אַ יוגנט־פריינט, וועלכער איז אַ מיטלמעסיקער שאָך־שפּילער. איז ווען מיר טרעפן זיך זעט מען שוין ווי עס ניט איז אַרייַנצוכאַפּן אַ פּאָר „גיימקעס". דער פריינט מייַנער האָט אַ ייִנגל וועלכער גלייכט שאָך, און, נישט מער און נישט ווייניקער: אַרייַנגייענדיק דעם ערשטן יאָר אין „הייסקול" — האָט ער געוואונען די טשעמפּיאָנשיפּ פון דאָרטיקן שאָך־קלוב. מיין פריינט האָט מיר גלייך געשריבן וועגן דעם, און צוגעשיקט דעם אויסשניט פון זייער לאָקאַלער צייטונג — רימענדיק דעם יונגן שאָך ווירטואָז. און ער האָט מיר שוין פאַראייַנוועגס געבעטן אַז איך זאָל שוין אַריבערקומען אין אַ סוף וואָך כדי צו פאַרברייַנגען צוזאַמען. ווייל זיין חברה־מאַן וואַרט שוין מיט אומגעדולד צו שפּילן מיט מיר אַ גיים.

ס'האָט זיך גראָד געמאַכט, וואָס איך האָב צוליב אַ סך טעמים גלייך ניט געקענט אויספילן מיין פריינטס פאַרלאַנג. און ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער זיך אַרויסגעריסן פּאָר עטלעכע טעג צו מיין פריינט אין דעם קאָונטרי־שטעטל. דערווייל איז דער בחור טשעמפּיאָן געשטיגן העכער און העכער. ס'איז שוין אין יענעם שטעטל נישט געווען נאָך איינער וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטן קעגן דעניץ. און ס'איז געווען זייער נאַטירלעך אַז גלייך נאָך דעם איבערבייס — זאָל איך און דעני מאַכן אַ גיים.

ס'איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט. אַלע אין שטוב זייַנען געגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער. טאַטע־מאַמע זייַנען געווען אָנגעצונדן מיט פרייד, און מיט זייער ליכטיקייט באַשטראַלט יעדן ווינקעלע פון דער שייַנער היים. לכבוד דער וויכטיקער געשעעניש, און גרויסן יום־טוב, האָבן מיינע פריינט, צו יענעם אָוונט אייַנגעלאַדן זייערע נאָנטע פריינט, און פריינט פון דעניץ. דער טאַטע דעניס, מיין יוגנט־חבר, כאָטש אַליין אויך אַ שאָך שפּילער האָט נישט געוואָלט מיט זיין אויג קאַליע מאַכן די שטימונג. ער איז געזעסן אין צווייטן צימער פאַרבראַכט מיט זייַנע געסט. דעניס פּאָר חברים זייַנען יאָ געווען ביים טיש וואו מיר האָבן געשפּילט. איך האָב גאָר פאַרגעסן וואו איך בין און מיט וועמען איך שפּיל, איך האָב פון אַלטער געוואוינהייט געזען פּאַר זיך די שאָך־ברעט, מיט מייַנע באַליבטע פיגורן, און אָן שוועריקייטן האָב איך מיין אָפּאָנענט באַזיגט.

— כאַ־כאַ האָבן דעניס חברים אָנגעקוואָלן. „דעני לאָסט! דעני לאָסט".

איך האָב שוין אַ סך פעלערן געמאַכט אין מיין לעבן און פיל נאַ־

רישקייטן באַגאַנגען. נאָר אַזאַ אומגעלומפּערטן זינד קעגן מיינע טייערע פריינט, קעגן יונגען בוימעלע וועלכער האָט זיך געריסן צו דער הויך — בין איך ביז דאַן נישט באַגאַנגען.

אויפהויבנדיק די אויגן פון שאַך־ברעט, האָב איך גלייך דערפילט אַז איך האָב ניט גענוצט מיין קאָפּ אין דער נויטיקער ריכטונג. אַנשטאָט צו דערפרייען מיינע פריינט, און לאָזן זייער גליק שטייגן העכער, האָב איך גאָר אָועקגערויבט זייערע ליכטיקע האָפנונגען, און פאַרטונקלט יענעם פייערלעכן אָוונט אין זייער יום־טוב׳דיקער הויז.

פון דאַן אָן, זינט די האַלץ־געשניצטע גולמ׳לעך האָבן מיר אַזוי געקענט פאַרפירן, האָב איך אויף זיך גענומען די פּאַר מיר שווערע שטראָף און איך שפּיל ניט מער. און ווי האָט איר פריער געזאָגט: געווינענדיק פאַרלאָרן. ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „חכמה דערנאָך איז אַ גוטער בראָך״.

— מר. זייען, די מעשה איז זייער טשיקאַווע און אינטערעסאַנט ביז גאָר. מיר האָבן זייער פיל געלערנט. מען דאַרף אָבער זיין זייער סובטיל, צו כאַפּן אַזעלכע נואַנסן פון אַ מענטשלעכער נשמה. נישט נאָר האָבן מיר זיך באַקקענט מיט אַ גוטן שאַך־שפּילער, נאָר אויך מיט אַ טיפן דענקער.

— נו, מיינע טייערע יונגעלייטלאַך, — דאָ כאַפּט איר שוין איבער די מאָס. האָט מיר אַ גוטן טאָג און זייט געזונט.

להתראות (להיטראָאָט) האָבן אים די נייע באַקאַנטע נאָכגעשריען.

צוריקקער

ווען ביי ישראל דעם מלמד, וועמען מען האָט אויך גערופן ישראל ציוני, האָט זיך געמערט דער דלות מיט קינדער אינאיינעם, איז פאַר דעם שטאָלצן עסטעט ישראל גרינבערג, נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה — ווי אַוועקצושיקן זיין בכור זעליג, צו זיין ברודער אין דער ווייטער פרייער אַדעס.

זעליג איז געווען דעם טאַטנ׳ס „שיינער חלום" פוןביידע וועלטן... ניט איינמאָל האָט זיך ישראל פאַרטיפט אין מחשבות עליונות, שפּאַצירנ־דיק איבערן בית־מדרש הין און צוריק. זעענדיק אין זיין פאַנטאַזיע, ווי זעליג וואַקסט אַ גדול בישראל. „א גדול מישראל" — האָט ער גע־טראַכט צו זיך אַליין: ער, זעליג, איז איינער פון די גרויסע מורה־הוראה׳ס, צו וועמען די רבנישע וועלט ווענדט זיך נאָך שאלות־ותשובות, וועגן שווער פאַרפּלאָנטערטע ענינים. און ער, דער אַלטער טאַטע האָט זיך פאַר־שאַפט; אי עולם הזה, אי עולם הבא . . . איך קלייניקייט — ר׳ זעליגל! — וועלן יידן מכל תפוצות הארץ זאָגן מיט פאָרכט . . .

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. וואָלט ניט געווען אַזאַ אָרימקייט, אַזאַ דחקות, ס׳זאָל זיין אַ מאַמע — וואָלט אפשר ניט געקומען צו דעם . . .

זעליג איז אַוועק, ווי אַ פאַרדאַרט בלעטל פאַלט אַרונטער פון אַ געדיכט־גרינעם בוים. קיינעם האָט ער ניט אויסגעפעלט, נישט אין שטעטל, און ניט ביי דער שטיף־מאַמע, טיילנדיק די לעפל ביים טיש. דער טאַטע, האָט אויך זיך אָפּגעוואוינט פון בענקשאַפט געפיל — אַז ס׳פעלט אים זעליג. טאָג־טעגלעכע דאגות האָבן זיך אָנגעהורבעט איינע אויף די אַנדערע, אַז ער האָט צייטנווייז כמעט ווי פאַרגעסן — אַז עס לעבט און וואַקסט ערגעץ אַ זעליג, מיט ירושה־אייגנשאַפטן פון נאָנטע און ווייטע קרובים . . .

און ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ישראל האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגעסן אָן זעליגן. ווייל שרייבן אַהיים האָט ער זייער זעלטן, און אָפּזייענדיק אַ צוויי יאָר אין דער פרעמדער שטאָט, האָבן זיך די בריוו אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

טעג זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער אייביקייט, און אויף ישראלי'ן האָבן זיך איינגעקאָרבט „זמנים" פון שווערער קנעלונג מיט גרויסע גמרא־בחורים, ווענעס טאַטעס האָבן זיי געשטופט תורה. ער פלעגט שטיין און זאָגן פאַר זיי דעם שיעור, — און פון זיין האַרצן האָט געטריפט בלוט . . . — זיי די כאַמולעס, די פאַרשטאָפּטע קעפּ, זיינען איבערגעפּרעסן. קלאַפּט מען זיי תורה אין קאָפּ, ווי אַ פּלאָקן אין האַרטער ערד. און זיינער מיט אַזאַ שאַרפן מוח, וואו איז ער, און וואָס איז פון אים געוואָרן?! . . .

צום שטעטל זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין לאַנד, אין די גרויסע שטעט, טומלט זיך מיט בונטן, רעוואָלוציעס. ישראל אַליין האָט עס טאַקע געלייענט אין דער „הצפירה", וואָס וואָלפסאָנס בנ'אָק ברייגנט אים פון זייער הויז אַפּילו ניט קיין צוועפנטע . . . ער האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף — אַז די דאָזיקע אומרוען האָבן עפּעס אַ שייכות צו אים. דאָך האָט ער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז מען קוקט אויף אים אַנדערש ווי אַלעמאָל, מען מעסט מיט אַ „בייער" מאָס זיינע ווערטער, און מען ציילט זיינע טריט.

פאַר ישראלן איז ניט געווען שווער זיך צו דערגרונטעווען צו די קאַלאַמוטנע קוואַלן, וועלכע האָבן פאַראומווירדיקט זיין פערזענלעכע ווערדע — אַז דאָס איז צוליב די זינד פון זיין זון . . . האָבן צוויי „ישראלס" געהאַט מיט זיך אַ ויכוח, ישראל דער למדן, דער משכיל, און ישראל דער געקריוודעטער, וואָס האָט געזוכט אַביסל יושר און אַנדערשקייט פון דער וועלט. און דער צווייטער ישראל האָט ביי זיך געפּסק'ענט: — ס'איז גאָר ניט אַזאַ זינד ! . . . ער איז געבליבן פאַרשלאָסן מיט זיינע געדאַנקען, צו קיינעם אַ פּיפּס ניט געטאָן וועגן דער שושקעריי און רכילות לגבי זיין זעליגן, און געוואַרט מה יולד יום .

ס'איז אָבער געווען פאַר ישראלן זייער פּיינלעך דער וואַרטן, ביז וואַנען די צייט וועט עפּעס ברייגנען. ער האָט געזען און געפילט: אַלעמענס דורכדרינגעדיקע בליקן שטעכן אים דורך ווי מיט אַנגגליטע שפּיזן. און איינמאָל, אַ קאַלטן שבת ביים דאַוונען, אויפן האַרצן איז אים געווען ווי אין דרויסן, ער הערט ווי דער שמש רופט אויס: „יעמוד ר' ישראל בר' צבי חמישי ! — —

אים האָט זיך געדאַכט — ס'איז זיין נאָמען, נאָר מסתמא איז פאַראַן אַן אורח אין בית מדרש מיטן זעלבן נאָמען. מען וועט דאָך אים ניט געבן חמישי ? . . .

יענעם שבת האָט זיך פון ישראלן אָפּגעטאָן די שלוה. ער האָט שוין ניט געלערנט נאָכן שלאָף מיט זיין מתיקותדיקער שטימע דעם גמרא־ניגון פאַר זיך אַליין. ער איז בלויז געקומען נאָר צו מנחה־מעריב, אַן אָנגעכמורעטער, צו קיינעם ניט גערעדט, אַוועק אַהיים און באַלד נאָך הבדלה, האָט

ער אַרויסגענומען זיין גענזענע פעדער, אויף וועלכער ער איז געווען אַ מייסטער צו פאַרשניצן . . . ער האָט אויפגעזוכט אין אַ ספר זיין ברודערס אַדרעס, און אויסגעצירקלט אַ בריוו וואָס האָט געמעגט גיין צום קייסער. און געשריבן האָט ער, צום ברודער: ער זאָל אים למע"ה, שרייבן דעם אמת וועגן זיין זעליגן. און ער זאָל אים, זעליגן, — דערמאָנען אַז ס'איז שוין באַלד זיין פריזיוו־צייט, און אַז אים פעלט ניט קיין עגמת־נפש — חוץ פאַניען . . .

ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בריוו, געקוקט אויף דער לעצטער שורה וואו עס איז געווען אָנגעדרייט ווי אַ לאַנגע ספּרוזשינע, און דאָס האָט אויסגמאַכט: — ממני אחיך היקר ישראל גרינבערג נ"י.

**
*

„צו מיין געטרייען און ליבן פאָטער מו"ה ישראל נ"י.
פון דיין בריוו צום פעטער, האָב איך זייער פיל געלערנט. עס טוט מיר באַנג, ווארום איך האָב ניט געשריבן די גאַנצע צייט. נאָר, ליי־בער פאָטער, איך מוז דיר זאָגן אַז איך בין זייער אַ פאַרנומענער מענטש... מיינע געשעפטן גייען זייער גוט . . . איך זאָג דיר צו אויף פסח וועלן מיר זיך האָפנטליך זען . . .

דיין טרייער זון ז. ג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? אַזעלכע מאָדנע דיבורים? אַ רענדל אַ וואָרט איז ביי אים, זיינע געשעפטן גייען אים גוט, און האָט אַפילו ניט קיין אַדרעס! — יע, איך פאַרשטיי שוין — אויף וועלכע דרכים ער איז אַוועק. דאָך האָט אים שטאַרק געגלוסט עמיצן צו ווייזן דעם בריוול, און זאָל יענער זען ווי ישראל'ס אַ קינד שרייבט. אָבער ווייזן עמיצן?—דאָס טוט ניט ישראל. ער האָט עס אַליין דורכגעלייענט איינמאָל און נאָך־אַמאָל. די געדאַנ־קען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט.—אַ גאַסט וועט זיין אויף יום־טוב, זיין דער־וואַקסענער זון, דאַרף מען צוגרייטן מער מצה, מער אַנדערע זאַכן. אַ פאַר־קלערטער האָט ער אויפגעלייגט דאָס בריוול, אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשע־נע, צוגעפוצט און אויסגעגליכן אויף זיך זיין אַלפּאַגענעם קאַפּטאַן, און זיך געלאָזט גיין אין חדר מיט זיין שטאָלצן גאַנג. — ווי קיין זאַך אין דער וועלט האָט מיט אים ניט צו טאָן.

די לעצטע סמנים פון ווינטער זיינען פאַרשוואונדען. אין שטעטל האָבן זיך באַוויזן ווייסע זעק מעל. מען האָט געפירט מיט פורן, געטראָגן אויף פּלייצעס, די בושאַנעס זיינען צוריקגעקומען פון די וואַרעמע לענ־דער. אַלע מינים פויגל, האָבן זיך געגרייט צו אויפנעמען דעם פרילינג.

די אידן אויפצונעמען דעם פסח, און ביי ישראלן אין הויז האָט מען זיך גע־גרייט פאַרן גרויסן גאַסט . . .

פון וואַנען און ווי אַזוי האָט מען זיך אין שטעטל דערוואוסט אַז זע־ליג קומט אויף פסח אַהיים? דאָס קען ישראל׳ס שאַרפער קאָפּ ניט באַנע־מען. יעדער פרעגט אים אויס פריינטליכקייט: — זעליג קומט אויף פסח אַהיים??

ישראל קוועטשט מיט די אַקסל, און ענטפערט — אפשר? . . .

ס׳איז געווען אין דעם טאָג פון ערב־פסח. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ ליכטיקע זון און אָנגעזאָגט, אַז דער פרילינג איז דאָ, און זומער־לעבן — וועט באַלד נאָכקומען. ישראל אַליין איז געשטאַנען מיט אַ פאַרשטויב־טער יאַרמולקע, און געלופטערט זיינע ספרים. דער ווינט האָט געמישט די ספרים־בלעטער הין און צוריק, און אַזוי צערטליך געגלעט ישראל׳ס געמיט. די משפחה, די וויב מיט די מיידלאַך, זיינע געווען שטאַרק פאַרטאָן מיטן וואַשן און פאַרעון דאָס מעבל . . . זיינען גאָר פלוצלונג אויסגעוואַקסן צוויי יונגעלייט לעבן ישראלן, — פון די חברה באַרשטער, און זיך נאָכ־געפרעגט — צי זעליג איז שוין דאָ.

איצט איז שוין פאַר ישראלן קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי אַלע אין שטאָט האָבן געוואוסט אַז זעליק קומט אויף פסח . . .

פאַרן לייענען דעם ערשטן טאָג יו״ט, איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל טומל אין דרום וואַנט, פון די צוויי שטענדיקע „שטאָט״־שכנים, לייב דער גייער, און שמחה רימאַר, וועלכע האַמפּערן זיך אַלע יאָרן זינט זיי זיצן איינער לעבן אַנדערן. לייב האָט געוואָלט עפענען דעם פענצטער, ער האָט האַלט פרישע לופט — טענה׳ט ער, און שמחה ווידער שרייט: דו ווילסט פרישע לופט? — טאָ גיי אויפן דאַרף.

דערווייל איז זעליג ישראל׳ס אָנגעקומען. ער האָט זיך דורכגע־שלייכט צום פּלאַץ וואו זיין טאַטע איז געזעסן. דער טומל איז איבערגעריסן געוואָרן, עס האָט זיך דערהערט אַ מורמלעריי פון טשיקאַווע פּנימ׳ער: — איז דאָס ישראלס זונדל?! קיין עין הרע! — די דערבייאיקע האָבן אים געגעבן שלום, דער רב אַליין איז אויך צוגעקומען און געגעבן זעליגן שלום.

ביי ישראלן, איז נעכטיקער וואַלקנדל, וואָס די צוויי באַרשטער האָבן געבראַכט צו אים . . . איצט אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

זעליג איז געזעסן מיט ווירדע. זיין גרויס־שטאָטישע הלבשה האָט געשעמערירט צווישן דעם יום־טוב׳דיקן עולם, ווי די שטיינער אין דער נייער עטרה אויף דער „רייניקייט״ . . . אויפן באַלעמער איז געוואָרן אַ שטיקל הפסקה בעפאַרן מפטיר, מען האָט זיך גע׳ישוב׳ט. גע׳סוד׳עט, גע־ווען אַ שווערע פּראָבלעם צו לייזן.

— י ע מ ו ד — החתן זעליג בר׳ ישראל מ פ ט י ר ! — — —

זעליג איז אַרויף צום באַלעמער ווי אַ „מלך". ער האָט געזאָגט די ברכות שאַרף און קלינגנדיק, און ווען ער האָט געלייענט דעם נביא, איז דער עולם מיטגעריסן געוואָרן און געשלונגען יעדעס וואָרט. — דאָס איז אַ הסברה! — דאָס איז אַ לשון! — ער שטייגט נאָך אַריבער דעם טאַטן — האָט דער באַגייסטערטער עולם איינער דעם אַנדערן געלאָזט וויסן. ישראל איז געזעסן און געשטראַלט אין שטילער פרייד . . .

**
*

דער צווייטער טאָג יום־טוב, אין דער שאַפּע פון דער אַמאָליקער ציגעלניע, איז צוזאַמענגעקומען די יוגנט פון שטעטל. דאָרטן האָט מען געזען די באַרשטער, די שוסטער, שניידער, און די מיידלאַך פון געלזיע פאַבריק, אויך אַ פּאָר לערער. וואָס דאָ וועט זיין, וואָס אַזוינס וועט דאָ פאָרקומען, האָט קיינער זיך ניט געקענט פאָרנאַנדערקלייבן. בלויז געציילטע וועלכע זיינען געווען פונעם קאָמיטעט האָבן געוואוסט אַז זעליג וועט דאָ באַלד ריידן.

יענער נאָכמיטאָג, מיט דער אַסאָסיאַציע פון יום־טוב פסח, איז פאַרבליבן לזכרון איינגעקריצט ביי אַלע אָנוועזנדיקע, וועלכע האָבן בייגעוווען די ערשטע פאַרזאַמלונג אין שטעטל פון דעם מין. זעליג איז פאַרבליבן אַ לעגענדאַרע פיגור עד־היום.

אויף מאָרגן נאָך די ערשטע טעג איז שוין זעליג אין דערהיים נישט געווען. אין מאַרק, אין די בתי־מדרשים, האָט געקאָכט און געזאָטן מיט דער אויסערגעוויינטליכער פּאַסירונג. די געשיכטע איז דערגאַנגען צו ישראלן מיט איבערטריבענע גוזמאות. דער אַלטער איז נשתומם געוואָרן, און אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער . . . פון איין זייט האָט אים דורכגענומען אַ טיפער שטאָלץ וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין זיין אייגענעם איך. זעליגס שאַרפער מויל, זיין קלאָרער געדאַנק, זיין אָפּפערוויליקייט זיך צו שטעלן בראש פון די פאַרשטויסענע. טראַגט ער, ישראל אַליין, זיך ניט אַרום מיטן זעלביקן געדאַנק זינט ער האָט דערזען וועלט'ס ריכטיקן פּרצוף.

פון דער אַנדערער זייט ווידער, איז ישראלן געווען אַ שאַנד און אַ ווייטיק, אַז אים זאָל דאָס טרעפן, אַז אַלע מנובלים זאָלן אויף אים טייטלען מיט די פינגער, און קייען אין זייערע מיילער . . .

די פרייליכע יום־טוב'דיקייט וואָס זעליג האָט אַריינגעבראַכט מיט זיין קומען אַהיים, איז גלייך פאַרביטן געוואָרן פאַר ישראלן אין שווערע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. אַ פּאָר פון די חשובע בעלי־בתים האָבן מיט אַן אויסרייד אָפּגענומען די בחורים פון ישראלן. ס'איז ניט געווען אַזוי די געלט, ווי דער פּאַטש אין פּנים. ישראל האָט איבערגעלעבט אַ געשטיק־

טע צייט. ניט איינמאָל האָט ער געפילט ווי דער אָטעם שטעלט זיך אים אָפּ, און ער פאַלט אַריין אין אייביקער פינסטערניש. ניט איינמאָל האָט ישראל תפילה געטאָן צום רבונו־של־עולם, ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים באַפרייען פון דעם געדאַנק אַז ער האָט געהאַט אַ זון. נישט געווען אַזאַ זאַך אויף דער וועלט . . . ד׳ נתן וד׳לקח.

וואָכן זיינען געגאַנגען שווערע, אומעטיקע. דער זומער האָט זיך שוין געהאַט אַרונטערגעקליבן פון די פעלדער. אין וואַלד זיינען בלעטער פיבערדיק רויט געוואָרן. דאָס שטעטל האָט שוין זעליגן ווידער פאַרגעסן, ישראל האָט געטראַכט פון דעם קומענדיקן זמן, און זעליגן געוואָלט אויס־מעקן פון זיין רעיון.

ס׳איז אָבער ניט געווען באַשערט פאַר ישראלן אַזאַ לייכטער אָפּ־שניט פון אייגן בלוט און פלייש. ישראל דער חקרן אַליין האָט עס ניט משיג געווען, ער האָט דאָך שוין לאַנג באַשלאָסן: אַז זעליג לא יזכר ולא יפקד, און דאַ, באַקומט ער גאָר אַ בריוו פון זיין ברודער שלום בזה הלשון: לכבוד אחי היקר המפורסם מו״ה ישראל נ״י.

> איך קום דיר צו וויסן לאָזן אַז מיר אַלע פינדן זיך אַדאַנק השי״ת אין בעסטן געזונט, דאָס נעמליכע פון אייך צו הערן. אויך וויל איך דיר שרייבן אַז איך בין דיר מקנא מיט דיין טייערן זון זעליג, זיי וויסן אַז זעליג מוז פון זיין דירה זיך אַרויסציען. אַלעס איז שוין אויסגעאַרבעט.
>
> זעליג וויל אָבער זיך געזעגענען מיט דיר און ער וועט וואַרטן פאַר דיר אויף דער סטאַנציע שותק, (ט) דעם און דעם אָוונט. גלויב מיר ליבער ברודער אַז מיר איז זייער שווער זיך צושיידן מיט אונזער אַלעמענס זעליג ס׳איז אָבער אַ מוז זאַך . . .
>
> דיין ברודער וואָס האָפט צו הערן פון אייך גוטעס,
>
> **שלום גרינבערג**

וואָס?! וואָס? — האָט ער טיף דורכגעשניטן צווישן די שורות, — ווי ער וואָלט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ חוצפה. צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, ווער וויל דאָס וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ זעליג? כ׳האָב ניט געהאַט קיין זעליג, און לאָזט מיר צורו ! ! . . .

ישראל האָט געפילט אַז ער איז איצט בייז ווי אַ גזלן. זיין גוף האָט זיך געצאַפּלט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער דינט עבודה זרה — דינט ער! ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו עמיצער זעט אים, אַ סקרוך איז אים דורכגעגאַנגען זיין לייב, דאָס האַרץ האָט זיך איינגע־קאַרטשעט. די אַקסל האָבן גענומען צוקן. ער האָט מיט די הענט פאַר־שטעלט זיין פּנים.

—ווי אַזוי פאַרט מען? — וואָס קען מען זאָגן מענטשן, — און וואו נעמט מען אויף אַ בילעט?

עס איז אָבער געקומען דער לעצטער טאָג פון דער אַנגעגעבענער דאַטע, האָט זיך ישראל געקליבן אין וועג אַריין, אַנגעלאָדן מיט כאַאָטישע געדאַנקען וועלכע מען קאָן פאַרן כביכול אַליין אויך ניט איבערגעבן . . .

— וואָס פאַר אַ מין חטא איז ער באַגאַנגען — וואָס ער מוז אַנט־לויפן פון לאַנד — ערגעץ אין די ערי מקלט?! ער'ט דאָך חלילה קיין מענ־טשן ניט דער'הרג'עט?

אָט די מחשבות זיינען געשפּרונגען אין ישראלס מוח ווי אויף אַ וואָג־שאָל. דער יצר־טוב האָט געבראַכט זעליגס גוטע עכט־מענטשליכע מעשים־טובים. און דער יצר־הרע — מעשים־תעתועים וואָס נאָר אַ פאַר־דאַרבענע פאַנטאַזיע קאָן זיך פאָרשטעלן . . .

— אָבער וואָס איז ער שולדיק, פאַר וואָס קומט עס אים אַזויפיל עָנויים, — איך בין דאָך אויך געווען אַ טאַטנס אַ קינד?! — טענה'ט צו זיך אַליין ישראל. האָב איך דען ווידערגעשפּעניקט אין טאַטנס דרכים? און דאָ וואָס פאַראַ מרחק!

***

איבערגייענדיק די שוועל פון דעם חדר מיוחד וואו זעליג האָט אויף אים געוואַרט, איז דער קאַשמאַר נעלם געוואָרן ביים טאַטן. אַ ליכט פון מיליאָנען שטראַלן איז אים געקומען אַנטקעגן: — מיין טייערער זון — האָבן די ליפּן אַרויסגעמורמלט . . .

— מיין ליכטיקער טאַטע, — און צוויי גופים האָבן זיך מיט הענט קרעפּטיק אַרומגעשנורעוועט . . .

זאָג־זשע מיר, מיין קינד, וואָס קומט דאָ פאַר? און דערציייל מיר פון אַלץ און אַלעמען. עפּעס זאָגט מיך מיין האַרץ — אַז דו פאָרסט אין אַ וויי־טער נסיעה . . .קלער מיר אויף די סודות. דו ווייסט דאָך, אַז דיין טאַטע קאָן באַנעמען זאַכן, לאָמיר זיך דורכריידן ווי צוויי גלייכע.

יאָ, טאַטע טייערער, דו ביסט גערעכט, ס'איז אָבער שווער צו ריידן ווען מירביידע האָבן גאָר באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען. דו האָסט אויפ־גענומען די וועלט מיט אירע פירונגען — ווי אַ באַשטימטע זאַך, אַז אַזוי דאַרף עס זיין. און איך, דער נייער דור — דענקן, אַז ס'קאָן אַנדערש זיין.

— טאָ זאָג־זשע מיר, ווי אַזוי טראַכט איר צו משנה־זיין די וועלט? און פון וואַנען ביזטו אַזוי זיכער אַז איך האָב אויף אַלעס געזאָגט כי־טוב?!...

די ווערטער האָבן אויפגעבליצט אין זעליג'ס וועזן, און צעוואָרעמט זיינע עמאָציעס, און דער שמועס איז אַוועק אין אַ סאָציאַל־פילאָזאָפישער ריכטונג.

— דו ווייסט, טאַטע, אַז דער געראַנגל פון קלאַסן איז אַלט ווי די וועלט. דער תוך איז אַלעמאָל דער זעליקער. עס בייט זיך די אויסערליכע פאָרמע צוליב געוויסע אַנטוויקלונגען פון דער טעכניק — בייטן זיך די עקאָנאָמישע אומשטענדן, און די לאַגע פון אָרעמען קלאַס ווערט ניט בעסער נאָר ערגער. דאָס איז אָבער אַן אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעם. מיר, דאָ אין רוסלאַנד, האָבן אַ גאַנץ באַזונדער פּראָבלעם פון דער צאַריסטישער „סאַמאָדערזשאַווע" פאַרן גאַנצן לאַנד בכלל, און פאַר אונז אידן — בפרט. דו פאַרשטייסט?

דאָס ערשטע וואָס דאָס לאַנד וויל, איז אַ קאָנסטיטוציע ווי אין אַלע אייראָפּיאישע לענדער, וואו דאָס פאָלק ווילט אויס זיינע געזעצגעבער צום פּאַרלאַמענט, און די פאַרטרעטערריידן אין נאָמען פון פאָלק. און דאָס צווייטע, איז גלייכע רעכט פאַר אַלע פעלקערשאַפטן וואָס לעבן און געדייען דאָ אין לאַנד, מיט קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

וואָס מיינט עס גלייכע רעכט מיט קולטורעלע אויטאָנאָמיע?

— ערשטנס מיינט עס, אַז איד, מאָנגאָל, טאַטער, — זאָלן האָבן די זעלבע „פּראַוועס" ווי דער גרויס־רוס. ער זאָל אויך האָבן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט זיך אויסצולעבן אויף זיין אייגענער קולטור און שפּראַך.

דענקסטו ניט, מיין קינד, אַז דו, אַלס איד, האָסטו זיך אַביסל צופיל פאַרבלאָנדזשעט? איידער דו גייסט ראַטעווען די וועלט, טראַכט פריער צו ראַטעווען זיך אַליין, דיין אייגן אידיש פאָלק? און טאָקע קיין ציון.

— טאַטע, דאָס איז שאָוויניזם. און איך האָב געוואוסט פריער, אַז דאָ וועלן מיר זיך צעגיין, און לאָמיר איצט־אָ ניט פאַרשווענדן אונזער צייט מיט אַרגומענטן.

— ביסט גערעכט, מיין זון.

לאָמיר בעסער ריידן פון זאַכן וואָס איז שייך אונזביידן. די צייט רוקט זיך. איך וויל ניט ברייינגען פאַר מיינע ליפּן, אָבער? ס'קען דאָך זיין אַז מיר זעען זיך — דעם לעצטן מאָל, און אפשר געזעגענען מיר זיך ביידע — אויף אייביק?

— אָ! טאַטע, וואָס פאַלט דיר איין אַזעלכע זאַכן. איך פאָר אָפּ פון דאַנען נאָר צייטווייליק, מעגליך פאַר אַ זייער קורצער צייט. מיר האָבן פולן גלויבן אין אונזער הייליקער אַרבעט, און איך וועל קומען צוריק — אין אַ פריי לאַנד. מיר וועלן זיך שוין נישט דאַרפן בעהאַלטן — ווי איצט . . .

— הלוואי זאָל עס זיין אמת. — אָבער וואוהין פאָרסטו איצטער?

— קיין ענגלאַנד, דער צענטראַלער קאָמיטעט שיקט מיר קיין לאָנדאָן.

שעה׳ן זיינען געשפרונגען ווי סעקונדן, די לאַנגע כסלו־נאַכט איז פאַרשלונגען געוואָרן אומבאַמערקטערהייד. טאַטע און זון האָבן זיך גע־זעגנט אָן טרערן, אָן געוויין, — פאַר געזונטערהייד, מיין קינד, און זיי מצליח . . .

**
*

זעליג׳ס האַניק־טעג אין לאָנדאָן האָבן לאַנג ניט געדויערט. דאָרט צווישן די גרויסע „פיש" איז ער אַפילו ניט געווען קיין קאַרעסל. מען האָט אים פשוט דערקלערט, אַז זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט איז דאָ ניט וויכ־טיק, און ער זאָל זען העלפן — זיך אַליין . . . ער מעג שטיין אין פאַרביג־דונג מיטן רק׳, נאָר העלפן קען אים דער רק׳ גאָר ווייניק.

פאַר זעליגן האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון גרויער וואָכעדיקייט. ס׳איז אים געווען שווער צו אַדאַפּטירן דעם נייעם לעבן אין פרעמדן לאַנד. ער איז אַוועק אויף דעם מאַרשרוט פון אַלע אַנדערע אימיגראַנטן; זוכן אַר־בעט און פּלאָנירן — צו דעם וועג פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . .

זעליג איז געפאָרן אויף אַ שלעפּ־שיף אַלס שוואַרץ־אַרבעטער צו דעם געטרוימטן לאַנד. זיין טאַטנס רייד פון יענער נאַכט ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, זיינען אים נאָכגעלאָפן און פאַרפאָלגט דעם גאַנצן וועג: „אפ־שר זעגענען מיר זיך אויף אייביק". ביי די ווערטער, אויף אייביק, — האָט ער דערפילט אַ גוואַלדיקן ריס אין זיין אינגעוויד, און אַ מעלאַנכאָלישע בענקשאַפט האָט איינגעקראַמפּעוועט זיין גאַנצן וועזן. — זאָל עס טאַקע זיין אַזוי? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. וועל איך שוין קיינמאָל ניט קומען אין מיין היימלאַנד?

ס׳איז געווען אַ גרוי־נעבלדיקער פרימאָרגן. דער ים־אויסגוס איז געלעגן אויסגעשפרייט ווי אַ ליכטיק־בלויע זייד־דעקע, וואָס די שלעפּ־שיף האָט געשניטן ווי דינעם אייז, און יעדע מינוט אַרויסגעלאָזט — אַ בער־טנדיקן רעווע, וועלכער האָט אָפּגעעכאָט מיט צענדליקער נאָכגעקרימטע הייזעריק־פאַרשטיקטע געשרייען. אויפן האָריזאָנט האָט זיך גענומען אויס־קריסטאַליזירן אַ טונקל־ווייאָלעטע וואַנט. די מאַנשאַפט האָט מיט געשיקט־קייט גענומען גרייטן די דראַקס, די שטריק, דעם אַנקער, „היער איז אָלד פילאַ", — האָבן אַלע אויסגעשריגן . . .

זעליג האָט גענומען זיין קלומעקל אונטערן אָרעם, זיך אַוועקגעלאָזט מיט „פוירסט סטריט" צווישן פערד און וועגענער. די זעלבע געשיכטע ווי אין לאָנדאָן — האָט זעליג געטראַכט — אַ נייע לאַנד מיט אַלטע לאַטעס.

וואוהין און צו וועמען גיין האָט זעליג ניט געהאַט. די ענגלישע שפּראַך איז אים שוין ניט געווען פרעמד, האָט ער באַשלאָסן דערווייל צו באַטראַכטן די אַלטע שטאָט פילאַדעלפיע. ער האָט שפּאַצירט גאַס איין,

גאַס אויס, דערזען פאַר זיך יידישע פּרנסות ווי אויפן „טאַלטשאָק" אין אָדעס. ס'איז אים גלייך געוואָרן דערווידער — וואָס מען האָט אַריבערגע־שלעפּט דעם אַלטן שימל אין נייעם לאַנד, אינעם לאַנד פון גרויסע מעג־ליכקייטן.

דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען האָט אים זיין מזל צוגעשפּילט: ער האָט געקראָגן אַ „דזשאָב" אין זיין פאַך, ביי מאַטראַצן. דער באַלעבאָס האָט אים גע'עצה'ט — ביז וואָס ווען, קען ער דערווייל שלאָפן אין שאַפּ, ווי די אַנדערע אַרבעטער טוען, און עסן „אַפּסטערז" טאָקע ביי אים אין הויז.

זעליג האָט זיך אין אַ קורצער צייט אָריענטירט אינעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד, און ער האָט געגומען פּלאַנירן פאַרן רוב־בנין און רוב מנין פון די אימיגראַנטן; זיי זאָלן אַוועקוואַרפן די שטאָטישע פּרנסות, און זיך נעמען צו ערד־אַרבעט, אַריינגיין אין דער שווערער אינדוסטריע, ווי אַנדערע אימיגראַנטן גרופּעס טוען, און ווערן אַ פּאָזיטיווער עלעמענט וואָס ווערט ניט געטראָגן פון ווינט.

ס'איז אים אָבער ניט געלונגען קיינעם צו בעאיינפלוסן מיט דער אידייע, כאָטש כמעט אַלע צו וועמען ער האָט גערעדט, — האָבן צוגעגעבן — אַז ס'איז אַ גלייכע זאַך, נאָר קומען צו אַקטועלע מעשים — דאָס ניט. איז איינמאָל אין אַ שטילן זונטיק נאָכן אָנבייסן, ווען אַלע האָבן געפּילט יום־טוב'דיק, האָט זיך זעליג גענומען פּאַקן, אויסגערעכנט זיך מיט דער „מיסעס", און געזאָגט אַלעמען גוד־ביי.

**
*

וואו איז דער גרינבערג? וואוהין איז ער אַוועק? קיינער האָט ניט גע־קענט טרעפן. אַ גוטע האַנט געווען, האָט געזאָגט דער באַלעבאָס. אַן איי־דעלער בחור געווען, האָט געענטפערט דער למדן פון שאַפּ, וועמען מען האָט געקריונט מיטן נאָמען אַבעטשע. „אַבעטשע" איך ווייס וואוהין ער איז געפאָרן.

— וואוהין? האָבן אַלע אָנגעשטעלט מויל און אויער.

— אין די „קאָול־מאַינס" — ער'ט מיר אויך געוואָלט מיטנעמען. ער איז עפּעס אַ פאַרטראַכטער מאַן — ער האָט מיר גערדרייט אַ ספאָדיק, און געלערנט אַ פּשט פון ווערן גלייך מיט אַנדערע אימיגראַנטן. ס'איז מיר ניט געקראָכן אין קאָפּ.

— הייסט דאָס, אַז איין שוואַלב וועט מאַכן זומער? האָט דער „למדן" פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע ביגון.

און געטראָפן האָט טאָקע דער „אַבעטשע", זעליג האָט געגראָבן קוילן טיף אונטער דער ערד, מיטן ,אינטערנאַציאָנאַל", ווי זעליג האָט

עס געראָפן. נאָר קײנעם פֿון די גרופּעס אין זײַן „שיפּט" האָט דער פֿאָרמאַן ניט געקיבעצט, ניט געשפּאַסט. אָבער גרינ'ען — אַלעמאָל אַרײַנשטעכן אַ ווערטעלע:

— גריני, ווען גײסטו אין ביזנעס? גריני, ווען קויפֿסטו אַפּ די מײַן?

זעליג האָט אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דער סיטואַציע. ער האָט געזען, אַז ניט אין גאַנצן זײַנען שולדיק די אידן וואָס קלאַמערן זיך צו די שטאָטישע פּראָפעסיעס! — נאָר די גויים אַלײן צווינגען זײ, מען וויל זײ פּשוט ניט האָבן אַפֿילו צום שאַרן מיסט. פֿריער פֿאַרצאַמט מען אַלע וועגן, און אויב עמיצן געלינגט אַרײַנצוכאַפּן זיך, עגבערט מען אויף יענעמס נערוון מיט די מײַלער, און אויב דאָס מאַכט אים ניט ענג באַנוצט מען אַן אַנדער מיטל . . .

זעליג איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. אין הויז וואו ער איז אײַנגעשטאַנען האָט ער וועגן דעם ניט געקענט רײדן. דער אַלטער וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיט זײַן „דזשאַנק־יאַרד" האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט גאָר געטראָגן אַ פּלאַן, מאַכן דעם בחור וואָס גײט ראַטעווען די וועלט — פֿאַר זײַן אײדעם . . . און דערנאָך וועט מען זען.

דער אַלטער מר. פֿורמאַן אַלײן, מיט אַ רויט־צעבײטשט פּנים פֿונעם ווינט און זון, איז געווען מער אין זײַן „יאַרד" ווי אין הויז. שבת, ווען מר. פֿורמאַן איז געווען אין הויז, איז זעליג געווען בײַ דער אַרבעט. זונטיק איז געווען פֿאַרקערט.

מרס. פֿורמאַן, איז געווען אַ גוטע נשמה. אָבער שטענדיק פֿאַרנומען. אויסער אירע אײגענע דרײַ קינדער האָט זי געהאַט דרײַ באָרדערס, זעליג און צוויי עלטערע אידן, אירע לאַנדסלײַט. פֿאַר אַלעמען געקאָכט, געראַמט און געוואַשן. די שטוב האָט זי געהאַלטן — נאָר „קאַשע צו קאַטשן אויפֿן דיל". זי האָט נישט געהאַט קײן לײדיקע מינוט דורכן טאָג. און דערצו וועט זי זיך ניט שטעלן רײדן מיט אַ פֿרעמדן מאַנזביל, און דערצו נאָך אַ בחור — פֿון וועמען די עטלאַכע אידישע משפּחות חוזק'ן אָפּ.

„האָט איר געזען אַזאַ קאַרטינע. — אַ ײדישער יונגערמאַן, ווײַזט אויס לויטן אויסזען, גאָר נישט קײן פּראָסטער, זאָל זיך אַרונטערלאָזן מיט די וואַגאַנעטקעס גלײַך מיט די אונגאַרן, סלאָוואַקן און גראָבן קוילן? עפּעס איז דער מער מיט דעם חברה־מאַן. אַזוי האָבן צווישן זיך גערעדט די עטלאַכע משפּחות אין די אוונטן ווען זײ האָבן „געמיט" אין דעם האָל וואָס האָט געדינט אַלס קלוב, אַ שול, אַ חתונה זאַל, און גאָט זאָל אָפּהיטן, אַ „טשאַפּל".

פון די דריי קינדער פורמאַנס — אַלע שוין אַמעריקאַנער דערצויגענע — די ערשטע צוויי קוים ווי עס איז דורכגעמאַכט די עלעמענטאַרע שולע, און די מוזינקע, ווי מען פלעגט איר רופן, האָט שוין געלערנט אין הייַ־סקול, און אַלעמען געפירט פאַר דער נאָז.

דער בחור בען, כמעט אין די זעלבע יאָרן ווי זעליג, האָט זיך געלעבט אין זיין אייגענער וועלט. אין הויז פלעגט ער נאָר קומען איבערשלאָפן, און אַמאָל כאַפּן אַ בייס, דער מאַמען צוליב. צום טאַטענס יאָרד האָט ער נישט צוגעטראָטן. זיי ביידע, טאַטע און זון, האָבן זיך ניט געלאָדעט און נישט פאַרטראָגן. צוויי באַזונדערע וועלטן, פון קעגנגעזעצטע קלימאַטן. ווען ניט די מאַמע, וואָלט בען פון טאַטענס הויז שוין לאַנג אַוועק. ער האָט בכלל פיינט געהאַט דעם אידישן מענטש פון זיין סביבה. ער פלעגט זיי נאָכקרימען, אָפּלאַכן ווי זיי ריידן, ווי זיי האַנדלען. ס׳איז אים געווען זייער ניט צום האַרצן וואָס ער איז געבאָרן פון אידישער טאַטע־מאַמע. איז דאָך שוין געווען אָפּגפרעגט, אַז זעליג זאָל זיך מיט אים קענען צוזאַמענריידן.

די מיידל נאָך בענען, אַ שעמעוודיקע, מיט אַן „אינפעריאָריטי־קאָמפּלעקס" צוליב איר בשפרינקלט צופלעקטן פּנים, האָט זיך געהאַלטן פון ווייטנס מיט יונגע מענטשן — און מענער איבערהויפּט. זי איז געזעסן אין טאַטנס אָפיס און געפירט די ביכער. שבת אָוונט פלעגט זי מיט נאָך אידישע מיידלאַך גיין אין אַ מואווי, אָדער אַ טאַנץ, און זעליגן האָט זי פּשוט אויסגעמיטן. זי וועט דאָך ניט וועלן שליסן קיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ קוריאָזן טיפּ גרינעם, פון וועמען אַלע ריידן, און לאַכן אין די הויפנס. אָבער וואָס לייגנער דער בחור איז געשטאַנען אין שטעטל, האָט זיך די באַציאונג צו דעם „אידישן מאַינער" געביטן. ס׳איז געווען פאַר די אידישע פאַמיליעס וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם חזן־שוחט, קצב און לערער, אַ גוואַלדיקער חידוש, וואָס גראָד דער חזן זוכט דעם מאַינערס פריינטשאַפט. די ביידע פלעגן זייער אָפט פאַרברענגען און אַרויסגיין אויף לאַנגע שפּאַצירן.

דער אַלטער מר. פורמאַן, וועלכער האָט זיך שוין גערעכנט פון די אַרויפגעאַרבעטע אידן אין שטעטל, און איז געווען אַ גאַנצער בעל־דעה. אין דער רעליגיעזער „קאָמיוניטי", האָט געהייסן דעם חזן־שוחט בודקזיין ביים בחור צו האַלט ער ביי אַ שידוך; און צו וואָלט ער נישט געווען קיין בעלן אויף זיין אסתר׳ן. „ער׳ט אין די מאַינס נישט דאַרפן גיין אַרבעטן".

דעם חזן האָבן פורמאַנס רייד און זיין השגה שאָקירט. אָבער ס׳איז דאָך אַמעריקאַ. און ער האָט גלייך קאָמפּלימענטירט זיין „באַלעבאָס" מר. פורמאַן: „איר זענט אַ מבין אויף גוטע זאַכן אויך, נישט נאָר אויף דזשאָנק".

— „יו־בעט".

— פאַר אייך מר. פורמאַן, וועל איך אַלעס טאָן.

— דער חזן־שוחט האָט געהאַלטן וואָרט, און ביים ערשטן שעת־הכּושר זיך טרעפנדיק מיט זעליגן, האָט ער סובטיל פאַרטשעפּעט אַ וואָרט וועגן תּכלית, און זעליגן געגעבן אַנצוהערן אויף דעם גרויסן גליק וואָס שטייט אים פאָר.

זעליג האָט געהערט מיט אַ צינישן שמייכעלע די קלוגע פּראַקטישע רייד פון פּראָפעסיאָנעלן שדכן, און דערנאָך אים צוקלאַפּט זיין גאַנצן פּלאַן.

— איר זענט דאָך ניט קיין נאַר מר. רעזניק, איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט בלויז צום עסן און טרינקען, און צו מקיים זיין די מצוה פון פּריה ורביה. אויף אונזער דור איז אויסגעפאַלן אַ גרויסע מיסיע דורכצופירן. איך בעט אייך אויב איר ווילט, אַז אונזער פריינטשאַפט זאָל זיך ניט איבעררייסן, רעדט נישט מיט מיר פון אַזעלכע זאַכן. איך האָב עס פון אייך, מר. רעזניק, נישט דערוואַרט. אמת טאַקע איר העלפט ניט אין דער גרויסער זאַך. אָבער אַז איר זאָלט שלעפּן דעם „וואָגן" אויף צוריק — אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט.

— הם — האָט דער חזן אַפּאָלאָגעטיש און שטיל זיך פאַרענטפערט:

— איך מיין חלילה ניט קיין שלעכטס פאַר אייך. אויב איר באַשטייט דווקא ניט, וועט זיין פּתח־שאַ.

נאָך דעם איבעררייד, האָט לאַנג נישט גענומען און זעליג האָט זיך אַרויסגעצויגן פון די פורמאַנס. דעם מאָטיוו פון דער מאַניעווורע האָט בלויז געוואוסט — מר. רעזניק . . .

קיינעם אין דער נאַכבאַרשאַפט פון די פּאָר נידעריקע געסלאַך וואָלט דאָס בייטן פון דירות ביים אידישן מאַינער — אַרויסגערופן עפּעס אַ פאַרדאַכט. האָט, אָבער, דער אַלטער מר. פורמאַן מיט זיינע האַנדלונגען דערציילט פון זיין אַנטוישונג, און אין שטעטל איז שוין געווען פון וואָס צו ריידן.

ס'איז אַוועק אַ צייט, קיינער האָט נישט געציילט די וואָכן אָדער חדשים. זעליג גרינבערג האָט זיך פאַרנומען צו אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־רינג צווייג אין שטעטל. ס'האָט זיך געטומלט מיט דער גוואַלדיקער נייס. און וואונדער איבער אַלע וואונדער: דער חזן־שוחט, מר. רעזניק, איז געוועזן פון די ערשטע זיך אַנצושליסן אין אַרבעטער־רינג. נאָך אים זיינען געקומען כּמעט אַלע פון דער „קאָמיוניטי". פאַרן אידישן מאַינער איז עס געווען אַן אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנטע צייט.

פאַראַן זריעה וואָס ווערט פאַרזייט און נעמט גלייך שפּראָצן. פאַראַן אָבער אַזעלכע קערנער, וואָס דאַרפן ליגן אין ד'ערד אַ געוויסן סעזאָן,

ערשט דערנאָך באַוויזן זיך שפּראַצונגען. אין איינעם אַ זונטיק אָוונט, איז דער „קאַמיוניטי האָל״ געווען גאַר יום־טוב׳דיק אויסגעשטאַטעט. טישן זיינען געשטאַנען געדעקט און דעקאָרירט מיט בלומען. פלעשער פון פאַר־שידענע משקאות האָבן שעלמיש געוואונקען, און דער עולם איז געווען גאַר אויפגעלייגט. איבערהויפּט איז דער אַלטער מר. פורמאַן געווען גאַר בגלופנ׳דיק. נאָכדעם ווי מען האָט אָפּיציעל דערקלערט, אַז זעליג און אסתר זיינען געוואָרן חתן־כלה, איז דער אַלטער מיטן פלאַש אין האַנט געגאַנגען צו יעדן באַזונדער און מכבד געווען. — איך האָב אויסגעפירט — האָט ער טריאומפירנדיק אונטערגעטאַנצט. צי ס׳איז געווען פון גרויס שמחה אָדער פון עטלעכע כוסות. דעם אַלטנס האַלטונג האָט אַביסל זע־ליגן דענערווירט. און ער האָט איצט, אין דער וויכטיקסטער שעה פון זיין צוקונפטיקן לעבן — נישט געטראַכט וועגן זיך און אסתר׳ן. ער האָט אין דמיון פאַרגליכןביידע מחותנים. זיין טאַטע, און מר. פורמאַן . . . אָבער דער עולם האָט גענומען שרייען און קלאַפּן אין די טעלער, פאָדערנדיק פון זעליגן אַ וואָרט, ד. ה. אַ דרשה.

— „עי ספּיטש!״ „עי ספּיטש!״ — האָבן אַלע געבאַרעבאַנעוועט. ווען ניט די געשרייען וואָלט אים איצט זיין דמיון פאַרפירט אויף ווייטע נעפּל־האַפטע וועגן.

זעליג האָט זיך אויפגעשטעלט און אַלע זיינען שטיל געבליבן. דעם אַלטן פורמאַן האָט מען אויך ווי עס איז איינגעשטילט.

„מיינע ליבע פריינט — האָט ער אָנגעהויבן, קוקנדיק אויף עפּעס וואָס איז געלעגן אויפן טיש. פאַר זיינע אויגן האָט געטונקלט אַ שווערער טומאַן. — וואָס זאָל איך איצט רײדן? איך זע אַז איר אַלע דאָ זענט געקומען מיטן גאַנצן האַרצן אָנטייל צו נעמען אין אונזער שמחה. פאַר מיר, דעם עלנטן, דעם חתן פון היינטיקן אָוונט, איז די פאַרבינדונג פון מענטשלי־כער פריינטשאַפט — פון גאַר וויכטיקער בעדייטונג. מיר אַלע דאָ אין זאַל, מיט דער אויסנאַם פון אַ פּאָר, זיינען אַרויסגעריסענע און אַ פּ ג ע ־ ר י ס ע נ ע פון אונזערע וואָרצלען. אומשטענדן האָבן אונז געבראַכט אַהער פון פאַרשידענע וועלט־טיילן. אין אַ געוויסער מאָס איז יעדער איי־נער פון אונז עלנט. מיר הויבן אָן דאָ — אַ ניי לעבן. זאָל די אַטמאָספער פון היינט בייגאַכט דינען ווי אַ סימבאָל פאַר מענטשליכער פאַרברידע־רונג. זאָלן מיר נאָכפאָלגן דעם רוף פון דער נייער צייט, פאַרן פרינציפּ וועלכער פעלט נאָך דער מענטשהייט ביז היינט צו־טאָג, דער פרינציפּ פון קעגנזייטיקע פריינטשאַפט און ברידערליכקייט. דאַן וועלן מיר האָבן אַ שענערע, אַ בעסערע וועלט. איר האָט היינט באַוויזן אַז אַזעלכע זאַכן קענען פאַרווירקליכט ווערן. און דערפאַר מיין טיף־האַרציקער דאַנק צו אייך.

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרהילכט דעם קליינעם זאַל. מען האָט ווידער געשריגן: „ספּיטש" מר. חזן! ספּיטש, מר. רעזניק!

מר. רעזניק האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז באַ דעם אָוונט וועט מען אים רופן צום וואָרט. דאָך האָט ער זיך געמאַכט — ווי ער האָט עס ניט דערוואַרט. ער האָט געמאַכט אַזאַ גרימאַסע, ווי ער וואָלט געזאָגט: מיך רופט מען?

„ליידיס און דזשענטלמען — האָט ער אָנגעהויבן. — ווי קומט עס וואָס איר בעט מיך ניט זינגען? איר בעט מיר גאָר ריידן! איר מוזט זיין זיכער אַז זינגען וועל איך סיי ווי סיי — האָט ער שפּאַסיק באַמערקט. וואָס שייך ריידן, קען איך אייך זאָגן — אַז איך בין זייער צופרידן וואָס אונזער „קאָמיוניטי", קריגט אַריין אַזאַ פּערזאָן ווי מר. גרינבערג. איך ווייס, מיינע טייערע פריינט, אַז די קאָנגרעגיישאָן אונזערע איז די לעצטע צייט געשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי צדדים. אַ טייל פון די מעמבערס האָבן מיך גע'פסל'ט און געוואָלט אַרויסטרייבן — צוליב דעם וואָס איך בין אַריין אין אַרבעטער־רינג. איך האָב געזען מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג איר האָט אַפּלאָדירט אונזער חתן. האָט איר פאַרשטאַנען וואָס ער האָט גערעדט?

ער האָט גערעדט אין גייסט פון אונזערע אַלטע נביאים. ער האָט גערופן צום טיף־מענטשליכן געוויסן. — נישט פאַר צעשפּליטערונג און שנאה, נאָר פאַר מידות טובות און ברידערליכקייט, פאַר שלימות. דענקט איר, פריינט, אַז מען דאַרף אזא איינעם פאַרשטיינען — ווען ער וויל העלפן דורכפירן אַזאַ אידייע?

דאָ האָט ער געמאַכט אַ פּויזע, און ווי געוואַרט אויף אַן ענטפער.

אַלע זיינען געזעסן פאַרגליווערט. ספּעציעל זיינען די וועלכע האָבן זיך געבונטעוועט קעגן חזן — געזעסן ווי געליימטע. איצט האָט ער פאַרגע־זעצט.

„רבותי, ס'איז אונזער אַלעמענס שמחה. נישט נאָר אסתרס און מר. און מרס. פורמאַנ'ס. דערפאַר ווינש איך אונז אַלעמען אַ מזל־טוב.

— מזל טוב! בראַוואָ!! — מר. רעזניק. עטלעכע מאַנזבילן האָבן מיט האַנטדרוק אים געדאַנקט פאַר דער קלוגער דרשה. דער אַלטער מר. פור־מאַן איז צוגעלאָפן צום חזן מיט אָנגעצונדענע באַקן און פאַרגלייזטע אויגן, דעם קאַפּעלוש פאַרדרייט אויף דער פּאַטילניצע און דעם חזן געכאַפּט קושן.

— הוראַ! בראַוואָ! ספּיטש מר. פורמאַן — האָבן אַלע מיט איין קול געשריגן און געקלאַפּט אין די טישן. דער אַלטער איז עפּעס ווי צעטומלט געוואָרן. ער איז געשטאַנען ווי אַ אונבאַהאָלפענער, און געוואָרט אימיצער זאָל אים העלפן.

חזן רעזניק איז אים געקומען צו הילף און ער האָט גערעדט אין נאָמען פון מחותן, דעם שיינעם באַלעבאָס און טיכטיקן כלל־טוער. דער אַלטער האָט שטייענדיק אויסגעהערט זיין אייגענע דרשה, נאָכגעפאָלגט מיט די ליפּן דעם חזנ׳ס רייד, און אַלעמאָל צוגעגעבן: „דאַטס רייט! „דאַטס רייט!"

פון איצט אָן אַז מען האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט „ספּיטשעס", איז שוין דער חזן אויטאָמאַטיש געוואָרן דער טאָוסט־מאַסטער. און יעדער איי־נער פון די אָנוועזנדע איז גערופן געוואָרן צו באַגריסן די בעלי־השמחה. נאָך יעדנס דרשה האָט מען געפּאַטשט בראַוואָ.

זעליגן איז די פּראָצעדורע געווען דערווידער. ס׳האָט אים געגרילצט אין די אויערן — איז עס אָן אַמעריקאַנער איינפיר? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. ס׳קריכט דאָך פון האַלז, און צושטערט די פייערלעכקייט פון דער שמחה.

***

אויף מאָרגן נאָך די תנאים, איז שוין זעליג נישט געגאַנגען אין די מאַינס. ער איז געקומען בייטאָג אין „יאַרד" און גענומען באַטראַכטן וואָס דאָס איז אַזוינס, און פון וואָס דער געשעפט באַשטייט. ער איז געגאַנגען פון איין אָפּטיילונג צו דער אַנדערער, געקוקט, געזען. און אַ שווערקייט פון עפּעס אַ חרטה האָט אים געדריקט. — דאָס איז דאָך דער לומפּן־פּראָ־לעטאַריאַט, דאָס איז דאָך דער לופט מענטש, וואָס לעבט פון דעם וואָס עס פאַלט פון עמיצן אַראָפּ — האָט זיין געוויסן צו אים גערעדט. — אויך מיר פּראָדוקטיוויטעט.

ער איז אַריין אין דעם ביידל וואָס האָט זיך גערופן אָפיס, וואו די גרויסע וואָג־פּלאַטפאָרמע האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ קליין פענצטערל אין דעם ביידל. ער האָט באַטראַכט די ביכער, און זיך צוגעהערט ווי אסתר האָט זיך געדונגען מיט אַ פּעדלער פאַר אַ פערטל פּעני פון זיינע שמאַטעס. ער איז געזעסן ווי באַטויבט פון עפּעס, און זיינע געדאַנקען האָבן אים געמישט בילדער, ווי־יעס.

אסתר האָט באַמערקט זעליגס פאַרלוירנקייט. און זי האָט אים גע־פרעגט:

— וואָס איז דער מער זעליג טייערער? — דו האָסט ניט געגליכן וואָס איך האָב זיך געדונגען מיטן פּעדלער? דענקסט אַז דו פאַלסט אַריין צו אַ שלעכטער מיידל?

זעליג האָט איצט גענומען שמייכלען קוקנדיק אסתרן גלייך אין די אויגן.

— דאָס איז די ביזנעס, זעליג טייערער — האָט זי ווידער גערעדט.

— מען קען ניט אַנדערש און מען טאָר נישט אַנדערש. דאָס גאַנצע גע־שעפט באַשטייט פון פעניס. ס'איז דאָ אַ „מאַרקעט־פּרייז" מ'מוז זיין זייער פּאַרזיכטיק. — איך בין נישט קיין שלעכטע מיידל, מיר איז דער סאָרט ביזנעס נישט צום האַרצן.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און זעליג האָט זיך אַקלימאַטיזירט צום „יאַרד", און דער „יאַרד" האָט אים פולבלוטיק אַדאַפּטירט. אסתּר איז שוין אין יאַרד מער נישט געקומען זעליג איז געוואָרן אַזוי פאַרביזעוועט מיטן יאַרד. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט, אַזש ער האָט שוין ניט געהאַט קיין צייט די חתונה צו פּראַווען. פון אַלע זייטן האָט מען גערופן מר. גרינען.ביים קויפן — מר. גרין. ביים טעלעפאָן מר. גרין. ביים סאָרטירן און פּאַקן — אַלץ מר. גרין.

פרעגט היינט מר. גרינען ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען, וועט ער שמייכלענדיק ענטפערן: — ניטאָ קיין ברירה, נישטאָ קיין פרייער ווילן.

דער אַלטער מר. פורמאַן האָט גאָר אַנגעקוואָלן פון זעליגס געשיקט־קייט. ער איז געוועזן אין זיבעטן הימל. זעליג האָט אים אַרונטערגענומען אַ שווערן באַרג פון קאָפּ, און אין דער וואָך וואָס די חתונה האָט געזאָלט זיין — איז זעליג, שוין איצט: גרין, געוואָרן אַ גלייכער שותּף געזעצליך צו דעם פורמאַן יאַרד.

נאָך דער חתונה, טאַקע אין דעם „קאָמיוניטי האָל" וואו דער חזן־שוחט איז געווען דער מסדר קידושין, האָט זיך די נייע פּאָר אַריינגעקליבן אין אַן אייגענער דירה, און זעליק האָט זיך גענומען פירן אַ מוסטערהאַפטן לעבן. ער האָט אין אַלץ גענומען דעם האַלב־וועג. נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע האָט מיט איינמאָל אַ שפּרונג געטאָן, איז ער אַלץ געבליבן אַ איבערגעגעבענער פירער פון אַרבעטער־רינג. זייער קיך און טיש, האָט ער זיך מיט אסתּרן פאַרשטענדיקט — זאָל געפירט ווערן כשר. כאָטש פּרינציפּיעל האָט ער נישט געהאַלטן פון דעם. זייער מאָטיוו דערפאַר איז געווען:

ערשטנס, טאַטע־מאַמע זאָלן זיך קענען פילן פריי ביי זייערע קינדער אין שטוב, ווי ביי זיך אַליין. און טאָמער קומט אַמאָל אַ גאַסט — זאָל מען נישט דאַרפן שיקן צום חזן־שוחט, ווייל יענער היט כשרות. און אין הויז ביי זעליגן איז טאַקע אַלעמאָל געווען אַ גאַסט פון ערגעץ. איז געקו־מען אַ לעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, איז ער געשטאַנען ביי זעליגן. איז גע־קומען אַ שרייבער, אויך דאָס זעלבע. און אַפילו ווען ס'איז געקומען אין שטעטל אַ פאַרשטייער פון אַ ישיבה — איז ער אויך איינגעשטאַנען ביי זע־ליקן. און ווען די קאָנגרעגיישאַן האָט באַשלאָסן צו בויען אַ סינאַגאָגע, איז אויך זעליג געווען דער גאַנצער טוער.

אינעם יאָר איז אויך אַנדערש געוואָרן. די געשעפטן האָבן זיך פאַרדרייפאַכט. אַלע פעדלער האָבן געצויגן צו פורמאַנס יאַרד. ס'איז אַראָפּ דאָס דינגעניש. מען האָט גענומען זעליגס וואָרט. „הי איז עי סטרעיט גאַי" — האָבן די פעדלער צווישן זיך אָפּגעמאַכט. איצט האָט שוין זעליג געלאָזן אויפבויען אַן אָפיס פון עטלעכע צימערן, אין איין צימער איז שוין געזעסן אַ שטענדיקע בוכהאַלטערין. אַ פּריוואַטער אָפיס, און אַן אויפנאַמס חדר. אין ערשטן חדר פון אַריינגאַנג, האָט ער אַריינגעשטעלט אַ פּאָר לעדערנע דיוואַנעס. עטלעכע לעדערנע שטולן, ביי יעדן שטול אַ שפּיי־קאַסטן. זאָלן די פעדלער האָבן וואו צו זעצן זיך. זאָלן זיי צווישן זיך זיך דורכריידן. זאָלן זיי זיך פילן היימיש.

לכתחילה ווען זעליג האָט פאַרגעבראַכט דעם פּלאַן פאַרן אַלטן, — האָט זיך מר. פורמאַן דערשראָקן פאַר אַזאַ אויסברייטנגעריי אָבער זיך שטעלן קעגן זיין זעליגן האָט ער אויך נישט געקענט. דער סוף איז געווען, אַז דער אַלטער האָט זיך גאָר אויסגעלעבט אין דעם פּראָנטאָוון צימער. אין „דעם באַקוועמען חדר, אין דעם רשות הרבים, איז געפירט געוואָרן וועלט פּאָליטיק און איבערהויפּט שטעטלדיקע.דאָ האָט מען גערעדט רכילות, זיך געקריגט, און געמאַכט שלום. האָט געהאַלטן ביי אַ קאָמפּליצירטן ענין וואו עטליכע תושבים האָבן זיך געקענט אַרויספּלאָנטערן, האָט מען געוואַרט אויף זעליגס וואָרט. „מירן שוין הערן וואָס זעליג וועט זאָגן, פלעגן אַלע איינשטימען. דאָ האָבן זיך אַלע געפילט אינטים־נאָענטער און פרייער, ווי אין „קאָמיוניטי האָל".

זעליג זייענדיק פאַרנומען האָט אויך נישט פאַרגעסן זיין אַלטע היים. ער האָט וועגן פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד שוין איצט ניט געטראַכט. ער האָט דעם טאַטן צוגעשיקט חודשליכע סומעס, און געמאַכט פּלענער אַראָפּצונעמען די גאַנצע משפּחה. דער אַלטער ישראל האָט זיך ניט אָנגעכאַפּט אין פּלאַן. ער האָט אַלעמאָל צווידייטיק געענטפערט זעליגן. במילא האָט ער אַלץ אָפּגעצויגן: מירן זען „מה יולד יום".

דערוויל איז אונטערגעשפּרונגען די וועלט־מלחמה נומער איינס. און די פאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים איז פאַראַליזירט געוואָרן.

דאָ, אינעם יאָרד, איז די ביזנעס פאַרצענפאַכט געוואָרן. וואַגאָנען מיט ברוך זיינען געגאַנגען טעגלעך אין די גרויסע שטאָל־גיסערייען פון פּיטסבורג, בעטלעהעם, ווילקעס באַר. דער פורמאַן יאַרד איז געשאַצט געוואָרן אין ווערט פון אַ האַלבן מיליאָן. זעליג פּלעגט זיך אַליין פרעגן: איז דאָס אַ אוטאָפּיע? איז עס אַ חלום אָדער וואָר? ווען נישט די זאָרג פון דערהיים, וואָס האָבן פאַראומערט זעליגס טעג ווען ער האָט צייט געהאַט צו טראַכטן — וואָלט ער געשוועבט אין די עולמות.

ס'איז געקומען דער טאָג פון וואָפנשטילשטאַנד. דאָס לאַנד האָט גע־יובלט פון גרויסן נצחון. די שטאָל־פאַונדריס האָבן גענומען צומאַכן זייערע פייערדיקע מיילער. אין יאַרד האָבן זיך געהויבן די בערג ברוך צום הימל. דער אַלטער מר. פורמאַן איז געוואָרן אומעטיק, און אָנגעשטעקט זעליגן מיט שרעק, — מיר זיינען פאַרלאָרענע, זונעלע מיינער; די מאָגערע קי וועלן אויפעסן די פעטע . . .

וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן, שווער־לעבן? איר זענט דאָך שוין אַן אַל־טער ביזנעסמאַן?

— זעסט, ווען די קוימענס רויכערן ניט, — טויג אַלעס אויף כפרות . . .

— שווער, איך האָב אַ פּלאַן. — זאָלן מיר אַליין בויען קוימענס, און זיי מאַכן צום רויכערן.

— איין איינפאַל אַביסל, צו וואָס דאַרפסטו בויען, ווען דו קענסט אָפּקויפן אַ פאַונדרי.

— וועלן מיר קויפן. איך וויל מאַכן אַ פאַבריק פון ספּרונזשינעס, פאַר מאַטראַצן, מעבל, געזעסן פון קאַרעטן, אויטאָמאָבילן, און באַהנען.

— ס'גאַרניט קיין קרומע זאַך.

זעליג איז געפאָרן קיין פּיטסבורג, גערעדט מיט מעטאַלורגישע אינזשענירן און טעכניקער, און טאַקע גלייך געשלאָסן קאָנטראַקטן מיט אַן אַרכיטעקטן פירמע, און,—מיט דריי חדשים שפּעטער האָט די פאַרלאָזע־נע פאַונדרי — גערוישט מיט געזאַנג פון רעדער און פאַסן, און אויף דער פראָנט וואַנט האָט אַ גרויסער שילד אַרויסגעשריגן:

"גרין ספּרינג קאָמפּאַני"

לכתחילה איז די מאַשינעריע איינגעשטעלט געוואָרן, בלויז פאַר „ספּרינגס" פון פאַרשידענע מינים, וועלכע זעליגס אַמביציע האָט אויס־גע'חלומ'ט. דערנאָך ווען די באַשטעלונגען זיינען אַריינגעקומען פון אַלע שטאַטן און קאַנאַדע, האָט מען באַשלאָסן צו צובויען נאָך אַ פליגל, און מאַ־נופעקטשערן אויטאָמאַטישע דעוויזן פאַר אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען, א. אַ.

די יאָרן פון „פּראָספּעריטי" האָט געמאַכט דאָס געשעפט וואַקסן ווי אַ שנייאיקע קויל וועלכע מען קוליעט אויף פריש־געפאַלענעם שניי. זעליג איז געוואָרן אַ סאָלידער מיליאָנער.

דורך דער צייט פון די שפּע־יאָרן ,איז זעליג געוואָרן אַ טאַטע פון דריי קינדער, צוויי ייִנגלאַך און אַ מיידל. דער קלענערער האָט שוין גע־הייסן אייק, פאַרקירצט פון איזידאָר, אַ נאָמען נאָך ישראל דעם חקרן, נאָכן זיידן הייסט עס. אין דער צייט ווען זעליג האָט זיך דאָ געבאָדן אין רייכ־

טום און לוקסוס, איז אין דער אַלטער היים אויסגעשטאָרבן זיין משפחה — דורך הונגער און עפּידעמיעס. עטלעכע פון זיינע לעבנגעבליבענע קרו־בים האָט זעליג אַריבערגעבראַכט. זיי געגעבן גוטע שטעלעס אין דער „גרין ספּרינג קאָ." און זיך פאַרהאַלטן מיט זיי היימיש־באַענט, נאָר נישט ווי אַ מיליאָנער.

פון די מורא'דיקע געשיכטעס, וועלכע די פריינד האָבן אים דער־ציילט, פון דער מלחמה, רעוואָלוציע, בירגער־קריג, איז זעליג געוואָרן זייער אַנטוישט אין זיין אַמאָל געטרוימטער רעוואָלוציע. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאַרגעשטעלט: רעוואָלוציע, אין גייסט פון משיח צייטן. און דאָ, אַזאַ חורבן! אַזאַ אומקום!

— האָט עס זיך געלוינט? און ער ענטפערט אַליין: — ניין, טויזנט־מאָל ניין!

זעליג האָט מיט זיך אַליין געפילאָזאָפירט: — קען דען אַ מענטש זיין פּאָזיטיוו אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג? קען עמיצער זיין הונדערט פּראָצענט זיכער — דאָס זיין „גלויבן" און איבערצייגונגען — זיינען די אמת־אמת'ע? ווען די צייט, די געשיכטע, רעכנט זיך ניט מיט קיינע טע־אָריעס, קיינע אָנגענומענע פּרינציפּן?

דערפאַר האָט זעליג שוין לאַנג באַשלאָסן נישט צו גיין צו קיינע עקסטרעמען. אַי מען ווערט אַמאָל געשטויסן פון אַלע זייטן? — האָט מען אָבער דעם בענעפיט פון גיין מיטן „מיטלוועג" צו זען פון ביידע זייטן.

רעדער לויפן, פּאַסן זשומען. אין אָפּיס אַרבעטן שוין 6 מענטשן. מר. גרין זיצט אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט און שרייבט אונטער פּאַפּירן. אין אַרבעטער־רינג זעט מען זעליגן זייער זעלטן. ער צאָלט נאָך שטייער און קומט אַמאָל ווען מען לאַדט אים אין ריידן. די אַלגעמיינע „פּראָספּעריטי" האָט זייער בלוט־אָרעם געמאַכט דעם „ברענטש". ס'איז געקומען צו דעם, אַז דער ברענטש האָט זיך געמוזט אויפלייזן. און זעליג האָט געצאָלט זיינע שטייער אין גענעראַל־אָפּיס, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אַז די אַלגעמיינע מענטשהייט דאַרף אויפבויען אַ בעסערע וועלט.

אין דער „גרין ספּרינג קאָ." סטרייקט מען ניט. די גרין ספּרינג קאָ. איז אַ יוניאָן־שאָפּ, וואו אַלע יוניאָן פאָדערונגען ווערן נאָכגעגעבן. אינעם אָפּיס פון דער קאָמפּאַני שטיצט מען אַלע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, אָן אונטערשייד פון גלויבן, ריכטונג, קאָליר, אָדער ראַסע.

— ווער עס גלויבט אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, און איך דענק אויך אַזוי, — דעם וועל איך העלפן. דאָס איז מיין אַני מאמין, זאָגט מר. גרין.

די יאָרן 1929־30־31 זיינען געקומען אומגעבעטן, זיך אַריינגעוועבט אין די פאַבריקן צווישן די לויפנדיקע פּאַסן און טאָרמאָזירט די גאַנצע מאַשינעריע. די רייען „הימל קראַצער" קוימענס זיינען געבליבן שטיין ווי

שטומע באַשעפענישן פון פאַר־היסטאָרישע צייטן אין די פאַבריקן איז געוואָרן שטיל.

די „גרין ספּרינג קאָמפּאַני" האָט גראָד יאָ געאַרבעט. אָבער דער זשום פון די פּרעס־מאַשינען און די היץ פון די טיגלען זיינען שוואַכער געוואָרן. אַנדערע רעדער זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט שפּינוועבס און אונטערגעדרימלט. דאָך האָט מען קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. די אַרבעט איז צעטיילט געוואָרן. צו צוויי אָדער דריי טעג אַ וואָך פאַר יעדן.

דער אַלטער מר. פּורמאַן, וועלכער פלעגט אָפּרייסן יעדן טאָג עטלעכע מינוט פון יאָרן, און זיך אַריינכאַפּן אין פאַבריק, האָט דערזען אַז די רעדער שטעלן זיך צוביסלעכווייז אָפּ איז ער געוואָרן גאָר מרה־שחורה׳־דיק. ער האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ס׳איז אים ניט געווען צו דערקענען. אַלע רייד וואָס מען האָט אים דערקלערט, אַז די לאַגע איז ניט ערנסט, די „פעקטאָרי" מאַכט נאָך איצט אויך גוטע פּראָפיטן — האָט נישט געהאָלפן.

— דו האָסט מיר געמאַכט אומגליקלאַך, מיין טייערער איידעם; איך בין אַ פאַרלאָרענער.

שווער, האָט זעליג גע׳טענה׳ט צום אַלטן: ווען מיר וועלן אַפילו לעבן נאָך הונדערט יאָר וועלן מיר שוין אונזער פאַרמעגן נישט אויפעסן, אַפילו ווען די פעקטאָרי זאָל זיך אין גאַנצן פאַרמאַכן. די דריי „בילדינגס" דאַון־טאַון וועלן שוין קלעקן פאַר אונז און קינדס־קינדער.

דער אַלטער האָט אַזעלכעס נישט געקענט אַרונטערשלינגען, און טאַקע נישט אויסגעהאַלטן. אין אַ ליכטיקן זומער־פרימאָרגן, איז פיניע פּורמאַן נישט אויפגעשטאַנען. צווישן עולם ביי דער לויה, האָט מען אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע השערות וועגן זיין טויט. אויסער דעם הספד, וואו די נאָענטע פאַמיליע האָט געלאָזט פאַלן אַ טרער, האָבן אַלע זיך געשושקעט און געלאַכט; זעסט וויפיל מען האָט אים מיטגעגעבן? דער פאַטעטישער מאָמענט פון דער לויה איז געווען, ווען זעליג האָט געזאָגט קדיש אויפן קבר, ווייל דער תכשיט בעני זיינער איז שוין לאַנג אַוועק פון דערהיים. און קיינער ווייסט ניט וואו זיין געדעכעניש איז אַהינגעקומען.

ס׳איז אַוועק דער זומער אין הערבסט איז דערווילט געוואָרן אַ נייער פּרעזידענט, פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, און אין פרילינג 1933 — האָבן זיך פאַמעלעך די רעדער ווידער גענומען דרייען. דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז אין סאַמע דעפּרעסיע, האָט זעליג זיך איינגעקויפט אַ „רענטש" אין די פּאָקאָנאָ־בערג.

ניט אַלע פון שטעטל האָבן געגלויבט אין דער אמת׳דיקייט פון דער נייס. מען האָט גערעדט צווישן זיך: — ס׳קען ניט זיין! — וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? ווי וועט ער אונז דאָ פאַרלאָזן? זעליג איז דאָך ניט דער מענטש

וואָס וועט קריכן אין די הויכע פענצטער און אין אַזעלכע פלעצער וואו מען וועט אים ניט וועלן.

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעצייגט, אַז די מעשה איז געווען אמת. און זעליג האָט זיך שטילערהייט אַריבערגעקליבן אין די בערג.

— זעליג, האָט אים איינער פון זיינע מקורבים געפרעגט, איז דאָס טאַקע ריכטיק, אַז דו וואוינסט זיך אין די פּאָקאָנאָס, און דו האָלסט שוין אַ שאָפער מיט דינסטן?

— ס'איז אמת, איך וויל זען ווי גוט ס'איז צו זיין אַ גביר.

***

אין דעם גן־עדן־התחתון פון גאָטס שיינער וועלט, אין די אייביק־פאַרחלומ'טע בערג, איז זעליגן די גאַנצע סביבה געווען פרעמד. דאָ איז אויך ניט געווען דער פרייער ווילן, — ביזנעס און די קינדער האָבן גורם געווען דאָס מר. גרין זאָל אָפּקויפן דעם פּאַלאַץ, כמעט בחצי חינם.

צו אַלעס ווערט מען דאָך צוגעוואוינט, בפרט נאָך צו גוטס.

יעדן טאָג האָט דער שאָפער געפירט מר. גרינ'ען אין אָפיס, ער איז דאָרט אַריין פאַר אַ שעה, און איז באַלד געפאָרן צוריק. ער פלעגט אַריינגיין אין זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק, אָנשטעלן די ראַדיאָ, צעלייגן זיך מיט זיין יידישער צייטונג, אונטערדרימלען אַביסל, און די איבעריקע צייט טראַכטן וועגן דער וועלט'ס גרול . . .

אָט איז ער אַ מיטגליד אין דעם „טשעמבער אָוו קאָמערס", זיצן דאָרט די קאַרפּן קעפּ פון פינאַנץ און עקאָנאָמיע, דאַכט זיך זיי האָבן דעם שליסל צו דער וועלט, און — ווייסן ניט ווי צו עפענען וועלטס אוצר פאַרן אַלמענטשליכן וואוילזיין.

גייען אַרום מענטשן אַרבעטסלאָז, ניטאָ וואָס צו עסן, און טויזנטער טונען מיט גויטיקע שפּייז וואַרפט מען אין ים, אָדער מען פאַרברענט . . .

איינמאָל האָט טאַקע מר. גרין געזאָגט אויף זיין שלעכטן ענגליש: — דזשענטלמען, מיר זיינען שלעכטע דאָקטוירים. מיר פאַרשטייען די קרענק, און קענען ניט פאַרשרייבן די מעדיצין. וואָס פאַראַ רעזולטאַטן ברייגנען אונזערע מיטינגען?

אַלע דירעקטאָרן האָבן אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיאַטעס, און דער „טשערמאַן" האָט אים געפרעגט מיט דין־פאַרצויגענע ליפּן, וואָס דענקט ער?

— ס'וועט מוזן קומען אַן עקספּערט, און דורכפירן די גויטיקע אָפּעראַציע . . .

— „טהיז אַר פאַרעין איידיעס", האָבן אַ פּאָר שטיל אונטערגעבורטשעט . . .

די קינדער זיינע איז גוט, זיי זיינען פריי, ווילד צעבאַלעוועטע פויגל. זיי גייט קיין זאַך ניט אָן. זיי דענקען דען פון עפּעס? ווייסן זיי דען פון מענשנס ליידן? נאָר מען לויפט, נאָר מען שפּילט, מען ווייס גאָרניט וואָס פאַראַ „פּלעזשור" זיך פאַרשאַפן. מיטן אַלד מען האָט מען קיין אינ־טערעס. מען באַציט זיך מיט רעספּעקט און „דיגניטי" אָבער ניט מער ווי צו אַ פרעמדן עלטערן מענטשן.

איינמאַל האָט אים אַפילו זיין טעכטערל געזאָגט גאָר פראָסט, אַז זי פילט זיך „עמבאַרעזד" פאַר אירע פריינט ווען זיי קומען צו איר — צוליב „דעדיס עקשאַן" . . . פון ספּאָרט הויבט ער ניט אָן צו וויסן, זיין ענגליש איז „טעריבל", און דערצו לייענט ער נאָך „היברו בוקס" ? . . .

אַ פרעמדע וועלט! אין אַ פרעמדער וועלט ביי זיך אַליין — זיפצט אָפּ זעליג. — וואָס טוט ער דאָ אין די שלאָפנדיקע בערג? אין דעם גרויסן שלאָס? שלאָס, שלאָס, — רעדט ער צו זיך. פאַרשלאָסן און אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט . . .

דאַרף מען אָבער פאָרן אין דער פעקטאָרי, זיצט ער אין מאַשין מיט גביר׳ישן אָנשטעל, פונקט ווי זיינע אבות אבותיו זיינען געווען איינגעטונקט אין קאַפּיטאַל. און מערקווירדיק, זיין פאַבריק איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנד־קריזיס — אָן דעפּיציטן. און ווען ס׳האָט זיך גענומען אַלעס נאָר־מאַליזירן, איז די „גרין ספּרינג קאָ." אַוועק מיטן פולן שוואונג מיט גע־זונטן אַפּאַראַט — פאַר פּראָפיטן, און פּראָפיטן, און ווידער פּראָפיטן . . .

***

מר. און מרס. גרין פראַווען צוויי חתונות פון זייערע קינדער, אין דער זעלבער צייט ווען זיי אַליין האָבן זיך געקליבן צו פייערן זייער 25־יע־ריקע „אַניווערסאַרי", מיט אַ רייזע אַרום דער וועלט.

ס׳איז איבעריק צו דערציילן די גרויסע פרייד און פאַרגעניגן פון די עלטערן, און דעם פּאָמפּ און גלאַנץ פון די גראַנדיעזע שמחות. ס׳איז אַפילו דאָרט אויך געווען אידישער גייסט, אידישע טראַדיציע, אידישער אינהאַלט. כאָטש ס׳זיינען געווען אַ סך קריסטלעכע פריינט פון די גאָר־גרויסע קאָרפּן־קעפּ פון דער שטאָל־אינדוסטריע. אַוואַדע איז עס שוין געווען אַ וויטער מהלך פון זעליגס און אסתרס חתונה אין דעם אַלטן „קאָמיוניטי־האָל".

און טאַקע אין זעלבן גייסט האָט זיך זעליג געקליבן מאַכן די רייזע אַרום דער וועלט. אַלעס איז געווען אויסגעפּלאַנירט סיסטעמאַטיש. זעליג האָט אויסגעשטעלט אַ צעטל, וואו ער וועט זיין, וויפיל ער וועט איבערלאָזן פאַר געוויסע אינסטיטוציעס, און וואָס ער וועט מתקן זיין — אין זיין געבורטס־שטעטל, — ס׳האָט אים געצויגן צו זען די מצבות פון זיינע נאָענטע.

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען, זעליג זאָל איבערלעבן דעם

גרויסן מאָמענט אין זיין לעבן, און אויך ניט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געוואָרט אויף אַזעלכע געסט, זאָלן אַביסל געהאָלפן ווערן. איז פונקט 5 טעג פאַרן אָפּפאָרן געקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַשינגטאָן: — „האַלט זיך אָפּ צייטווייליק פון פאָרן".

אויסטייטשן די טעלעגראַמע האָט מען נישט באַדאַרפט. אין דער לופטן איז שוין לאַנג געהאַנגען די מלחמה־שרעק, פאַר וועלכן זעליגס אונ־טערבאַוואוסטזיין האָט אים זייער געשראָקן.

זעליג איז בכלל געווען אַ מענטש — וואָס האָט אויפגענומען אַלגע־מיינע זאַכן זייער ערנסט, ובפרט — וועלט־פּראָבלעמען, און וואָס שייך זיין יידיש פאָלק? — אויף דעם האָט דאָך שטענדיק געבלוטיקט זיין האַרץ.

ס'איז פינסטער געוואָרן אויף דער וועלט, אויך ביי זעליגן אויף דער ווילאַ אין די ליכטיקע בערג, ווען „מאַרס" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף שטאָלענע פליגלען צו דער ערד און אָנגעהויבן אָפּווישן איין ישוב נאָכן אַנדערן.

זעליג זיצט איצט אָפּ שעה'ן אין זיין חדר־מיוחד פון טונקעלן עמ־בער, דרייט דעם ראַדיאָ־וויזער, זוכט און זוכט. עס ווערט אים גאָר נישט מי־אוס. ער ווערט ניט מיד. אָבער פאַרלייכטערן זיך געמיט־צושטאַנד — העלפט עס ניט. מאַכט ער צו די ראַדיאָ, בלייבט ער מיט זיך אַליין, ווערט ער אָנגע־לאָדן מיט שווערע געדאַנקען פון אייביק־מענטשליכן געראַנגל.

— וואָס האָט די מענטשהייט דערגרייכט דורך די טויזנטער יאָרן פון פּראָגרעס? — פרעגט ער זיך.

שוין צוויי טויזנט יאָר אַז די נביאים האָבן געפּריידיקט קעגן גוואַלד־טאָטן, קעגן בלוטפאַרגיסונג, קעגן אומרעכט. ביי אַלע רעליגיעס איז דער „לא תרצח" דער הויפּט פּרינציפּ פון גלויבן, — און ווי אַזוי היט מען אים אָפּ?! מען האָט צוגערעכנט אַלע פאַרצייטיקע מלחמות צו דער טונקעלער אָבערגלויבערישער צייט. — וואו האַלטן מיר איצט? איז מיר היינט דען בעסער, ווען איך זיץ צווישן באַרג און טאָל, און איך הער זיך איין מיט אַ מעכאַנישן אַפּאַראַטל ווי די וועלט גייט אָפּ אין בלוט, ווי דעם הייל־מענטש, וואָס האָט באַפּוצט זיין געצעלט אָדער בודע מיט קעפּ־שאַרבנס פון זיינע קריגער ? !

ער גייט דורך אין דמיון היסטאָרישע מלחמות, פון וועלכע ער האָט געלערנט און געלייענט, מלחמות פאַר פּאַשע, פאַר ווייבער, פאַר גאָט, פאַר לאַנד, פאַר אימפּעריעס, פאַר קרוינען, פאַר דינאַסטיעס, פאַר מערק, — און איצט פאַר וואָס? — פאַר אַ נייער וועלט־אָרדענונג ? ?

שוין הונדערטער יאָרן ווי מען זוכט אַ רפואה צו דער קראַנקער מענטשהייט. די לעצטע צענדליקער יאָרן איז דער דענקונגס־מוח פון דער וועלט געווען זיכער אַז ער האָט דעם ריכטיקן סערום : אַריינ־

צושפּריצן דער וועלט, און די מענטשהייט וועט אויסגעלייזט ווערן פון אַלע איבלען. דאָס איז דער אויסגע׳חלומ׳טער — סאָציאַליזם. וואָס איז געוואָרן פון דעם סאָציאַליזם נאָך דער לעצטער מלחמה, ווען רעוואָלוציעס, די פאָרלויפער פאַרן סאָציאַליזם, האָבן זיך געשפּרייט ווי אַ וואַלד־פייער איבער לענדער, און קעניגליכע דינאַסטיעס זיינען געפאַלן ווי גע׳פּגר׳טע פליגן? וואָס איז דער רעזולטאַט?! — טרויעריק! שרעקליך! . . .

דאָ אין דעם שטילן חדר — איז מר. גרין געזעסן און געפילאָזאָפירט, געזען פאַר זיך טונקעלע וויזיעס . . . דאָרטן אין פעקטאָרי זיינען אַריינגעקומען באַשטעלונגען גאַלאָר. אייק, דער מוזיניק זיינער האָט אים געזאָגט: — פּאָ, איך וועל איינשטעלן צוויי „שיפטס״ אין מיל. און אויב איך וועל קריגן גענוג העלפּ, וועלן מיר מאַכן דריי „שיפטס״ . . .

— ער׳ט אָנשטעלן, ער׳ט מאַכן. אַז דער אַפּאַראַט איז אויפגעשטעלט, און די מאַשין גייט — איז ער אַ בריה . . . מען דאַרף מיך אַליין אויך ניט. נאָר פון דעסטוועגן טוט ער אַ פרעג אייקן: — וואָס איז עס געוואָרן אַזוי ביזי? ווי עס זאָל הייסן אַז ער ווייסט ניט פון וואַנען די אָרדערס האָבן זיך גענומען . . .

— „ביג וואָר אָרדערס, פּאָ״.

דער וואָרט „וואָר אָרדערס״ האָבן זעליגן געפּלעפּט. וואָס איז דאָס פאַר אַ דור? עס קומט אים אויפן זכרון זיין טאַטע, וועלכער האָט זיך געגריבלט אין געטליכע, נביא׳ישע רייד, ער איז באַווירקט געוואָרן פון זייערע אויסגעשרייען צום מענטשן־קינד — פאַר יושר און רחמנות, און געוואָלט זען אַ וועלט פון כולו־זכאי?! האָב איך ניט אָפּגעגעבן מיינע אַלע יאָרן, זינט איך בין געקומען צום שכל — פאַרן דענקען און טראַכטן: פון אַ בעסערער וועלט?! — האָבן עפּעס אין זיבען מיינע קינדער? גייט זיי דען אָן וואָס די וועלט ראַנגלט זיך אין מערדערישע לאַפּעס, און מיר אידן ווערן צעריבן אויף שטויב ? !

— איך גיי ניט אין פאַבריק מער — שרייט ער אויס רעבעליש. און ער דערהערט אין אָפּהילך, זיין טאַטנס קול, גיט ער זיך בשעת־מעשה אַ צאַפּל, און קוקט אין חלל פון די ברייטע טירן, — אפשר קומט ער דאָ אָן.

ס׳זיינען אַוועק טעג און וואָכן, זעליג האָט זיך ניט געוויזן אין אָפיס. דער מענעדזשער, מר. דזשאַנסאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אייקן; וואָס איז דער רעזאָן וואָרום מען זעט ניט דעם אַלטן? (אָלד מען).

— „די אָלד מען״ פילט ניט מיט אַלעמען, ער איז עפּעס צערודערט . . .

איך האָף אַז ס׳איז גאָר ניט — האָט דער בלוי־אויגיקער דזשאַנסאָן געענטפערט.

אין דער ווילאַ, ווי אין פאַבריק, איז אַלעס געגאַנגען לויט דער אויס־געשטעלטער רוטינע. די דינערשאַפט האָט גערייניקט, געקאָכט, געוואַשן. די אויטאָמאָבילן געפאָלירט, די פאָר רייט־פערד געקעמט און געבאַרשטן. ער, מר. גרין אַליין, איז אַרומגעגאַנגען עקשנות'דיק פאַרשלאָסן מיט זיינע שווערע איבערלעבונגען, און האָט זיך געפרעגט — וואָס טו איך דאָ? איז עס ווירקליך אַ פּאַלאַץ — אָדער גאָר אַ טורמע ספּעציעל אויסגעבויעט פאַר אים, צו פייניקן אים „בנשיקה".

אין זיינע טעגלעכע שפּאַצירן אַרום זיין פּריוואַטער אָזערע, פלעגן אים באַהערשן שלעכטע מחשבות. ווי קען מען גאָטעניו לעבן, ווען מיין גאַנצע פאָלק ווערט אויסגעראָטן אָן אַ דין, אָן אַ משפּט, נאָר צוליב דעם — ווייל זיי קומען פון אידישן אָפּשטאַם?! און די וועלט, פון גרויסער ציוויליזאַציע, פון „מענטשליכן" פּראָגרעס, בלייבט קאַלט גלייכגילטיק, ווי גאָר־נישט וואָלט פּאַסירט . . .

„ס'איז אָבער ניטאָ קיין פרייער ווילן" — אָט בין איך דאָ וואו איך דאַרף ניט זיין. און טו ניט וואָס איך באַדאַרף טאָן. אָבער פון מלחמה פּראָ־פיטן בין איך ניט נהנה! — ס'איז די קינדער'ס וועלט, אַלעס איז אין זייער רשות... און ער דערזעט זיך אין זיין דמיון, ווי ער טיילט זיך אָפּ פון זיינע קינדער — ווי אַ פאַראָם וואָס רוקט זיך אַוועק פון אַ באַוואוינטן ברעג, אַלץ ווייטער, און ווייטער . . .

***

עס איז געווען אָנהויב דעצעמבער, די בערג האָבן בלאַנקירט מיט פריש־געפאַלענעם שניי. ווילאַס, און פערמעס, האָבן זיך גע"טובל'ט אין כשופ'דיקן עטער פון די טאָלן, און אַלעס אַרום אײַנגעוויגט — אין אַ געטליכן שווייגן. אין הויז האָט זיך שוין געפילט דער „יום־טוב" גייסט, צוליבן אָנקומען פון די געסט, פאַר „קריסטמעס" וואַקאַציע, און געמאַכט הכנות — פאַר אַ גראַנדיעזער הוליאַנקע . . . דער אַלטער מר. גרין, איז צוריקגעקומען פון זיין טעגליכן שפּאַציר, וואו ער פלעגט קאַרמענען די פרידלעכע הירשעלעך מיט היי ביי זיין „באַרן", אָנגעטאָן זיין „סמאָוקער", אַריין אין זיין חדר־מיוחד, אַ דריק געטאָן די ראַדיאָ קנעפּל, און אַ שטראָם פון עקסטראַ נייס האָט געגומען הילכן איבער אַלע „דייעלס" ! ! — „פּוירל האַרבאָר" אַטאַקירט! „פּוירל האַרבאָר" באַפאַלן פון יאַפּאַנעזער! פאַרלוסטן פון מענטשלעכע לעבנס גרויס ? . . .

זעליג איז געבליבן פאַרגליווערט, ער האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געטרויט. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין דער ראַדיאָ, זיך גע־וואָלט איבערצייגן — צו הערט ער, צו פאַרשטייט ער ענגליש? . . . עס

האָט אים אַ טראָג געטאָן אין „ברעקפעסט"־צימער, וואו חברה אין פּאַד־זשאַמעס האָבן געכאַפּט אַ בייס.

— מיר טוט לייד איך צו שטערן אייער פרישטיק, איך האָב נאָר וואָס געהערט שרעקליכע נייעס.

— „וואָט ניוס"?

— יאַפּאַן איז באַפאַלן פּורל הארבאָר, פאַרלוסטן זיינען גרויס.

— וואָס רעדסטו דעדי? — ס'איז אימפּאָסיבל.

אַ פּאָר האָבן זיך דערוויל איבערגעוואונקען; — „דער דעדי זעט זאַכן" . . .מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אַלע ראַדיאָ אַפּאַראַטן, די בייס האָט זיך ווידערהאָלט יעדע מינוט, אַלע זיינען געבליבן זיצן דערשיטערט און אָפּהענטיק.

— וועל, צו מיר גלייכן צו נישט, עס האָט פּאַסירט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר־איידעם, „איך בין אין דעם".

— איך בין אויך אין דעם, האָט אונטערגעכאַפּט מאַיראָן, דער על־טערער זון וועלכער איז געווען אַ „קאָמישאַנד־אָפיסער" פון רעזערוו.

— מיר'ן זיי צוקלאַפּן אין אַ זונטיק נאָך „דינער", די מאַלפּעס — האָט אַייק פאַרטשעמעט זיינע פויסטן.

דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אין אויפרעגונג און טומל. די צוויי פון לאַנדס־רעזערוו, האָבן געמאַכט פּלענער אויף מאָרגן אַפּצופאָרן, אייק איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרלאָרענער, וואָס געהערט ניט אָן צו קיינעם . . .

***

איצט ווען צוויי קינדער פון יידישן טאַטן האָבן שוין געטראָגן מי־ליטערישע אוניפאָרמס, און דער דריטער, האָט ער באַמערקט, רייסט זיך אויך צום פייער־טאַנץ, האָט זעליג איצט געביטן זיין געדאַנקנגאַנג.

— „מר. גרין, איצט איז ניט קיין צייט פון חלומות. ס'איז אַ צייט פון ברוטאַלער רעאַליטעט. מיט שיינע מחשבות ועסטו דער מיאוס'ער וועלט ניט העלפן. איצט איז אַ צייט פון אינטענסיווער פּראַקטישער אַרבעט, גיי צוריק אין פאַבריק, לייג צו אַ האַנט, ס'איז ניט קיין פראַגע איצט פון פּראָפיטן, — נאָר זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

מר. גרין די אַלד מען, האָט אָנגעזאָגט דעם שאָפער: מאָרגן פרי וויל ער זיין אין אָפּיס . . .

זעליג האָט דערזען פון ווייטן די פאַבריק. זי האָט אויסגעקוקט אַזוי פרעמד צו אים, ווי די גאַנצע געביידע וואָלט מיט אים ניט געהאַט קיין אָנגעהעריקייט, בלויז ווי ער וואָלט געהאַט אַמאָל דאָ דורכגעפאָרן... ער איז

אַריין אין אָפיס. אַלע האָבן אים ליבליך געגריסט. דזשאַנסאָן האָט זיך פריידיק אַרומגעכאַפּט: — איך בין זייער צופרידן איך דאָ צו זען.

מר. גרין האָט גענומען אַ שפּאַציר איבערן „פּלענט״, דערזען זיי־נע אַלט־בעקאַנטע מאַשינען מיט נייע מענטשן ביים רודער, ס׳איז אים צו־ריק געוואָרן אַלץ היימיש־נאָנט. ער איז אַריין אין זיין פריוואַטן אָפיס, וואו אַלעס איז געשטאַנען אין זעלביקן סדר ווי ער האָט עס לעצטן מאָל פאַר־לאָזן . . . ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין לעדערנעם פאָטעל, אַנגענומען די אָנשפּאַר־אָרעמס פון ווייכן לעדער, געקוקט אויפן גאַנצן אַרום, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַקלימאַטיזירן אין דער אַלט־נייער סביבה.

פלוצלונג האָט אַ פּראַל געטאָן די טיר, אייק איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרשמייערטער: פּאָ! דו ביסט דאָ! — אָ, איך בין אַזוי גליקליך דיך צו־זען צוריק אין אָפיס.

— פּאָ, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן, איך האָב געוואַרט אויף אַ טשאַנס, עס איז זייער וויכטיק.

דער טאַטע האָט מיט סקעפּטיציזם אָפּגעמאָסטן זיין צעבאַלעוועט בחור׳ל, וואָס ביי אים קען זיין וויכטיק; אַוודאי אַ יונג פערדל וואָס מאַכט זיך אַ גרויסע מציאה, אָדער אַנדערע פּוסטע זאַכן.

— פּאָ, איך האָב אין דערהיים מיט דיר דאָס ניט געקענט ריידן, איך וויל זיך אָנשליסן — אין דער אַרמיי, אין לופט־פלאָט.

— צו וואָס דאַרפסטו זיך אָנשליסן? ווען מען וועט דיר רופן, וועסטו גיין. קאַרג זיינען צוויי פון איין הויז?! — דאַרף דער דריטער אויך לויפן?!

— פּאָ, איך בין נישט קיין דריטער, ביי זיך בין איך דער ערשטער.

— אָבער צו וואָס דאָס געאייל? ביסט דאָך אַ געענדיקטער מעכאַניק־אינזשעניר, און מיר דאַרפן דיך האָבן דאָ אין לאַנד. ביי אונז גופא אין „פּלענט״, וועסטו ברייגנען מער נוצן דעם לאַנד זייענדיק דאָ — ווי פלי־ען אין די הימלען . . .

— פּאָ, איך וויל דו זאָלסט מיר פאַרשטיין, איך וועל זיך איצט פאַר דיר מודה־זיין — אַז די פעקטאָרי מיט אונזער רייכטום איז מיר ניט צום האַרצן. אויב דו האָסט מיר ביז היינט ניט געקאָנט, וויל איך אַז דו זאָלסט מיך דערקענען — איידער איך גיי אַוועק . . . — פּאָ, איך בין גאָר נישט געווען גליקלאַך מיט דעם וואָס איך בין געזעסן אויפן שפּיץ פון דער וועלט. ווי קאָן אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלן פאַרשטאַנד, מיט אָפענע אויגן — ניט זען דעם גרויל פון דער וועלט? פּאָ, ס׳איז מיר עקלהאַפטיק די בלוּ־טיקע פּראָספּעריטי, ווען איך דערמאָן מיך אין די יאָרן פון דיפּרעשאָן, ווען אַלעס איז געווען איבערגענוג, — און מענטשן האָבן געליטן הונגער... איז עס גלייך?!

— טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיר? — האָבן ביים טאַטן פיבער־

דיק געציטערט די ליפּן. און דאָס האַרץ — האָט גענאַגט, געוואָלט הערן און הערן. ער איז באַפליגלט געוואָרן מיט עמאָציעס, מיט ליבע, מיט גלויבן, אַז דער גייסטיקער משפּחה־פּאַדים איז ניט איבערגעריסן. דאָס רעדט דאָך ישראל דער מלמד — נאָר אויף אַן אַנדער לשון, דאָס רעדט דאָך ער, זעליג אַליין, ס׳איז דאָך אַטאַוויזם, מ׳קען דאָס ניט אויסשניידן, מען וועט ניט קענען אויסשניידן דאָס יידישע פאָלק אויך! . . .

— פאַ, דו פרעגסט וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר? בין איך ניט אַ טייל פון דער מענטשהייט? בין איך ניט איינער פון מיין געפּלאָגט פאָלק? איך וויל אויך גיין אויפן מזבח פאַר העכערע אידעאַלן, אפשר וועלן מיר מיט אונזער בלוט אָפּוואַשן דעם אומרעכט פון דער בעסטיאַלער וועלט . . .

דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען, אויף זיינע אויגן האָט זיך פאַרצויגן אַ טומאַן. ער האָט פאַר זיך געזען שאָטנס פון מאַרטירער, און מזבחות איינער אויפן אַנדערן אַנגעהויפט. ער האָט דערפילט דאָס גרויסע אחריות פון „עקדה־מאָמענט". ער איז צוריק דער אַלטער טאַטע אברהם . . .

— גיי, מיין זון, און זיי מצליח. גיי מיט מוט און גלויבן. דו גייסט ניט אַליין, דורות גייען מיט דיר, איך גיי מיט דיר. דיין זיידע, דיין עלטער־עלטער זיידע אַברהם, גייט מיט דיר, ס׳איז אונזער היסטאָרישער גורל, מיין קינד! — מיר האָבן אָנגעהויבן, און מיר — וועלן פאַרענדיקן . . .

טאַטע און זון, זיינען געפאָרן צוזאַמען צום רעקרוטירונג פונקט . . .

דער שאָפער דזשאָן, האָט לייכט געוויגט דאָס רעדל פון מאַסיוון „פעקאַרד" און דערביי אויסגעפייפט אַ פּאָפּולער לידל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — „מיר זיינען אין דער אַרמיי איצט" . . .

**
*

וויפיל יאָרן וואַנדערן שוין די גרינס אין דעם „אונטערשטן גן־עדן"? בסך־הכל קאַרגע זעקס יאָר. איבערגענומען דעם פּלאַץ פאַר „מאַרגעד־זשעס" אין ניינצן צוויי און דרייסיק. ס׳האָבן אָבער גענומען גאַנצע דריי יאָר ביז מען האָט באַשלאָסן אַרויסציען זיך פאַר „גוט" אין דער אימעניע".

דער פּאַלאַץ אַליין, געבויעט לויטן מורישן סטיל, איז געשטאַנען מיט פערצן צימערן — ווי אַ געהיימע פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט געמויערטע פאַרקאַנעס. און אַריינגעקומען זיינען זיי נאָר דרייען. מר. און מרס. גרין און אַייק. וויל די אַנדערע צוויי קינדער האָבן געפירט אייגענע באַלעבאַטישקייט. אין דעם רייכן געגנט פון שטאָט („אַפּ־טאַון"). אמת, אַז זומער איז געווען דאָרטן גאָר לעבעדיק. די קינדער האָבן געלעבט דעם גאַנצן זומער אין די בערג. ס׳זיינען געווען צוויי אייניקלאַך און געסט. דער טיש איז אַלעמאָל געגרייט געוואָרן פאַר צוואַנציק מענטשן. פלעגט קומען דער ווינטער, איז טאַקע געוואָרן אומעטיקלעך, איז מען געפאָרן

אין שטאָט צו די קינדער פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים אין פלאָרידא, און ווידער לעבעדיק.

דאָס מאָל ווען אײַיק איז אָפּגעפאָרן אין אַן אָפּיצערן שולע פון לופט־פלאָט, זיינען אין דעם שטילן פּאַלאַץ אָנגעפילט געוואָרן אַלע צימערן מיט אַ שווערער שטילקייט. אסתר, די וועלכע האָט אויפגענומען איר לעבן מיט אַ ליבן שמייכל און אינערלעכער פרייד, איז איצט גאָר נישט געווען צום דערקענען.

זעליג האָט געזען די ענדערונג אין אסתרן. איר שטימונג האָט זיך צוזאַמענגעגליט מיט זעליגס, און אין דעם לוקסעריעזן פּאַלאַץ איז געוואָרן זייער סומנע.

איינמאָל, קומענדיק פון שטאָט, האָט זעליג געוואָלט זיך צעשטרייען פון דער דריקנדיקער אַטמאָספערע, און ער האָט אָנגעזאָגט אסתרן: — דו ווייסט, טייערע, אין פעקטאָרי זיינען איינגעשטעלט געוואָרן דריי „שיפטס״. עס אַרבעטן ביי אונז זעקס הונדערט מענטשן.

— זעליג טייערער, ס'קריכט מיר ניט אין קאָפּ די פעקטאָרי. ס'גייט מיר גאָר ניט אָן. איך וויל מיינע קינדער! כ'דאַרף נישט קיין מילן, קיין פעקטאָריס. גיב מיר מיינע קינדער, מיט אַ שטיקל ברויט און וואַסער.

— באַרואיק זיך, מיין טייערסטע. איך האָב דאָך די קינדער נישט פאַרטריבן. איך וויל אויך דאָס אייגענע וואָס דו. מיליאָנען עלטערן ווילן דאָס זעלבע. לאָמיר אויפנעמען די סיטואַציע ווי זי איז. ניט ווי ס'האָט בעדאַרפט זיין. ס'איז אַ פייער, די וועלט ברענט. און מיר זיינען אויך אַ טייל פון דער וועלט — אַפילו דאָ אין פּאַקאָנאָס.

— וויל איך צוריק אַהיים. וויל איך זיין צווישן אייגענע, נאָענטע. דאָ וועל איך פון זינען ארונטערגיין.

— יאָ, טייערע איך האָב אויך געדענקט וועגן דעם. מיר איז אויך שווער צו לעבן דאָ. זאָלן מיר ביידע זיך ניט מאַכן שווערער דאָס לעבן. זאָלן מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויפמונטערן. די וועלט איז דאָך דורכ־געפרעסן מיט רשעות. זאָלן מיר כאָטש אין אונזערע ד' אמות — נישט פאַר'סמ'ט ווערן פון וועלט'ס משוגעת.

— אסתר, וויין ניט; טרערן וועלן גאָר נישט העלפן. זאָג בעסער — וואָס דענקסטו צו טאָן? און ווען ווילסטו זיך אַריינקלייבן צוריק אין שטאָט.

— „עני טיים״ (צו יעדער צייט).

— נו, וועל איך נאָך מאָרגן זען אַ דירה לעבן די קינדער. דאָ וועט אַלעס בלייבן ווי עס איז. סטיוו וועט אָנהאַלטן די זעלביקע באַלעבאַטיש־קייט ווי אַלעמאָל. ס'וועט קומען אַ סוף צום קריג. מיר וועלן דאָ צוריקקו־מען.

סזיינען אַוועק שיינע עטליכע וואָכן. צו קריגן אַ דירה אין שטאָט איז אַפילו פאַר מר. גרינען אויך געווען שווער. האָבן זיי באַשלאָסן זיך צייטווייליק אַריינציען אין אַ האָטעל. און צום פרילינג ווען אַלע יאָרן פלעגט מען זיך נעמען גרייטן אין קאָונטרי — פאַר קאָמפּאַניע, געסט, פריילעכקייט, האָט מען דעם יאָר פאַרלאָזן דעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ, אין די וואונדערשיינע פאַר'חלומ'טע בערג.

אין שטאָט איז די שטימונג נישט געוואָרן אַנדערש. דער גאַנצער אינהאַלט פון טאָג־טעגלעכקייט, איז געווען דאָס וואַרטן. דריי פערטל טאָג האָט מען געוואַרט אויף בריוו פון די קינדער, דאָס איבעריקע האָט מען געוואַרט אויף נייס. איז געקומען אַ בריוו פון עמיצן פון די קינדער, האָט מען פרייער אָפּגעאָטעמט. האָט זיך פאַרשפּעטיקט אַ טאָג און דער גוטמוטיקער בריוועטרעגער האָט קיין בריוו נישט געבראַכט, איז אסתר שוואַרץ געוואָרן ווי קויל.

זעליג פלעגט אין די בריוולאָזע טעג אויסמאַרשירן זיין פאַבריק הין און צוריק. ער פלעגט זיך דרייען צווישן די מאַשינען, וואַרשטאַטן, קומען אין אָפיס, זיך אַוועקזעצן פאַרקלערט, פאַר'חלומ'ט. אים האָט געגאָגט אַ בענקעניש, אים האָט געצויגן אין שול. ס'וואָלט אים, דוכט זיך, לייכטער געוואָרן, ווען ער מישט אוי פאַ ספר, און פאַרטיפט זיך מיטן ניגון מיט וועלכן זיין טאַטע האָט זיך אויסגע'טענה'ט מיט די אמוראים און תנאים, און זיך לייכטער געמאַכט דאָס געמיט. און ער האָט טאַקע אַ סך מאָל פאַרבלאָנדזשעט אַליין אין שול. ס'איז אָבער געווען נישט דאָס צו וועלכן זיין האַרץ האָט געצויגן. די שול איז געווען ליידיק. בלויז פיר ווענט, און לאַנגע קלויסטערשע פענצטער, וואָס האָבן געגליווערט מיט קומער.

שווערער זיינען געוואָרן די טעג און לענגער די נעכט, ווען מאַיראָן און אַייק זיינען אַוועק איבערן־וואַסער. אסתר און זעליג זיינען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. זיי זיינען ביידע מיט איינמאָל אַלט געוואָרן. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די בריוו זיינען מערסטע געווען רעגלמעסיקע און מונטערע. אין אַייקס בריוו האָט מען יאָ אַמאָל באַמערקט אַ צערודערטקייט, אַ ביטערניש. אָבער אַרויסלייענען וואָס אַזוינס דריקט אים — האָט מען נישט געקענט. מען האָט עס צוגערעכנט צו זיין יונגשאַפט, זיין אָפּגעריסן פון דערהיים. דערווייל האָט מען געוואַרט און געבעטן גאָט, אַז דער טייוולשפּיל זאָל זיך ענדיקן. און מען זאָל נאָך זען די קינדער לעבעדיקע צוריק.

טעג האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן, וואָכן ווי אייביקייטן. דער בלאָנדער מר. גרין איז ווייס געוואָרן. אַייק איז שוין דערהויבן געוואָרן צום ראַנג מאַיאָר אינעם לופט־פלאָט, און ער האָט געשריבן, אַז ער דאַרף נאָך דורכמאַכן פינף „מישיאָנס" איבערן שונא'ס לאַגער.

זייער שווער און אימה׳דיק האָט מען געציילט די „ספירה־טעג״ ביי די גרינס. ענדליך האָט גאָט געהאָלפן און אייק איז געקומען בשלום פון זיין פינף און צוואַנציקסטער „מיסיע״ און ער איז געקומען אין די שטאַטן פאַר זיין פאַרדינטן „ליוו״ (אורלויב).

די פרייד ביי די עלטערן איז געווען אַ געמישטע מיט שרעק. ערשטנס, איז ער בלויז געקומען פאַר אַ קורצער צייט, און צווייטנס, מאַי־ראָן. טאַקע ער איז געשטאַנען אין ענגלאַנד, ערגעץ אין היגטערלאַנד, און איז געווען אַן אינסטרוקטאָר; און מען האָט דערוואַרט אַז ער וועט דאָרט בלייבן: אויב אַפילו מען זאָל אינוואַדירן אייראָפּע. דערפאַר האָבן די גרינס נישט געמאַכט קיין „פּאַרטי״ (באַל) ווי ס׳איז געווען אָנגענומען ביי אַלע עלטערן פון די „ליוו״ געקומענע.

אייק אַליין איז אויך נישט געווען צו פריילעך. זיין שיין יונג פּנים האָט אויסגעדריקט ענטוישונג. מען האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין פּסי־כאָלאָג צו לייענען זיינע אינערליכע איבערלעבונגען.

— וואָס דריקט דיר אַזוי, מיין זון, — האָט זיך זעליג אָפּגערופן צו זיין אייק׳ן. דערציילן מיר, אפשר דאַרף איך וויסן. איך בין גרייט זיך צו טיילן מיט דיר, וואָס ס׳זאָל ניט זיין.

— פּאַ, ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז נאַטירליך אַזאַ רעאַקציע, ווען מען קומט פון מלחמה פראָנט — אין אַזאַ רואיק און שפע׳דיק לאַנד. ס׳איז נאָך אַ וואונדער וואָס אַ מענטש מיט געפילן האַלט זיך נאָך ווי איך. די מענטשן דאָ זיינען אַזוי ענגהערציק, אַזוי עגאָאיסטיש. זיי האָבן נישט קיין באַגריף וועגן די ליידן פון זייערע מיטמענטשן וועלכע טרינקען זיך אין אַ ים פון בלוט און פייער. איך אַלס איד לעב איבער די טראַגעדיע מיליאָ־נען מאָל מער ווי די אַנדערע גרופּן וועלכע פּרעטענדירן אַז זיי געהערן צו דער רעליגיע פון ברודער־ליבע. ניט נאָר האָט מען פיינט דעם דרויסנ־דיקן, נאָר מען האַסט און שימפט זייערע אייגענע גלויבנס־גענאָסן.

איך וועל דיר זאָגן עפּעס טאַטע טייערער: וואָס ס׳וועט דיר נישט זיין איינגענעם צו הערן.

זייענדיק אין דער אַרמיי, צווישן קאָלעדזש־סטודענטן, וואָלט איך אַ סך מאָל נישט באַדאַרפט ליידן און שווייגן: — ווען מיין נאָמען וואָלט געווען גרינבערג — נישט גרין.

באַ די ווערטער איז זעליג בלאַס געוואָרן.

— ווען זיי ווייסן אַז איך בין גרינבערג, וואָלט מען זיך ניט דער־לויבט אין מיין אָנוועזנהייט ריידן אַזוי וועגן אידן. נישט אַלעמאָל האָב איך געשוויגן. איך האָב אָבער אַ סך מאָל געמוזט ביטער שווייגן — שווייגן ביז ווייטאָק. ס׳איז געווען גענוג, אַז איינער האָט באַדאַרפט מאַכן אַ „מי־

שאָן״, איבערן שונא׳ס לאַנד, ער זאָל נאָר אַ זאָג טאָן: — גרין, וואָס צום טייוול דאַרפן מיר גיין לייגן דעם קאָפּ פאַר רוזוועלטן דעם שיני.

שטעל זיך פאָר פאַטער טייערער, ווי איינער פילט פליענדיק מיט אַזאַ איינעם אין איין קאַבינע — איבערן שונא, וואו דער גיהנום ברענט. דער וויסנשאַפט־טעכנאָלאָגישער גיהנם, וואָס דער מענטשלעכער מח האָט דער־פונדן.

— איך קען דיר זייער מיטפילן, זון טייערער, פון דיינע רייד האָב איך איצט זיכער פיל געלערנט.

— פאַ, איך זאָג איצט, אַז אויסער מיין נאָמען גרינבערג, האָב איך אויך באַדאַרפט הייסן — נישט איק, נישט איזידאָר, נאָר — איזראַעל, איז־ראַעל גרינבערג — און האָב אויך באַדאַרפט וויסן אַ סך מער וועגן מיין פאָלק און מיין אָפּשטאַם. דאַן גלויב איך וואָלט מיר געווען פיל גרינגער, אַלעס צו פאַרטראָגן.

— לאָז מיר, קינד מיינס, דיר אַ קוש טאָן אין דייך ליכטיקן שטערן. אָבער איך בין זיך מודה פאַר דיר, אַז איך בין נישט שולדיק אין דעם. איך האָב געדענקט און געהאָפּט אַנדערש. די אומשטענדן פון דעם היגן אימיגראַנטן לעבן האָבן אונז פאַרבלענדעט די אויגן און פאַרפירט אויף לײדיקע וועגן. ס׳איז נישט געווען קיין פרייער אויסוואַל.

**
*

די זעכציק טעג אורלויב זיינען אַריבערגעלאָפן כהרף־עין. אין קאָונ־טרי צום פאַלאַץ איז מען בלויז צוויי מאָל אַרויסגעפאָרן. איקן האָט נישט געצויגן אין דעם פּראַכטפולן רו־פּלאַץ. ער איז געווען מרה־שחורה׳דיק, ס׳איז אים דער פריילעכער לעבן דאָ נישט געווען צום האַרצן. מיט דער שטימונג האָט ער נאָכמער טרויעריק געמאַכט די עלטערן.

דאָס מאָל איז מאַיאָר גרין אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער וויַיטער סאוט צו אַ לופט־פעלד. צי וועט ער ווידער גיין ערגעץ איבערן־ים צו אַ מלחמה פראָנט, אָדער ער וועט שוין בלייבן אין לאַנד אַלס אַן אינסטרוקטאָר — דאָס האָט מען נישט געוואוסט. אין דער זעלביקער צייט איז געעפנט גע־וואָרן דער „צווייטער״ פראָנט אין נאָרמאַנדי, פראַנקרייך. גרין האָט וואָ־לונטירט ווידער צו גיין אין אַקטיווער דינסט. דאַן האָט טאַטע־מאַמע אינ־גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן.

טעג שטורמדיקע, סענסאַציאָנעלע, האָבן איבערגעדרייט די מלחמה־פראָנטן, און געצייכנט נייע ליניעס פאַר אַ באַפרייטער וועלט. דעם שונא׳ס פעסטונג האָט זיך געבראָקלט און פאַנאַנדערגעפאַלן. די לעבעדיקע האָבן דערלעבט „עי דעי״. צווישן זיי אויך איק.

אין דעם לעצטן בריוו שוין נאָכן וואַפנשטילשטאַנד, האָט ער געשריבן:

ליבע עלטערן:

איך לעב, און בין גאַנץ. דער פיינט איז באַזיגט. מיר האָבן נאָר אַ האַלבע אַרבעט אָפּגעטאָן. מיר דאַרפן זיך נאָך צורעכענען מיטן אַזיאַטישן ממזר. דערוואַרט מיר נישט צו גיך אין דערהיים. ווייל איך גלויב, אַז איך האָב דאָ זייער אַ וויכטיקע מיסיע דורכצופירן. דאָ האָף איך צו קריגן פּאַרגיטיקונג פאַרן דורכמאַכן די שרעקליכע צייט......"

— וואָס מיינט ער מיט די פּינטעלאַך? — האָבן טאַטע־מאַמע נאָכגעטראַכט.

זעליג האָט געדענקט, אַז ער האָט אַ גוטע אַנונג, וואָס איק טוט, נאָר אַרויסרעדן דאָס פון מויל האָט ער אַפילו פאַר אסתרן ניט געוואָלט.

— אסתר לעבן, זאָלן מיר זיין פריילאַך. מיר ווייסן, אַז אונזער זון טוט גוטע זאַכן.

— איך בין זיכער — האָט די מאַמע געענטפערט.

מאַיראָן ווידער האָט געשריבן צום ווייב און צו די עלטערן, אַז ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. ער וועט קומען שנעל אַהיים. און געקומען איז ער גאָר גיך. ער האָט איבערגעגעבן אַ וויכטיקן גרוס פון אַיקן.

„איק טוט וואונדערבאַרע אַרבעט, הלוואי וואָלט איך געווען אין זיין לאַגע, און געקענט טאָן וואָס ער טוט. דערווייל איז עס אַ סוד וואָס איך טאָר אייך נישט איבערגעבן. און אויב איר וועט זיך דערוויסן — זאָלט איר אויך שווייגן.

שווייגנדיק האָט מען זיך דערוואוסט אַז איק פירט דורך זייער געוואגטע אַרבעטן פאַר די געראַטעוועטע פון די טויטן־לאַגערן. און אין זיינע לעצט־דערהאַלטענע בריוו, שרייבט ער אונטער זיין נאָמען מיט אידישע אותיות — י ש ר א ל . דאָס האָט מרמז געווען זייער פיל.

די לעבעדיקע האָבן זיך דערוואַרט אויף „ווי דעי". מען האָט געטרומייטערט, געשאָסן, געפּאַראַדירט, — וויקטאָרי! אַלץ האָט זיך גענומען נאָרמאַליזירן. איק איז אויך געקומען אַהיים. נישט דאָס צעבאַלעוועטע זונדל פון אַ מיליאָנער, נאָר אַ זון פון זיין ליידנדיקן פאָלק, אַ אונדערמידלעכער טוער פאַר דער רעאַליזירונג פון מדינת ישראל. און ווען נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון זעלבסטשטענדיקייט פון ישראל. און מלחמה איז גלייך געקומען, איז ישראל בר' זעליג נעלם געוואָרן.

אינהאַלט פאַרצייכענונג :

	זייט
טויבן	7
אַ פאַרשטערטער יום־טוב	15
וואַסער צו תשליך	20
צו שפּעט	25
אידיש בלוט	43
מצות פאַר יורדים	46
דער דאַך זשאַווערט	50
אלול	56
חברים	59
לוקאַש	66
חיים סאַטניק	76
אַ תירוץ אויף אַלע קשיות	87
אַ שטילע תפילה	95
די טריט פון משיח	97
גיב אָדער נעם	110
גיכע הילף	116
דער פאַרקערטער	124
אַ מלאך אין גיהנום	136
פייער און בלוט	141
דריי ניגונים	189
אין פייער	196
וואָרצלען	202
אבא ־ אלען	207
אַ גרויסע מצוה	215
אונטער אַ פאַרצויגענעם פאַרהאַנג	218
זיין לעצטע אויסשטעלונג	222
שטאַרקער פון טויט	225
אין דער שטילער נאַכט	227
דער לעצטער	230
פאַרשפּעטיקט	234
שמע ישראל	239
פאַרבלאַנדזשעט	244
מיסעס גרינהיל	249
אַ גאַנצער מענטש	253
אויפן וועג צוריק	256
יאָסל דערקלערט	260
פאַרלאָרן	265
צוריקקער	270

א. וואַרשאַ

יאָרן פון פייער און בלוט

אַרויסגעגעבן פון:
דוד פינסקי צווייג אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד — מיט דער מיט-הילף פון אַנטיפּאָליער לאַנדסלייט און פּערזענלעכע פריינט.